STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07123

OYF DI VEGN FUN KAMF

Louis Hyman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לואיס הײמאַן

אויף די וועגן פון קאַמף

אויף די וועגן פון קאַמף

— פון —

לואיס הײמאַן

מיט אַן איבערבליק איבער צוויי יאָר קאַמף
אין דער קלאוק און דרעסמאַכער יוניאָן

— פון —

פּ. נ א ָ ו ו י ק

פאַרלאַג „פּראָלעטאַרישע משפחה"

ניו יאָרק, 1929

הויפט־פאַרקויף:
PROLETARISCHE MISHPOCHE
16 West 21st Street, New York.

234

אינהאַלט

פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — — — — 11

פאָרוואָרט (איבערבליק) פון פ. נאָוויק

קאַמפּן אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. — די פרויען קליידער־אינדוסטריע. — קאָנצענטראַציע אונטער אַ פאַרשטעלטער פאָרם. — די געוועזענע אינטערנעשאָנאַל, איר מיטגלידערשאַפט, אירע לאָקאַלן, איר אָרגאַניזאַציע־פאָרם. שלעזינגער און זיגמאַן.—די אַכצן פונקטן, „סטרייק־רעפערענדום“, גאָווערנאָר׳ס קאָמישאָן.—„דזשאָינט עקשאָן“ קאַמף, דער סטרייק פון 1926.— דער אַגרימענט. — די אַטאַקע פון די רעכטע. — קופּער יוניאָן און מעדיסאָן סקווער גאַרדן. — „פרייהייט“ און „פאָרווערטס“. — רעגיסטראַציע. — פאַלשע אַגרימענטס. — דער אינשורענס פאָנד. — די באָסטאָנער „קאָנווענשאָן“. — בראָנקס סטאַדיום מיטינג. — אַ קאַמף אויף דער גאַנצער ליניע. — די אַמעריקן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. — די אַטאַקע אויף די פאָריערס יוניאָן. — די פאָריער סטרייקס פון 1926 און 1927. — די קאָנווענשאָנס. — אַ נייע יוניאָן. — העראָאישע מאָמענטן — — 13

ערשטער אָפּטייל

צו אַ נייער יוניאָן

וואָס איז דער מער מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג?

אַ צעפּוילטע געביידע. — קאָרופּציע, כאַבאַר, יוריסדיקציע. — פירער וואָס ווערן ניט דערוויילט. — הויכע געהאַלטן, ברינדעליזם. — וואו ליגט די רעטונג? — — — — — — — — — — — 51

דער שטענדיקער קאַמף צווישן די מיטגלידער און דער באַאַמטן מאַשין אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן

דער פּראָטאָקאָל פון 1910. — דער קאַמף אַרום א. ביזנאָ און דר. י. א. הורוויטש. — פון הורוויטש־קאַמף ביז׳ן דזשאָינט עקשאָן קאַמף — — — — — — — — — — — — — — 61

פאַרוואָס האָט מען אָנגעהויבן די מלחמה?
דער געשריי: „קאָמוניסטן“. — פאַרוואָס האָט מען ניט גע־
וואַרט ביז נאָכן סטרייק? — זיגמאַן׳ס פּלענער. — 40 שעה
מינימום סקעיל און רעאָרגאַניזאַציע. — סטרייק־רעפערענדום 70

וואָס ווילן די פירער פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר פון אונזערע יוניאָנס?
קומען זיי באַפרייען אָדער פאַרשקלאַפן? — וואו זיינען זיי
געווען אַמאָל? — וואָס שיינקען זיי די אידישע אַרבעטער
אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט? — — — — — — — — — — 82

דער היפּאָקריזם פון „פאָרווערטס“
וואָס קען מען באַווייזן אין אַ קאַפּיטאַליסטישן געריכט? —
די גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע פון „פאָרווערטס“. — די גראָס־
געשיכטע — — — — — — — — — — — — — — — 87

וואָס הייסט זיין אומפּאַרטייאיש?
וואָס דאַרפן אומפּאַרטייאישע טאָן ווען זיי דערוויסן זיך דעם
אמת? — צוליב וואָס קעמפן די רעכטע? — פאַרוואָס די אַר־
בעטער טאָרן זיך ניט אונטערגעבן — — — — — — — — — 92

קאָמוניסטן טאָרן ניט, סאָציאַליסטן מעגן
די קאָנווענשאָן פון „פאָרווערטס“־פאַרבאַנד. — קליקע־מענטשן
צווישן זיך. — מען טוט דאָס אייגענע און וואָס מען באַ־
שולדיקט די לינקע — — — — — — — — — — — — 98

אַ יאָר פּאָגראָם
וואָס פון דער יוניאָן איז געוואָרן. — זיגמאַן דערציילט ווי
אַזוי ער האָט געוואונען דעם קאַמף. — די לאַגע פון די
אַרבעטער — — — — — — — — — — — — — — — 103

שווינדלער מאַכן אַ „רעפערענדום“
פופצן יאָר געקעמפט. — מען ברעכט דעם אָפּמאַך מיט די מיט־
גלידער. — די פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן. — מען קען דער
קליקע ניט געטרויען — — — — — — — — — — — — 107

שווינדלער מאַכן אַ „קאָנווענשאָן“
די געלע קאָנטראַקטן. — פּאַפּירענע לאָקאַלן. — שווינדלערשע
וואַלן. — מיט כוח פון די באַלעבאַטים — — — — — — — — 112

דער „פאָרווערטס“ אַלס דיקטאַטאָר איבער די יוניאָנס
אב. קאַהאַן האָט זיך פאַררעדט. — חוצפּה פון „סאָציאַליסטן“.
— די מעטאָדן פון „פאָרווערטס“ — — — — — — — — — 115

מכח שלום . . .
א בריוועלע צו גענאָסע שלעזינגער. — וואָס ווילן דען די קלאָוק און דרעסמאַכער? — שלום מיט וועמען? — — — — — — — — — 119
נייע פויגל — אַלטע לידער
ווידער די קאָמוניסטן. — וואָס פון די 40 שעה איז געוואָרן. — 65 סענט אַ דרעס — — — — — — — — — — — — — — — — 122
לאָמיר טאַקע מאַכן אַ חשבון
איז דעם קלאָוקמאַכער אין 1922 געווען בעסער ווי אין 1928? — שלעזינגער׳ס „סטאַפּעדזש“ אין 1922. — דער שרעקלאַכער ווינטער פון 1922־1923. — וואָס האָט הילקוויט געזאָגט? — 126
די פּראָפיטן פון די פרויען־קליידער אינדוסטריע
וויפיל פאַרדינט דער פאַבריקאַנט און וויפיל פאַרדינט דער אַרבעטער? — — — — — — — — — — — — — — — — — 136
גענגסטעריזם אין די יוניאָנס
ציליב וואָס באַשעפטיקט מען גענגסטערס? — די מכה פון גענגסטעריזם. — באַנוצן זיך די לינקע מיט גענגסטערס? — פאַקטן וועגן גענגסטעריזם פון די רעכטע. — די רעכטע האָבן מורא פאַר אויספאָרשונגען — — — — — — — — — — — — 143
אַ סך הכל פון צוויי יאָר קאַמף
די גענעראַל־אַטאַקע. — שענדלאַכע מעשים. — די אַטאַקע פאַלט דורך. — זיגמאַן אַראָפּ פון דער סצענע. — שלעזינגער׳ס מעטאָדן. — ווער בויט אָפּאָזיציע־יוניאָנס? — אַ נייע יוניאָן דער איינציקער וועג — — — — — — — — — — — — — — 152

צווייטער אָפּטייל
אַרבעטער אין אַמעריקע

ווער מאַכט אַ לעבן אין אַמעריקע?
וויפיל דאַרף מען אויף צו מאַכן אַ לעבן? — וואו קומען אַהין די טויזנטער מיליאָנען? — וויפיל פאַרדינט אַן אַר־בעטער? — אַ פּראָספּעריטי וואָס פירט צו מלחמות — — — 163
דאָס לעבן און דער טויט פון אַ קאַפּיטאַליסט
קאַפּיטאַליסטישע ענגהאַרציקייט. — געריס צוואה. — סאַקאָ און וואַנזעטי. — קאַפּיטאַל איז האַרצלאָז. — דער אמת׳ער „לייבאָר דעי“ — — — — — — — — — — — — — — 168

דער „נייער יוניאָניזם“
וואָס באַדייט ער פאַר די אַרבעטער? — גרין גיסט אויס זיין ביטער הארץ. — סיילסליוט אָנשטאָט אָרגאַנייזערס. — הילמאַן און נעש — — — — — — — — — — — — — — — — 174

די פירערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. — דער אומגליק פון אַרבעטער
די פּאָליסי פון דער אַמעריקן פעדערייטשאָן אָוו לייבאָר. — וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן די אַרבעטער פון שטאָל־טראָסט און פליוש־טראָסט. — די טרויעריקע דערפאַרונג פון די ניו יאָרקער סאָבוויי אַרבעטער. — יוניאָנס פון שוחטים און מוהלים — — — 179

די א. פ. אָוו ל. אין דינסט פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען
די ירושה פון גאָמפּערס׳ן. — „לייבאָר פּלענקס“. — משרתים ביי די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע פּאָליטישנס. — די אַרבעטער זיינען הפקר, די באַאַמטע ווערן באַלוינט — — — 186

פון גאָמפּערס׳עס ברכה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ קללה
דער אומגליק: אינדזשאָנקשאָנס. — דער קלעיטאָן אַקט. — ווי אַזוי די אינדזשאָנקשאָנס אַרבעטן. — פּאָליטיק און „דזשאָוקערס“ — — — — — — — — — — — — — — — 192

די שוואַרצע וואָראָנע — מעטיו וואָל
ער קראַקעט קעגן די אַרבעטער. — פאַרוואָס אַזעלכע פירער ווערן אויסגעקליבן. — דער „שותפות“ צווישן די אַרבעטער און ראַקפעלער׳ן — די לייבאָר־פּרינצן זיינען מילשטיינער אויף די העלזער פון די אַרבעטער — — — — — — — — — — — 199

דער חורבן פון דער מיינערס יוניאָן
קאָרופּציע און שווינדל. — וואָס פאַרדינט אַ מיינער? — אַ מוסטער פון יוניאָן־„וואַלן“. — די לואיס׳עס און גרינס קומען נאָך ראַטעווען די אידישע אַרבעטער — — — — — — — — — 206

וואָס האָבן די שניידערס פון הילמאַן׳ס באַנק־יוניאָניזם?
וואָס באַדייט „עפישיענסי“ פאַר די אַרבעטער? — ניט אומזיסט געפעלט הילמאַן די באַלעבאַטים. — וואָס פאַרדינט אַ שניידער־אַרבעטער און וואָס פאַרדינט אַ שניידער פאַבריקאַנט? — דער רעזולטאַט פון הילמאַניזם: ספּיד־אַפּ, אַרבעטלאָזיקייט, אומגליק און נויט — — — — — — — — — — — — — — — 212

פאַר וועמען דאַרפן זיך יוניאָן פירער זאָרגן?
פאַר דער אינדוסטריע אָדער פאַר די אַרבעטער? — די „אַמאַל־
גאַמיוטעד“ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמפּאַני־יוניאָן.
— עטלאַכע מוסטערן פון „פאָרווערטסיזם“. — וואָס די אַמאַל־
גאַמיוטעד־פירער וואָלטן אַמאָל געזאָגט פון זייער איצטיקער
פּאָליטיק — — — — — — — — — — — — — — 220

די שולד פון „פאָרווערטס“ אין דעם אומגליק פון די שניידער
זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר שטיק־אַרבעט. — ליגנערשע באַריכטן. —
הילמאַן׳ס געהיימער אַגרימענט. — דער משיח בעקערמאַן האָט
געמוזט גיין. — הילמאַניזם וועט אויך מוזן גיין — — — — — 228

די רעכטע געפעלט ניט דער פּראָלעטאַריאַט
„סאָציאַליסטישער“ ציניזם. — אַ באַרעכטיקונג צו האָבן אַלץ
אין דער אדמה. — ווי אַזוי זאָל דער אַרבעטער ווערן קליגער?
— די אַרבעטער־קינדער קריגן אַ קאַפּיטאַליסטישע דערציאונג.
— די גייסטיקע שפּייז פון „פאָרווערטס“ — — — — — — — 232

די פּרעסע און די אַרבעטער
וואָס איז אַ ציימונג? — ווי אַזוי נייעס ווערט פאַבריצירט. —
די מייסטע שרייבער זיינען „הענט“. — אַ ציימונג איז אַ קאַ־
פּיטאַליסטיש געשעפט. — די אַרבעטער מוזן האָבן זייער איי־
גענע פּרעסע — — — — — — — — — — — — — 238

מעטיו וואָל און די סאָציאַליסטן
זיינע פילפאַכע טעטיקייטן. — זיין אַרבעט אַלס פּרעזידענט
פון דער סיוויק פעדערייששאָן. — פּראָפעסאָר דיוואי און ברוק־
וואוד קאַלעדזש. — גאָמפּערס אין רויטן. — „סאָציאַליסטישער“
היפּאָקריזם. — איין חברה פאַררעטער — — — — — — — — 245

בורזשואזע קולטור און פּראָלעטאַרישע קולטור
קולידזש וועגן מוזיק. — קונסט, ליטעראַטור, און וואָל סטריט.
— „ריינע“ קונסט און „פּראָפּאַגאַנדע“. — די שולן און די
אוניווערזיטעטן, די פּרעסע, די טעאַטערס, מואוויס און ראַדיאָס.
— מאַרק טוויין האָט פאַרקויפט זיין פעדער. — אָ׳העגרי׳ס מעשה
„דזשיימס וואַלענשטיין“. — דר. א. זשיטלאָווסקי׳ס מיינונג
וועגן דעם היינטיקן אַרבעטער — — — — — — — — — — 254

קען קומען צו אַ מלחמה צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד?
מעקדאָנאַלד האָט זיך „אַרומגעזען“. — די אַמאָליקע טענות פון
די ענגלישע סאָציאַליסטן בלאַטשפאָרד און היינדמאַן. — אַמאָל
איז אויך געווען פרידנס־פּראָפּאַגאַנדע. — די איינציקע מלחמה
וואָס וועט אָפּשטעלן מלחמות — — — — — — — — — — — 269

ענגלישע ווערטער און אַמעריקאַניזמען — — — — — — — — 279

פון די ארויסגעבער

גרויס און וויכטיק זיינען געווען די געשעענישן אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג די לעצטע עטלאכע יאר. צענדליקער טויזנטער ארבעטער זיינען פארוויקלט געווארן אין די קאמפן אין די נאדל יוניאנס, קאמפן וואס זיינען אויף די ארבעטער ארויפגעצוואונגען געווארן, און וואס האבן דערפירט צו דער פארניכטונג פון די פאזיציעס, וואס זיי האבן זיך דערשלאגן אין משך פון צענדליקער יארן.

די אידישע ארבעטער, ווי די ארבעטער אין אמעריקע בכלל, טרעטן אריין אין א נייער עפאכע. די עקזיסטירנדיקע יוניאנס, געפירט פון די רעכטע, האבן זיך פארוואנדלט אין קאמפאני־יוניאנס, געשטיצט און אויפגעהאלטן פון די באלעבאטים. נייע יוניאנס ווערן געבויט דורך די ארבעטער גופא, אויף נייע יסודות. עס שטייען פאר נייע קאמפן פאר דערשלאגן זיך צוריק די פארלארענע פאזיציעס, די פארלארענע לעבנס־באדינגונגען. דער קאמף מיט דער אלטער, שווארץ־רעאקציאנערע, צעפוילטער פירערשאפט פון דער אמעריקען פעדערייש און לייבאר ברייט זיך אוים — א קאמף, וואס טראגט מיט זיך די זאמען פון אן אנטשיידענעם איבערברוך אין דער געשיכטע פון דער ארבעטער באוועגונג אין אמעריקע.

האבן אזעלכע געשעענישן געקענט בלייבן ניט פארצייכנט?

האבן אזעלכע מאמענטן פון איבערברוך און איבערבוי געקענט בלייבן ניט דערקלערט?

ניין, אזעלכע געשעענישן און מאמענטן מוזן פארצייכנט און דערקלערט ווערן, און צוליב די צוועקן האט דער פארלאג „פראלעטארישע משפחה“ באשלאסן ארויסצוגעבן דעם בוך פון חבר לואיס היימאן.

אין דעם בוך גייען אריין ארטיקלען וואס זיינען אין ערגיץ ניט דערשינען, און ארטיקלען וואס זיינען דערשינען אין „פרייהייט“, „טאג“ און „איינינקייט“, אין די טעג פון קאמף, אין די טעג ווען בלוט האט זיך בוכשטעבלאך געגאסן, אין די טעג ווען דער גורל פון צענדליקער טויזנטער ארבעטער פאמיליעס איז געווען אויף

דער וואַגשאַל. לואיס הײמאַן, װעלכער איז געװען, און איז, אײנער פון די הויפּט־פירער פון דעם קאַמף, האָט געשריבן די אַרטיקלען ניט װי אַ זײטיקער באַאָבאַכטער, נאָר װי אַ פּאַראינטערעסירטער, װי אײנער פון דער גרויסער מאַסע אַרבעטער. דורך אים האָבן גערעדט די צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און אין די אַרטיקלען האָט זיך אויסגעדרוקט זײער װײטיק, זײער צאָרן, זײער אַנטשלאָסנקײט.

פון דער אַנדערער זײט, גיבן אונז די אַרטיקלען פון דעם בוך, — צװישן װעלכע עס פאַרנעמען אַ באַזונדערן אָרט די ספּעציעל־געשריבענע, אין ערגיץ ניט געדרוקטע אַרטיקלען, — דעם הינטער־גרונט פון דעם קאַמף, און — די פּערספּעקטיװן. דער פאַר־ראַט און די צעפּוילטקײט פון דער אַלטער פירערשאַפט װערט דאָ פאַרצײכנט ניט בלויז דורך אַלגעמײנע אָפּשאַצונגען, נאָר דורך בײ־שפּילן פון טאָג־טעגלאַכן אַרבעטער־קאַמף, אין אײן יוניאָן און אין דער אַנדערער.

װאָס זײנען די סיבות פון דער לאַגע? װאָס דאַרף געטאָן װערן?

לואיס הײמאַן פאַרענטפערט אָט די װיכטיקע פראַגן, װאָס יעדער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער מוז זיך שטעלן, — פאַרענטפערט זײ אויף זײן גוט־באַקאַנטן פּשוט'ן, פּראָלעטאַרישן, פּאַלקסטימלאַכן אופן. ניט אין די קאַבינעטן איז לואיס הײמאַן געקומען צו די ענטפערס אויף די פראַגן, נאָר אין שאַפּ און אין יוניאָן־אָפּיס, אויף דער פּיקעט־ליין און אויף דער רעדנער־טריבונע, שטענדיק לעבנדיק צװישן די אַרבעטער און מיט די אַרבעטער, װי אײנער פון זײ.

אָט די אַלע עלעמענטן גיבן צו דעם בוך באַזונדערע װיכטיקײט. דער פאַרלאַג „פּראָלעטאַרישע משפּחה", װעלכע איז געגרינדעט גע־װאָרן און װערט געפירט דורך יוניאָן־טוער װאָס זײנען געשטאַנען און שטײען מיט לואיס הײמאַן צוזאַמען אין קאַמף פאַרן אַרבעטער־קלאַס, גיט אַרויס דעם בוך, ניט נאָר װײל דאָ װערט פאַרצײכנט גע־שיכטע, נאָר אויך װײל דער בוך װעט דינען װי אַן אינסטרומענט אין קאַמף, װעט העלפן אויפקלערן די אַרבעטער, װעט זײ העלפן אַרײנקוקן טיפער אין דעם, װאָס אַרום זײ קומט פאָר.

פאַרלאַג „פּראָלעטאַרישע משפּחה".

ניו יאָרק, פעברואַר, 1929.

צוויי יאָר קאַמף

(פאָרוואָרט)

די געשיכטע וואָס ווערט אין דעם בוך דערציילט, איז די געשיכטע פון איינעם פון די דראַמאַטישסטע קאַמפן אין דער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, און דער גרעסטער אַרבעטער־קאַמף אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

די געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז צום גרויסן טייל די געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.* שוין אין אָנהויב פון די נייַנציקער יאָרן, ווען די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט געשטעלט אירע ערשטע זיכערע טריט, איז דער סטיכישער סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין 1890, דער סטרייק פון צוואַנציק טויזנט קלאָוקמאַכער אין 1894, און די קאַמפן אַרום באַראָנדעס'ן אין פאַרלויף פון די און די ווייטערדיקע יאָרן, — סיי לויט זייער גרויס און סיי לויט זייער דראַמאַטישקייט האָבן די געשעענישן צווישן די קלאָוקמאַכער פאַרנומען דעם אויבן אָן אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, אָפּט אַרומגעכאַפּט אַלע אירע טיילן. דורך דעם סטרייק פון די בערך פופציק טויזנט קלאָוקמאַכער אין 1910 — ניט קיין סטרייק, נאָר אַ פּלוצלינגדיקער אויפשטאַנד! — האָט די יוניאָן דורכגעברענט אַ וועג פאַר דער גאַנצער אַזוי גערופענער אידישער יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע און געפירט איר נאָך זיך. און פונקט ווי אין די נייַנציקער יאָרן, אַזוי איז די גאַנצע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג נאָך 1910 אָפּט פאַרוויקלט געוואָרן אין די

---

* צום סוף פון בוך געפינט זיך דער טייטש פון די אַלע אַמעריקאַנישע פאַך־טערמינען, וועלכע האָבן ניט געקענט פאַרביטן ווערן, און אויך פון יענע אַמעריקאַניזמען אין דעם בוך, וועלכע זיינען בכיוון ניט פאַרביטן געוואָרן, צוליב לאָקאַלן שפּראַך־קאָליר און לאָקאַלע פאַך־באַגריפן.

אינערלאַכע קאַמפן, וואָס האָבן אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אויף
אַ ספּאָנטאַנישן אופן כסדר אויסגעבראָכן.*

אָבער קיינער פון די אַלע קאַמפן, אַפילו ניט דער גרויסער „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף אין 1925, ווען צענדליקער טויזנטער נאָדל־אַרבעטער האָבן דעמאָנסטרירט איבער די גאַסן, אָפּגעשטעלט די אַר־בעט, אָפּגעהאַלטן דעם מיטינג אין „יענקי סטאַדיום" — דעם גרעסטן מיטינג אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג,**— אַפילו אַט די ערשטע דערפאָלגרייכע רעוואָלוציע פון די קלאָוק־ און דרעסמאַכער, ווערט בלאָס אין פאַרגלייך מיט דעם קאַמף אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, וואָס ציט זיך זינט דעצעמבער 1926.

אַט דער קאַמף וואַרט נאָך אויף זיין געשיכטע־שרייבער. דאָ, אין דעם בוך, ווערט די געשיכטע פון דעם קאַמף דערציילט ניט אין כראָנאָלאָגישער פאָרם, און ניט פון אַ זייטיקן באָאָבאַכטער. די אַר־טיקלען אין דעם ערשטן אָפּטייל פון בוך, שטעלן מיט זיך פאָר אָפּ־געריסענע מאָמענטן פון דעם קאַמף. מיטן אויסנאַם פון אַ ריי אַרטיק־לען, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן ספּעציעל פאַר דעם בוך, איז די גרעסטע צאָל אַרטיקלען פון דער אָפּטיילונג, ווי פון דעם גאַנצן בוך בכלל, געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטונגען אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר.*** דערפאַר אָבער, האָבן די אַרטיקלען די גרויסע מעלה, וואָס זיי פאַרמאָגן דעם הייסן אָטעם פון די מאָמענטן ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן. די אַרטיקלען טראָגן אונז אַריבער אין יענע שטורמישע טעג, ווען די הימלען איבער דער בירזשע פון די נאָדל־אַרבעטער אין ניו יאָרק זיינען געווען רויט, און ווען אויך די שטיינער אין גאַס זיינען זייער אָפט געווען רויט — פון אַרבעטער־בלוט. אַט פאַרנעמען מיר די פּראָטעסטן פון די צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, אָדער אין צענדליקער האָלס אין איין אָוונט, און אומצאָליקע מאָל אין קופּער־יוניאָן און אַנדערע

---

* זע אַרטיקל „דער שטענדיקער קאַמף צווישן די מיטגלידער און דער באַאַמטן־מאַשין אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן", זייט 61.

** דאָרט.

*** ביי יעדן פון אַזעלכע אַרטיקלען איז אָנגעגעבן דער אָרט וואו ער איז געווען געדרוקט.

ערטער; אָט דערטראַגט זיך צו אונז דער װײ־געשרײ פון די אַר־בעטער װאָס זײנען צעבלוטיקט געװאָרן פון געדונגענע גענגסטער, אַרײנגעװאָרפן געװאָרן אין טורמע, באַרויבט געװאָרן פון זײער ברויט, אַרײנגעװאָרפן געװאָרן אין דער שקלאַפערײ פון סועט־שאַפ. און אָט שאַלט דער רוף פון פופצן טויזנט אַרבעטער אין בראָנקס סטאַדיום פאַר אַ נײער יוניאָן. געשריבן פון אײנעם, װאָס איז זינט 1912 צװישן די פּאָפּולערע פירער פון די מאַסן קלאָוקמאַכער, רעדט אין אַר־טיקלען דער געװיסן פון די אַרבעטער, זײער האַס און צאָרן, זײער פעסטע אַנטשײדונג. באַקענט מען זיך מיט די אַלע אַרטיקלען, דער־שײנט דורך זײ דער קאַמף פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אין זײן פולער גרויס, — ניט נאָר דער קאַמף גופא, נאָר אויך דער הינ־טערגרונט פון דעם קאַמף, די היסטאָרישע אַנטװיקלונג זײנע.

די אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן — װי די יוניאָן פון די אַרבעטער אין דער פרויען־קלײדער אינדוסטריע אין אַמע־ריקע און קאַנאַדע איז זינט איר גרינדונג, אין 1900, ביז דער איצ־טיקער באַװעגונג פון די מאַסן פאַר אַ נײער יוניאָן, אַנגערופן גע־װאָרן,* האָט צו דער צײט פון דעם אויסברוך פון דעם קאַמף, אין דעצעמבער 1926, פאַרמאָגט אַן ערך זעכציק טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע זײנען — הונדערטער טויזנטער.* אָט די איבערװעגנדיקע צאָל ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָט כסדר שװערער געמאַכט די לאַגע פון די אָרגאַניזירטע. זינט

---

* אין קאַנאַדע איז אין אויגוסט 1928 געגרינדעט געװאָרן אַן אינ־דוסטריעלע יוניאָן פאַר אַלע טײלן פון דער נאָדל־אינדוסטריע.

* לואיס לעװין, דער אָפיציעלער געשיכטע־שרײבער פון דער אינטער־נעשאָנאַל („דהי װימענס גאַרמענט װאָירקערס", פאַרלאַג היבש, ניו יאָרק, 1924), גיט אָן די אַלגעמײנע צאָל באַשעפטיקטע אין דער פרויען־קלײדער אינדוסטריע אויף אַ האַלבן מיליאָן. אין דער קלאָוק, סוט, װײסט, דרעס, קימאָנאָ, פעטיקאָוט, קינדער־קלײדער און װעש־אינדוסטריע — די באַזע פון דער אינדוסטריע, װי ער באַצײכנט די פאַכן — זײנען באַשעפטיקט 145,000 אַרבעטער אין די פאַראײניקטע שטאַטן און 10,000 אין קאַנאַדע. קאָרסעט־מאַכער — 17,084. די אַלגעמײנע צאָל בײטאָרינס און דרעסמאַכער אין די

1920 איז די מיטגלידערשאַפט פון דער אינטערנעשאַנאַל כסדר געפאַלן. צוזאַמען דערמיט איז אין דער אינדוסטריע פאַרגעזעצט געוואָרן דער פּראָצעס פון צעברעקלונג און פאַנאַנדערשפּרייטונג, אַזוי אַז די יוניאָן האָט שוין מיט פינף־זעקס יאָר צוריק פאַרלאָרן איר קאָנטראָל איבער דעם סאַמע גרעסטן טייל פון פאַך.

צווישן 1914 און 1921 האָט זיך די צאָל אַרבעטער אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע — ניט רעכענענדיק די וואַרשטאַטן וואו מען אַרבעט אויס קליידער אויף פּריוואַטע באַשטעלונגען — פאַרקלענערט פון 168,907 אויף 144,865. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך די צאָל שעפּער פאַרגרעסערט פון 5,564 אויף 7,061. אין ניו יאָרק, וואו עס האָט זיך צום 1־טן יאַנואַר, 1924, געפונען קאַרגע אַכציק פּראָצענט (79,5%) פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער אינטערנעשאַנאַל, איז דער דורכשניט פון דער צאָל אַרבעטער אין יעדן שאַפּ געפאַלן פון איבער 28 (28,2) אין 1914 ביז ווייניקער פון 18 (17,9) אין 1921.*
די נעגנער פון מאַרקסיזם ווייזן אָן אויף דער צעשפּליטערונג פון דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, ווי אויף אַ זאַך, וואָס באַווייזט אַז בנוגע דער אינדוסטריע האָט זיך קאַרל מאַרקס טועה געווען. אויך

פּראַוויניקטע שטאָטן איז אין 1920 געווען 235,000. די צאָל דרעסמאַכער צוזאַמען מיט פּריוואַטע דאַמען־שניידער גרייכט אָן ערך ביז 275,000 (דאָרט, זייטן 429—430). די דורכשניטלאַכע מיטגלידער־צאָל אין דער אינטערנעשאַנאַל, לויט ל. לעווין, איז געווען:

אין יאָר 1914 — 69,900; 1915 — 65,300; 1916 — 85,100; 1917 — 82,300; 1918 — 89,500; 1919 — 90,500; 1920 — 105,400; 1921 — 94,100; 1922 — 93,900; 1923 — 88,193.

אין די יאָרביכער 1924־1925 פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן ווערט די צאָל מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל צום 31־טן דעצעמבער 1922 אָנגעגעבן אויף 105,000. אין יאָרבוך 1926, זייט 348, ווערט די צאָל מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל צום 31־טן דעצעמבער 1924 אָנגעגעבן אויף 62,188.

* ל. לעווין, ז. ז. 431, 518, 521. לויט הואווער'ס סטאַטיסטיק פאַר 1925 איז די צאָל אַרבעטער אין דעם יאָר שוין געווען 126,466 (זע זייט 137).

דער געשיכטע־שרייבער פון דער אינטערנעשאָנאַל ווייזט אָן אויף דעם.* דער אמת איז, אַז די פּראָדוקציע פון פרויען־קליידער איז איצט פיל מער קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַ קלענער גרופּע אונטער־נעמער — די דזשאָבערס. אין ניו יאָרק, למשל, וואו העכער 74 פּראָ־צענט (74,2) פון דער גאַנצער קליידער־פּראָדוקציע ווערט אויסגע־אַרבעט,** איז די לאַגע אין 1924 געווען אַזאַ: אַרום 75 פּראָצענט פון אַט־דער פּראָדוקציע איז געקומען פון די שעפּער פון סוב־מאַנו־פעקטשורערס, קאָנטראַקטאָרס, „קאָרפּאָריישאָניקעס", וואָס האָבן צום מייסטן געאַרבעט פאַר די דזשאָבערס, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט אַרום 70־80 פּראָצענט פון דער ניו יאָרקער פּראָדוקציע.*** דער ווערט פון קליידער וואָס ווערן אויסגעאַרבעט דורך גרויס־קאַפּיטאַליסטישע קאָרפּאָראַציעס, האָט זיך געהויבן פון 18,6 פּראָצענט פון דער אַלגע־מיינער פּראָדוקציע אין 1904, ביז 32,9 פּראָצענט פון דער אַלגעמיי־נער פּראָדוקציע אין 1919.****

עס זיינען דאָ אין ניו יאָרק דזשאָבערס וואָס פאַרמאָגן אויפ'ן לאַגער פון 60,000 ביז 70,000 קליידער.***** אַזאַ דזשאָבער באַשעפ־טיקט גרויסע מאַסן אַרבעטער — דורך סוב־מאַנופעקטשורערס, קאָנט־ראַקטאָרס, סוב־קאָנטראַקטאָרס און „קאָרפּאָריישאָן־שעפּער", וואָס אַר־בעטן פאַר אים. פאַקטיש איז, הייסט עס, די אינדוסטריע קאָנצענט־רירט, מער ווי ווען עס איז, אין די הענט פון אַ קלענער גרופּע גרויס־אונטערנעמער — די דזשאָבערס. עס איז אָבער אין זייערע אינטע־רעסן ניט אויפצוהאַלטן אַליין קיין גרויסע פאַבריקן, נאָר אויפהאַלטן טויזנטער קליינע פאַבריקלאַך, כדי אויסצודרייען זיך פון דעם קאָנ־טראָל פון דער יוניאָן. האָס וואָס די דזשאָבערס פאַרלירן דורכדעם, וואָס די אינדוסטריע איז צעברעקלט, געווינען זיי אָפּ אין אַ פיל גרע־סערער פּראָפּאָרציע דורכדעם, וואָס אין די קלענערע פאַבריקלאַך, וואָס זייגען ניט אונטערן קאָנטראָל פון דער יוניאָן, איז לייכטער צו עקס־פּלואַטירן די אַרבעטער.

---

* דאָרט, ז. 382.

** דאָרט ז. 384.

*** דאָרט ז. 403.

**** דאָרט ז. 389.

***** דאָרט ז. 398.

דער וועג צו פאַרמיידן די צעברעקלונג פון דער אינדוסטריע איז געווען, פון איין זייט — צו האַלטן דעם דזשאָבער פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די אַרבעטער וואָס זיינען באַשעפטיקט ביי זיינע סוב־מאַנופעק־טשורערס, קאָנטראַקטאָרס, א. אַז. וו., און פון דער אַנדערער זייט — צו האַלטן אויפן אויג די קליינע פאַבריקלאַך, ניט לאָזן זיי אַרויס־גליטשן זיך פון יוניאָן־קאָנטראָל. דאָס וואָלט געדינט ווי אַ טאָרמאָז אויף דער אַנטוויקלונג פון אַזעלכע פאַבריקלאַך. דעם גרויסן פאַברי־קאַנט וואָלט זיך ניט געלוינט אַרויסצוגעבן די אַרבעט צו קאָנטראַק־טאָרס און צו פאַרמאַכן זיין אייגענע פאַבריק און ווערן אַ דזשאָבער — אויב די אַרבעטער אין די קליינע פאַבריקלאַך וואָלטן גענומען די זעלביקע שכירות און געאַרבעט די זעלביקע צאָל שטונדן ווי די אַר־בעטער ביי אים אין פאַבריק.

די באַוואוסטזיניקע מיטגלידער פון דער יוניאָן, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט די איבערוועגנדיקע מערהייט מיטגלידער אין די גרויסע לאָקאַלן, האָבן די פאָדערונגען: קאַמף קעגן די דזשאָבערס, שטרענגן קאָנטראָל איבער די קליינע שעפער, און די אויסראָטונג פון „קאָר־פּאָריישאָן־שעפער״, אַרויסגעשטעלט נאָך מיט יאָרן צוריק. די פירער־שאַפט, צוליב די סיבות, וואָס ווערן אָנגעוויזן אין דעם בוך, האָט די ליניע ניט געוואָלט אָננעמען. צוליב איר פריינטשאַפט מיט די באַלעבאַטים און דורך איינפאַכער קאָרופּציע און פאַרראַט, איז די לאַגע כסדר ערגער געוואָרן. דאָס, צוזאַמען מיט די אינערלאַכע קאַמפן אין דער יוניאָן, האָט געבראַכט צו אַזאַ קריזיס, אַז ב. שלעזינגער, וועלכער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל זינט 1914, האָט אין יאַנואַר 1923 רעזיגנירט. ער איז פשוט אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד.

דער שליסל צו אַלע אינערלאַכע קאַמפן אין דער אינטערנעשאַ־נאַל ליגט אין דער רעכטלאָזער לאַגע פון די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און אין דער רעאַקציאָנערער סיסטעם פון וואַלן און פאַרטרעטערשאַפט, וואָס די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט, — באַקאַנט אין ענגליש אַלס „ראָטן־באָראָ״ סיסטעם.

די גרעסטע לאָקאַלן אין דער אינטערנעשאַנאַל זיינען צום 1־טן יאַנואַר, 1924, געווען: דרעסמאַכער לאָקאַל 22 — 11,804 מיטגלידער; אָפּערייטאָרס לאָקאַל 1 — 8,343 מיטגלידער; פינישערס לאָקאַל 9 —

7,730 מיטגלידער; איטאַליענישער קלאָוק לאָקאַל 48 — 7,707 מיטגלידער; איטאַליענישער ווייסט און דרעס לאָקאַל 89 — 6421 מיטגלידער; פרעסערס לאָקאַל 35 — 6,227 מיטגלידער.* די ערשטע דריי לאָקאַלן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט צוזאַמען אַ מערהייט פון אַלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל אין ניו יאָרק, זיינען אין פאַרלויף פון פיל יאָרן געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פון געגנער פון דער הויפּט־אַדמיניסטראַציע פון דער אינטערנעשאָנאַל. די דריי לאָקאַלן האָבן זינט 1912 געקעמפט קעגן „פריינטלאַכע פּאָליטיק" בנוגע די באַלעבאַטים, און פאַר פאַרשיידענע רעפאָרמען, ווי פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט, א. אַ. זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט געקענט דורכפירן זייער ווילן. אין דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד זיינען די לאָקאַלן, וואָס זיינען אָן איר אָנגעשלאָסן, פאַרטראָטן יעדערער מיט פינף דעלעגאַטן — אַלץ איינס וויפיל מיטגלידער אַ לאָקאַל פאַרמאָגט: צוועלף טויזנט אָדער עטלאַכע הונדערט. אַזוי ווי די קלענערע לאָקאַלן פלעגן לייכט קאָנטראָלירט ווערן פון דער הויפּט־אַדמיניסטראַציע און אַזוי ווי פאַרשיידענע רעפאָרמען, ווי, למשל, פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט, זיינען געווען קעגן די אינטערעסן פון די קליינע לאָקאַלן, פלעגן די גרויסע לאָקאַלן שטענדיק פאַר־

* אין 1924 זיינען די לאָקאַלן 17 און 11, וואו די מיטגלידער זיינען אויך באַשטאַנען פון אָפּערייטאָרס, צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן מיט לאָקאַל 1 אין איין אַלגעמיינעם לאָקאַל 2, מיט איבער 12 טויזנט מיטגלידער. לאָקאַל 17 האָט געהאַט 2,579 מיטגלידער און לאָקאַל 11 — 1789 מיטגלידער. די מיטגלידער־צאָל אין אַנדערע ניו יאָרקער לאָקאַלן איז צום אָנהויב 1924, לויט ל. לעווין, געווען: קאַטערס לאָקאַל 10 — 4,613 מיטגלידער; ווהייט גודס לאָקאַל 62 — 3,093; סקוירט מאַכער לאָקאַל 23 — 2,687; לאָקאַל 91 (קינדער־קליידער, שלאָף־רעק, הויז־קליידער) — 2671. צוזאַמען האָבן די אַלע לאָקאַלן (1, 9, 10, 11, 17, 22, 23, 35, 48, 62, 89, 91) געהאַט צום 1־טן יאַנואַר, 1924, לויט ל. לעווין (ז. ז. 4־433) — 65,432 מיטגלידער. נעמענדיק אין אַכט די ציפערן פון די יאָרביכער פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל, וואָלט מען זיך צו די ציפערן, וואָס ה' לעווין גיט אָן, געדאַרפט באַציען מיט געוויסע רעזערוואַציעס.

לירן, און די מערהייט מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבן ניט געקענט דורכפירן זייערע פאָדערונגען.*

נאָך ערגער האַלט עס מיט דער פאָרם פון פאָרטרעטערשאַפט צו די קאָנווענשאָנס, וואו די הויפּט־אַדמיניסטראַציע, דער פּרעזידענט און די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, ווערן אויסגעקליבן. לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאָנאַל קען אַ לאָקאַל, וואָס פאַרמאָגט 7 מיטגלידער ערב דער קאָנווענשאָן, שיקן 2 פאַרטרעטער צו דער קאָנווענשאָן, און אַ לאָקאַל פון 11,000 מיטגלידער האָט ניט מער ווי 11 דעלעגאַטן. די קליינע „לאָקאַלן“, פון 7 מיטגלידער און העכער, עקזיסטירן כמעט דורכאויס אויפן פּאַפּיר. אָבער מיט דער הילף פון די דעלעגאַטן פון אַזעלכע לאָקאַלן, וואָס האַלטן זיך מייסטנס מיט דער פינאַנציעלער הילף פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, אָדער ווערן געשאַפן ערב קאָנווענשאָן, געלינגט עס דער לעצטער צו מאַיאָריזירן די פאַרטרעטער פון די גרויסע לאָקאַלן וואָס פאַרטרעטן די מיטגלדידער.**

*די ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד איז אין 1924 באַשטאַנען פון די לאָקאַלן: 1, 3, 9, 10, 11, 17, 22, 23, 35, 48, 64, 82 און 89. לאָקאַל 22, למשל, מיט קאַרגע 12 טויזנט מיטגלידער, האָט געהאַט דיזעלביקע צאָל פאַרטרעטער ווי, למשל, לאָקאַל 64, וועלכער האָט פאַרמאָגט ווייניקער ווי הונדערט מיטגלידער. אָט דער „לאָקאַל“, פון כלומרשט באָטנהאָל־מאַכער, איז געווען אַ פיקציע, ווייל דער פאַך עקזיסטירט פּאַקטיש ניט מער אין דער קלאָוק און דרעס אינדוסטריע. דער לאָקאַל איז אָבער ספּעציעל אָנגעהאַלטן געוואָרן פון דער רעכטער פירערשאַפט, כדי קינסטלאַך צו מאַיאָריזירן די פאַרטרעטער פון די גרויסע לאָקאַלן. לאָקאַל 3 האָט געהאַט אַרום 400 מיטגלידער און לאָקאַל 82 — אַרום 500, און אויך זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט צו פינף פאַרטרעטער אין דזשאָינט באָארד, פּונקט ווי די גרויסע לאָקאַלן.

**דזש. דזשאָנסטאָון, אין „דעילי וואָרקער“ פון 15־טן דעצעמבער, 1925, אין אַ בריוו פון פילאַדעלפיע, וואו די אינטערנעשאָנאַל האָט דעמאָלט אָפּגעהאַלטן איר קאָנווענשאָן, ברענגט די פאָלגנדיקע ציפערן וועגן די דעלעגאַטן און וועמען זיי האָבן פאַרטראָטן (די ציפערן זיינען גענומען פון די אָפיציעלע פּאַפּירן פון דער אינטערנעשאָנאַל): „לאָקאַל“ 57, מיט אַ דורכשניטלאַכער מיטגלידערשאַפט פון 4 אין פאַרלויף פון 1924, האָט געהאַט

די פאַרשיידנאַרטיקע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט אויך כסדר געהאַלטן די אינטערנעשאָנאַל אין אַ קראַנקן צושטאַנד. געוויסע לאָקאַלן (22) האָבן פאַרמאָגט אַ טייל־ווייזן אינדוסטריעלן כאַראַקטער, אַנדערע לאָקאַלן (10, 35 א. אַ.) — אַ שטריינגן צעך (קרעפט) כאַראַקטער, גאָר אַנדערע לאָקאַלן (48, 89) זיינען געווען אָרגאַניזירט לויט דער נאַציאָנאַליטעט פון די מיטגלידער (איטאַליענער). אַ טייל לאָקאַלן (17, 64 א. אַ.) זיינען פשוט אויפגעהאַלטן געוואָרן צוליב קליקע־אינטערעסן, צוליב מאַיאָריזירן די גרויסע לאָקאַלן. און הגם די קאָנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאָנאַל פאַרבאָט צו האָבן אין איין שטאָט מער ווי איין לאָקאַל פון זעלביקן פאַך, פונדעסטוועגן האָבן יאָרן לאַנג עקזיסטירט אין ניו יאָרק פיר לאָקאַלן פון אָפּערייטאָרס — 1, 11, 17 און 48 (אין לעצטן זיינען צווישן די אַנדערע איטאַליענישע אַרבעטער געווען אָרגאַניזירט אויך אָפּערייטאָרס). דער שאָדן פון אַזאַ לאַגע איז געווען אַ גרויסער. דאָס האָט זינט 1912 געפירט צו קאַמפן פון לאָקאַל 1 קעגן דער הויפּט־אַדמיניסטראַציע. אין 1924 זיינען די לאָקאַלן 1, 11, און 17 פאַראייניקט געוואָרן, אָבער אין הערבסט 1928, צוליב די אַלטע קליקע־אינטערעסן, איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן דער לאָקאַל 17.

אַט די קראַנקע לאַגע, דער קאָנפליקט צווישן קליקע אינטערעסן און די אינטערעסן פון די מיטגלידער, די צעפוילטע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע און פאַרטרעטערשאַפט, האָט מיטגעהאָלפן, אַז די יוניאָן זאָל פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבערן פאַך און זאָל כסדר גיין באַרג־אַראָפּ.

2 דעלעגאַטן; „לאָקאַל“ 77, דורכשניטלאַכע מיטגלידערשאַפט פון 8 — 2 דעלעגאַטן; „לאָקאַל“ 84, ד. מיטג. 2 — 2 דעלעגאַטן; „לאָקאַל“ 107, ד. מיטג. 60 — 2 דעלעגאַטן; „לאָקאַל“ 113, ד. מיטג. 110 — 3 דעלעגאַטן; „לאָקאַל“ 128, ד. מיטג. 9½ — 2 דעלעגאַטן; „לאָקאַל“ 134, ד. מיטג. 2 — 2 דעלעגאַטן; „לאָקאַל“ 141, ד. מיטג. 1½ — 2 דעלעגאַטן. אויף אַזאַ אופן האָבן די 8 „לאָקאַלן“, מיט אַ דורכשניטלאַכער צאָל פון 197 מיטגלידער, געהאַט 17 דעלעגאַטן אויף דער קאָנווענשאָן, בעת לאָקאַל 2, למשל, מיט 12,000 מיטגלידער, האָט געהאַט 14 דעלעגאַטן.

מאָריס זיגמאַן, וועלכער איז אין פעברואַר 1923, אויף אַ ספּעציעלער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר, דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, אויף שלעזינגער׳ס אָרט, האָט באַלד געשאַפן אַ ברייטן פּלאַן ווי די לאַגע צו לינדערן. הגם פריער, ווען ער איז געווען מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד (1917—1921) און ערשטער וויצע־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל (1920—1922) האָט ער פון רעפאָרמען און פון קאַמף קעגן די דזשאָבבערס ניט געוואָלט הערן, איז ער אין 1923 אַרויסגעקומען מיט אַ גאַנצער ריי רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען, וועלכע האָבן געשטרעבט צו מאַכן די דזשאָבבערס פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער אויסאַרבעטונג פון די קליידער, וואָס ווערן פאַר זיי פּראָדוצירט, און צו איינצאַמען די אַנטוויקלונג פון די קליינע שעפּער. אַ פּראָגראַם איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אַ ריי פּונקטן (פריער צוועלף, דערנאָך אַכצן) און איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די באַלעבאַטים.*

די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צו די מאַנעוורעס. דער חשד איז געפאַלן, אַז דאָס וויל די רעכטע פירערשאַפט, דורך אירע „רעוואָלוציאָנערע״ פאָדערונגען, אָפּשוואַכן דעם איינפלוס פון דעם לינקן פליגל אין דער יוניאָן. די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן דעם חשד באַרעכטיקט אין דער פולסטער מאָס.

אין יוני 1924 איז די פירערשאַפט פון דער יוניאָן דערגאַנגען אַזש ביז צום דראָען די באַלעבאַטים מיט אַ גענעראַל סטרייק, אויב זיי וועלן די פאָדערונגען ניט אָננעמען. אין אָנהויב פון דעם חודש איז אַפילו דורכגעפירט געוואָרן אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג פאַר אַ סטרייק. די אָפיציעלע ציפערן וועגן דער אָפּשטימונג זיינען געווען: 31,403 פאַר אַ סטרייק און 449 קעגן.** באַלד אָבער האָט זיך זיגמאַן

* ל. לעווין, ז. ז. 419—424.

** אין „דזשאַסטיס״ פון 13־טן יוני, 1924, איז די צאָל שטימען צום גונסטן פון אַ גענעראַל־סטרייק אָנגעגעבן געוואָרן — 31,403. אין „טיימס״ פון 8־טן יוני, 1924 — 31,488. אין לעווינ׳ס בוך, וואו עס ווערט געענוי גערעדט וועגן די סיכסוכים און אונטערהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים אין יוני 1924 און שפּעטער, ווערט וועגן אָט דער רעפערענדום־אָפּשטימונג פאַר אַן אַלגעמיינעם סטרייק גיט דערמאָנט. די גאַנצע „אָפּשטימונג״

גערעוועט צום דעמאָלטיקן גאָווערנאָר פון שטאַט ניו יאָרק, אַלפרעד סמיט, ער זאָל זיך אַריינמישן...

דער גאָווערנאָר האָט באַשטימט אַ קאָמישאָן, וועלכע זאָל דעם סיכסוך אויסגלייכן. דעם 27־טן פון דעם חודש האָט די קאָמישאָן אַרויסגעגעבן איר ערשטע אַנטשיידונג, וועלכע איז אָנגענומען גע־וואָרן פון די באַלעבאַטים. דורך דער אַנטשיידונג איז אין דער קלאָוק־אינדוסטריע אין ניו יאָרק איינגעפירט געוואָרן אַן אומפּאַרטייאישער טשערמאַן, אַן אינשורענס־פאָנד (ניט ווי די יוניאָן האָט געוואָלט), און אַ „סאַניטאַרי לייבל". די פאָדערונג פאַר פּערציק שעה אַ וואָך האָט די קאָמישאָן א י נ ג א נ צ ן אָפּגעוואָרפן, און די אַנדערע פונקטן האָט זי באַשלאָסן אויסצופאָרשן.*

דערווייל איז דער איינפלוס פון דער אָפּאָזיציע כסדר געוואַקסן. ניט געקוקט אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, האָבן די לינקע געוואונען די פירערשאַפט אין די גרעסטע לאָקאַלן אין ניו יאָרק, און אין פיל לאָ־קאַלן אויסער ניו יאָרק. דאָ האָט די רעכטע פירערשאַפט, אין זומער 1925, אָנגעהויבן דעם אָפּענעם קאַמף מיט די אַרבעטער, וועלכער איז באַרימט אונטער'ן נאָמען דער „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף.** אין דער צייט איז די קאָמישאָן שוין פאַרטיק געוואָרן מיט אירע רעקאָמענ־דאַציעס. זיי זיינען אָבער ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן, ווייל דאָס וואָלט געשעדיקט דער רעכטער פירערשאַפט אין איר קאַמף מיט די לינקע. האָט זי דערום געזעען, אַז די רעקאָמענדאַציעס זאָלן געהאַלטן ווערן בסוד...

האָט אַרויסגערופן אַ באַרעכטיקטן חשד (זע אַרטיקל „פאַרוואָס האָט מען אָנגעהויבן די מלחמה?", זייט 70).

* ל. לעווין, ז. ז. 424—426. די מיטגלידער פון דער קאָמישאָן זיינען געווען: דזשאָרדזש גאָרדאָן באַטל, בערנאַרד ל. שינטאַג, הערבערט ה. לעה־מאַן, אַרטור וואולף און לינדזי ראָדזשערס. אַרטור וואולף, וועלכער איז דער פּרעזידענט פון דער טשאַטהאַם און פעניקס באַנק, איז געוואָרן דער הויפּט פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיטן אינשורענס פאָנד, און דר. הענרי מאָסקאָוויץ איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דעם סאַניטאַרי לייבל.

** זע ז. 32 און אַרטיקל „דער שטענדיקער קאַמף" א. אָז. וו., ז. 61.

א גאַנץ יאָר איז ווידער אוועק מיט גאָרניט. אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן אָבער די רעכטע דעם קאַמף פאַרשפּילט. די לינקע האָבן נאָך דעם „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף איבערגענומען די פירער־שאַפט פון די דזשאָינט באָארדס אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ און אין א ריי זעלבשטענדיקע לאָקאַלן אין און אויסער ניו יאָרק.* די ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד האָט זיך געקליבן דורכצופירן אין לעבן די פּראָגראַם, וואָס די רעכטע פירערשאַפט האָט אַרויסגעשטעלט נאָך אין 1923.

דעם 20־טן מאַי, 1926, האָט די קאָמישאָן סוף כל סוף פאַר־עפנטלאַכט איר רעפּאָרט. ניט נאָר האָט זי, ווי פריער, געהאַלטן, אַז די אַרבעט־צייט פון 44 שעה א וואָך דאַרף ניט פאַרקלענערט ווערן; ניט נאָר האָט זי ניט געגעבן דער יוניאָן קיין געלעגנהייט פאַקטיש צו אויסאיבן א בעסערן קאָנטראָל אויפן פאַך, נאָר זי האָט נאָך רעקאָמענדירט א פּונקט צום גונסטן פון די באַלעבאַטים: איינמאָל אין יאָר זאָלן די באַלעבאַטים, וואָס באַשעפטיקן ניט ווייניקער ווי 35 אַרבעטער, קענען אָפּזאָגן צען פּראָצענט פון זייערע אַרבעטער און פאַרבייטן מיט אַנדערע. דער פּונקט איז באַרימט געוואָרן אַלס דער „רעאָרגאַניזאַציע־פּונקט". אָבער אפילו אַט די רעקאָמענדאַציעס זיינען פון די באַלעבאַטים ניט אָנגענומען געוואָרן. איין גרופּע באַלעבאַטים (פון „אינדאַסטריעל־קאָונסיל") האָט מסכים געבען צו אונטערהאַנד־לען מיט דער יוניאָן אויפן באַזיס פון די רעקאָמענדאַציעס. די דזשאָ־בערס האָבן אפילו פון די רעקאָמענדאַציעס ניט געוואָלט הערן.

די שטימונג פון די אַרבעטער איז געווען אַנטשיידן קעגן די רע־קאָמענדאַציעס פון דער קאָמישאָן. דעם 8־טן יוני, 1926, איז אין קופּער יוניאָן פאַרגעקומען א פאַרזאַמלונג פון פאַרטרעטער פון די שעפּער (שאַפּ־טשערלייט), וועלכע האָבן די רעקאָמענדאַציעס איינ־

* אין ניו יאָרק, חוץ די לאָקאַלן 2, 9, 22, וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף דורך זייער „דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע", האָבן די לינקע געוואונען די פירערשאַפט אין די לאָקאַלן 35 און 82, וואָס זיינען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער דזשאָינט באָארד, און אין די לאָקאַלן 20, 38 און 66, וואָס זיינען אָן דער דזשאָינט באָארד ניט געווען אָנגעשלאָסן. חוץ דעם האָבן זיי פון פריער געהאַט די פירערשאַפט אין לאָקאַל 41.

שטימיק אָפּגעוואָרפן.* די לינקע פירערשאַפט פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד האָט זיך אויף אַן אמת גענומען גרייטן צום קאַמף. דעם 29־טן יוני, איז אין גרעסטן זאַל פון ניו יאָרק, מעדיסאָן סקווער גאַרדן, פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון איבער צוואַנציק טויזנט אַר־בעטער, וואו דער באַשלוס צו סטרייקן איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.** און דעם 1־טן יולי, 1926, האָט דער סטרייק פון אַן ערך 35,000 ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער אויסגעבראָכן.

דער קאַמף איז געווען זייער אַ פאַרביטערטער. די הויפּט־פירער פון סטרייק זיינען געווען די לינקע. אָבער אויך די רעכטע האָבן אָנ־טייל גענומען אין דער סטרייק־פירערשאַפט. די לינקע האָבן שפּע־טער באַשולדיקט, אַז דער אָנטייל פון די רעכטע אין דער פירער־שאַפט האָט דעם סטרייק געשעדיקט. די האַלטונג פון די רעכטע — האָבן די לינקע פירער באַשולדיקט — זייער נאָענטקייט מיט די באַ־לעבאַטים, דער פאַקט וואָס זיי, די רעכטע, צוזאַמען מיטן פּרעזי־דענט, זיגמאַן, זיינען געווען פאַר די רעקאָמענדאַציעס פון דער גאָ־ווערנאָר'ס קאָמישאָן, האָט צוגעגעבן די באַלעבאַטים מוט און עקשנות. די באַשולדיקונג איז אויך געווען, אַז די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע איז געווען אין די הענט פון די רעכטע, האָט ניט קאָאָפּערירט מיט דער לינקער פירערשאַפט פון ניו יאָרק, און אין שטעט אויסער ניו יאָרק האָט מען געמאַכט קליידער, סקעב־אַרבעט, פאַר ניו יאָרקער פאַבריקאַנטן.*** די אַלע באַשולדיקונגען זיי־נען אָבער געמאַכט געוואָרן שפּעטער, ווען דער אינערלאַכער קאַמף

* „דזשאַסטיס", 11־טן יוני, 1926.

** „דזשאַסטיס", 2־טן יולי, 1926. די נייעס איז דערציילט געוואָרן אונטער אַ גרויסער קאָפּ־שורה איבער אַ גאַנצער זייט: „גרעיט געדהערינג אָוו 25 טאַוזענט קלאָוקמייקערס וואָוט יונענימאוסלי טו אָטאָראַיז לידערס טו אָרדער וואָקאַוט" (גרויסע פאַרזאַמלונג פון 25 טויזנט קלאָוקמאַכער שטימט איינשטימיק צו אויטאָריזירן די לידערס צו אָרדערן אַ סטרייק).

*** זע „פרייהייט" פון 18־טן דעצעמבער, 1926, באַריכט פון ספּעציעלן שליח פון דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע, א. ראַדיש, קיין פילאַדעלפיע, וואו די רעכטע זיינען געווען די פירער פון דער יוניאָן און וואו מען האָט געמאַכט סקעב־אַרבעט פאַר ניו יאָרק.

האט זיך אנגעהויבן. אין פארלויף פון סטרייק האבן די לינקע געמוזט שווייגן, כדי ניט צו שטערן דעם קאמף קעגן די באלעבאטים דורך אן אינערלאכן קאמף אין דער יוניאן.

ניט געקוקט אויף אלע שוועריקייטן, און ניט געקוקט אויף די אומגעוויינטלאכע פארפאלגונגען פון דער פאליציי, האט זיך די ניו יארקער קלאוקמאכער פארט איינגעגעבן ארויסצורייסן פון די באלעבאטים קאנצעסיעס וואס די קאמישאן האט ניט געוואלט געבן. דא האט זיך ארויסגעוויזן די פאפולאריטעט פון די לינקע און די ריכטיקייט פון זייער ליניע פון ארבעט. די ברייטע מאסן זיינען אריינגעצויגן געווארן. אין די פיקעט־דעמאנסטראציעס ארום די שעפער פלעגן אנטייל נעמען טויזנטער ארבעטער, צוזאמען מיט די פירער. די באלעבאטים האבן זיך געמוזט טיילווייז בויגן.

דעם 11־טן נאוועמבער 1926, נאך ניינצן וואכן קאמף, האט די סטרייק־פירערשאפט געשלאסן דעם ערשטן אגרימענט (אפמאך), מיט א גרופע פאבריקאנטן וואס זיינען ארגאניזירט אין אן „אסאסיאיישאן" מיטן נאמען „אינדאסטריעל קאונסיל" און וואס האט באשעפטיקט ארום אכט טויזנט ארבעטער.* א גרויסע צאל ארבעטער איז

* דער גרעסטער געווינס פון דעם אגרימענט איז געווען — 40 שעה א וואך ארבעט, פינף טעג אין וואך צו אכט שעה. דאס האט געזאלט אריין אין קראפט דעם 1־טן יוני 1928. ביז דעמאלט האט מען געזאלט ארבעטן 42 שעה א וואך, פינף טעג (מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג צו אכט א האלב שעה). אויפן געביט פון שכירות איז אויסגעקעמפט געווארן א באדייטנדיקע העכערונג — מיט אן ערך 5% מער ווי די קאמישאן האט רעקאמענדירט. די מינימום סקעיל וועכנטלאכע שכירות לויט דעם אגרימענט איז געווען: קלאוק און דרעס קאטערס 52 דאלאר, סעמפל־מאכער 45 דאלאר, דזשעקעט, קאוט, ריפער און דרעס אפערייטארס 55 דאלאר, סקוירט אפערייטארס 53 דאלאר, שטיק־שניידער 48 דאלאר, דזשעקעט, קאוט און ריפער פינישערס 46 דאלאר, דזשעקעט, קאוט און ריפער פינישער העלפערס 38 דאלאר, דזשעקעט, קאוט און ריפער אויבערפרעסערס 50 דאלאר, דזשעקעט, קאוט און ריפער אונטערפרעסערס 46 דאלאר, סקוירט אויבערפרעסערס 46 דאלאר, סקוירט אונטערפרעסערס 46 דאלאר, סקוירט בעיסטערס 30 דאלאר, סקוירט פינישערס 26 דאלאר, דרעיפערס 32 דאלאר, סקוירט בעגריידערס 38 דאלאר, בושלמען 40 דאלאר.

שוין פון פריער געווען באַשעפטיקט ביי באַלעבאַטים, וואָס האָבן שוין געהאַט נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון דער יוניאָן. אין סטרייק זיינען נאָך אָבער געבליבן אַכט טויזנט אַרבעטער פון ניט־געסעטלטע פירמעס. דער אָפּמאַך מיט די קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האָבן צייטווייליק געהאַט אָנגענומען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן, האָט געדאַרפט געשלאָסן ווערן, און דאָ האָבן זיך געשאַפן שוועריקייטן, ווייל די יוניאָן האָט זיי ניט געוואָלט געבן אַ רוי פון די באַדינגונגען וואָס די פאַבריקאַנטן פון „אינדאַסטריעל קאָונסיל" האָבן געהאַט. דער קאַמף קעגן די דזשאָבערס האָט נאָך געמוזט פאַרגעזעצט ווערן, ווייל זיי האָבן קיין אָפּמאַך נאָך ניט געוואָלט שליסן. דעם סטרייק האָט מען ערשט אָ נ ג ע ה ו י ב ן פאַרענדיקן. די רעכטע פירערשאַפט פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אינטערנעשאַנאַל האָט אָבער געפונען פאַר צוועקמעסיק אָנצוהויבן, צוליב אירע אייגענע אינטערעסן, אַ קאַמף קעגן דער סטרייק־פירערשאַפט, אַ קאַמף, וואָס האָט געמוזט פירן צו פאַרלוסטן פאַר די אַרבעטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וואָס די אַרבעטער באַצייכענען — אַ פּאָגראָם אויף דער יוניאָן.*

עס וועט געניג זיין אַ קוק צו געבן אויף די צייטונגען פון יענער צייט, אויף דער „פרייהייט", וועלכע האָט פאַרטראָטן די סטרייק־פירערשאַפט און די פירערשאַפט פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד, און אויפן „פאָרווערטס", וועלכער האָט פאַרטראָטן די רעכטע, כדי צו קריגן אַ באַגריף ווי היים אָנגעגליט די לופט איז געווען אין יענע טראַגישע טעג, ווען די יוניאָן פון די קלאָוק־ און דרעסמאַכער איז צעבראָכן געוואָרן, פאַרקויפט געוואָרן צו די באַלעבאַטים און ממש אָפּגעווישט געוואָרן.

דער איינציקער פריידיקער מאָמענט פון יענע טעג, ווי אויך דער איינציקער פריידיקער מאָמענט פון דעם גאַנצן קאַמף די לעצטע צוויי יאָר, איז — די האַלטונג פון די מאַסן, די העלדישקייט וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן, די פעסטקייט פון זייערע רייען, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן די שטאַרקסטע, די בלוטיקסטע אַטאַקעס פון די

* זע אַרטיקל „פאַרוואָס האָט מען אָנגעהויבן די מלחמה?", ז. 70.

פאַראייניקטע מחנות פון די רעכטע, די באַלעבאַטים, די פּאָליציי און דער אונטערוועלט.

באַלד ווי דער אַגרימענט מיט דער ערשטער גרופּע פאַבריקאַנטן איז געשלאָסן געוואָרן, האָבן די רעכטע אָנגעהויבן העצן צווישן די סטרייקער קעגן דעם אַגרימענט און קעגן דער לינקער פירערשאַפט. און דעם 16־טן נאָוועמבער, נאָך א י י ד ע ר דער אַגרימענט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די מיטגלידער, זיינען די רעכטע מיט זייער העצע אַרויס אין דער עפנטלאַכקייט. אין דעם טאָג האָט דער „פאָרווערטס" געהאַט אַ „קאָפּ"־שורה: „קלאָוקמאַכער וואוטן היינט אין רעפערענדום וועגן סעטלמענט". אָבער אונטער די סטרייק־נייעס איז געווען געדרוקט אַ גרויסן „קאַסטן" אונטער אַ „קאָפּ": „קלאָוקמאַכער פאָדערן אַז ענטפער פון זייערע פירער". אין דעם קאַסטן איז געגאַנגען אַ צעטל פראַגן: פאַרוואָס האָט מען ניט געהאַט קיין רעפערענדום איידער סטרייק איז דערקלערט געוואָרן, פאַרוואָס זיינען די קאָמוניסטן אַזוי „נייגעריק" געווען צו סטרייקן, פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַזוי פאַראינטערעסירט „דורכצופירן" דעם סעטלמענט, און אַזוי ווייטער.*

אויף מאָרגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קלאָוקמאַכער וואָס „פאָדערן" כלומרשט אַז ענטפער פון די פירער, האָבן דעם אָפּמאַך גוט־געהייסן מיט 9,954 שטימען קעגן 2,533. אין די האָלס האָבן די סטרייקער אַרויסגעוויזן קנאַפּע סימפּאַטיעס פאַר די רעכטע. אָבער, איבערגעבנדיק אָט־די ציפערן, האָט דער „פאָרווערטס" ווידער גע־העצט מיט פראַגן, דאָס מאָל — פאַרוואָס די לינקע האָבן פאַרשווענדט אַזויפיל געלט אין צייט פון סטרייק?**

---

* זע אַרטיקלען: „פאַרוואָס האָט מען אָנגעהויבן די מלחמה?", ז. 70; „שווינדלער מאַכן אַ רעפערענדום", ז. 107, א. אַ.

** אויף ווי ווייט די באַשולדיקונגען פון „פאָרווערטס" וועגן פאַר־שווענדונגען האָבן געהאַט אַ גרונט, וועט באַווייזן דאָס פאָלגנדיקע. ווען די לינקע האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט אין דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָאַרד, האָבן זיי געשניטן דעם וועכנטלאַכן געהאַלט פון גענעראַל מענע־דזשער, פון 125 ד. אַ וואָך אויף 75; מענעדזשערס, פון 90 ד. אויף 65; און ביזנעס־אַגענטן פון 62 ד. אויף 52. אין צייט פון סטרייק האָבן די לינקע

דעם 18־טן האָט די עקזעקוטיווע פון דער סטרייק־קאָמיטע פאַר־עפנטלאַכט אין דער „פריהייט" אַן ענטפער די רעכטע און דעם „פאָרווערטס". די שאַפּ־טשערלייט האָבן פאַרדאַמט די האַנדלונג פון די רעכטע און פון זייער צייטונג. אָבער די העצע, אין נאָמען פון „די קלאָוקמאַכער" האָט זיך אַלץ געשטאַרקט. דערווייל האָבן די באַלע־באַטים זיך ניט געאײַלט צו שליסן אָפּמאַכן מיט די סטרייק־פירער. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן באַרעכטיקט דעם חשד, אַז די רעכטע זיינען געשטאַנען מיט די באַלעבאַטים אין פאַרבינדונגען.

אין אָנהויב דעצעמבער האָבן די רעכטע פאַררופן אַ מיטינג אין קופּער יוניאָן. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויסטריט אין דער אָפענער, בלוטיקער מלחמה, וואָס די רעכטע פון אַלע יוניאָנס, צו־

מענעדזשערס און ביזנעס־אַגענטן פון די סטרייקנדיקע לאָקאַלן און פון דער דזשאָינט באָארד ניט גענומען קיין שכירות, בעת די רעכטע לאָקאַל־מענע־דזשערס האָבן גענומען זייער פולע שכירות, און לויט דער אַלטער, הויכער, נאָרמע. דערביי האָבן זיי אויך ניט געגעבן קיין פּראָצענטן פאַרן סטרייק־פאָנד, ווי דאָס האָבן געטאָן די קלאָוקמאַכער, וואָס זיינען אַוועק אַרבעטן אין שעפּער, וואָס האָבן געשלאָסן אָפּמאַכן אין צייט פון סטרייק.

י. פּאָרטנאָי, דער סעקרעטאַר־קאַסיר פון דער דזשאָינט באָארד, האָט אין אַן אַרטיקל אין „איינינקייט" פון 23־טן אַפּריל, 1927, אָפּגעדרוקט אַ רעכענונג פון די סטרייק־אויסגאַבן. דאָרט ווערט באַוויזן, אַז די סטרייק־קאָמיטעס, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער פירערשאַפט פון לינקע, האָבן אויסגעגעבן צען (10) פּראָצענט פון אַלע הוצאות פון סטרייק. די פּיקעט־קאָמיטע האָט אויסגעגעבן 200 טויזנט דאָלאַר, די האָל־קאָמיטע — 100 טויזנט דאָלאַר, און די אָרגאַניזאַציע־קאָמיטע — 92 טויזנט דאָלאַר. דאָס זיינען אַלץ העכסט־וויכטיקע קאָמיטעס אין אַ צייט פון סטרייק. צו־זאַמען האָבן די דריי (3) קאָמיטעס, אונטער דער פאַרוואַלטונג פון לינקע, אויסגעגעבן קאַרגע 400 טויזנט דאָלאַר. פון דער אַנדערער זייט, האָבן צוויי (2) קאָמיטעס אונטער דער פאַרוואַלטונג פון רעכטע אויסגעגעבן קאַרגע 800,000 דאָלאַר: אָוט אָוו טאַון קאָמיטע — 476,000 דאָלאַר, און לאָאַ־קאָמיטע — 302,000 דאָלאַר. אין דעם זעלביקן אַרטיקל גיט י. פּאָרטנאָי אָן ציפערן וועגן גרויסע געלט־פאַרשווענדונגען פון די רעכטע אין צייט פון „סטאַפּעדזש" אין יולי 1924.

זאַמען מיטן „פאָרווערטס“ און דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר, האָבן אָנגעהויבן קעגן די לינקע, קאָמוניסטן, רויטע, „מאָסקווער אַגענטן“, א. א. וו.

די אַלע פאַראייניקטע כוחות פון די רעכטע האָבן דעם 2־טן דעצעמבער, 1926, אָפּגעהאַלטן דעם מיטינג אין קופּער יוניאָן. אויף מאָרגן האָט עס אויסגעזעען אין די צייטונגען אַזוי:

„פרייהייט“:

„זיגמאַן מיטן גאַנצן רעכטן געזינדל טרעטן אַרויס אָפן אין אַ סטרייק־ברעכערשן קריג קעגן די קלאָוקמאַכער.“

(דאָ איז אויך געזעצט געוואָרן וועגן אַ דערקלערונג, וואָס זיגמאַן האָט מיט אַ טאָג פריער אַרויסגעגעבן דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, אין וועלכער ער האָט ווידערהאָלט די באַשולדיקונגען פון „פאָרווערטס“ און דערקלערט, אַז דעם סטרייק האָט מען גאָרניט געדאַרפט רופן.)

„פאָרווערטס“:

„קלאָוקמאַכער אין קופּער יוניאָן פאָדערן יוניאָן זאָל באַפרייט ווערן פון קאָמוניסטישער הערשאַפט; אינטערנעשאָנאַל וועט איבערנעמען פירערשאַפט פון סטרייק, אויב קאָמוניסטישע פּאָליטישנס ווערן באַזייטיקט.“

(אין אַ לייט־אַרטיקל אין זעלביקן נומער רעדט זיך וועגן אַ „רעוואָלט“ פון די קלאָוקמאַכער. דער מיטינג ווערט דערקלערט פאַר אַ „היסטאָרישן“.)

דעם 4־טן דעצעמבער:

„פרייהייט“:

„זיגמאַן־פאָרווערטס“ גענג אין אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די באַסעס צו ברעכן די קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער.“

(אויף דער זעלביקער, ערשטער, זייט איז אויך געווען אַ גרויסער אויפרוף צו די אַרבעטער.)

„פאָרווערטס“:

„ברעכער פון סטרייק מוזן פאַרלאָזן יוניאָן, פאָדערן קלאָוקמאַכער.“

(אונטער דעם האָט זיך געזאָגט:

„קלאָוקמאַכער מאַרקעט שטורעמט מיט דעם היסטאָרישן קופּער יוניאָן מיטינג“.)

דער קלאָוקמאַכער מאַרקעט האָט באמת געשטורעמט.

דעם 5־טן דעצעמבער:

„פרייהייט“:

„צו פאַרדעטער פון קלאָוקמאַכער וועלן מיר ניט איבערגעבן פירערשאַפט, ענטפערן גענעראַל סטרייק קאָמיטע און שאַפ־טשערמאַן מיטינג.“

„פאָרווערטס“:

„קאָמוניסטישע באַאַמטע ווילן ניט פאָלגן פאָדערונג פון קלאָוקמאַכער זיי זאָלן גלייך רעזיגנירן.“ (מיט גרויסע ווערטער דערציילט זיך: „פאָסטער און רוטענבערג קומען פון שיקאַגאָ צו פירן פייט קעגן די קלאָוקמאַכער“.)

אויף מאָרגן האָט די „פרייהייט“ פאַרעפנטלאַכט אַן אויפרוף פון דער וואָירקערס (קאָמוניסטישער) פאַרטיי, וואו עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז אין ניו יאָרק איז פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ צווישן זיגמאַן און די רעאַקציאָנערען: דזשאָן ל. לואיס, פרעזידענט פון דער מיינערס יוניאָן, און טאָמאַס מעקמעהאָן, פרעזידענט פון דער טעקסטיל יוניאָן, וואו עס איז אויסגעפּלאַנעוועט געוואָרן אַן אַלגעמיינע אַטאַקע.

די באַלעבאַטים, ווידער, האָבן באַלד אויך גענומען אַ האַנט.

דעם 9־טן דעצעמבער:

„פרייהייט“:

„קלאָוק קאָנטראַקטאָרס דערקלערן קריג קעגן דער יוניאָן און זיגמאַן־באַליאַסטרע רופט אַ קאָנפערענץ פון לייבאָר טשיפס צו העלפן באַקעמפן די יוניאָן.“

„פאָרווערטס“:

„קאָנפערענץ אָפּגעבראָכן; קלאָוק קאָנטראַקטאָרס ערקלערן לאָקאַוט“; „אַלע יוניאָנס גערופן צום פאַראייניקטן קאַמף קעגן קאָמוניסטישער פאַרשווערונג.“

אין דער צייט איז שוין די קאַפּיטאַליסטישע פרעסע געווען גוט „באַאַרבעט“. די „טיימס“ און די אַנדערע צייטונגען האָבן אויף די אָנגעזעענסטע ערטער דערציילט וועגן אַ „רעוואָלט“ פון די אַרבעטער קעגן די קאָמוניסטן, רויטע, מאָסקווער אַגענטן. עס זיינען געווען געדרוקט אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, מיט די בילדער פון די רעכטע פי־

רער. די אַטאַקעס פון די רעכטע פירער קעגן די לינקע האָבן די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען געדרוקט ווי סענסאַציעס. אין נאָדל־מאַרקעט זיינען פאָרגעקומען געשלעגן. די אַרבעטער האָבן טאָג און נאַכט באַוואַכט די געביידעס פון דער יוניאָן, ווייל מען האָט זיך געריכט אויף אַן אָנפאַל, ווי אין „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף.* אויך די „פרייהייט" איז געווען באַוואַכט גאַנצע נעכט.

דעם 13־טן איז געקומען די אַנטשיידונג פון די רעכטע מיט געוואַלט איבערצונעמען דעם סטרייק און די פירערשאַפט איבער דער יוניאָן. אויף מאָרגן, דעם 14־טן, איז באַריכטעט געוואָרן:

„פרייהייט":

„נאַכט־העלדן פון דער זיגמאַן־מאַשין באַשטימען אַ פּאָגראָם אויף דער דזשאָינט באָאַרד און אויף אַלע פּראָגרעסיווע לאָקאַלן." ; „סטרייק־קאָמיטע רופט אַלע קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער צו באַשיצן די יוניאָן און צו געבן אַ פּאַסנדן ענטפער צו די ברעכער און סטרייק־פאַררעטער."

(מיט פעטן שריפט איז אויף דער ערשטער זייט געווען געדרוקט אַ קאַמף־רוף צו די אַרבעטער.)

„פאָרווערטס":

„אינטערנעשאָנאַל נעמט איבער פירונג פון קלאָוקמאַכער סטרייק; וועט ניט לאָזן די קאָמוניסטן רואינירן אַ צווייטן סעזאָן פאַר די אַרבעטער."

(אין די נייעס האָט זיך דערציילט, אַז די אַרבעטער „שטורמען" קעגן די סטרייק־פירער, קעגן די קאָמוניסטן, און מאַכן דעמאָנסטראַציעס פאַר די רעכטע. אויף דער ערשטער זייט איז אויך געווען אַ פייערלאַכער רוף צו די אַרבעטער פון מאָריס זיגמאַן.)

די צוויי צייטונגען זיינען געווען כמעט אינגאַנצן אָפּגעגעבן פאַר די קלאָוקמאַכער געשעענישן: די גרעסטע קעפּ, איבער דער גאַנצער

---

* דעם קאַמף האָבן די רעכטע אָנגעהויבן מיטן איבערפאַל איבער די אָפיסעס (קאַנטאָרן) פון די לינקע לאָקאַלן, אין מיטן נאַכט, דעם 15־טן יוני, 1925. עס איז זיי געלונגען צו פאַרכאַפּן די אָפיסעס פון די לאָקאַלן 2 און 9, מיט דער הילף פון „שטאַרקע" און פּאָליציי. דער אָפיס פון לאָקאַל 22 איז שטאַרק באַשיצט געוואָרן, מייסטנס דורך אַרבעטאָרינס, און אין דער גאַנצער צייט פון קאַמף האָט מען אָט די לינקע פעסטונג ניט געקענט נעמען.

בריוט פון דער זייט, אויפרופן, לייט־אַרטיקלען, בילדער, באַשרייבונ־גען. דער „פאָרווערטס“ האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט אויף זיין שטייגער, מיט אַלערליי העצעס און ליגנס — ווי די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן קלאָר באַוויזן.

דעם 15־טן:

„פרייהייט“:

„גרויסע קלאָוקמאַכער דעמאָנסטראַציעס שטורעמען קעגן די נאַכטהעלדן.“

(אין די נייעס דערציילט זיך וועגן פיינטלאַכע דעמאָנסטראַציעס פון טויזנטער אַרבעטער ביי די געביידעס פון דער אינטערנעשאַנאַל און ביים „פאָרווערטס“.)

„פאָרווערטס“:

„לאָקאַוט פון קלאָוק קאָנטראַקטאָרס צוריקגערופן נאָך קאָנפערענץ מיט אינטערנעשאָנאַל; אַלע פונקטן וואָס קאָמוניסטן האָבן שוין נאָכגעגעבן די באָסעס, ווידער אויפגענומען פאַר ארביטריישאָן.“

די ארבעטער־דעמאָנסטראַציעס קעגן „פאָרווערטס“ און דער אינטערנעשאַנאַל זיינען ברוטאַל צעטריבן געוואָרן דורך פּאָליציי, איינגעשלאָסן רייטער־פּאָליציי. פיל אַרעסטן זיינען געמאַכט געוואָרן.

די נייעס פון „פאָרווערטס“ האָט אָפן באַשטעטיקט די טענות פון די סטרייק־פירער, אַז די קאָנטראַקטאָרס אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די רעכטע.

דעם זעלביקן טאָג, דעם 15־טן, האָט די סטרייק־קאָמיטע אַרויסגעלאָזט איר רוף צו די אַרבעטער, זיי זאָלן קויפן באַנדס, — אַ רוף וואָס האָט געפונען אַ זעלטענעם אָפּקלאַנג און וואָס האָט באַלד געוויזן מיט וועמען די אַרבעטער זיינען אויף אַן אמת. אַן דעם אָפּרוף וואָלט דער קאַמף פון די לינקע באַלד צוזאַמענגעבראָכן.* און אויף מאָרגן האָט די סטרייק־קאָמיטע אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די אַרבעטער

* דורך דעם פאַרקויף פון באַנדס האָבן די לינקע געשאַפן נאָענט פון 150 טויזנט דאָלאַר אין משך פון צוויי חדשים.

פאַר אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, דעם 18־טן דעצעמבער.

אָט דער דעמאָנסטראַציע־מיטינג איז געווען איינע פון די גרעס־טע און אַנטשיידנדיקסטע געשעענישן אין דעם קאַמף. דער מיטינג האָט גלייך צום אָנהויב געבראַכן די אָפּענסיווע פון די רעכטע, גע־געבן זיי אַ קלאַפּ וואָס זיי האָבן שפּעטער כסדר געפילט. ניט נאָר איז די דעמאָנסטראַציע גופא, פון אַכצן טויזנט קלאָוק־ און דרעסמאַכער, געווען פון גרויסער באַדייטונג דערמיט, וואָס עס איז קלאָר באַוויזן געוואָרן, אַז די מאַסן זיינען מיט דער לינקער פירערשאַפט. דער מי־טינג איז וויכטיק געווען דערמיט, וואָס ער האָט געבראַכן דעם פּאַ־שיסטישן טעראָר וואָס די רעכטע האָבן ביז דעמאָלט געהאַט אָנגע־ווענדעט קעגן די מיטינגען, וואָס די לינקע פלעגן רופן. אַ ריי מיטינ־גען פון די לינקע זיינען פאַר דעם מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטינג פאַרבאַפּט געוואָרן פון די רעכטע, מיט דער הילף פון „שטאַרקע", אונטערוועלט־לייט און פּאָליציי. נאַטירלאַך פלעגן אין אַזעלכע פאַלן די מיטינגען מייסטנס אינגאַנצן אָפּגעבראַכן ווערן. דאָס זעלביקע האָבן די רעכטע געפּלאַנעוועט טאָן מיטן מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. די סטרייק־פירערשאַפט האָט אָפיציעל איינגעלאַדן זיגמאַן'ען צום מי־טינג און גאַראַנטירט צו געבן אים אַ געלעגנהייט פאַרצוברייניגן זיין שטאַנדפּונקט פאַר די אַרבעטער. אָבער ניט דאָס האָבן די רעכטע גע־וואָלט. זיי האָבן זיך כסדר אָפּגעזאָגט, און זאָגן זיך אָפּ, צו דיסקוטירן מיט לינקע עפנטלאַך, פאַר די אַרבעטער. די רעכטע האָבן געוואָלט אויך דעם מיטינג פאַרבאַפּן, אָדער אָפּברעכן.*

---

* נאָענט פאַר דעם מיטינג אין גאַרדן האָבן די רעכטע עטלאַכע מאָל פאַרבאַפּט מיטינגען פון די לינקע אין שיקאַגאָ. אין פאַרבאַפּן מיטינגען פון לינקע אין ניו יאָרק, פלעגט זיך באַזונדערס אויסצייכענען די „שטאַר־קע" פירערשאַפט פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער „אַמאַלגאַ־מייטעד", אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם סאָציאַליסט אב. בעקערמאַן, וועל־כער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע פאַשיסטישע מעטאָדן, און וועל־כער איז אָפן באַשולדיקט געוואָרן אין שטיין אין צו־נאָענטע באַציאונגען מיט דער אונטערוועלט. דער דאָזיקער „סאָציאַליסט" האָט זיך אָפן באַרימט, אַז ער וועט פאַרבאַפּן דעם מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן.

ביידע צדדים האָבן זיך געגרייט צו דעם מיטינג ווי צו אַ מלחמה. אַ טאָג פאַרן מיטינג, דעם 17־טן:

„פרייהייט“:

„קלאָוק און דרעססמאַכער מאָביליזירן זיך פאַר מאָרגן פרי צום מיטינג אין נייעם מעדיסאָן סקווער גאַרדן.“

„פאָרווערטס“:

„אַלע קלאָוק און דרעססמאַכער מוזן גיין צום מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטינג מאָרגן.“

„די קאָמוניסטישע געמבלערס“ — האָט דער „פאָרווערטס“ געשריבן מיט פעטן שריפט — „וועלכע האָבן אוועקגעגעמבלט דעם סטרייק, דעם ברויט און דעם לעבן פון די קלאָוקמאַכער, געמבלען שוין ווידער. זיי שפּילן מאָרגן זייער לעצטע קאָרט. זיי רופן אַ מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. דאָס איז זייער לעצטע קאָרט, און ווי פאַרצווייפלטע געמבלערס שטעלן זיי איין אַלעס און אַלעמען אויף דיזער קאָרט.“

אויף מאָרגן, דעם 18־טן, האָט דער „פאָרווערטס“ ווידער געשריבן דאָס אייגענע, וועגן די „געמבלערס“ און וועגן דער „לעצטער קאָרט“, און האָט אין אַ גרויסער שורה איבער דער גאַנצער ברייט פון דער זייט, געלאָזט וויסן: „אַלע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן ניט צו לאָזן די קאָמוניסטישע כוליגאַנעס טעראָריזירן די אַרבעטער“.

און אַלע מיטלען זיינען באמת אָנגענומען געוואָרן.

ביידע צדדים האָבן זיך געגרייט צו דעם מיטינג ווי צו אַ מלחמה. הונדערטער לינקע אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין גרופּן צו באַוואכן דעם מיטינג. די רעכטע האָבן זיך אָרגאַניזירט אויף זייער שטייגער. די אייגנטימער פון זאַל, פאַר וועלכן די סטרייק־פירער האָבן באַצאָלט, זיינען געוואָרנט געוואָרן, אַז עס קען קומען צו בלוט־פאַרגיסונגען. הונדערטער פּאָליציאַנטן זיינען געווען ביים זאַל, אינעווייניק און פון דרויסן. די וואָס זיינען געקומען צום מיטינג זיינען דורכגעגאַנגען אַ ריי פון אַ פּאָר הונדערט אַקטיווע לינקע אַרבעטער פון אַלע פאַכן, און יעדע פאַרדעכטיקע פּערזאָן איז גלייך אַרויסגעפירט געוואָרן. אַן ערך טויזנט פּערזאָן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען געדונגענע אונטערוועלט־טיפּן, סטרייק־ברעכער און אַקטיווע רעכטע

פון אַלע פאַכן, זיינען ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן. זיגמאַן איז געווען צווישן זיי. אַן זיין „עולם" האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען די איינלאַדונג אַריינצוגיין.

אינעווייניק האָבן אַרום אַכצן טויזנט אַרבעטער דעמאָנסטרירט פאַר די לינקע פירער. די אָוואַציעס פאַר די פירער האָבן געדויערט פיל מינוטן.* דער מיטינג האָט אַרויסגעדונערט דעם לאָזונג:

„ז י ג מ אַ ן מ ו ז ג י י ן!"

און ער סוף כל סוף געגאַנגען.

ניט אַזוי שנעל איז דאָס אָבער אָנגעקומען, און ניט אים אַליין האָט מען געמיינט. און ווען זיגמאַן איז אַוועק, אין סעפּטעמבער 1928, און די רעכטע האָבן אויף זיין אָרט געמאַכט פאַר פּרעזידענט דעם זעלביקן ב. שלעזינגער, וועלכער איז אין יאַנואַר 1923 אַוועק, איז שוין די קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן פון לאַנג געווען פאַרקויפט צו די באַלעבאַטים, צעבראָכן, אָפּגעווישט. דער צאָרן פון די אַרבעטער און דער באַנקראָט פון די רעכטע איז שוין געווען אַזוי גרויס און אַזוי קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער קאָפּ, זיגמאַן, האָט געמוזט פאַלן.

די דעמאָנסטראַציע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן איז ניט געווען די איינציקע דראַמאַטישע געשעעניש אין דעם קאַמף. ניט ווייניקער דראַמאַטיש זיינען געווען די מיטינגען וואָס זיינען גערופן געוואָרן פון ביידע צדדים דעם 20־טן יאַנואַר, 1927.** אַנדערע מיטינגען און

* דער פאָרזיצער אויף דעם מיטינג איז געווען ס. זימערמאַן, וויצע־פאָרזיצער פון דער סטרייק־קאָמיטע. די רעדנער זיינען געווען: לואיס היימאַן, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער סטרייק־קאָמיטע, י. באָרוכאָוויטש, י. פּאָרטנאָי, ראָוז וואָירטיס, מ. רובין, און דער מענעדזשער פון דער דזשאָינט באָאַרד פון די פוטערוואָרג (פאָר)־אַרבעטער, ב. גאָלד.

** די אַמ. פעד. אָוו לייבאָר האָט גערופן מיטינגען אין צוויי אַרמאָריס (קאַזאַרמעס) פון אַלע אַרבעטער. ביידע אַרמאָריס, ווען אָנגעפילט, נעמען אַריין אַרום 15,000 מענטשן. די לינקע האָבן אויפן זעלביקן אָוונט גערופן מיטינגען אין אַ גאַנצער ריי זאַלן אין ניו יאָרק. 17 זאַלן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט איבער 20,000 אַרבעטער. די רעכטע האָבן אין ביידע אַרמאָריס געהאַט צווישן 8 און 10 טויזנט אַרבעטער, וועלכע זיינען

דעמאָנסטראַציעס, ממש אָן אַ צאָל, זיינען גערופן געוואָרן פון די לינקע. נאָך אַ דעמאָנסטראַציע־מיטינג איז דעם 10־טן סעפּטעמבער, 1927, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. די מאַסן זיינען שטענדיק געקומען אויפן רוף פון די לינקע. די רעכטע האָבן פון דעם 20־טן יאַנואַר, 1927, ביז יוני, 1928, — אַנדערהאַלבן יאָר! — ניט געוואַגט צו רופן אַ מיטינג.* אָבער דער סטרייק, די יוניאָן, דער גורל פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס, איז אַנטשיידן געוואָרן אין די ערשטע וואָכן פון דער אַטאַקע.

די רעכטע האָבן אין דעצעמבער 1926 אַרויסגעלאָזט אַן אָרדער, אַז אַלע קלאָוק־ און דרעסמאַכער זאָלן זיך רעגיסטרירן אין די נייע לאָקאַלן, וואָס זיינען, לויט אַ דעקרעט פון זיגמאַנ׳ען, באַשטימט געוואָרן אויפן אָרט פון די געזעצלאַכע. דאָס איז געווען אַן אַקט *קעגן דער קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן*, וועלכע פאַרווערט אַראָפּצוזעצן באַאַמטע אָן קלאַגן און אָן אַ משפּט. דער „פאָרווערטס“ האָט אָנגעהויבן באַנוצן זיין אַלטע מעטאָדע פון „מען שניידט שוין וואַרע“.** דעם 25־טן דעצעמבער, 1926, האָט זיגמאַן

צום גרויסן טייל געצוואונגען געוואָרן צו קומען אונטערן דרוק פון די רעכטע באַאַמטע אין אַ ריי יוניאָנס, מיט דער מיטווירקונג פון די באַלעבאַטים (זע דאָקומענט אין „פרייהייט“, 22־טן יאַנואַר, 1927). די מייסטע פון די 8־10 טויזנט אַרבעטער האָבן דעריבער פרי פאַרלאָזן די מיטינגען פון די רעכטע און זיינען צום גרויסן טייל אַוועק צו די מיטינגען פון די לינקע. די שפּעטערע רעדנער אויף די מיטינגען פון די רעכטע האָבן גערעדט פאַר פּוסטע זאַלן.

* דעם מיטינג האָבן זיי דעם 6־טן יוני גערופן אין מאַנהעטן אָפּערא הויז, וואָס האָט 2,779 ערטער.

** אין אָנהויב 1914, ווען י. א. הורוויטש האָט געפירט זיין קאַמף פאַר רעפאָרמען אין דער יוניאָן (זע אַרטיקל „דער שטענדיקער קאַמף“ א. אַז. וו., ז. 61) און די מאַסן זיינען געווען זייער שטאַרק אויפגערודערט, איז דער „פאָרווערטס“ אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסער שרייענדיקער קאָפּ: „מען שניידט שוין וואַרע אין די קלאָוק פעקטאָריס“, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער פון קאַמף.

געהאַט אין „פאָרווערטס" אַן אויפרוף אויף אַ גאַנצער זייט, וואָס האָט געטראָגן די שרייענדיקע איבערשריפט: „קלאָוקמאַכער, מאַכט זיך גרייט צום ספרינג־סעזאָן". דער אויפרוף גופא האָט געהאַמערט אויפן „ספרינג־סעזאָן". „לייגט ניט אָפּ אַפילו אויף איין טאָג", „רעגיסטרירט זיך", „אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט מען שוין אַרבעטן אין אַלע שעפּער". דער „פאָרווערטס" האָט ניט אויפגעהערט שרייען, אַז מען רעגיסטרירט זיך אין די טויזנטער, אַז „די קאָמוניסטן גיבן אַליין צו, אַז זיי זיינען דורכגעפאַלן מיט זייער מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטינג" (20־טן דעצעמבער), און אַז „די קאָמוניסטישע זשוליקעס אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן זיינען נעבאַך אַזוי צעטומלט, אַז זיי ווייסן ניט אויף וועלכער וועלט זיי זיינען" (26־טן דעצעמבער).

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן באַוויזן, אַז די אַרבעטער זיינען ניט געגאַנגען זיך רעגיסטרירן, מיטן אויסנאַם פון נישטיקע גרופּן. וואָלטן די רעכטע ניט גענומען די באַלעבאַטים צוהילף, וואָלטן זיי לאַנג ניט אויסגעהאַלטן. זיי האָבן זיך אָבער פון אַנהויב אָן אָנגע־שפּאַרט אויף די באַלעבאַטים, געשלאָסן מיט זיי יד אחת, און די באַלעבאַטים האָבן פאַר זיי געפירט דעם קאַמף. העכער אַ האַלב יאָר האָבן די רעכטע פּרובירט רעגיסטרירן די אַרבעטער. אפילו זייערע מערדערלאַכע מעטאָדן האָבן ניט געהאָלפן.* דעם 1־טן יוני, 1927,

---

* זע אַרטיקל „גענגסטעריזם אין די יוניאָנס", זייט 143, וועגן דעם בלוטיקן אָנפאַל אויף דעם אַרבעטער דזשאָזעף די־מאָלאָ (דעם 31־טן דעצעמ־בער, 1926, אין שאַפּ פון דער מאָנראָו דרעס קאָ., 322 7־טע עוועניו). די צוויי גענגסטערס, געדונגען פון דער אינטערנעשאָנאַל, זיינען אַרעסטירט געוואָרן. דעם 7־טן פעברואַר, 1927, זיינען אַרעסטירט געוואָרן 3 גענגסטער וואָס האָבן געשאָסן אויף לינקע טוער פון דער יוניאָן. זיי זיינען פאַרטייַ־דיקט געוואָרן פון די לאָיערס פון דער אינטערנעשאָנאַל און זיינען באַ־פרייט געוואָרן. דעם 24־טן יוני, 1927, זיינען געכאַפּט געוואָרן זיבן גענג־סטער, און איינער פון זיי האָט זיך מודה געווען, אַז זיי זיינען געדונגען געוואָרן פון דער אינטערנעשאָנאַל (זע ענגלישע און אידישע פּרעסע פון ניו יאָרק פון דעם טאָג און די ווייטערדיקע טעג). וועגן די סיבות פאַר דער באַפרייאונג פון אונטערוועלט־טיפּן וואָס פלעגן געכאַפּט ווערן מיט פאַרבלוטיקטע הענט — זע „דער היפּאָקריזם פון „פאָרווערטס", ז. 87.

האָבן די באַלעבאַטים אָפיציעל אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן פון די שעפער די אַרבעטער וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט רעגיסטרירן אין די אָפּאָזיציע־לאָקאַלן פון די רעכטע.

די באַלעבאַטים האָבן אויפן פּאַפּיר נאָכגעגעבן די רעכטע פירער אַ סך זאַכן, און דער „פאָרווערטס" איז אין די ערשטע וואָכן פון יאַנואַר 1927 אַלע מאָל אַרויסגעקומען מיט אַ נייעס, אַז די „פּייאיקע פירער", ווי ער האָט די רעכטע אָנגערופן, האַלטן אין איין געווינען פאַר די אַרבעטער. „דזשאָבערס פאַרפליכטן זיך צו שיקן אַרבעט בלויז אין יוניאָן־שעפער", פּערציק שעה אַ וואָך, יוניאָן באַדינגונגען — אַלץ איז געזיכערט („פאָרווערטס", 9־טן יאַנואַר, 1927, וועגן די דרעס־דזשאָבערס, און 13־טן יאַנואַר — דאָס זעלביקע וועגן די קלאָוק־דזשאָבערס). די לינקע האָבן געוואָרנט, אַז דאָס איז בלאָף, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרראַט, אַ יד אחת מיט די באַלעבאַטים. די אַרבעטער האָבן געפילט דעם אמת פון די וואָרנונגען — דורך די גע־שניטענע שכירות, דורך דער שקלאַפעריי אין די שעפער, וועלכע האָט זיך ניט לאַנג נאָך די „דערפאָלגרייכע" אָפּמאַכן פון די רעכטע אָנגעהויבן.

די רעכטע זיינען געווען אַן מיטלען, ווייל די אַרבעטער האָבן זיי ניט געוואָלט צאָלן קיין דיוס. זיינען געקומען די באַלעבאַטים און האָבן זיי אָוועקגעגעבן דעם אינשורענס פאָנד פון איבער 500,000 דאָלאַר, וועלכער האָט געדאַרפט אויסגעצאָלט ווערן צו אַרבעטלאָזע קלאָוקמאַכער.* מיט די געלט האָבן זיך די רעכטע אויפגעהאַלטן,

---

* דעם 17־טן אָקטאָבער, 1927, האָט מ. זיגמאַן, אויף אַ פאַרהער פאַרן ריכטער לואיס ב. בראָדסקי, אויף די פראַגן פון די לאָיערס פון די לינקע, געענטפערט, אַז ער האָט געקראָגן פון אינשורענס־פאָנד 380 טויזנט דאָלאַר. די לינקע פירער האָבן באַשולדיקט, אַז דער פאָנד האָט פאַרמאָגט 600 טויזנט דאָלאַר. דאָס געלט, וואָס האָט געהערט צו די אַרבעטלאָזע קלאָוקמאַכער, איז, לויט די באַשלוסן פון דער גאָווערנאָרס קאָמישאָן, פאַרוואַלטעט געוואָרן פון פאַבריקאַנטן און באַנקירן, אונטערן פאָרזיץ פון באַנקיר אַרטור ד. וואולף. דער פאַרטרעטער פון דער יוניאָן אין דער פאַרוואַלטונג איז געווען זיגמאַן. האָבן אַלע פאַרוואַלטער רעזיגנירט און זיגמאַן איז געבליבן אַליין מיטן פאָנד.

גערונגען אונטערוועלט-גענגסטער, פארגאָסן דאָס בלוט פון די ארבע־טער — אַלץ כדי ארויפצוצווינגען זיך אויף זיי. די פּאָליציי, די גע־ריכטן, זיינען געווען אויף דער זייט פון די רעכטע. פיל ארבעטער זיינען געשיקט געוואָרן אין טורמע. קיין זאַך האָט אָבער ניט גע־האָלפן.

די ארבעטער זיינען אויסגעשטאַנען די גרעסטע ליידן, הונגער, פארפאָלגונגען, קלעפּ. זיי האָבן זיך געווערט, פּראָטעסטירט, דעמאָנ־סטריט, און ניט געוואָלט דער קליקע אָנערקענען, ניט געצאָלט איר קיין דיוס. קאָמיטעס פון שאָפּ-טשערלייט, אויסגעוויילט אויף שאָפּ־קאָנפערענצן, האָבן דעם קאַמף געהאָלפן פירן. אַזעלכע וואָס זיינען צום אָנהויב געווען אומפּארטייאיש, זיינען צוליב די שרעקלאַכע באַ־דינגונגען אין שאָפּ, וואָס זיינען געקומען אַלס פּארראַט פון די רעכ־טע, צוגעשטאַנען צו די לינקע. און אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען אין אָנהויב געווען מיט די רעכטע, האָבן זיך אָנגעהויבן פון זיי אָפּקערן.

דעם 7-טן מאַי, 1928, האָט די רעכטע קליקע, אונטער דער שוץ פון פּאָליציי, אָפּגעהאַלטן אין באָסטאָן אַ צוזאַמענפאָר (קאָנווענשאָן), אויסגעקליבן אויף אַ העכסט שווינדלערישן שטייגער.* די לינקע, וועל־כע זיינען צו דער קאָנווענשאָן ניט צוגעלאָזט געוואָרן, האָבן אָפּגע־האַלטן, אין באָסטאָן, אַן אייגענע „נאַצ. ארג.-קאָנפערענץ", אויף וועלכער עס זיינען געווען דעלעגאַטן פון ניו יאָרק, באָסטאָן, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע און לאָס אַנדזשעלעס, און האָבן געגרינדעט אַ נאַציאָ־נאַלע אָרגאַניזאַציע־קאָמיטע. עס איז שוין דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז מען מוז אָנהויבן בויען אַ נייע יוניאָן.

דעם 8-טן אויגוסט, 1928, האָט די קאָנפערענץ פון שאָפּ-פאָר־טרעטער אין ניו יאָרק צונויפגערופן אַ דעמאָנסטראַציע-מיטינג אין בראָנקס סטאַדיום, וואו עס זיינען געווען ארום פופצן טויזנט ארבע־טער. אויף דעם מיטינג איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו גרינדן אַ נייע יוניאָן.

---

* זע „שווינדלער מאַכן אַ קאָנוועשאָן", ז. 112.

דער גרויסער אינטערעס וואָס די אידישע אַרבעטער פון אַלע פאַכן האָבן אַרויסגעוויזן דעם קאַמף אין דער אינטערנעשאַנאַל, נעמט זיך אָבער ניט נאָר דערפון, וואָס די קאַמפן אין דער יוניאָן האָבן זיי שטענדיק אינטערעסירט, און אויך ניט דערפון, וואָס דער איצטיקער קאַמף איז דער לייִנגסטער און פאַרביטערטסטער. פיל וויכ־טיקער איז דער פאַקט, וואָס בעת אַלע מאָל איז דער קאַמף אין דער יוניאָן געווען בלויז אַ קאַמף אין דער יוניאָן, איז דער איצטיקער קאַמף בלויז אַ טייל פון דעם גאַנצן קאַמף וואָס קומט פאָר אין דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

פוטערוואַרג־אַרבעטער (פאַריער), מענער־שניידער, סטאָליער, מאָליארעס (פיינטער), היטל (קאַפּן)־מאַכער, הוט־פוצער (מילי־נערי־אַרבעטער), פלייש־אַרבעטער (בוטשערס), בעקער, שפּייז־קראָם אַנגעשטעלטע (גראָסערי קלוירקס), פילן דעם קאַמף ביי זיך אין זייע־רע יוניאָנס. וואו ער קומט פאָר אָפן, ווי ביי די קלאָוק־ און דרעס־מאַכער, וואו ער טליעט אין דער שטיל, ברעכט אויס פון צייט צו צייט, אָדער האַלט ביים אויסברעכן.

עס איז אַ קאַמף אויף דער גאַנצער ליניע. עס איז אַ קאַמף פון דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע פון דער רייִנק און פייל קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע פון דער אַלטער פירערשאַפט, די רעאַקציאָנערע פירערשאַפט פון דער אַמעריקען פע־דערייִשאָן אָוו לייבאָר. עס איז אַ קאַמף קעגן צעך־יוניאָניזם, ביזנעס־יוניאָניזם, כאַבאַר־יוניאָניזם. עס איז אַ קאַמף קעגן דער אידעאָלאָ־גיע פון קלאַסן־שלום און קלאַסן־שותפות, וועלכע האָט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן אין די רייען פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַמעריקע, אַראָפּגעדריקט זייער סטאַנדאַרד, רואינירט זייערע יוניאָנס. עס איז אַ קאַמף קעגן פאַררעטער פון דער אַרבעטער זאַך, אַ קאַמף קעגן דינער פון קאַפּיטאַל. און עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ קאַמף צו אָר־גאַניזירן די אַרבעטער פון אַמעריקע, וועלכע זיינען ניט אָרגאַניזירט, אָרגאַניזירן זיי אויף נייע, אינדוסטריעלע יסודות.

דער צווייטער אָפּטייל פון דעם בוך איז געווידמעט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר, דער לאַגע

ביי די קוילן־גרעבער, ביי די אַרבעטער פון פלייש־טראַסט, פון שטאָל־טראַסט, אויטאָמאָביל־טראַסט, סאָבווי קאָמפּאַניעס, און אַזוי ווייטער. פונקט ווי די אַרבעטער פון די אַנדערע פאַכן זיינען אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמף פון די קלאָוק און דרעסמאַכער, אַזוי זיינען די קלאָוק און דרעסמאַכער פאַראינטערעסירט אין די קאַמפן פון די אַנדערע אַרבעטער, — ווייל עס איז איין קאַמף. און אַט דעריבער איז איינעם פון די הויפּט־פירער פון דעם קאַמף פון די קלאָוק און דרעסמאַכער געלעגן אין זינען, בעת ער איז געשטאַנען אויף זיינע אייגענע באַריקאַדן, צו שיקן זיינע פיילן אין די נערים, די מעטיו וואָלס, די גרינס, די האַטשעסאַנס, הילמאַנס, קאַהאַנס, צביונס און די אַנדערע. עס איז איין קאַמף.

איין פאַך פון די אַלע מוז אָבער אויסגעטיילט ווערן — דער פאַר (פוטערוואַרג) פאַך, וועלכער נעמט אַרום אומגעפער צוועלף טויזנט אַרבעטער. אין דעם אַנגריף פון דער רעאַקציאָנערער פירערשאַפט אויף די לינקע, איז דער פאַך, וועלכער איז אין ניו יאָרק אויך געפירט געוואָרן פון לינקע, אויסגעשטאַנען די אַטאַקעס גלייכצייטיק מיט די קלאָוק און דרעסמאַכער.

די ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער יוניאָן האָט דורך איר קאַמף־לוסטיקער פירערשאַפט, אין איין יאָר צייט, פון מאַי 1925 ביז יוני 1926, דערגרייכט דאָס וואָס קיין אַנדער פירערשאַפט פון דער יוניאָן האָט אין קיין שום צייט ניט דערגרייכט. דער פאַך, וועלכער איז איבער אַכציק פּראָצענט קאָנצענטרירט אין ניו יאָרק, איז כמעט פולשטענדיק אָרגאַניזירט געוואָרן. פון 16־טן פעברואַר ביזן 10 יוני, 1926, האָט די ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד אָנגעפירט אַ דראַמאַטישן סטרייק — דראַמאַטיש אויך צוליב דעם, וואָס די רעכטע האָבן אים פּרובירט ברעכן און האָבן ניט געקענט* — און האָט געקראָגן פאַר די אַרבעטער אַ באַדייטענדיקן זיג, סיי אין פאַרקלענערן די אַרבעט־שטונדן און סיי אין העכערן די שכירות. די ניו יאָרקער פוטערוואַרג־אַרבעטער זיינען געווען פון די ערשטע, ניט נאָר אין דער אי־

* וועגן די איינצלהייטן זע „די פאַרשווערונג אין מינעאָלאַ", אַרויסגעגעבן פון דער דזשאָינט דעפענס קאָמיטע.

דישער ארבעטער־באוועגונג, צו געווינען א פינף־טאגיקע, פערציק־שעה׳דיקע, ארבעט־וואך. דער מאטעריעלער לעבנס־סטאנדארד פון דעם ארבעטער, זיין באדייטונג אין שאפ און אין דער אינדוסטריע, האט זיך געהאט געוואלדיק געהויבן.

אבער די רעכטע, וועלכע האבן ניט געקענט ברעכן אט־די לינקע פירערשאפט אין דער צייט פון סטרייק, האבן זיך גענומען צו דער יוניאן בעת דער אלגעמיינער אטאקע פון דער אמעריקען פעדערייטשאן או לייבאר און אלע רעכטע עלעמענטן קעגן די קלאוק־ און דרעס־מאכער. אין אנהויב מערץ, 1927, האט די אמעריקען פעדערייטשאן או לייבאר געגרינדעט אן אפאזיציע־יוניאן אין דעם פוטערווארג־פאך. אויך דא האט מען די לינקע, געזעצלאך־דערוויילטע, פירער, ניט גע׳משפט, לויט דער קאנסטיטוציע פון דער יוניאן. איינע פון די הויפט־באשולדיקונגען פון דער אמעריקען פעדערייטשאן או לייבאר איז געווען, אז די לינקע פירער האבן אונטערגעקויפט דער פאליציי אין צייט פון סטרייק, און דעריבער זיינען אזעלכע פירער ניט די פאסנדיקע מענטשן צו פירן ארבעטער...*

די אפאזיציע־יוניאן, וואס די אמ. פעד. או לייבאר האט געגרינדעט, האט זיך פון אנהויב אן אנגעשפארט אויף די באלעבאטים, וועלכע האבן די ארבעטער באפוילן זיך אנצושליסן אן דער יוניאן. די ארבעטער, וואס האבן דאס ניט געוואלט טאן, זיינען ארויסגעווארפן געווארן אויפן גאס. די אפאזיציע־יוניאן האט געהאט אויף איר זייט די גאנצע קאפיטאליסטישע מאכט, די קאפיטאליסטישע עפנטלאכקייט, און דעם „פארווערטס“, מיט וועמענס הילף — פינאנציעלע און מאראלישע — זי האט געדונגען אונטערוועלט־גענגסטער צו שפאלטן די קעפ און שטעכן מיט מעסערס די ארבעטער, וואס זיינען געווען מיט דער דזשאינט באארד, און אויך די פירער פון דער דזשאינט באארד. צו דער זעלביקער צייט האט מען אויף די לינקע פירער געמאכט פארשווערונגען און געשטעלט זיי צום געריכט. ניין פון זיי האט מען אין דעם שטעטל מינעאלא, לעבן ניו

* זע „די פארשווערונג אין מינעאלא“ און די ניו יארקער פרעסע פון 14־טן יאנואר, 1927, און ווייטער.

יאָרק, פאַר׳משפּט אויף אַ טערמין פון צוויי און אַ האַלב ביז פינף יאָר טורמע.*

אין יוני, 1927, האָט די דזשאָינט באָארד גערופן אַ סטרייק קעגן די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געצוואונגען די אַרבעטער צו געהערן צו דער רעכטער יוניאָן. דער סטרייק איז אויף אַ ברוטאַלן, בלוטיקן אופן אונטערדריקט געוואָרן. די פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי, די אורטיילן פון געריכט, די בלוטיקע אַטאַקעס פון גערונגענע גענגס־טער, האָבן ניט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין קיין ניו יאָרקער סטרייק. אַרבעטער־בלוט האָט זיך יעדן טאָג געגאָסן. פּיקעטס זיינען אַרעס־טירט געוואָרן אין די הונדערטער, ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אַרום די שעפּער, און זיינען ברוטאַל באַהאַנדלט געוואָרן. מיט קאַמף־גע־זאַנג פלעגן די אַרבעטער גיין אין טורמע אריין, מיט מוט פלעגן אַנדערע אַרבעטער קומען פאַרנעמען די ערטער פון די אַרעסטירטע. אָבער די קליינע יוניאָן פון געצייילטע טויזנטער אַרבעטער האָט ניט געקענט ביישטיין די אַטאַקע פון ניו יאָרקער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, די געריכטן און דער אונטערוועלט, וועלכע האָבן געטאָן די אַרבעט פאַר די רעכטע.**

---

* דאָרט. איין פּאָריער־אַרבעטער, ס. קורלאַנד, איז, זומער 1927, פאַר־שפּאַרט געוואָרן אין טורמע אויף פינף יאָר. ווען די שורות ווערן געשריבן זיינען צוויי פון די מינעאָלאַ פאַר׳משפּט׳ע אַוועק אין טורמע און איבער זיבן איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער פּראָצעס.

אַז דער „פאָרווערטס״ האָט דער רעכטער יוניאָן געגעבן געלט איז אָפיציעל געזאָגט געוואָרן אין אַ דאַנק־רעזאָלוציע, וואָס די רעכטע האָבן אָנגענומען אויף זייערן אַ צוזאַמענפאָר, אין יוני, 1927, אין וואַשינגטאָן, וועלכע איז דעם 20־טן יוני איבערגעגעבן געוואָרן אין „פאָרווערטס״.

וועגן איינעם פון די מאָרד־אָנפאַלן פון די גערונגענע גענגסטערס, זע אַרטיקלען: „דער היפּאָקריזם פון „פאָרווערטס״, ז. 87, און „גענגסטעריזם אין די יוניאָנס״, ז. 143.

** דער סטרייק איז דערקלערט געוואָרן דעם 3־טן יוני. די ערשטע וואָך קאַמף האָט פּאַראַליזירט די ניו יאָרקער פּאָר־אינדוסטריע, און די אַמ. פעד. אָוו לייבאָר און די באַלעבאַטים האָבן דערזעען, אַז די לינקע האַלטן ביים געווינען. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע אַטאַקע. דער פאַר־דיסטריקט

די ארבעטער האבן די רעכטע „יוניאן“ קיינמאל ניט אנערקענט. די דאזיקע „יוניאן“ האט זיך קיינמאל ניט דערלויבט צו רופן א מאסן־מיטינג פון די ארבעטער. זי עקזיסטירט אינגאנצן אויפן חשבון פון די באלעבאטים. דורך אומצאליקע באגייסטערטע מאסן־מיטינגען האבן די ארבעטער אויסגעדריקט זייער סאלידאריטעט מיט דער פאריערס דזשאינט באארד. דא, פונקט ווי ביי די קלאוק־ און דרעס־מאכער, האבן די רעכטע קיינמאל ניט געוואלט מסכים זיין אויף דער פאדערונג פון די לינקע — צו לאזן די ארבעטער באשליסן צו וועלכער יוניאן זיי זאלן געהערן. און פונקט ווי ביי די קלאוק־ און דרעס־מאכער, אזוי זיינען דא געווען די רעזולטאטן פון דעם פארראט פון די רעכטע, וועלכע האבן געטאן די ארבעט פאר די באלעבאטים: די יוניאן איז חרוב געווארן, די יוניאן־באדינגונגען — פארהעלטניס־מעסיק, גלענצנדיקע באדינגונגען — וואס זיינען אויסגעקעמפט געווארן מיט אזוי פיל מסירת נפש, זיינען אפגעווישט געווארן. די ארבעטער זיינען שוצלאז, פארשקלאפט, קענען קיין לעבן ניט מאכן ווען זיי ארבעטן, און זיינען א גרויסן טייל פון יאר ארבעטלאז, ווייל די וואס ארבעטן זיינען געצוואונגען ארויסצוגעבן מער ארבעט. און אויך דא זיינען די ארבעטער געקומען צום באשלוס צו גרינדן א

איז פארפלייצט געווארן מיט פאליציי און גענגסטער. די האנדלונג פון דער פאליציי און פון די ריכטער קען אילוסטרירט ווערן מיט דער צאל ארעסטן פון פיקעטס און מיט די אורטיילן איבער זיי. מאנטאג, דעם 5־טן יוני, ביי דער ערשטער גרויסער פיקעט־דעמאנסטראציע, זיינען ארעסטירט געווארן אינגאנצן 20 פיקעטס און זיי זיינען אלע באפרייט געווארן — א טייל פון זיי אויף קלייניע קויציע־געלט — ווי עס פירט זיך מייסטנס בעת סטרייקס. דעם 16־טן יוני זיינען שוין ארעסטירט געווארן 105 פיקעטס, דעם 17־טן — 46, דעם 20־טן — 116, דעם 23־טן — 76, דעם 27־טן — 244 פיקעטס, א. א. וו. ארבעטער און ארבעטערינס זיינען אוועקגעשיקט געווארן אין טורמע אין די הונדערטער, טייל אויף אזוי הויך ווי זעקס חדשים. די אומגעהויערע ברוטאליטעטן און מערדערייען האבן אויפגע־רודערט די אידישע ארבעטער. דעם 25־טן יוני האבן פופצן טויזנט ארבעטער אפגעהאלטן א דעמאנסטראציע אויף יוניאן סקוועד צו פראטעסטירן קעגן די ברוטאליטעטן.

נייע יוניאָן, אויף אינדוסטריעלע יסודות, אין וועלכער אַלע פוטער־וואָרג־אַרבעטער פון לאַנד זאָלן זיין פאַראייניקט צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרבעטער פון דער נאָדל־אינדוסטריע.

דער ווילן פון די אַרבעטער איןביידע יוניאָנס איז געקומען צום אויסדרוק דורך צוויי פּאַראַלעלע צוזאַמענפאָרן פון די ביידע יוניאָנס, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק, צווישן 28־טן דעצעמבער, 1928, ביזן 2־טן יאַנואַר, 1929. יעדער פון די צוזאַמענפאָרן האָט אָנגענומען די רעזאָלוציע צו פאַראייניקן ביידע יוניאָנס. די קלאָוק־און דרעסמאַכער יוניאָן האָט אָנגענומען די רעזאָלוציע דעם 29־טן און די פאַריער־יוניאָן דעם 30־טן. דעם 31־טן האָבן זיך ביידע צוזאַמענפאָרן צוזאַמענגעגאָסן אין איין קערפּערשאַפט, אין סטאַר קאַסינאָ. דעם 30־טן, בייטאָג, אין לינקאָלן אַרענאַ, האָט אַ גרויסע מאַסע נאָדל־אַרבעטער, צווישן זעקס און זיבן טויזנט, גוט־געהייסן די פאַראייניקונג.*

עס איז געשאַפן געוואָרן די אינדוסטריעלע יוניאָן פון אַלע נאָדל־אַרבעטער אין אַמעריקע — די „נידל טרעידס וואָירקערס אינדאַסטריעל יוניאָן" (נאָדל־פאַך אַרבעטער אינדוסטריעלער פאַראיין).

העלדישקייט האָבן אידישע אַרבעטער באַוויזן פיל מאָל אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, אין אייראָפּע און אַמעריקע. גרויסע מאַסן־קאַמפן זיינען אין דער אידישער אַרבעטער

---

* די קלאָוק און דרעסמאַכער קאָנווענשאָן האָט זיך געעפנט דעם 28־טן דעצעמבער, 1928, אין סטאַר קאַסינאָ, מיט 180 דעלעגאַטן פון ניו יאָרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, באַלטימאָר, לאָס אַנדזשעלעס און סאַן פראַנציסקאָ. די קאָנווענשאָן פון די פאַריערס האָט זיך געעפנט דעם 29־טן, אין אירווינג פּלאַזאַ, מיט דעלעגאַטן פון ניו יאָרק, ברוקלין, נוארק, באָסטאָן, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ. די אינדוסטריעלע יוניאָן פון קאַנאַדע האָט געשיקט אַ דעלעגאַט צו ביידע קאָנווענשאָנס. אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פאַראייניקטער קאָנווענשאָן, דעם 2־טן יאַנואַר, 1929, זיינען דערוויילט געוואָרן: פאַר פּרעזידענט פון דער „נידל טרעידס אינדאַסטריעל יוניאָן" — לואיס היימאַן, פאַר סעקרעטאַר־קאַסיר — ב. גאָלד.

באַוועגונג אין אַמעריקע געווען פריער אויך. דאָס פייער האָט אָפט אויפגעלויכטן העל, אָבער קיינמאָל ניט אויף לאַנג, און קיינמאָל האָט דאָס פייער ניט אַרומגעכאַפּט מער ווי איין יוניאָן. די אַנדערע טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט, ניט געקוקט אויף זייער אינטערעס, זיינען אָבער געבליבן פּאַסיוו.

צוויי זאַכן צייכענען אויס דעם איצטיקן העלדישן קאַמף אין די צוויי יוניאָנס: א ו י ס ד ו י ע ר און ס אָ ל י ד אַ ר י ט ע ט. נאָכן ערשטן אויפברויז, אין דעצעמבער, 1926, און יאַנואַר, 1927, איז אַנגעשטאַנען אַן אויסדויער־קאַמף, אַ קאַמף אין די שויך־גראָבנס. די מעגלאַכקייט צו פירן אַזאַ קאַמף האָבן געגעבן די אַרבעטער גופא און די אַרבעטער פון אַלע אַנדערע פאַכן, סיי אין דער פאָרם פון פינאַנציעלער הילף, און סיי דורך צושטעלן סאָלדאַטן צום פראָנט, אויף דער פּיקעט־ליין.

דער אָפּרוף פון די אידישע אַרבעטער אויף דעם רוף פון דער קלאָוק און דרעסמאַכער דזשאָינט באָארד צו קויפן אירע באָנדס — אין אָנהויב 1927 — און דער כסדר׳דיקער מאַסן־אָפּרוף פון די אַר־בעטער אויף די רופן פון דער „דזשאָינט דעפענס קאָמיטע“,* וועל־כע האָט געשאַפן פיל צענדליקער טויזנטער דאָלאַר, שטעלט מיט זיך פאָר איינס פון די שענסטע און הערלאַכסטע קאַפּיטלען פון דעם גאַנצן קאַמף.

דער אויסדויער, די פאַרהאַרטעוועטקייט, די אויסגעפּרואוווטקייט, דער באַוואוסטזיין, די גרייטקייט אויף קרבנות מיט וואָס עס צייכנט זיך אויס די לינקע באַוועגונג בכלל, סיי צווישן די נאָדל־

---

* די „דזשאָינט דעפענס און רעליף קאָמיטע“ (פאַראייניקטער פאַר־טיידיקונג און הילף קאָמיטעט) איז געשאַפן געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ פון אַ באַדייטנדיקער צאָל אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אין פעברואַר, 1927, צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע, פאַרטיידיקן די אָנ־געקלאָגטע, העלפן די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע און געליטענע, א. אַ. וו. דער דאָזיקער רויטער קרייץ אין דעם קאַמף, האָט אָנגעפירט זיין טעטיקייט ביז סוף זומער 1928. די פאַרטיידיקונג און הילף אַרבעט ווערט איצט גע־פירט פון דער „אינטערנעשאָנאַל לייבאָר דעפענס“ (אינטערנאַציאָנאַלע אַר־בעטער־פאַרטיידיקונג).

אַרבעטער, סיי צווישן די מיינער, טעקסטיל־אַרבעטער, בוי־אַרבעטער, און אַזוי ווייטער, איז די גאַראַנטיע, אַז דער זייער שווערער קאַמף צו אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע, צו באַקעמפן די קאָמפּאַני־יוניאָנס און צו אויסבויען ריינע און פּייל קלאַסן־יוניאָנס, וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

פ. נאָוויק.

פעברואַר, 1929.
ניו יאָרק.

ערשטער אָפּטייל:

צו אַ נייער יוניאָן

וואָס איז דער מער מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג ?

וואו ליגט די רעטונג ?

מיט יאָרן צוריק פלעגן אויף דער איסט סייד פארקומען היציקע דיסקוסיעס צווישן די אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די אַנאַרכיסטן פלעגן טענה'ן, אַז דער גרעסטער רעוואָלוציאָנער אפילו, ווען ער זיצט אין פּאַרלאַמענט מיט די פאַרטרעטער פון דער בורזשואַזיע, מוז ער פאַרגעסן זיינע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן. ער קריגט אַ קאַפּיטאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע, ווערט געוואוינט צו לעבן אין לוקסוס, און סוף כל סוף מוז ער קאָרופּטירט ווערן.

די אַנאַרכיסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון פּאַרלאַמענטאַרישער אַקציע אַלס אַ מיטל פון אַרבעטער־קאַמף, און האָבן שטאַרק געגלויבט אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די יוניאָנס. אַז יוניאָן־פירער קענען אין זייערע אָפּיסעס נאָך מער קאָרופּטירט ווערן ווי געוויסע אַרבעטער־פאַרטרעטער אין די בורזשואַזע פּאַרלאַמענטן, האָט מען זיך אין יענע יאָרן ניט געקענט פאָרשטעלן.

די יוניאָנס זיינען געווען שוואַך און אָרים. די אַרבעט־געבער האָבן ביטער פאַרפאָלגט און ניט געלאָזט שטעלן זיך אויף די פיס. די יוניאָנס איז אויסגעקומען צו פירן בלוטיגע קאַמפן כדי צו עקזיסטירן און אַרויסצורייסן פון די באַלעבאַטים פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבעטער. אין יענע צייטן האָט ניט יעדערער געוואָלט, אָדער געקענט, זיין אַ יוניאָן־פירער. אַ פירער פון אַ יוניאָן האָט דעמאָלט געהאַט אויסצושטיין די גרעסטע פאַרפאָלגונגען מצד דער רעגירונג און די באַלעבאַטים. די אַרבעט פון די יוניאָנס איז נאָך דעמאָלט ניט געטאָן געוואָרן פון אַ קלאַס באַצאָלטע באַאַמטע. מיט דער אויסנאַם פון אַ סעקרעטער, וועלכער האָט געקראָגן באַצאָלט ניט מער וויפיל אַן אַרבעטער אין שאַפּ, זיינען די איבעריקע פירער פון דער יוניאָן געווען שאַפּ־אַרבעטער, און זיינען זייער אָפט, צוליב זייער יוניאָן־

אקטיוויטעט, געווען אויף דער שווארצער ליסטע פון די באַלעבאַטים און האָבן געליטן הונגער און נויט — אָפט נאָך מער, ווי די אַנדערע אַרבעטער.

איצט אָבער איז גאַנץ אַנדערש. עס האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצער קלאַס פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פירער, וועלכע האָבן שוין פאַר־געסן ווי אַ שאַפּ זעט אויס. אַ סך פון זיי זיינען גאָר קיינמאָל קיין אַרבעטער ניט געווען. עס איז זיי גאַנץ פרעמד די פּסיכאָלאָגיע, די ליידן און די צרות פון די אַרבעטער. פאַר זיי איז די יוניאָן ניט מער ווי אַ ביזנעס, און ווי גוטע ביזנעס־לייט זוכן זיי צו ציען פאַר זיך וואָס מער פּראָפיטן. האָבן זיי זיך געהעכערט די געהאַלטן ווי ווייט זיי האָבן געקענט. עס זיינען דאָ צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער אַזעלכע, וואָס קריגן אַזוי הויך, ווי 25,000 דאָלאַר אַ יאָר, חוץ ספּעציעלע סומען פאַר „הוצאות“. מיר האָבן אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס פירער, וואָס שטעלן זיך ניט צופרידן אפילו מיט די גרויסע געהאַלטן, וואָס זיי קריגן פון דער יוניאָן, און זיי פאַרנעמען זיך אויך מיט פּריוואַטע געשעפטן, וואו זיי באַשעפטיגן אַליין אַרבעטער, און זייער אָפט — ניט קיין יוניאָן־לייט. פאַראַנען אפילו אַזעלכע אַר־בעטער־פירער, וואָס זיינען אויך גלייכצייטיג אַנגעשטעלט ביי די באַ־לעבאַטים, מיט וועמען זיי דאַרפן עס כלומרשט פירן אַ קאַמף פאַר די מיטגלידער.*

---

* מ. זיגמאַן, דער ביז־איצטיקער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט, האַלטנדיק דעם אַמט, גלייכצייטיק אויך פאַרמאָגט אַ פאַרגעניגן־פּלאַץ אין שטאַט איאָוואַ, וואו ער האָט אויך באַשעפטיקט אַרבעטער, — אַ זאַך, וואָס איז קעגן דער קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן.

אין דער פּענסי לעדער גודס יוניאָן איז דער מענעדזשער, אַ. וואָליג־סקי, אַ געוויסע צייט אויך גלייכצייטיק געווען אַ שותף אין אַ גרויסער פאַבריק פון לעדער אַרטיקלען. נאָך אַ לאַנגן קאַמף פון די לינקע, וואָס דער „פאָרווערטס“ אָפן געמוזט צוגעבן די פאַקטן. וואָלינסקי האָט די יוניאָן פאַרלאָזן.

אין דער נעקווער מאַכער יוניאָן איז דער מענעדזשער, ל. בערגער, אַ לאַנגע צייט געווען דער אייגנטימער פון צוויי געשעפטן, און פלעגט

אַט דער קלאַס יוניאָן־ביוראָקראַטן און טשינאָווניקעס, האָבן פאַרוואַנדלט די יוניאָנס — פון קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער און פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער, אין אָרגאַניזאַציעס, וואָס דינען באמת די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים און העלפן פאַרערגערן די לאַגע פון די אַרבעטער און זיי נאָך מער צו אונטערדריקן און פאַרשקלאַפן. אויב

באַנוצן דעם אויטאָמאָביל פון דער יוניאָן פאַר זיינע געשעפטן. אויך דאָ האָבן די לינקע געפירט אַ קאַמף און בערגער איז ענדלאַך אַוועק.

ביי די פּיינטערס איז די אַדמיניסטראַציע פון דעם סאָציאַליסט פיליפּ צאַוזנער איז 1927 אַראָפּגעזעצט געוואָרן. זי איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרנוצן געלט פון דער יוניאָן. דער טרעזשורער און דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן, האַרטלי און פישער, זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין ספּעקולירן אויף וואָל סטריט מיט די געלט פון דער יוניאָן־קאַסע. די יוניאָן האָט די באַאַמטע אָנגעקלאָגט אין געריכט. צאַוזנער אַליין איז ניט אַוועק צוריק אַרבעטן, נאָר האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן פאַרב צו די באַלעבאַטים און האָט מיט זיי אָנגעקניפּט געשעפטס־פאַרבינדונגען. דאָס האָט אים ניט געשטערט, אין סוף 1928, ווידער צו זיין אַ קאַנדידאַט בשעת די יוניאָן־וואַלן. ווען די יוניאָן האָט אים אויפגעוואָרפן, אַז ער האָט געשעפט־פאַרבינדונגען מיט די באַלעבאַטים, האָט צאַוזנער, אַ וואָך פאַר די וואַלן, אויפגעגעבן זיינע געשעפטן.

וויליאַם ז. פאָסטער, אין זיין בוך „מיסלידערס אָוו לייבאָר“, אַרויסגעגעבן פון דער ט. י. ע. ל., האָט פאַרעפנטלאַכט אַ ים מיט פאַקטן וועגן קאָרופּטע יוניאָנבאַאַמטע. ער גיט אָן מאַסן נעמען און ציפערן. קיינער פון די, וואָס פאָסטער באַשולדיקט אין כאַבאַר און קאָרופּציע, האָט ניט באַשטריטן זיינע פאַקטן, אָדער פּרובירט אָנקלאָגן אים אין געריכט. אַ ריי פאַקטן פון פאָסטער׳ס בוך וועלן געבן אַ באַגריף וועגן דער קאָרופּציע פון געוויסע יוניאָן־באַאַמטע: — דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער מיינערס יוניאָן, דזשאַן מיטשעל, האָט אין 1919, ווען ער איז געשטאָרבן, געלאָזן אַ ירושה פון אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, גענויער — 244,295 דאָל. (זייט 128). — פרענק פאַררינגטאָן, פּרעזידענט פון דער מיינערס יוניאָן אין אילינאָיז, האָט פאַרמאָגט צוויי פּאַלאַץ־וואוינונגען, אין ספּרינגפילד און אין אינדיאַנאַפּאָליס. ער פלעגט אָננעמען אַלערליי מתנות פון די באַ־

עס געפינען זיך ארבעטער, וואס פרובירן זיך ארויסרייסן פון דער שקלאפעריי, דערפילן זיי ערשט וואס די יוניאנס זיינען געווארן.

טעארעטיש זיינען די יוניאנס פרייווויליגע ארגאניזאציעס. אין דער אמת'ן איז עס גאנץ אנדערש. אין די יוניאנס וואס פארמאגן קאלעקטיווע אפמאכן מיט די באלעבאטים, איז איינגעפירט דער אזוי־גערופענער פארמאכטער (קלאוזד) שאפ. דאס הייסט, יעדערער וואס

לעבאטים, צווישן זיי — א קעסטל טיש־זילבער פון דער פיבאדי קוילן קאמפאני. ער איז געווען אין שלעכטע באציאונגען מיטן איצטיקן פרעזי־דענט פון דער יוניאן, דזשאן ל. לואיס, און דער לעצטער האט אויסגע־זאגט, אז פארריגנטאן קריגט פון דער פיבאדי קוילן קאמפאני 25,000 דאלאר א יאר (זייט 132). — דזש. ד. בענאן, פירער פון דער מעיל־קעריערס יוניאן, האלט אן א שטעלע ביי הוירסט'ן, פאר 20,000 דאלאר א יאר, און פארמאגט אויך אין נוארק אן אייגענע ציימונגס־קאמפאני, וואו ער באשעפטיקט איבער 60 נים קיין יוניאן ארבעטער (זייט 153). — אין דער קלאוק און דרעסמאכער דזשאינט באארד איז דער הויפט פון פראטעקטיוו דעפארטמענט, דזש. רובין, געבאפט געווארן ארבעטנדיק אלס אגענט פון די באלעבאטים (זייט 156). — אין דער אמאלגאמייטעד איז הערי קאהען אין 1921 באזייטיקט געווארן פון אמט, ווייל מען האט אים געכאפט ביים נעמען ביי א באלעבאס א טשעק פון 500 דאלאר. איצט איז דערזעלביקער ווידער אין אמט (זייט 157). — דער הויפט פון די בילדינג טרעידס אין שיקאגא, סיימאן א'דאנעל, וועלכער איז געשטארבן אין 1927 און איז באגראבן געווארן אין א זילבערנער טרונע פאר צען טויזנט דא־לאר, האט בלויז אין פארבינדונג מיט דער אויסבויאונג פון זעקס גע־ביידעס געכומען פאר זיין „גענג" איבער 400,000 דאלאר כאבאר פון די באלעבאטים. א'דאנעל איז געווען איינער פון גאמפערס'עס נאענטסטע מיט־העלפער. א'דאנעל'ס ירושה איז געשאצט געווארן צווישן א האלבן מיליאן און א מיליאן דאלאר (זייטן 8-7-156). — אן אנדער בילדינג טרעיד באַ־אמטער אין שיקאגא, מייקל באיל, איז פאר זיינע געשעפטן פאר'משפט געווארן אויף א יאר טורמע. בלויז ביי דער שיקאגא טעלעפאן קאמפאני האט ער גענומען 20,000 דאלאר. גאמפערס האט זיך געווענדעט צו וויל־סאנ'ען און דער אטאירני דזשענעראל מיטשל פאלמער האט געזען, אז ווילסאן זאל באיל'ן באגנאדיקן (זייט 170). — דער „בארימטער" גרעס־

ווייל אַרבעטן ביי דעם פאַך, מוז זיין אָנגעשלאָסן אָן דער יוניאָן, צי ער וויל, אָדער ניט. דער באַלעבאָס ווערט אויף אַזאַ אופן דער, וואָס צווינגט די אַרבעטער צו געהערן צו דער יוניאָן. די פירער דאַרפן דעריבער קיין מורא ניט האָבן, אַז אויב זייערע מעשים וועלן ניט געפעלן די מיטגלידער, וועלן יענע די יוניאָן פאַרלאָזן. זיי האָבן אויך ניט וואָס מורא צו האָבן, טאָמער וועלן די מיטגלידער דערוויילן אַנדערע אויף זייערע ערטער, ווייל אין דער יוניאָן באַוועגונג האָבן נאָך די אַרבעטער ניט אויסגעקעמפט זייערע בירגער־רעכט!

טער הערבערט ברינדל, הויפט פון בילדינג טרעידס קאַונסיל אין ניו יאָרק, וועלכער איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין סינג־סינג פאַר זיינע געשעפטן, האָט אין די צוויי יאָר איידער מען האָט אים אויפגעדעקט, גענומען אַן ערך אַ מיליאָן דאָלאַר גרעפט (ז. 186). ברינדל האָט געלאָזט אַ ירושה פון אַן ערך 2,000,000 דאָלאַר.

אָט זיינען עטלאַכע ציפערן פון די געהאַלטן, וואָס די יוניאָן־באַאַמטע קריגן: וויליאַם גרין — 12,000 דאָלאַר אַ יאָר, אויסער „אויסגאַבן" (אין 1927 האָבן די אויסגאַבן באַטראָפן 8,008.85 דאָלאַר). דזשאָן ל. לואיס — 12,000 דאָלאַר (די אויסגאַבן באַטרעפן אומגעפער אַזוי פיל. אין די זעקס חדשים פאַר'ן 1־טן אפריל, 1928, ווען 200,000 סטרייקנדע מיינערס האָבן געהונגערט, האָט לואיס אָפּגענומען 11,093 דאָלאַר אין געהאַלט און אין „אויסגאַבן"). וואָרען ס. סטאָון, געוועזענער פּרעזידענט פון דער בראָדער־הוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינדזשיניערס, האָט גענומען 25,000 אַ יאָר און אַזוי פיל אין „אויסגאַבן". (די יוניאָן האָט זיך אַריינגעלאָזט אין באַנק־ און אַנדערע געשעפטן, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט אַ קראַך, און די מיט־גלידער האָבן פאַרלאָרן מיליאָנען דאָלאַר פון זייערע אָפּגעשפּאָרטע געל־טער און האָבן נאָך געדאַרפט צאָלן אַ שטייער פון 120 דאָלאַר יעדער, כדי אויסצוצאָלן די חובות. צווישן די געשעפטן איז געווען אַ צאָל קוילן מיינס אין וועסט ווירדזשיניאַ, וואָס די באַאַמטע פון דער יוניאָן האָבן באַטריבן מיט ניט־יוניאָן אַרבעטער. דזשאָן ל. לואיס האָט די באַשולדיקונג פאַר־עפנטלאַכט אין דער „ניישאָן" פון 18־טן מערץ, 1925). געהאַלטן פון צען טויזנט און 7,500 דאָלאַר אַ יאָר זיינען אַ געוויינטלאַכע דערשיינונג. אויך אין דער אַמאַלגאַמייטעד נעמען די הויפּט־באַאַמטע, הילמאַן און שלאָס־בערג, צו 7,500 דאָלאַר אַ יאָר, חוץ אויסגאַבן.

א פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן קען ניט אנהאלטן זיין אמט מער ווי אכט יאר. און כאטש ס׳איז אמת, אז די בירגער האבן דא אויך ניט די מעגלאכקייט אויסצוקלייבן וועמען זיי ווילן; כאטש עס איז אמת, אז דערוויילט קען נאר ווערן איינער פון די צוויי קאנדידאטן פון די צוויי פארטייען, וועלכע ווערן נאמינירט, קאנטראלירט און דאמינירט פון וואל־סטריט, — דאך, לפנים וועגן, איז כאטש פאראנען וואלן. און ווען דער פרעזידענט פון איין פארטיי רייסט זיך צופיל איין מיטן פאלק, קען אים דאס פאלק באשטראפן און דערוויילן דעם קאנדידאט פון דער געגנערשער פארטיי, הגם די סיסטעם גופא און די הערשאפט פון וואל סטריט ווערט דערפון ניט געענדערט. דאס זעלבע איז אויך בנוגע גאווערנארס, סענאטארן, קאנגרעס־לייט, אסעמבלימען און אלדערמען. וויפיל ניט איז, האבן פיל פון זיי מורא, טאמער וועט דאס פאלק, אוים נקמה, דערוויילן דעם קאנדידאט פון דער צווייטער פארטיי. אין די יוניאנס האבן מיר אפילו אזא מאס „דעמאקראטיע" אויך ניט.

דער פרעזידענט און די הויפט־באאמטע פון דער אמעריקאן פעדערייש אוו לייבאר ווערן ניט אויסגעקליבן פון די מיטגלידער, נאר אויף א צוזאמענפאר, א קאנווענשאן, וואו די הויפט־באאמטע פון די איינצלנע יוניאן־פארבאנדן (אינטערנעשאנאלס, א. א.) זיינען די דעלעגאטן. ווייטער — די פרעזידענטן און הויפט־באאמטע פון די פארשיידענע אינטערנעשאנאלס ווערן אליין אויך אויסגעקליבן בא זייערע באזונדערע צוזאמענפארן. די דעלעגאטן אויף די צוזאמענפארן ווערן אזוי צוזאמענגעשטעלט, אז דער ווילן פון די מיטגלידער קען דארט ניט קומען צום אויסדרוק. די הויפט־באאמטע פון דער אמעריקאן פעדערייש אוו לייבאר ווייסן, אז זייער דערוויילונג הייננגט אפ פון די הויפט־באאמטע פון די פארשיידענע אינטערנעשאנאלס, און דעריבער טאר מען זיך מיט די לעצטע ניט איינרייסן. לאזט מען זיי הערשן און טאן וואס זייער הארץ גלוסט

פאר די קלענערע באאמטע אין די ארטיקע אפטיילן (לאקאלן) פון די יוניאנס, וועלכע דארפן דערוויילט ווערן דורך א באלאט־אפשטימונג, זיינען די וואלן אויך ניט אזא ערנסטע זאך. דער פרעזידענט און די גענעראל עקזעקוטיוו פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע ווערן פון די מיטגלידער ניט אויסגעקליבן, נעמען זיך דאס

רעכט צו באשטימען ווער עס האט א רעכט ארויפצוגיין אויפן באַלאט. זיי באשטימען די וואל־קאמיסיעס און פירן דורך אזעלכע אפענע שווינדלערייען און גנבות בעת די וואלן, אז די קאנדידאטן פון דער מאשין מוזן דערוויילט ווערן „ביי הוק אר ביי קרוק“.

די קארופטע מאשין הערשט איבער די מיטגלידער מיט אן אייזערנער האנט, באנוצט זיך מיט טעראר און גוואלד, מיט געדונגענע „שטארקע“, אפט טיפן פון דער אונטערוועלט, גענגסטערס, כדי צו אונטערדריקן די פראטעסטן פון די מיטגלידער. די עזות־פנים׳ער, וואס ווילן ניט פארטראגן די שיינע מעשים פון די קארופטע ביוראקראטן, ווערן ארויסגעווארפן פון דער יוניאן, און דאס איבעריקע טוען שוין די באלעבאטים. ווען איינער איז ניט קיין מיטגליד אין דער יוניאן, קען ער ניט ארבעטן אין שאפ און ניט מאכן קיין לעבן פאר זיין פרוי און קינדער.

ניט נאר איינצלנע מיטגלידער, וועלכע פארזינדיקן זיך קעגן די יוניאן־ביוראקראטן, ווארפט מען ארויס פון דער יוניאן, נאר גאנצע לאקאלן און דזשאינט בארדס, וועלכע פירן ניט דורך פינקטליך די אוקאזן פון די הויכע באאמטע, שליסט מען אויס, און מיט דער הילף פון די באלעבאטים צעברעכט מען זיי און מען ארגאניזירט נייע לאקאלן און נייע דזשאינט בארדס.

אזוי ווי די אמאליגע באראנען און פירשטן האבן זיך איינגעטיילט מיט די מלוכה־לאנד, אזוי האבן די יוניאן־ביוראקראטן זיך איינגעטיילט מיט די פאכן. אין יעדן פאך איז דא א לאקאל, איבער וועלכן עס הערשט א יוניאן־ביוראקראט. מעג אפילו פאסירן — ווי מיר זעען עס אפט — אז אין לאקאל זיינען ארגאניזירט ניט מער, ווי הונדערטער ארבעטער, בעת אין פאך זיינען באשעפטיקט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער ארבעטער, פונדעסטוועגן טאר קיינער ניט פרובירן ארגאניזירן די צענדליקער טויזנטער אומארגאניזירטע.

די באאמטע גופא ווילן די אומארגאניזירטע ניט ארגאניזירן, און ווילן זיי אפילו ניט אריינעמען אין דער יוניאן ווען יענע דריקן אליין אויס א פארלאנג זיך צו ארגאניזירן. די באאמטע באנוגענען זיך מיט א קליינער מינאריטעט פון די געלערנטערע ארבעטער, פאר וועמען מען קריגט עטלאכע סענט מער. דערפאר לאזט מען די באלע־

באטים עקספלואטירן די גרויסע מאסן אומגעלערנטע ארבעטער. צום ביישפיל, פון די אומגעפער 30,000 וועלכע ארבעטן אין די טעקס־טיל פאבריקן פון ניו בעדפארד, באלאנגן אין די לאקאלן פון דער א. פ. או ל. ניט מער ווי א צוויי־דריי טויזנט. די איבעריגע 27־28 טויזנט ארבעטער נעמט מען ניט אריין אין דער יוניאן.*

אזוי איז ניט נאר אין דער טעקסטיל אינדוסטריע און ניט נאר אין ניו בעדפארד אליין, נאר אומעטום, אין אלע אינדוסטריעז, איז די זעלביקע לאגע. א קליינער פראצענט פון די מיליאנען ארבעטער זיינען ארגאניזירט, מערסטנס די הויך־קוואליפיצירטע. ווען עס ווערט געמאכט א פארזוך צו ארגאניזירן די ניט־ארגאניזירטע, פאראייניקן זיך די אזוי־גערופענע ארבעטער־פירער מיט די באלעבאטים, מיט דער פאליציי, מיט אלע פינצטערע קרעפטן, און זוכן עס ניט צו דער־לאזן.

אט אזוי זעען מיר, אז דארט וואו דער פאך איז ארגאניזירט, לאזט מען ניט די ארבעטער זאגן א דעה אין דער יוניאן, און דארט וואו דער פאך איז שוואך ארגאניזירט, לאזט מען די ארבעטער ניט ארגאניזירן קיין יוניאן. איןביידע פאלן זיינען די עקזיסטירנדיקע יוניאנס דאס אייגנטום פון די באאמטע, וועלכע לעבן אין וואוילטאג און האלטן זיך אין אמט אפט זייער גאנצן לעבן.

אונטער אזעלכע באדינגונגען איז עס גאנץ נאטירלאך, וואס די יוניאנס זיינען דורכגעפוילט פון גרעפט (כאבאר) און קארופציע. וויבאלד אז דער הויפט פון דער יוניאן איז אלמעכטיק און קען טאן וואס ער וויל, און די מיטגלידער האבן גאר קיין דעה ניט, לוינט זיך פאר די באלעבאטים אונטערצוקויפן די פירער און קריגן זיי אויף זייער זייט, כדי זיי זאלן העלפן האלטן די ארבעטער אין צוים. עס קאסט ביליקער צו געבן א יוניאן־באאמטן עטלאכע טויזנט דאלאר גרעפט, צו פארמיידן סטרייקס, אדער ניט צו דערלאזן אז אומאר־

* ווען די שורות זיינען געשריבן געווארן, איז דער סטרייק אין די ניו בעדפארד פאבריקן נאר־וואס געווען פארענדיגט. די 27־28 טויזנט אר־בעטער האבן צוזאמען מיט די יוניאן־מיטגלידער בראוו געסטרייקט א האלב יאר צייט, דאך האט די אלטע יוניאן ניט געמאכט קיין פארזוך זיי צו ארגאניזירן, הגם אן זיי וואלט דער סטרייק ניט געווען מעגלאך.

גאַניזירטע אַרבעטער זאָלן אָרגאַניזירט ווערן, איידער צו געבן יעדן אַרבעטער עטלאַכע דאָלאַר אַ העכערונג אויף די שכירות.

כדי די יוניאָנס זאָלן באמת ווערן קאַמף־אָרגאַניזאַציעס און זאָלן דינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער, מוזן די מיטגלידער ווערן די באַלעבאַטים איבער די יוניאָנס. זיי מוזן קריגן דאָס רעכט צו אויסקלייבן זייערע פירער. ווען אַ פירער הערט אויף צו פאַרטרעטן ווי געהעריק די אינטערעסן פון די מיטגלידער, זאָלן די מיטגלידער קענען אַזאַ פירער צו יעדער צייט צוריקרופן און דערוויילן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט.

די פירער פון די יוניאָנס מוזן קומען פון די אַרבעטער גופא און טאָרן ניט קריגן קיין גרעסערן געהאַלט וויפיל אַן אַרבעטער פאַרדינט אין שאָפּ. אַן אַרבעטער־פירער וועלכער קריגט צען, פופצן, אָדער נאָר פינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, ווען ער זאָל אפילו זיין דער ערלאַכסטער און איבערגעבנסטער מענטש, מוז ער זיך אָנשטעקן מיט דער פּסיכאָלאָגיע און מיט דעם שטאַנדפּונקט פון די באַלעבאַטים, און מוז פאַרראַטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

די אַרבעט אין די יוניאָנס טאָר ניט כסדר געטאָן ווערן פון באַצאָלטע באַאַמטע, אפילו ווען זיי זאָלן זיין פון די בעסטע. צופיל באַצאָלטע באַאַמטע זיינען אומגעזונט. חוץ דעם, וואָס דאָס איז אַ גרויסע הוצאה און אַ לאַסט אויף די אַרבעטער, ווערט דערמיט געשאַפן אַ קלאַס „דזשאָב־האָלדערס". זיי בילדן אַ מאַשין, וועלכע קען צונישט מאַכן דעם ווילן פון די אַרבעטער. סוף כל סוף מוז עס פּאַסירן. די גאַראַנטיע קעגן דעם איז — דער אַקטיווער אָנטייל פון גרויסע מאַסן אַרבעטער פון שאָפּ און פאַבריק אין דער אַרבעט פון דער יוניאָן. נאָר אין אַזאַ פאַל, ווען די מיטגלידער גופא וועלן האָבן די דעה, ווען זיי וועלן אָננעמען די באַשלוסן, און באַשטימען ווי די יוניאָן זאָל זיך פירן, וועט קאָרופּציע, גרעפט און גענגסטעריזם פאַרשווינדן פון די יוניאָנס און זיי וועלן באמת ווערן אַ מעכטיקסטער וואָפן אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס.

ווי אַזוי אָבער דערשלאָגט מען זיך צו אַזעלכע יוניאָנס? ווי אַזוי זאָל די אַמעריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג אַרויסגעשלעפּט ווערן פונם זומפּ, אין וועלכן זי געפינט זיך, אַ זומפּ וואָס דראָעט אומצו־

ברייגגען איר? ווי אזוי זאָלן די פיל־מיליאָניקע מאסן אומאָרגאַניזירטע אַרבעטער פון אַמעריקע אָרגאַניזירט ווערן?

צוליב דעם קומען איצט פאַר די קאמפן אין דער אַמעריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג. אין אַ ריי יוניאָנס האָבן די מיטגלידער רעוואָלטירט קעגן די פירער. דער אויפשטאַנד האָט אַרומגענומען גרויסע מאסן. דער קאמף וואָס קומט פאָר אַ לייגגערע צייט אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן, איז אַ קאמף פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, פון וועלכן די מיטגלידער פון יעדער יוניאָן קענען שעפּן דערפאַרונג און מוט.

אויב די יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע זאָל געראַטעוועט ווערן, מוז זי ארויסגעשלעפּט ווערן פונם זומפּ, אין וועלכן זי געפינט זיך איצינד.

דער שטענדיקער קאַמף צווישן די מיטגלידער און דער באַאַמטן־מאַשין אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן

דער פּראָטאָקאָל פון 1910

שוין אין דעם גרויסן היסטאָרישן גענעראַל־סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין 1910, האָבן די פירער פון דער מאַשין אָנגעהויבן אָפּטויטן די קאַמף־לוסט פון די מאַסן און געזוכט מיט אַלע מיטלען איינצורעדן זיי, אַז זיי זאָלן זיך באַנוגענען מיט די ברעקלאַך וואָס די באַלעבאַטים זיינען געווען גרויסמוטיג צוצוואַרפן זיי.

דער סטרייק איז געווען אין בעסטן צושטאַנד. די קלאָוקמאַכער האָבן העלדיש געקעמפט. קיין סטרייק־ברעכער זיינען ניט געווען. דאָך, האָבן די פירער אויף דער זעקסטער וואָך פון סטרייק געבראַכט אַן אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים, וואָס האָט פאַקטיש באַדייט אַ ניידערלאַגע פאַר די אַרבעטער. ווען די קלאָוקמאַכער האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט אויסגעבראָכן אַזאַ מוראַ׳דיגער שטורעם, אַז די פירער האָבן באַלד מסכים געווען, אַז דער סטרייק זאָל פאָרגעזעצט ווערן ווייטער. אין צען טעג אַרום האָבן זיי שוין געבראַכט אַביסל אַ בעסערן אַגרימענט, אָבער ווייט פון דעם וואָס די קלאָוקמאַכער האָבן דערוואַרט פון זייער קאַמף. די מאַשין האָט שוין אָבער גוט געהאַט באַאַרבעט דעם עולם אַזוי, אַז דער צווייטער אַגרימענט („פּראָטאָקאָל“) איז אָנגענומען געוואָרן.

די קלאָוקמאַכער האָבן אָבער גאַנץ גיך דערפילט וואָס דער „פּראָטאָקאָל“ איז. דער „פּראָטאָקאָל“ האָט איינגעפירט דעם „פּרעפערענשעל“ יוניאָן שאַפּ, דאָס הייסט, ווען אַ באַלעבאָס נויטיגט זיך אין אַרבעטער, און עס מעלדן זיך יוניאָן־לייט און ניט קיין יוניאָן־לייט, און אויב די יוניאָן־לייט באַזיצן דעם זעלביקן גראַד פעיאיקייט און

טויגן אזוי גוט צו דער ארבעט ווי די ניט־יוניאָן־לייט, דאַרף מען אָנשטעלן די יוניאָן־לייט. פאַרשטייט זיך, אז דער באַלע־באָס איז דער, וואָס דאַרף באַשטימען, צי די יוניאָן־לייט זיינען פונקט אזוי פּייאיק ווי די ניט־יוניאָן־לייט. און אויב אַ יוניאָן־מאַן הערט אויף צאָלן דיוס, ווערט אוים מיטגליד פון דער יוניאָן, איז דער באַ־לעבאָס אויך ניט מחויב אים אָוועקצושיקן.

די פּירער פון דער מאַשין האָבן זיך אָבער באַרימט, אז זיי האָבן איינגענאָרט די באַלעבאַטים און האָבן דעם „פּרעפערענשל" יוניאָן־שאָפּ" פּאַרוואַנדלט אין אַ „קלאָוזד־יוניאָן־שאָפּ", דאָס הייסט, אַז די באַלעבאַטים האָבן באַשעפטיקט בלויז יוניאָן־מיטגלידער. דער אמת איז אָבער געווען, אַז געטאָן האָבן עס די באַלעבאַטים צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן.

דער „פּראָטאָקאָל" האָט פאַרווערט די ארבעטער אָפּצושטעלן די אַרבעט, אָדער סטרייקן. אויב אַ באַלעבאָס האָט ניט גוט באַהאַנדלט זיינע אַרבעטער, געבראָכן די פּונקטן פון דעם „פּראָטאָקאָל", האָבן זיי באַדאַרפט ברייננען געגן אים קלאָגן אין דער יוניאָן, און עס איז געווען איינגעפירט אַז אַפּאַראַט אויפצונעמען די קלאָגן און אויס־גלייכן זיי. צוערשט האָבן די קלאָגן געדאַרפט אויפגענומען ווערן פון א פאַרטרעטער פון דער יוניאָן און אַ פאַרטרעטער פון אַסס׳ן, וועל־כע האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג, צי די קלאָגן זיינען באַגרינדעט. ווען די לעצטע האָבן זיך ניט געקענט אייניקן, איז דער ענין אַריבער צו דעם העכסטן באַאַמטן פון דער יוניאָן (טשיף קלוירק) און דעם העכסטן באַאַמטן פון דער אַסאָסיאיישאָן. ווען זיי האָבן זיך ניט געקענט אייניקן, האָט מען דעם ענין איבערגעשיקט צו אַ „באָאַרד אָוו גריוועַנסעס", וואו די יוניאָן האָט געהאַט 5 פאַרטרעטער און די אַסאָסיאיישאָן — 5 פאַרטרעטער. ווען אויך דאָרטן האָט מען ניט געקענט קומען צו קיין באַשלוס (און אין 99 פאַלן פון 100 האָט מען זיך דאָרטן ניט געקענט אייניקן, ווייל די שטימען זיינען געווען צע־טיילט גלייך אויף גלייך), האָט עקזיסטירט אַ „באָאַרד אָוו אַרביטריי־שאָן" מיט אַן אומפּאַרטייאישן טשערמאַן, וועמעס מיינונג עס איז געווען ענטגילטיק, און בינדענד פאַר ביידע צדדים. דער אומפּאַר־טייאישער טשערמאַן איז געווען לואיס ד. בראַנדייס, וועלכער איז איצט איינער פון די העכסטע ריכטער אין לאַנד.

בראַנדייס האָט זיך ניט געפונען אין ניו יאָרק. ער האָט, אגב, געהאַלטן, אַז עס איז ניט די אויפגאַבע פון דער „באָארד אָוו אַרבי־טריישאָן״ אויפצונעמען קלאַגן פון איינצלנע אַרבעטער, נאָר זי דאַרף בלויז אויפנעמען פראַגן פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אויסטייטשן דעם פּראָטאָקאָל, ווען עס שאַפט זיך אַ מיינונגס־פאַרשיידנקייט בנוגע די רעכטן און די פּליכטן פון די צדדים צום פּראָטאָקאָל.

פאַר די באַלעבאַטים איז אַזאַ לאַגע געווען ווי געוואונטשן. די קלאַגן פון די אַרבעטער האָט מען געשלעפּט פון איינעם צום אַנדערן, און דערווייל האָבן די באַלעבאַטים געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. ווען די אַרבעטער האָבן געזען, אַז זיי קענען ניט קריגן קיין ענטפער אויף זייערע גערעכטע טענות, האָבן זיי אָנגעפאַנגען וואַרפן די אַרבעט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער „פּראָטאָקאָל״ האָט עס פאַרווערט. און באַ קלאָוקס, ספּעציעל אין צייט פון סעזאָן, ווען מען מוז פאַר־טיק מאַכן די קליידער אין צייט, איז אַן אָפּשטעלונג פון דער אַר־בעט, אָדער אַ סטרייק, אַפילו אויף אַ טאָג, אַ געפערלאַכע זאַך פאַרן באַלעבאָס.

ווען די באַלעבאַטים פלעגן זיך ווענדן צו די יוניאָן־פירער, אַז זיי זאָלן ניט דערלאָזן צו קיין סטרייקס, האָבן די פירער דערקלערט, אַז זיי קענען די סטרייקס ניט אָפּשטעלן, ווייל ניט אַלע וואָס אַרבעטן אין די שעפּער זיינען יוניאָן־לייט, און גראָד יענע אַרבעטער וואָס געהערן ניט צו דער יוניאָן זיינען עס אָפט די, וואָס העצן אויף צו אַ סטרייק. אויב די באַלעבאַטים ווילן, אַז די יוניאָן זאָל זיין בכוח אָפּ־צושאַפן אַט די סטרייקס, דאַרפן זיי באַשעפטיקן בלויז יוניאָן־לייט, פאַר וועמען דאָס וואָרט פון די פירער איז אַ געזעץ.

ווייטער, האָבן די יוניאָן־פירער גע׳טענה׳ט, כדי זיי זאָלן זיין בכוח אָפּצושאַפן סטרייקס, דאַרף איינגעפירט ווערן אַ שטאַרקע דיסציפּלין, אַזוי אַז די מיטגלידער זאָלן וויסן, אַז מען מוז פאָלגן וואָס די פירער הייסן. און דיסציפּלין קען אויפגעהאַלטן ווערן, ווען מען באַשטראָפט די וואָס ברעכן זי. דעריבער איז עס נויטיק ניט בלויז, אַז די באַלע־באַטים זאָלן זען, אַז אַלע וואָס אַרבעטן אין זייערע שעפּער זאָלן געהערן צו דער יוניאָן, צאָלן דיוס, נאָר ווען די פירער לייגן אַרויף אַ געלט־שטראָף אויף אַ מיטגליד, דאַרפן די באַלעבאַטים זען, אַז די שטראָף זאָל באַצאָלט ווערן. די וואָס וועלן עס ניט טאָן, זאָלן אַרויסגעוואָרפן ווערן פון שאַפּ.

דער קאַמף אַרום א. ביזנאַ און דר. י. א. הורוויטש

אַט אויף אַזאַ אופן זיינען די באַלעבאַטים געוואָרן די אויפהאַל־טערס פון דער יוניאָן. די פירער פון דער יוניאָן האָבן דערפאַר אָפּ־געדינט די באַלעבאַטים און האָבן זיי געהאָלפן אונטערדריקן סטרייקס און זען אַז מען זאָל דולדן וואָס די באַלעבאַטים טוען. טאָמער האָבן אַרבעטער רעוואָלטירט קעגן די באַלעבאַטים און אָפּגעשטעלט די אַר־בעט, האָבן די פירער פון דער יוניאָן געשיקט סטרייק־ברעכער.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גוט־ברודערשאַפט צווישן די פירער פון דער יוניאָן און די פירער פון דער אַסאָסיאיישאָן. די פירער פון דער יוניאָן האָבן געהאָלפן די באַלעבאַטים פאַרשקלאַפן די אַרבעטער, און די פירער פון דער אַסאָסיאיישאָן האָבן געהאָלפן די יוניאָן־באַ־אַמטע איינמאַנען דיוס, טעקסעס און שטראָפן. וואָס מער די יוניאָן־פירער האָבן זיך פאַרהאַסט געמאַכט בײַ די מיטגלידער, אַלץ מער האָבן זיך יענע געגוטיקט אין דער הילף פון די באַלעבאַטים.

פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאַטים טוען ניט קיין טובות אומ־זיסט. די יוניאָן־פירער האָבן געצאָלט אַ גוטן פּרייז. מען האָט דורכ־געפירט אַ פּאָליסי, וואָס איז געווען גינסטיק פאַר די באַלעבאַטים. און טאָמער האָט זיך געפונען אַ באַאַמטער, וואָס האָט זיך קעגנגע־שטעלט, ניט געוואָלט דערלאָזן פאַרוואַנדלען די יוניאָן אין אַ געצייג אין די הענט פון די באַלעבאַטים, האָט מען אים באַזייטיקט.

דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעפאַנגען אַ קאַמף קעגן אַזאַ טאַק־טיק, איז געווען אַברהם ביזנאַ, אין יאָר 1912. ביזנאַ איז דעמאָלט געווען דער העכסטער באַאַמטער פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון די קלאָוקמאַכער און ער האָט געוואָלט באמת פאַרטיי־דיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער. איז ער געקומען אין צוזאַ־מענשטויס מיט דער אַסאָסיאיישאָן. ביזנאַ האָט אין דעמאָלטיקן אָר־גאַן פון דער דזשאָינט באָארד, „די נייע פּאָסט“, קריטיקירט דעם אופן, ווי אַזוי די באַלעבאַטים פירן דורך דעם פּראָטאָקאָל. ער האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי שיקן אַרבעט אין סקעב־שעפּער, בעת זייערע אייגענע אַרבעטער גייען אַרום ליידיק. ביזנאַ האָט אויך אויפגעפאָ־דערט די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן, אַז ביים סעטלען פּרייזן זאָלן זיי האָבן אין זינען, אַז אַן אָפּערייטאָר זאָל צום ווי־

ניקסטן קענען פאַרדינען 75 סענט אַ שעה, און פינישערס — 60 סענט אַ שעה. פאַר דעם פאַרברעכן האָבן די באַלעבאַטים געפאָדערט, אַז מען זאָל ביזנאָ׳ן ארויסוואַרפן פון דער יוניאָן, און די פירער פון דער אינטערנעשאַנאַל האָבן דאָס דורכגעפירט. זיי האָבן צענומען די וועגטלאַך פון ביזנאָ׳ס אָפיס, און ביזנאָ האָט פאַרלאָזט זיין אַמט, ניט וועלנדיק פאַרפירן אַ קריג אין דער יוניאָן.

כדי איינצושטילן דעם צאָרן פון די מיטגלידער, האָט די מאַשין אַנגעשטעלט אויף ביזנאָ׳ס אָרט דעם פאַרשטאָרבענעם סטאַטיסטיקער און עקאָנאָמיסט, ד״ר. יצחק אייזיק הורוויטש. עס האָט ניט לאַנג גע־דויערט און עס האָט זיך געשאַפן די אייגענע סיטואַציע, ווי מיט ביזנאָ׳ן. הורוויטש, אַלס טשיף קלוירק, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער, און האָט ניט געוואָלט מאַכן פון דער יוניאָן אַ װערקצייג אין די הענט פון די באַלעבאַטים די אַרבע־טער צו אונטערדריקן.

האָבן די באַלעבאַטים אַריינגעשיקט אַן אולטימאַטום דער דזשאָינט באָארד, אַז אויב הורוויטש וועט ניט אַפּגעזאָגט ווערן, וועלן זיי אָפּברעכן אַלע באַציאונגען מיט דער יוניאָן. די פירער פון דער אינטערנעשאַנאַל און פון דער קאָרופּטער קליקע האָבן דאַן אין דער פּרעסע עפנטליך פאַרדאַמט הורוויטש׳ן און אים אָנגערופן: אַנאַרכיסט, דעמאַגאָג, דזשאַב־האָלדער. זיי האָבן אים באַ־שולדיקט, אַז ער וויל, צוליב זיינע אַמביציעס און פערזענלאַכע אינ־טערעסן, צעברעכן די יוניאָן, און האָבן אים אויפגעפאָדערט אַז ער זאָל רעזיגנירן. לויט דער עצה פון די פירער פון דער אינטערנעישאַ־נאַל, האָבן די פאַרטרעטער פון די באַלעבאַטים געבראַכט קלאַגן אויף הורוויטש׳ן צו דער באָארד אוו אַרביטריישאָן. די לעצטע האָט אַרויס־געגעבן אַ מיינונג, אַז כאָטש די אַסאָסיאיישאָן האָט קיין רעכט ניט צו פאָדערן פון דער יוניאָן, אַז זי זאָל הורוויטש׳ן אַוועקשיקן, דאַרף ער אָבער אַליין אַוועקגיין, כדי אויסצומיידן אַ לאָק־אוט. די באָארד אוו אַרביטריישאָן האָט אויך געפּסקנט, אַז מען טאָר ניט שרייבן אין דער יוניאָן־פּרעסע קיין אַרטיקלען קעגן „פּראָטאָקאָל״. נאָך דער דאָזיקער שטעלונג פון דער בלומרשט אומפּאַרטייאישער קערפּער־שאַפט, האָט הורוויטש גלייך איבערגעגעבן דער דזשאָינט באָארד זיין רעזיגנאַציע.

ווען דאס איז באוואוסט געווארן, האט צווישן די מיטגלידער אויסגעבראכן אן אמת׳ע רעוואלוציע.

עס איז שוין דעמאלט ניט געווען קיין פראגע, צי הורוויטש׳עס פאליסי איז געווען א ריכטיקע, אדער ניט. די פראגע איז געווען: ווער זאל די פאליסי סוף כל סוף באשטימען — די מיטגלידער פון דער יוניאן, אדער די אסאסיאיישאן פון פאבריקאנטן? אויב הורוויטש זאל אוועקגיין, וועט דאך דערמיט באשטימט ווערן, אז די דעה אין דער יוניאן האבן די פאבריקאנטן און ניט די מיטגלידער!

דער קאמף פון די מיטגלידער קעגן הורוויטש׳עס רעזיגנאציע, אין וועלכן דער דעמאלטיקער לאקאל 1 (אפערייטארס) און לאקאל 9 (פינישערס), צוויי פון די גרעסטע לאקאלן, האבן זיך באזונדערס אויסגעצייכנט, איז געווען אן אויסערגעוויינלאך שטורמישער. ענדלאך האבן די פירער געמוזט נאכגעבן, אז די מיטגלידער זאלן דורך א רעפערענדום אפשטימען, צי הורוויטש זאל בלייבן. ניט געקוקט דערויף וואס די מאשין האט אנגעווענדעט אלע מיטלען און האט דורך דער פרעסע הורוויטש׳ן אטאקירט און באשמוצט, האבן די מיטגלידער מיט אן איבערוועלנדער מערהייט צוריקגעוויזן הורוויטש׳עס רעזיגנאציע. אבער די פירער האבן זיך ניט דערשראקן, ווען זיי האבן דערזעען ווי די מיטגלידער זיינען קעגן זיי. די מאשין האט איגנארירט דעם ווילן פון די מיטגלידער, זיך אויסגעלאכט פון זייערע פראטעסטן און האט זיך פאראייניקט מיט די באלעבאטים און דער קאפיטאליסטישער פרעסע און זי האט הורוויטש׳ן אזוי סאבאטירט אין דער ארבעט, ביז ער איז אוועק.

דער הורוויטש-קאמף האט זיך געצויגן אן ערך א האלב יאר, פון סוף זומער 1913 ביז טיף אין ווינטער 1914.

פון הורוויטש-קאמף ביז׳ן „דזשאינט עקשאן״-קאמף

דער רעוואלט פון די מיטגלידער קעגן די קארופטע פירער, וועלכע האבן הורוויטש׳ן באזייטיקט, איז אונטערדריקט געווארן מיט אן אייזערנער האנט. די באלעבאטים האבן מיטגעהאלפן. דער קאמף פון די מיטגלידער צו באפרייען די יוניאן פון אירע קארופטע פירער און איינפירן א דעמאקראטישע פארוואלטונג, האט זיך אבער וואס ווייטער

טער אַלץ שטאַרקער פּאַנאַנדערגעבליט. די מיטגלידער האָבן אַלץ קלאָ־
רער דערזעען, וואָס פאַר אַ געפאַר עס איז פאַר זיי איבערצולאָזן די
קליקע צו הערשן אין דער יוניאָן. עס האָבן זיך גענומען אויסבילדן
גרופּן פון אַקטיווע מיטגלידער אויף אָנפירן דעם קאַמף געגן דער
מאַשין.

אָבער די לעצטע איז אויך ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט.
מען האָט גענומען שטראָפירן, אויסשליסן פון דער יוניאָן די ווידער־
שפּעניקע. ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט מען גענומען אויס־
שליסן גאַנצע לאָקאַלן וועלכע זיינען געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט
קעגן דער קאָרופּטער מאַשין.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אין 1917 אויסגעשלאָסן לאָקאַל 1
פון די אָפּערייטאָרס, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום 14,000, און
מען האָט אָרגאַניזירט אַ נייעם לאָקאַל. די באַלעבאַטים זיינען דאָ
אויך געקומען דער מאַשין צוהילף און האָבן אַרויסגעוואָרפן פון די
שעפּער די אָפּערייטאָרס וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן
אין נייעם לאָקאַל.

דאָס זעלבע האָט די מאַשין געטאָן אין 1920, מיטן לאָקאַל 25
פון די וויסט־ און דרעס־מאַכער, וועלכער איז אויך געווען איינער
פון די גרעסטע לאָקאַלן אין דער אינטערנעישאָנאַל. דער לאָקאַל האָט
אָנגעפירט אַ באַוועגונג פאַר דער שאָפּ־דעלעגאַטן סיסטעם. דערפאַר
האָט מען צעבראָכן דעם לאָקאַל אויף צוויי און צעטיילט די מיט־
גלידער אין צוויי באַזונדערע לאָקאַלן — וויסטמאַכער באַזונדער און
דרעסמאַכער באַזונדער, — כאָטש די מיטגלידער האָבן קעגן דעם בי־
טער פּראָטעסטירט.

די מאַשין האָט געמיינט, אַז מיט אַזעלכע מיטלען וועט זיך איינ־
געבן אָפּצושטעלן דעם קאַמף פון דער „רענק ענד פייל". אָבער דאָס
איז געווען אַ טעות.

ניט געקוקט אויף אַלע וואַל־שווינדלערייען, האָבן די געגנער פון
דער קליקע געוואונען די פירערשאַפט אין איין לאָקאַל נאָכן צווייטן.

אין 1923 האָט די וואַקסנדע אָפּאָזיציע פון די מיטגלידער דער־
גרייכט אַ הויכע שטופּע. די פירערשאַפט פון די דזשאָינט באָארדס
אין די גרעסערע צענטערן איז ענטוועדער אַריבער צו די לינקע (שי־
קאַגאָ), אָדער עס האָט געהאַלטן דערביי. דאָ האָט מאָריס זיגמאַן,

וועלכער איז דעמזעלביקן יאר געווארן פרעזידענט אויפן ארט פון ב. שלעזינגער, אנגעהויבן קעמפן מיט שארפע מיטלען.

זיגמאן, וועלכער האט שוין, אלס באאמטער אין ניו יארקער דזשאינט באארד, געהאט דערפארונג אין באקעמפן די אפאזיציע אין 1917 און 1920, האט אין 1923, דורך זיין גענעראל עקזעקוטיווע, ארויסגעגעבן אז „אוקאז", אז קיין מיטגליד פון דער אינטערנייישא־נאל טאר ניט באלאנגען צו קיין ליג, גרופע אדער קלוב.* די וואס זיינען פארדעכטיקט געווארן און האבן דעם אוקאז ניט געוואלט אנער־קענען, דורך אונטערשרייבן א פאפיר, אז זיי זיינען אין קיין ליג א. א. וו. ניט אנגעשלאסן, זיינען באזייטיקט געווארן פון דער יוניאן.

אין אלע שטעט איבערן לאנד האט די קליקע געבושעוועט און געווארפן מיטגלידער און לאקאלן פון דער יוניאן. אומעטום זיינען איר די באלעבאטים געקומען צוהילף און מיט דער בייטש פון הונגער געצוואונגען די ארבעטער זיך אונטערצוגעבן.

סוף כל סוף איז געקומען צו אן אפענעם רעוואלט און א בלוטיקן קאמף צווישן די מיטגלידער אין דער קליקע, אין יוני 1925, ווען די קליקע האט אויסגעשלאסן די דריי גרעסטע לאקאלן, דעם אפע־רייאטארס לאקאל 2, דעם פינישערס לאקאל 9 און דעם דרעסמאכערס לאקאל 22. די קליקע האט זיך באנוצט מיטן תירוץ, אז די לאקאלן ווערן באהערשט פון די קאמוניסטן. א באוויז האט זי געבראכט, אז מען האט צו אן ערשטן מאי מיטינג, דעם זעלביקן יאר, איינגעלאדן דעם קאמוניסטישן פירער מ. אלגין אלס רעדנער. פאר דעם חטא האט מען אויסגעשלאסן די דריי לאקאלן מיט א מיטגלידערשאפט פון אן ערך 30,000.

די לאקאלן האבן ניט אנערקענט זייער אויסשליסונג און האבן געשאפן א „פאראייניקטן אקציאנס קאמיטעט" („דזשאינט עקשאן

---

* די אקטיווע טוער פון דער אפאזיציע זיינען צום מייסטן ארגאני־זירט אין די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליגס, אן ארגאניזאציע, ווער־מענס צוועק עס איז צו ארגאניזירן די אומארגאניזירטע און דערשלאגן זיך רענק און פייל הערשאפט. עס זיינען אויך געווען אנדערע ליגס, קלובן, א. א. אבער דער „אוקאז" איז געווען הויפטזעכלאך געווענדעט קעגן דער ט. י. ע. ל.

קאָמיטע" — דער קאַמף איז באַקאַנט אַלס דער „דזשאָינט עקשאָן" קאַמף). די קליקע האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט. מיט דער הילף פון „שטאַרקע" און פּאָליציי, האָבן זיי זיך אין מיטן נאַכט אַריינגעבראָכן אין די אָפיסעס פון די לאָקאַלן און מיט גוואַלד פאַרנומען די אָפיסעס. אַ מחנה שלעגערס, פּראָפעסיאָנעלע גענגס־טערס, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו טעראָריזירן די מיטגלידער. אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. ניט בלויז די מיטגלידער פון די דריי לאָקאַלן, נאָר די מיטגלידער פון אַנדערע לאָקאַלן זיינען געשטאַנען פאַראייניקט מיט דער אָפּאָזיציע און האָבן געקעמפט 16 וואָכן צייט, האָבן אַרויסגעטריבן פון די שעפער די ביזנעס־אַגענטן פון דער קלי־קע, האָבן ניט גענומען זייערע אָרדערס און ניט געצאָלט קיין דיוס, ביז די קליקע איז, אין סעפּטעמבער 1925, געווען געצוואונגען צו מאַכן שלום און אַריינצונעמען צוריק די אויסגעשלאָסענע לאָקאַלן.

לאַנג האָט אָבער דער שלום אין דער יוניאָן ניט אָנגעהאַלטן. אין 1926 האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער, ביטערער קאַמף, אַ קאַמף וואָס דער פונדאַמענט זיינער איז טיילווייז דער אייגענער וואָס דער ביזנאָ־קאַמף אין 1912 און דער הורוויטש־קאַמף אין 1913-1914.

פאַרוואָס האָט מען אָנגעהויבן די מלחמה?

דער געשריי: קאָמוניסטן *

אין אַ מלחמה, ווען מען וויל, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיך שלאָגן מיט מוט, מוז מען געפינען אַ לאָזונג, וועלכער זאָל אַפּעלירן צו זיי.

זייער זעלטן דערקלערט מען די סאָלדאַטן די אמת׳ע אורזאַכן צוליב וואָס מען טרייבט זיי צו דער שחיטה. די הערשנדיקע קליקעס, וועלכע פאַראורזאַכן מלחמות, ווייסן גאַנץ גוט, אַז זיי וואָלטן ניט גע־קראָגן קיין אַרמייען צו קעמפן פאַר זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָ־מישע אינטערעסן. זוכט מען אויס געהעריקע לאָזונגען, וואָס זאָלן ווירקן אויפן עולם.

ווער געדענקט ניט די לאָזונגען פון דעם לעצטן וועלט־קריג — אַז דאָס איז אַ מלחמה „צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע“, אַז די דייטשן זיינען באַרבאַרן, מענטשן־פיינט, און אַז די דייטשע יונקערס זיינען אַ געפאַר פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט? אין צייט פון מלחמה האָבן מיליאָנען מענטשן געגלויבט אין דעם. היינט ווייסן אַלע, אַז ניט די דייטשן זיינען באַרבאַרן און אַז ניט צו פאַרניכטן יונקערטום און צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע האָט מען געפירט די מלחמה, נאָר צוליב גאַנץ אַנדערע אורזאַכן און אינטע־רעסן. אָבער די וועלט־הערשער האָבן זייערס דורכגעפירט. און עס ווייזט אויס, אַז מיט די אייגענע מיטלען, מיט פאַלשע לאָזונגען, פאַרפירט מען איצט אַ מלחמה קעגן די קלאָוקמאַכער.

---

* טיילווייז געדרוקט אין „טאָג“ צווישן 9־טן און 12־טן דעצעמבער, 1926, ווען די גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַר־מענט וואָירקערס יוניאָן האָט זיך גענומען גרייטן צום קריג געגן די לינקע. דער קריג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם 13־טן פון דעם חודש.

די קלאוקמאכער זיינען פארוויקלט אין א לאנגן און א ביטערן קאמף. מיר האבן נאך אכט טויזנט סטרייקער, וועלכע זיינען שוין אין סטרייק מער ווי צוואנציק וואכן און וועלכע האבן דורכגעלעבט א לאנגן „סלעק" איידער זיי זיינען ארויס אין סטרייק. און אויב הילף זאל פון זיי אפגעשניטן ווערן, זיינען זיי אין געפאר פשוט אויס־צוגיין פון הונגער. מיר האלטן אין קאנפערירן מיט דער קאנטראקטארס אסאסיאיישאן, און זיי האבן אונז געשטעלט אן אולטימאטום, אז אויב מיוועט זיי ניט נאכגעבן, וועלן זיי מאכן א „לאקאוט" קעגן די ארבעטער פון דריי הונדערט פון זייערע שעפער, מיט וועלכע מיר האבן שוין ביז איצט געמאכט אינדיווידועלע אגרימענטס. די אגרי־מענטס אין דער דרעס־אינדוסטריע גייען אויס קומענדיקן מאנאט. אין אזא צייט, ווען די יוניאן געפינט זיך אין אזא ביטערער לאגע און לעבט איבער אזא קריזיס, איז זיגמאן ארויס אין א מלחמה קעגן דער ניו יארקער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער און דרעס־מאכער.

פארוואס און צוליב וואס ווערן די קלאוקמאכער גערופן אפצו־ווענדן זייערע כחות און ענערגיע פון דעם קאמף מיט די באלעבא־טים, און אנהויבן א פארניכטענדיקן קאמף אין די אייגענע רייען, וועלכער קען פארניכטן די גאנצע יוניאן?

דער תירוץ איז:

„די קאמוניסטן, די קאמוניסטישע פארטיי האט באשטימט, אז מען זאל רופן דעם סטרייק; די קאמוניסטישע פארטיי האט געפירט דעם סטרייק, און זי, קאמוניסטישע פארטיי, האט געפירט צו א ני־דערלאגע."

דער לאזונג איז דעריבער:

„נידער מיט די קאמוניסטן! טרייבט זיי ארויס און פארניכטעט זיי. און זאל די יוניאן איינמאל פאר אלעמאל זיך באפרייען פון דער רויטער געפאר און פון דער דיקטאטור פון די קאמוניסטן!"

און וויבאלד אז עס איז א הייליקער קריג קעגן די רויטע, קעגן די קאמוניסטן, פארשטייט זיך, אז דאס איז שוין ניט קיין לאקאלער קלאוקמאכער עניין, נאר א גרעזעלשאפטלאך־פאליטישע פראגע. אלע

שונאים פון קאָמוניזם און די קאָמוניסטן, מוזן העלפן אין דער היי־ליקער אויפגאַבע.

דערפאַר זענען מיר טאַקע, אַז בעת מיר האָבן ניט לאַנג צוריק געהאַט דעם מיטינג אין מעדיסאָן סקוועאַר גאַרדן קעגן דעם אינדזשאַנק־שאַן און זיגמאַן האָט דאָרטן גערעדט צו איבער צוואַנציק טויזנט קלאָוקמאַכער, האָט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע דעם מיטינג פאַרשוויגן. אָבער ווען זיגמאַן רעדט עטלאַכע ווערטער אויף אַ מי־טינג פון זיינע רעכטע אַנהענגער אין קופּער יוניאָן, צעשמירט מען עס אויף די ערשטע זייטן פון אַזעלכע ציימונגען ווי די „טיימז“ און די „טריביון“.

איצט שרייט מען, אַז די קאָמוניסטן האָבן געאַרדערט אַ סטרייק. און אין 1925, ווען מען האָט געגן אונז פאַרפירט אַ קאַמף, האָט מען זיך צוגעטשעפּעט צו אַ רעדע, וועלכע מ. אָלגין האָט געהאַלטן דעם ערשטן מאַי, וואו ער זאָל האָבן אַטאַקירט די אינטערנעשאָנאַל, און דערפאַר האָט מען אַרויסגעוואָרפן די דריי גרעסטע לאָקאַלן און מיט גוואַלד פאַרכאַפּט זייערע אָפיסעס.* דאָן, פּונקט ווי איצט, האָט זיג־מאַן מיט דעם „פאָרווערטס“ אויפגעהויבן דעם געשריי: קאָמוניזם! אָבער זייער האַנדלונג איז פון יעדן אַרבעטער פאַרדאַמט געוואָרן. ווען זיגמאַן האָט דערזען, אַז זיין קאַמף איז אַ פאַרלאָרענער, האָט ער מקריב געווען זיינע אַדיוטאַנטן, פיינבערג, פּערלשטיין און דעם גאַנצן סטעף ביזנעס־אַגענטן, און ער אַליין, וואָס האָט אָנגעהויבן די פּאָליסי פון אויסשליסן און פאַרפאָלגן געגנער, האָט אַזוי מאַנעוו־רירט, אַז ער איז ווידער פאַרבליבן.

זיגמאַן האָט מיט אונז דאָן געמאַכט שלום, ווייל ער איז געווען געצוואונגען. אָבער ער האָט גלייך אויסגעאַרבעט פּלענער ווי איבער־אַניים אָנצוהויבן אויף אונז אַן אַטאַקע, כדי אונז אַרויסצוואַרפן. זיגמאַן קאָן ניט דערלאָזן, אַז די ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד זאָל פון אים ניט דיקטירט און באַהערשט ווערן. איצט, ווען די מאַסן זיינען אויסגעהונגערט פון לאַנגן סטרייק, מיינט זיגמאַן, איז די פּאַסיקסטע צייט צו דערלאַנגען אונז אַ טויט־קלאַפּ.

---

* זע זייטן 24, 32, 69 און 109

פארוואס האט מען ניט געווארט ביז דער סטרייק וועט זיין פארענדיקט?

אזוי גיך ווי דער אגרימענט, וועלכן מיר האבן געשלאסן מיט דעם אינדאסטריעל קאונסיל,* איז געבראכט געווארן אין די האלס צו די מיטגלידער צום ראטיפיצירן, האבן די רעכטע אין די האלס גלייך אנגעפאנגען די אטאקע, און טאג טעגלאך האט מען גענומען אויף דער ערשטער זייט פון „פארווערטס“ באמבארדירן מיט דערקלערונגען, אז מיר האבן ארויסגערופן דעם סטרייק, וועלכער איז גאר ניט געווען נויטיג; אז דער סטרייק איז פארלארן; אז דער סעטלמענט איז דאס ערגסטע; אז מיר האבן פארטאכלעוועט און פארשווענדעט מיליאנען. דאס זעלבע האבן געטאן פארשיידענע רעכטע קלענס און גרופעס, אויף מיטינגען און דורך צירקולארן און ליפלעטס, וועלכע זיי האבן פארשפרייט צווישן די ארבעטער.

זיגמאן מיט דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכע באהויפטן, אז אלץ וואס זיי טוען איז אין די אינטערעסן פון די ארבעטער און אין די אינטערעסן פון דער יוניאן, האבן זיך דאך געקענט פארגינען צוווארטן נאך א פאר וואכן, ביז וואנען מיר וועלן סעטלען דעם סטרייק. זיגמאן ווייס גאנץ גוט, אז ווען ניט די איצטיקע מהומה, וועלכע ער האט פאראורזאכט אין דער יוניאן, וואלטן מיר העכסטנס אין צוויי־דריי וואכן ארום געסעטלט מיט די דזשאבערס און מיט די קאנטראקטארס. דאן וואלט ער געמעגט ארויסקומען מיט אן אפשאצונג וועגן דעם סטרייק און באווייזן, צי מען האט געוואונען אדער פארלארן, און אויסרעכענען אלע אונזערע טעות׳ן און פארברעכנס. אבער איצט, אין מיטן סטרייק, צו קומען און מאכן אן אטאקע

---

* דער אינדאסטריעל קאונסיל איז אן ארגאניזאציע פון גרעסערע פאבריקאנטן, וואס פראדוצירן אין זייערע אייגענע פאבריקן (אינסאיד) די קליידער, וואס זיי פארקויפן. די גרופע האט אין סוף 1926 באשעפטיקט אן ערך אכט טויזנט ארבעטער. דער אפמאך וואס איז מיטן „קאונסיל“ געשלאסן געווארן אין נאוועמבער, איז געווען דער אנהויב צו פארענדיקן דעם סטרייק, וואס האט אויסגעבראכן דעם 1־טן יולי.

אויף די פירער פון סטרייק און דערקלערן, אז דעם סטרייק האט מען גאר ניט געדארפט ארויסרופן; אז עס איז ניט געווען צוליב וואס און פארוואס צו סטרייקן; אז דער סטרייק איז פארלארן, און נאכדעם פאדערן, אז ווען מיר וועלן רעזיגנירן וועט זיגמאן איבער־נעמען דעם סטרייק און אים פירן צו א דערפאלגרייכן סוף, — איז ניט נאר פארברעכעריש, נאר העכסט נאריש. ווארים, ווי קאנען מענטשן, וועלכע זאגן צו די באלעבאטים, אז דער סטרייק האט ניט געדארפט און ניט געטארט גערופן ווערן און אז איצט איז בכלל ניטא קיין סטרייק, ווייל דער סטרייק איז פארלארן, — ווי קאנען זיי פירן אזא סטרייק און קריגן א סעטלמענט? וועלכע משוגענע באלעבאטים וועלן געבן א סעטלמענט, וואס זאל זיין לטובת די אר־בעטער, ווען די וועלכע דארפן גיין מיט זיי קאנפערירן, זאגן פאר־אויס, אז דער סטרייק איז פארלארן?

די אמת'ע סיבה!

זיגמאנ'ס אטאקע איז א טייל פון א פאראויס־בארעכנטן פלאן, וואס איז באשלאסן געווארן נאך לאנג איידער דער סטרייק איז ארויס־גערופן געווארן.

אויף א קאנפערענץ ביי הילקוויט'ן אין אפיס, פארן סטרייק, האט זיגמאן מיט רציחה געזאגט, אז ער וועט מיט „קאמוניסטן, יוניאן־ברעכער, אויסוואורפן" ניט ארבעטן צוזאמען. דאס האט אים פונ־דעסטוועגן ניט געשטערט צו איינשפארן זיך, אז ער מוז זיין דער טשערמאן פון דער סטרייק־קאמיטע, וועלכע איז באשטאנען אין דער מערהייט פון לינקע, און וועלכע זיינען פון זיגמאנ'ס מענטשן אטא־קירט געווארן דורך ליפלעטס מיט די ערגסטע ווערטער. זיגמאן האט געוואוסט, אז ער וועט דורכפאלן. זיין קאנדידאטור האט ער ארויס־געשטעלט דעמאנסטראטיוו, געגן אונזערע ווארנונגען, און אים האט ניט געארט וואס די באלעבאטים וועלן דאס אויסטייטשן, אז עס איז ניטא קיין אייניקייט אין די רייען פון די פירער פון סטרייק. זיג־מאן האט אין זינען געהאט זיינע קריוודעס מער פון אלץ. האט ער זיך פריער געריסן צו ווערן דער טשערמאן פון סטרייק און איצט זאגט ער, אז דער סטרייק איז ניט נויטיג געווען.

איך וואלט געקענט דערציילן גענוג פאקטן, צו באווייזן, אז די אינטערנעשאנאל האט געפלאנט און געזוכט א געלעגנהייט איבעראניים אנצופאנגען דעם קריג מיט דער דזשאינט באארד. עס מאכט ניט אויס, וואס פאר א סעטלמענט מיר וואלטן ניט געוואונען. נאכדעם ווי מיר האבן, אין זומער 1925, דורך אונזער דזשאינט עקשאן קאמיטע אנגעפירט א קאמף געגן דער אינטערנעשאנאל, איז די קליקע געווען געצוואונגען אנצונעמען א באשלוס ביי דער לעצטער קאנווענשאן, אין פילאדעלפיע, אין דעצעמבער, 1925, אז העכסטענס זעקס חדשים נאך דער קאנווענשאן זאל זי איבערגעבן די פראגע פון פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט צו א רעפערענדום. די קליקע ווייס גאנץ גוט, אז ווען מען זאל איבערגעבן די פראגע צו א רעפערענדום, וועלן אונזערע מיטגלידער שטימען פאר פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט. דאן וועט ניט מעגלאך זיין פאר זיגמאנ׳ען און זיינע וויים־פרעזידענטן דערוויילט צו ווערן און צו האלטן זיך אין אמט מיט דעלעגאטן פון „פאפירענע לאקאלן", בעת די ניו יארקער און די גרעסטע לאקאלן אפילו פון אויסער ניו יארק שטימען קעגן זיי, ווי ביי דער לעצטער קאנווענשאן.

אט דאס איז די אמת׳ע אורזאך פארוואס די קליקע האט איצט ארויסגערופן די מהומה. זי דענקט, אז איצט, אין מיטן סטרייק, ווען טויזנטער פון אונזערע מיטגלידער זיינען הונגעריק, קאן זי פטור ווערן פון אונז, און מען וועט ניט דארפן קיין רעפערענדום, מען וועט ניט דארפן קיין פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט און מען וועט זיך קענען רואיק באלעבאטעווען אין דער יוניאן.

אט דאס, דער רעפערענדום, איז די סיבה פאר דער מלחמה. דער געשריי „קאמוניזם" איז נאר אן אויסרייד.*

פערציק שעה, מינימום סקעיל און רעארגאניזאציע

די גענעראל עקזעקוטיווע פרובירט צו־נישט מאכן דעם געווינס פון דער העכערונג פון מינימום סקעיל. זי דערקלערט, אז דאס באדייט ניט קיין העכערונג אין שכירות פאר אלע ארבעטער, ווייל עס

* מער וועגן דער רעפערענדום־פראגע, וועלכע איז די הויפט־אורזאך פון קאמף, זע „שווינדלער מאכן א רעפערענדום", זייט 107.

זיינען פאראן א סך ארבעטער, וועלכע נעמען מער פון מינימום סקעיל.

דא איז א נייע טעאריע, וועלכע מיר האבן ניט געהערט פון קיי־נעם — לינקע אדער רעכטע, רויטע אדער שווארצע.

עס זיינען דא יוניאנס, — און מען קען זאגן: די מערסטע יו־ניאנס, — וועלכע פארזיכערן בכלל ניט די שכירות פון די ארבע־טער העכער פון דער מינימום־סקעיל. צום ביישפיל, אין די בילדינג־טריידס ארבעט מען אויס א מינימום־סקעיל און אויב א באלעבאס וויל געבן א פאר דאלאר מער ווי דער מינימום, איז דאס אן עניין צווישן דעם ארבעטער און דעם באלעבאס.

די גענעראל עקזעקוטיווע האט מיט עטלאכע יאר צוריק, ווען זי האט אויסגעארבעט די פאדערונגען צו די באלעבאטים, געהאט צווישן די אלע פונקטן אויך דעם בארימטן פונקט 4, וועלכער האט געזאגט, אז די יוניאן זאל קריגן א העכערונג אין דער מינימום־סקעיל און זאל ניט „פראטעקטן" די שכירות פון קיין ארבעטער, וועלכער נעמט העכער פון סקעיל.

די פירער פון דער גענעראל עקזעקוטיווע האבן דערקלערט, אז דאס וויכטיקסטע פאר א יוניאן איז צו קריגן א העכערונג אין די מינימום־סקעילס, און ניט קיין העכערונג אין שכירות פאר אלע אר־בעטער. ווען מען קריגט א העכערונג אין דער מינימום־סקעיל, איז דאס א זאך, וואס בלייבט, און יעדער ארבעטער געניסט דערפון. ווען מען קריגט אבער א העכערונג אין שכירות, איז ווען אן אפעריי־טאר, לאמיר זאגן, קריגט 65 דאלאר א וואך און די מינימום־סקעיל בלייבט 50 דאלאר א וואך, פאסירט, אז ווען דער זעלביקער אר־בעטער, וועלכער קריגט 65 דאלאר א וואך, פארלירט זיין ארבעט־פלאץ און מוז זוכן אן אנדערן, איז ער געצוואונגען אנצונעמען א פלאץ פאר 50 דאלאר. ווען אבער מען העכערט די מינימום־סקעיל, איז עס א נוצן פאר אלע ארבעטער, און אויב דער ארבעטער וועלכער ארבעט לאנגזאם קריגט די מינימום־סקעיל, וועט שוין ממילא דער בעסערער און געשווינטערער ארבעטער קריגן מער ווי די סקעיל.

איצט האבן דאס די רעכטע פארגעסן. ווען עס האנדלט זיך וועגן מאכן צונישט די געווינסן פון דעם איצטיגן אגרימענט און פארדאמען די לינקע, רעדט מען היינט אנדערש ווי מען האט גערעדט נעכטן

און מען פארגעסט די פרינציפן, וועלכע אלע טרייד־יוניאנס אנער־קענען.

די רעכטע זאגן אויך, אז די יוניאן האט געקענט קריגן קירצערע שטונדן אן א סטרייק. דאס איז א ווילדע באהויפטונג. מיר האבן דאך געפאדערט קירצערע שטונדן און מיר זיינען געגאנגען מיט דער פאדערונג צו דעם גאווערנאר׳ס קאמיסיע.* די קאמיסיע האט דאס צוריקגעוויזן. און איידער מיר האבן דעם סטרייק גערופן, האבן מיר דאך געהאט קאנפערענצן מיט די באלעבאטים, — ביי וועלכע זיגמאן און די רעכטע לאקאל מענעדזשערס זיינען אנוועזנד געווען. די באלעבאטים האבן זיך אפילו אפגעזאגט צו ריידן וועגן א קירצערע ארבעט־וואך. טא וואס הייסט עס, אז מען האט געקענט קריגן א קירצערע ארבעט־וואך אן א סטרייק?

די גענעראל עקזעקוטיווע זאגט, אז די ערגסטע נידערלאגע פאר דער יוניאן איז די רעארגאניזאציע, וואס מען האט נאכגעגעבן די אינסייד מאנופעקטשורערס.** די גאווערנאר׳ס קאמיסיע האט רעקא־מענדירט, אז די רעארגאניזאציע זאל פארקומען בלויז איין מאל אין יאר, און בלויז פירמעס וואס באשעפטיקן פינף־און־דרייסיק ארבעטער זאלן האבן די פריווילעגיע, און אז ארבעטער זאלן ניט דיסקרימינירט ווערן. אונטער די באדינגונגען, זאגט די גענעראל עקזעקוטיווע, וואלט יעדער ארבעטער, וועלכער באקלאגט זיך אז מען דיסקרימינירט אים אויף וועלכן עס איז אופן, געקאנט צוריק באקומען זיין ארבעט־פלאץ דורך דעם אומפארטייאישן טשערמאן. אבער די רעארגאניזאציע, וואס די סטרייק־פירער האבן אנגענומען, גיט די באלעבאטים דאס רעכט צו מאכן דריי רעארגאניזאציעס אין אנדערהאלבן יאר, און גיט אויך דאס זעלביקע רעכט צו אזעלכע באלעבאטים וועלכע האבן באשעפ־טיקט ווייניקער ווי פינף־און־דרייסיק ארבעטער, און ארבעטער האבן א רעכט צו ברענגען א קלאגע בלויז אין דעם פאל, ווען מען דיס־קרימינירט קעגן זיי פאר יוניאן־טעטיקייט.

---

* זע פארווארט, זייט 23.

** רעארגאניזאציע איז דאס רעכט פון באלעבאס אפצוזאגן א באשטימ־טע צאל ארבעטער יעדן סעזאן און פארבייטן זיי מיט אנדערע.

נו, עס איז אמת, אז די קאמיסיע האט רעקאמענדירט, אז בלויז באלעבאטים וועלכע באשעפטיקן פינף־און־דרייסיק אדער מער אר־בעטער זאלן האבן א רעכט אויף רעארגאניזאציע. אבער ווען מען נעמט אין אכט, אז קיין צייט־גאראנטיע איז פון דעם גאווערנאר׳ס קאמיסיע ניט געגעבן געווארן, וואלט דאך געווען זייער לייכט פאר א באלעבאס, וועלכער באשעפטיקט ווייניקער פון 35 ארבעטער און וויל האבן א רעארגאניזאציע אין מיטן סעזאן, ארויפצונעמען נאך עטלעכע ארבעטער און קריגן דאס רעכט ארויסצושיקן ארבעטער. דאס וואלט געהייסן, אז א חוץ דעם וואס דער באלעבאס וואלט גע־האט רעארגאניזאציע, וואלטן אט די ארבעטער, וועלכע ארבעטן אזוי אויך א קורצן סעזאן, געארבעט נאך ווייניקער. אונטער דעם איצטיקן אגרימענט, אבער, קאן אזא זאך ניט פאסירן. ווייל אויב א באלעבאס וויל האבן דאס רעכט פון רעארגאניזאציע, דארף ער פריער געבן זיינע ארבעטער ניט ווייניקער ווי 32 וואכן ארבעט.

ווי אזוי מען קאן אויסטייטשן, אז רעארגאניזאציע מיט 32 וואכן ארבעט איז ערגער ווי רעארגאניזאציע אן 32 וואכן — איז שווער צו פארשטיין.

נאך א זאך איז וויכטיק: לויט דעם אגרימענט, ווען אן ארבעטער ווערט אפגעזאגט דורך דער צייט פון רעארגאניזאציע, באקומט ער א וואך שכירות. אין די רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר׳ס קא־מיסיע איז עס ניט געווען.

עס איז אמת, אז מיר גיבן דריי רעארגאניזאציעס אין אכצן מא־נאטן. אבער דער אגרימענט איז ניט געמאכט געווארן אויף אכצן מאנאטן, נאר ביז יוני, 1929, — דאס הייסט, מער ווי צוויי און א האלב יאר. און וועגן דעם איז נויטיג צו דערציילן א טשיקאווע מעשה.

זיגמאן, וועלכער אטאקירט אונז איצט, הלמאי מיר האבן נאכ־געגעבן דריי רעארגאניזאציעס אין דעם אגרימענט, האט ארגומענטירט מיט אונז, געערדט און געטאלקעוועט, אז מען דארף זיך ניט שטעלן צוליב אזא זאך. אין גאנצטייל, האט ער אונז געזאגט, דאס איז נאך לטובת דער יוניאן, אז עס וועט זיך ארויסווייזן, אז רעארגאניזאציע איז ניט אזוי שלעכט פאר דער יוניאן, ווי מיר שטעלן זיך פאר, איז דאך קיין חילוק ניט, צי מען וועט זיי געבן די דריטע רעארגא־ניזאציע אדער ניט. און פארקערט, אויב עס זאל זיך ארויסווייזן,

אַז רעאָרגאַניזאַציע איז טאַקע אַזוי שלעכט פאַר דער יוניאָן, איז עס דוקא אין אונזערע אינטערעסן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן קריגן דאָס רעכט פון רעאָרגאַניזאַציע זעקס מאָנאַטן איידער דער אַגרימענט גייט אויס. אויב מיר וועלן מוזן רופן אַ סטרייק אָפּצושאַפן די רעאָרגאַניזאַציע, איז גוט, אַז נאָענט פאַר'ן אויסגיין פון אַגרימענט זאָלן די באַלעבאַטים דורכפירן זייער רעאָרגאַניזאַציע אין די שעפּער. דאַן וועלן די קלאָוקמאַכער זיין אויפגערעגט און זיי וועלן קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון רעאָרגאַניזאַציע.

דאָס איז געווען זיגמאַנ'ס אַרגומענטן ביי אונזערע זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע. און עס איז וויכטיג צו געדענקען, אַז דעם גאָווערנאָר'ס קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט רעאָרגאַניזאַציע נאָך מיט אַ יאָר אַ האַלב צוריק, און זיגמאַן איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט איינגעטענה'ט מיט זיינע דעמאָלטיקע וויים-פּרעזידענטן, אַז מען דאַרף דאָס אָננעמען. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט צו קומען צו די אַרבעטער מיט דעם און האָבן זיך איינגעבעטן ביי דער קאָמיסיע, אַז מען זאָל זיך צוריקהאַלטן פון פאַרעפנטלאַכן דעם באַריכט, כאָטש אויף נאָך אַ יאָר. ווייל זיי זיינען דעמאָלט געווען פאַרוויקלט אין אַ קאַמף מיט די לינקע לאָקאַלן.

פאַרוואָס איז ניט געווען נאָך אַ סטרייק-רעפערענדום?

דער באַריכט פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע זאָגט, אַז זי באַגרייפט, אַז „ווען אַרבעטער גייען אַרויס אין סטרייק, שטעלן זיי איין — געווינען אָדער פאַרלירן, און אַז אַ פאַרלוירענער סטרייק איז ניט אַלעמאָל די שולד פון דער פירערשאַפט". אָבער דער באַריכט באַשולדיקט אונז, אַז „אין דעם פאַל, איז דער סטרייק אַרויסגערופן געוואָרן, כאָטש ער איז ניט באַפולמעכטיקט געוואָרן פון דער מיטגלידערשאַפט, און אַז דער דורכפאַל פון סטרייק איז געקומען בלויז דורך דער אומפעיאיקייט און קרימינעלער נאַכלעסיקייט פון דער פירערשאַפט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן".

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע וועגן ווי אַזוי אַנצופרעגן ביי די מיטגלידער. פאַראַן איין וועג, ווי די דזשאָינט באָארד פלעגט זיך פירן אַמאָל. יעדעס מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט אַרויסרופן אַ

סטרייק, אדער מאכן א סעטלמענט, האט מען געמאכט א רעפערענדום צווישן אלע מיטגלידער דורך א „געהיימען באלאט“, — וועלכעס זעט אויס אויבן־אויף גאנץ דעמאקראטיש. אבער די רעפערענדומס, וועלכע פלעגן דורכגעפירט ווערן פון דער אלטער אדמיניסטראציע, זיינען געווען א שפאס, איבער וועלכן עס וויצלען זיך די קלאוקמאכער ביז היינט צו טאג. יעדער איינער האט געוואוסט, אז — צי מען וועט גיין שטימען, צי ניט — מען וועט סיי־ווי אנאנסירן 32,000 מיט עטלאכע הונדערט שטימען, כדי עס זאל האבן דעם אויסזען פון ריכטיקע ציפערן. יעדער קלאוקמאכער ווייסט, אז די „רעפערענדומס“ פלעגן פארקומען דורך „אנגעשטאפטע“ שטים־קאסטנס און געפעלשטע שטים־צעטלען.*

ווען מיר האבן גערופט ארויסרופן דעם סטרייק, האט זיך געהאנדלט וועגן דעם, צי מיר זאלן מאכן א רעפערענדום אדער ניט. (ווען איך זאג א רעפערענדום, מיין איך ניט „רעפערענדום“, וועלכער פלעגט אמאל דורכגעפירט ווערן, נאר א *ריכטיקן* און *ערלאכן* רעפערענדום, ווי מיר פירן געוויינלאך דורך. אין אונזערע רעפערענדומס האבן מיר קיינמאל ניט אנאנסירט, אז 32,000 קלאוקמאכערס האבן געשטימט, ווייל עס איז ניטא קיין יוניאן און אויך קיין לאנד אין דער וועלט, וואו אלע בארעכטיקטע וויילער זאלן קומען אפגעבן זייערע שטימען בעת די וואלן). מיר זיינען געשטאנען פאר דער פאלגנדיקער לאגע:

אונזערע פאדערונגען, וואס די גאווערנאר׳ס־קאמיסיע האט צוריקגעוויזן, זיינען אנגענומען געווארן פון אלע לאקאלן פון דזשאינט באארד, און זיינען גוטגעהייסן געווארן פון דער קאנווענשאן. עס איז באשטימט געווארן, אז אויב די גאווערנאר׳ס־קאמיסיע וועט צוריקווייזן די פאדערונגען, זאל מען גיין סטרייקן. עס זיינען דערפאר געווען אנדערע פון אונז, וואס האבן געהאלטן, אז כדי נאכאמאל צו געוואויר ווערן די מיינונג פון די קלאוקמאכער, צי מען זאל סטרייקן אדער ניט, איז ניט נויטיג דוקא א רעפערענדום, ווייל עס איז געווען זייער ווייניק צייט, און ווייל א רעפערענדום איז אויך פארוויקלט מיט א גרויסער הוצאה. דער געדאנק איז געווען, אז מיר זאלן רופן די

* זע פארווארט, זייט 22.

קלאָוקמאַכער צו אַ מיטינג אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדן, פאַרלייגן פאַר זיי די לאַגע און פרעגן זיי, צי זיי זיינען פאַר אַ סטרייק. ביי דעם מיטינג אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדן זיינען זיכער געווען מער קלאָוקמאַכער וויפיל מיר וואָלטן געקענט דערוואַרטן ביי אַ רעפערענדום. האָבן מיר דעריבער געהאַלטן, אַז נאָכדעם ווי עס זיינען געווען מער ווי 20 טויזנט קלאָוקמאַכער ביים מיטינג און האָבן דאָרט איינשטימיק באַשלאָסן אַרויסצוגיין סטרייקן, איז ניט נויטיק געווען נאָכדעם צו רופן אַ רעפערענדום, אין וועלכן עס זאָלן זיך באַטייליקן ווייניקער קלאָוקמאַכער.

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען אַ טעות. און איך בין טאַקע געווען דערפאַר, אַז מען זאָל מאַכן אַ רעפערענדום. צווישן אַנדערע מאָטיוון האָב איך אויך געהאַט אין זינען צו פאַרמאַכן די מיילער פון די, וועלכע האָבן איצט גענומען ריידן, הלמאי מען האָט ניט געמאַכט קיין רעפערענדום. אָבער ווען מיר האָבן אויפגעהויבן די פראַגע, האָט זיגמאַן פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך מישב זיין מיט מאָרים הילקוויט, לאָיער פון דער יוניאָן. מיר האָבן זיין פאָרשלאַג אָנגענומען. הילקוויט האָט געפּסקנט, אַז דער באַשלוס פון דעם מעדיסאָן סקוועער גאַרדן מיטינג איז גענוג און מען דאַרף ניט נאָך אַן אָפּשטימונג. אויב זיגמאַן האָט דערצו ניט צוגעשטימט — איז ער דאָך דער פּרעזידענט, האָט ער געקענט רעאַגירן. ער איז דאָך אויך געווען אַ מיטגליד אין דער סטרייק קאָמיטע, פאַרוואָס האָט ער ניט געפאָדערט אַז מען זאָל דורכפירן אַ רעפערענדום?

דאַן האָט זיגמאַן געשוויגן. נאָר איצט, אין מיטן סטרייק, ווען מיר שטייען אין אַזאַ ביטערער לאַגע, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איידער מען גייט צו אַ סטרייק דאַרף מען רופן אַ רעפערענדום. איז דער פאַקט אַליין ניט גענוג צו באַווייזן, אַז די טענות פון די קליקע זיינען פאַלשע?

וואָס ווילן די פירער פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן און לייבאָר פון אונזערע יוניאָנס?

קומען זיי באַפרייען, אָדער פאַרשקלאַפן? *

דער „פאָרווערטס“ שרייט, אַז די וואָלס, די פריינים און די מעקגריידיס, זיינען אונזערע רעטער, אונזערע באַפרייער. זיי זיינען אונז געקומען באַפרייען פון גרעפט, גענגסטעריזם און דיקטאַטור. זיי זיינען געקומען בויען פאַר אונז ערלאַכע, דעמאָקראַטישע און שטאַרקע יוניאָנס, און אויסקעמפן פאַר אונז גוטע אַרבעט־באַדינגונ־גען.

פון וואַנען האָט זיך עס ביי די באַאַמטע פון דער אַמעריקען פע־דעריישאָן און לייבאָר גענומען אַזאַ ליבע צו די אידישע יוניאָנס?

---

* די פירער פון דער אַמעריקען פעדערייִשאָן און לייבאָר, וועלכע האָבן שטאַרק געהאָלפן דער קליקע און דעם „פאָרווערטס“ אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן, האָבן ספּעציעל אַקטיוו געאַרבעט אויף ברעכן די פאַ־ריערס יוניאָן. אין יוני, 1927, ווען די יוניאָן האָט דערקלערט אַ סטרייק קעגן די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געשטיצט די רעכטע, האָט מעטיו וואָל, דער וויצע־פּרעזידענט פון דער אַ. פ. אָוו ל., אַפּעלירט צו די צענדליקער טויזנטער מיטגלידער פון אַלע יוניאָנס אין ניו יאָרק, אַז זיי זאָלן קומען צו די פאַר־שעפער און העלפן קעמפן קעגן די פאָריער־פּיקעטס. ער און די אַנדערע הויפּט־באַאַמטע פון דער אַ. פ. אָוו ל. אין ניו יאָרק, האָבן גע׳פּועל׳ט ביי דער פּאָליציי, אַז זי זאָל אַרויסטרעטן קעגן די פאָריערס אויפן ברוטאַלסטן שטייגער. פּיקעטס זיינען געשלאָגן און אַרעסטירט גע־וואָרן ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּיקעט ליין. מעטיו וואָל און די אַנדערע האָבן פאַר דעם סטרייק געלאָזט וויסן אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע צייטונגען, אַז די פאָריערס יוניאָן האָט אונטערגעקויפט דער פּאָליציי (זע פאָרוואָרט). דער אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן אין דער „פרייהייט“, דעם 20טן יוני, אין ברען פון קאַמף.

מיר קענען דאָך די וואַלס מיט די מעקגריידים ניט פון היינט! זיי זיינען דאָך ניט קיין פנים חדשות אין דער אַרבעטער באַוועגונג! זיי זיינען דאָך שוין יאָרן און יאָרן די פירער פון דער אַמעריקען פע־דערייטאָן אָוו לייבאָר, און מיר ווייסן וואָס זיי האָבן פאַר אונז ביז איצט געטאָן.

ווען אידישע אַרבעטער זיינען געלאָפן פון די צאַרישע פּאָגראָ־מען, ווען זיי זיינען געווען אין געפאַר אַרעסטירט צו ווערן פון ני־קאָלאַי׳ס זשאַנדאַרמען, האָבן די מעטיו וואָלס געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַר אונז פאַרמאַכן די טויערן פון לאַנד. מיר וועלן אַרונטער־דריקן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, האָבן זיי גע׳טענה׳ט.

ווען מיר האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט פאַר אַ הונגער־לוין, ווען די פאַרפלוכטע סוועט־שעפּער האָבן רואינירט אונזער געזונט, האָבן די מעטיו וואָלס אויסגענוצט אונזערע צרות, אונזער אַרימקייט און נויט, צו פּראָפּאַגאַנדירן קעגן אימיגראַציע.

ווען מיר זיינען אַרויס אין קאַמף פאַר מענטשלאַכע באַדינגונ־גען — ווער האָט פון זיי דעמאָלט געהערט? וואָל אַפּעלירט איצט צו די אַמעריקאַנישע יוניאָנס, אַז זיי זאָלן קומען פּיקעטן, פאַרטרייבן די פאַריערס. וואָס איז עפּעס וואָל מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי טעטיק? דערמאָנט זיך וויפיל סטרייקס מיר האָבן געהאַט! עס איז ניט גע־ווען קיין סענט פאַר אַ געזאַלצענעם בייגל אַפּילו. די גאַרילעס פון די באָלעבאַטים האָבן געשפּאָלטן קעפּ, די פּאָליציי האָט געבאַסעוועט, טעראָריזירט און אַרעסטירט די פּיקעטס. האָט איר געהערט, אַז וואָל און זיינע קאָלעגן זאָלן קומען מיט זייערע מחנות פּיקעטס צו פאַר־טיידיקן די סטרייקערס? האָט איר געהערט, אַז וואָל זאָל שליידערן אין געזיכט דעם מעיאָר און דעם פּאָליס־קאָמישאָנער, אַז די פּאָליציי קריגט גרעפט און דערפאַר לאָזט זי די גענגסטערס, וואָס די מאַנו־פעקטשורערס דינגען, ממית׳ן די פּיקעטס? וואו און ווען האָבן די הערן געאַרבעט אַזוי פלייסיק, ווי איצט? ווען האָבן זיי עס אַזוי געקעמפט פאַר די אידישע אַרבעטער?

און וואָס עפּעס בלויז די אידישע?

איצט, ווען די קאַרפּן־קעפּ גיבן אַוועק זייער גאַנצע צייט צו ראַטעווען די פאַריערס, קומט פאַר אַ סטרייק פון 200,000 מיינערס.

די קאמפאניעס האבן צונויפגעזאמלט גענגסטערס, גארילאס און אויסוואורפן פון אומעטום, די שעריפס אין די מיין דיסטריקטן האבן זיי איינגעשוואוירן, געגעבן זיי בעדזשעס, קלאבס און רעוואלווערן, און זיי זיינען עס די היטער פון „לא ענד ארדער". טאמער באוויזט זיך נאר א מיינער פיקעט־קאמיטע, איז מיטן קלאב איבערן קאפ, אדער א קויל אין הארצן! מען דערלויבט ניט פיקעטן. אומזיסט פראטעסטירן די סטרייקערס, אומזיסט נעמען זיי אן רעזאלוציעס. דער שעריף לאכט זיך אויס. די „טיימז", די „טריביון", די „פאסט" און די „ווארלד", אלע קאפיטאליסטישע צייטונגען, וועלכע דרוקן יעדעס ווארט פון מעטיו וואל ווען ער אטאקירט אונז, דערמאנען קיין ווארט ניט פון דעם מיינערס סטרייק. מען ווייסט גאר ניט, מען הערט גאר ניט, אז ס'איז דא א מיינער סטרייק. טא וואס שווייגט דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדעריישאן או לייבאר, וויליאם גרין? ער איז דאך א מיטגליד פון דער מיינערס יוניאן, געווען גענעראל סעקרעטער פון דער יוניאן! וואס טוען זיי דא ביי אונז אין דער צייט, ווען צוויי הונדערט טויזנט מיינערס מיט זייערע פאמיליעס גייען אונטער, און די גרעסטע יוניאן אין אמעריקע ווערט צעשמעטערט? פארוואס מאכט וואל ניט קיין גוואלד, אז די קוילן־באראנען האבן אפגעקויפט די שעריפס, אז געדונגענע גענגסטערס מארדן די מיינער, זייערע פרויען און קינדער? זיינען די איבער א האלבן מיליאן נפשות ביי די מיינערס ניט אזוי וויכטיג, ווי די צען טויזנט פאריערס? די אמעריקען פעדעריישאן או לייבאר איז די מאמע פון די יוניאנס, זאגט דאך גרין. טא וואס איז דאס פאר א מאמע, וועלכע גיט זיך אפ מיט איין קינד צופיל און די איבעריגע לאזט זי אויף הפקר?

די יוניאנס פון דער אמעריקען פעדעריישאן או לייבאר, אונטער דער פאראייניקטער אטאקע פון די באלעבאטים און אפען שאפערס האבן פארלארן צענדליקער טויזנטער מיטגלידער. פיל יוניאנס זיינען אפגעשוואכט געווארן, פיל יוניאנס גוסס'ן, אנדערע זיינען אינגאנצן פארניכטעט געווארן. פון די זעקס און דרייסיק מיליאן ארבעטער אין אמעריקע, געהערן צו דער פעדעריישאן ווייניקער ווי דריי מיליאן. די וויכטיקסטע אינדוסטריען זיינען ניט ארגאניזירט.

די אַרבעטער פון די פּעקינג־הייזער, וועלכע שקלאַפן פאַרז פליישׁ־טראַסט אין שיקאַגאָ, האָבן געהאַט אַ שטאַרקע יוניאָן, אָבער די פירער האָבן פאַרראַטן און פאַרקויפט די אַרבעטער, און איצט איז אפילו קיין זכר פון קיין יוניאָן ניטאָ. די באַדינגונגען פון די אַרבעטער זיינען איצט אַזוי שלעכט ווי דאַן, ווען סינקלער האָט געשריבן זיין ראָמאַן „דזשאַנגל“.

די לעצטע קאָנווענשאָן פון דער אַ. פ. אָוו ל. איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעטראָיט. די פירער האָבן גערעדט וועגן אָרגאַניזירן די אויטאָמאָביל־אַרבעטער. האָבן זיי עפּעס געטאָן? ניט נאָר זיינען די אויטאָמאָביל־אַרבעטער ניט אָרגאַניזירט, נאָר קיין שום טרייד איז אין דעטראָיט ניט אָרגאַניזירט. אפילו דער בילדינג־טרייד ניט.

די באַו־אַרבעטער זיינען ניט אָרגאַניזירט. די אייזן און שטאָל אַרבעטער זיינען ניט אָרגאַניזירט. זינט דער גרויסער שטאָל־סטרייק איז פאַרלאָרן געגאַנגען, אין 1919, איז דאָרט קיין סימן פון קיין יוניאָן ניטאָ. און ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס דער סטרייק איז פאַרלאָרן געגאַנגען, אויב ניט די ריטער אונזערע? בעת די אידישע אַרבעטער האָבן דעמאָלט געשאַפן הונדערטער טויזנטער דאָלאַר שטיצע פאַר די סטרייקערס, האָבן די פּרעזידענטן און די אָרגאַניזערס פון די פאַרשיידענע יוניאָנס געזוכט רייך צו ווערן און זייערע יוניאָנס רייך צו מאַכן. די אינטערעסן פון די אַרבעטער זיינען זיי אפילו אין פּיאַטע ניט געלעגן. אַנשטאָט צו אָרגאַניזירן אַלע שטאָל־אַרבעטער אין איין יוניאָן, האָט מען זיך געקריגט איבער מיטגלידערשאַפט, איבער איינטריט־געלט, איבער יוריסדיקציע. אַנשטאָט צו אויסגעבן יעדן סענט פון דער קאַסע צו אָרגאַניזירן די שטאָל־אַרבעטער און געווינען דעם סטרייק, האָבן זיך די טשיפס געקריגט איבער מיטגלידער. געוויסע אינטערנעשאָנאַלס האָבן אַריינגענומען צענדליקער טויזנטער דאָלאַר אין איינטריט־געלט, אָבער ווען עס איז געקומען צו געבן געלט אָנצופירן דעם סטרייק, האָבן זיי ניט געגעבן קיין פּעני. זיי האָבן אפילו ניט געשיקט זייערע אָרגאַנייזערס צו העלפן פירן דעם סטרייק. איין אינטערנעשאָנאַל האָט אָפּגעשיקט צו דער צווייטער און אַזוי האָט קיינער גאָרניט געטאָן, ביז דער סטרייק איז געבראָכן געוואָרן.

ווייל מען אונז איינריידן, אז די, וועלכע זיינען געוועזן דערפאר, אז מען זאל אונז גאר אהער ניט ארײנלאזן; אז די, וועלכע האבן אונז ניט געהאלפן ביז איצט; אז די, וועלכע מאכן קיין טראט ניט, סיידן מען גילט זיי אפ, — אז אט די, זיינען דאס מיט אמאל געווארן אונזערע פריינט!

מעג דער „פארווערטס" הייזעריק ווערן לויבנדיק די וואלס און די מעקגריידים. יעדער ארבעטער, וועלכער האט נאר עפעס מארך אין קאפ, אדער וועלכער איז ניט בלינד; יעדער, וועלכער איז ניט פארקויפט צו דער „פארווערטס" קארעטע און וועלכער איז ניט קיין אגענט פון די באלעבאטים, זעט און גיט צו, אז די וואלס און די מעקגריידים זיינען היינט פונקט אזוי אונזערע פריינט, ווי זיי זיינען געוועזן ביז איצט, און אז זיי זיינען געקומען ניט באפרייען אונז, נאר פארשקלאפן אונז. ניט בויען אונזערע יוניאנס זיינען זיי געקומען, נאר צעברעכן זיי.



דער היפּאָקריזם פון „פאָרווערטס“
און דער יושר פון קאַפּיטאַליסטישן געריכט *

טאָג־טעגלאַך מאַכט דער „פאָרווערטס“ אַטאַקעס, באַשמוצט און פאַרלוימדעט פּערזאָנען און אינסטיטוציעס.

ווער געדענקט ניט די אַטאַקעס פון „פאָרווערטס“ אויף דער אינטערנעשאַנאַל לייבאָר דעפענס, דעם „איקאָר“ און דער סאַקאָ און וואַנזעטי עמוירדזשענסי קאָמיטע?

ווען דער „איקאָר“ האָט אויפגעפאָדערט דעם „פאָרווערטס“ צו אַן ערן־געריכט, און צוגעזאָגט, אַז אויב דער „פאָרווערטס“ וועט באַווייזן זיינע באַשולדיגונגען, וועט זיך דער „איקאָר“ אויפלייזן, האָט זיך דער „פאָרווערטס“ אויסגעלאַכט — און ער זעצט ווייטער פאָר זיינע פאַרלוימדונגען.

יעדער נומער פון „פאָרווערטס“ איז אָנגעפיקעוועט מיט בייזוויליגע ליגנס, אָבער דער „פאָרווערטס“ האָט ניט וואָס מורא צו האָבן. ער ווייס, אַז די פאַרלוימדעטע וועלן אים ניט קלאָגן אין קאַפּיטאַליס־

---

* אין זומער 1927 האָט די „פרייהייט“ און די „אייניגקייט“ געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם מאַיאָנטעק וואָס זיגמאַן, דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, האָט פאַרמאָגט אין שטאַט איאָווא — אַ פּאַרגעניגן־פּלאַץ צום באָדן זיך, טאַנצן, גליטשן זיך, פאָרן אויף פערדלאַך, פאַרברייינגען וואַקאַציע, א. אַ. וו. צוליב דער סעריע אַרטיקלען האָט זיגמאַן אָנגעקלאָגט די רעדאַקטאָרן פון די צוויי ציַיטונגען פאַר „קרימינעל לאַיבל“ — קרימינעלע רכילות, וואָס דראָעט מיט טורמע, אויב די אָנגעקלאָגטע ווערן געפונען שולדיק. די שטעלונג פון „פאָרווערטס“ אין דער פראַגע, וועלכע גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער צייטונג, און אויך פון די אַמעריקאַנער געריכטן, ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט דורך טיילן פון אַן אַרטיקל אין „אייניגקייט“ פון 2־טן סעפּטעמבער, 1927.

טישן געריכט. און ווען זיי זאָלן עס טאָן, האָבן זיי אויך קנאַפּע שאַנסן צו געווינען. דער „פאָרווערטס" איז אַ מיליאָנערישע ביזנעס. דערצו איז ער דער אָנפירער פון דעם קאַמף צו ראַטעווען די „אַמעריקאַנישע אינסטיטוציעס" פון די פאַרדאַמטע „פאַריינערס", רויטע, באָלשעוויקעס און קאָמוניסטן. און די, וואָס ווערן אַטאַקירט, זיינען דאָך טאַקע די „אומגעוואונשטע עלעמענטן", וועלכע זיינען אַ געפאַר פאַר אונזער מדינה. פאַרשטייט זיך, אַז אין געריכט קענען זיי געגן דעם „פאָרווערטס" און דער זיגמאַן-קליקע ניט געווינען.

דערפאַר קען זיך דער „פאָרווערטס" פאַרגינען צו שטעלן אַ קלאָץ-קשיא אין פאַרבינדונג מיט דעם „לאַיבל" פּראָצעס, וואָס זיגמאַן האָט פאַרפירט געגן די רעדאַקטאָרן פון „פרייהייט" און „אייניגקייט".

ממה נפשך, פרעגט דער „פאָרווערטס" זייער נאַאיוו. זיינען אונזערע באַשרייבונגען אמת, טאָ וואָס האָבן מיר וואָס מורא צו האָבן? מיט דעם וואָס מיר „יאַמערן", — ווי ער דריקט זיך איידל אויס, — גיבן מיר דאָך צו, אַז מיר זיינען שולדיק!

אַט־אַזוי פּשוט איז עס ביים „פאָרווערטס". אָבער די געשיכטע איז, וואָס איינפאַכע זאַכן, ווען זיי ווערן געבראַכט אין געריכט, ווערן זיי גאַרניט אַזוי איינפאַך. אַט נעמט דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

יעדער איינער, דאַכט זיך, האָט געוואוסט, אַז די געביידע אויף לעקסינגטאַן עוועניו און 25־טע גאַס, וואו ס'איז איצט זיגמאַנ'ס „יוניאַן", האָט געהערט צו דער דזשאָינט באָארד און אַז מיט די געלטער פון דער יוניאַן איז די געביידע געקויפט געוואָרן. וויפיל מאָל האָט דער „פאָרווערטס" אַליין געשריבן, אַז די געביידע געהערט צו דער יוניאַן? טאָ ווי אַזוי האָט זיגמאַן די געביידע געקראָגן? האָט ער באַוויזן, אַז מיר זיינען אויסגעשלאָסן און זיין דזשאָינט באָארד איז די געזעצלאַכע? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אדרבא, זיגמאַן האָט גאָר קיין קלאַגעס און אויסשליסונגען אין געריכט ניט דערמאָנט. ער האָט אָנערקענט, אַז אונזער דזשאָינט באָארד איז די געזעצלאַכע. נאָר וואָס דען? די געביידע, האָט ער גע'טענה'ט, געהערט צו אַ קאָרפּאָריישאָן, און אויב מיר ווילן דאָרט האָבן אונזערע אָפיסעס, מוזן מיר צאָלן צו דער קאָרפּאָריישאָן רענט! ווער איז די קאָרפּאָ־

ריישאָן? וואו האָט זי גענומען די געלט צו קויפן די געביידע? ס'איז ניט וויכטיג. מען האָט געבראַכט אַ „ליס“ און מען האָט דעם ריכטער „באַוויזן“.

הײנט גײ פאַרשטײ די טיפקייט און די חכמה פון געזעץ, ווען קאָמוניסטן גייען אין געריכט מיט די זיגמאַנס!

דאָס וואָס פאַר אונז איז אַזוי קלאָר און אמת, איז ניט קלאָר און ניט אמת פאַרן געזעץ. און ווער רעדט נאָך, בעת מיר זיינען דורך דער גיפטיקער פּראָפּאַגאַנדע פון „פאָרווערטס“ און דער רעכטער קליקע פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס רויטע, קאָמוניסטן, באָלשעוויקעס און צעשטערער פון די „אינסטיטוציעס“, וועלכע זיינען אַזוי טייער און אַזוי ליב די ריכטער, פאַר וועמען מיר וועלן עס דאַרפן באַווייזן, אַז וואָס מיר האָבן געשריבן איז אמת, — וועט עס גאָר ניט זיין אַזאַ לייכטע מלאכה.

אָט האָט דער „פאָרווערטס“, אין פאַרבינדונג מיט דעם סאַקאָ און וואַנזעטי ענין, פאַרן 10־טן אויגוסט געשריבן, אַז „אַ האַלבער מיליאָן אַרבעטער וועלן אַרויס אין אַ פּראָטעסט געגן דעם געפּלאַנטן מאָרד איבער די צווײ אומשולדיקע מאַרטירער סאַקאָ און וואַנזעטי“. דאָס איז גאַנץ ריכטיק. אָבער, ווי וואָלט דער „פאָרווערטס“ געקענט אין געריכט באַווייזן, ווער עס פּלאַנעוועט צו זיין דער מערדער פון סאַקאָ און וואַנזעטי?

אָדער אַזאַ פאַל: אין לייט־אַרטיקל פון „פאָרווערטס“, אויגוסט דעם 25־טן, וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם הויפּט פון שטאָל־טראַסט, גערי, ווערט וועגן אים און וועגן אַמעריקאַנישע מיליאָנערן בכלל, געשריבן אַזוי:

„מיליאָנען דאָלאַרס קען מען ניט מאַכן דורך ערלאַכער אַרבעט. מען קען עס אויך ניט מאַכן דורך ערלאַכע ביזנעס. אויף וויפיל ביזנעס קען אין אַלגעמיין זיין דורכאויס ערלאַך. די סך מיליאָנען דאָלאַרס פון די גרויסע מיליאָנערן זיינען געזאַמלט געוואָרן דורך שווינדל, רויבערישער עקספּלואַטאַציע, אַפּנאַרעריי און באַהאַלטענער גנבה און גזלה. און לייענט מען די געשיכטע פון דעם לעבן פון וועלכן עס איז גרויסן אַמעריקאַנער מיליאָנער, איז

דאס א געשיכטע פון שווינדל, רויב, גנבה און גזלה. אבער א סך פון די גרויסע מיליאנערן, וואס האבן אזוי מיאוס געלעבט, האבן געוואלט שיין שטארבן. זיי האבן איבערגעלאזן ריזיקע סומען געלט פאר צדקה־אנשטאלטן, אוניווערזיטעטן, אלגעמיינע בילדונגס־צוועקן און אזוי ווייטער.״

מיר זיינען מסכים מיט אלץ, וואס דער „פארווערטס״ זאגט וועגן גערי׳ן. עס איז אמת, אז אויפן ערלאכן וועג, מיט קיין ערלאכע מע־טאדן, קען מען ניט אנזאמלען קיין מיליאנען. אבער ווען גערי׳ס משפחה, אדער עמיצער אנדערש, זאל פאדערן, אז דער „פארווערטס״ זאל באווייזן אין די אמעריקאנישע גע־ריכטן, אז די מיליאנען דאלארס פון די גרויסע מיליאנערן זיי־נען געזאמלט געווארן דורך „שווינדל, אפנארעריי און באהאלטענער גנבה און גזלה״, און אז די געשיכטע פון דעם לעבן פון וועלכן עס איז גרויסן אמעריקאנישן מיליאנער איז די געשיכטע פון „שווינדל, רויב, גנבה און גזלה״, פארשטייט זיך דאך, אז ווען דער „פארווערטס״ זאל אפילו אנשטעלן די גרעסטע אדוואקאטן און אויסגעבן זיין גאנץ פארמעגן, וועט ער עס ניט קענען באווייזן.

הייסט עס אבער ניט, אז דאס, וואס דער „פארווערטס״ האט אין דעם פאל געשריבן, איז ניט אמת. הלואי וואלט ער אלעמאל גע־שריבן אזעלכע אמת׳ן ווי אין דעם פאל. אבער דאס באווייזט נאר וואס מיר האבן געזאגט, און וואס יעדער איינער ווייס, אז ניט אלץ, וואס מיר ווייסן אז דאס איז אמת, איז אזוי לייכט צו באווייזן אין די געריכטן.

אט האבן אלע געוואוסט, אז סאקא און וואנזעטי זיינען אומ־שולדיק. פונדעסטוועגן האבן זיי עס ניט געקענט באווייזן אין גע־ריכט, צוליב אלערליי שטיינער, וואס מען האט זיי געלייגט אין וועג. און וועגן אונז איז געשאפן געווארן אזא פאראורטייל אין די גע־ריכטן, א דאנק די בלבולים און פארלוימדונגען פון דער „פארווערטס״ קליקע, אז עס איז זיכער ניט אזוי לייכט צו איבערצייגן די ריכטער, אז מיר זיינען גערעכט.

דעם גלענצענדסטן ביישפּיל גיט אונז די גראַס געשיכטע.* פּראָפעסיאָנעלע גענגסטערס מיט קרימינעלע רעקאָרדס האָבן געמאַכט אויף גראַס'ן אַ מערדערלאַכן אָנפאַל. מען האָט זיי געכאַפּט, זיי האָבן זיך מודה געווען און — גאַרנישט. זיי האָבן דערקלערט דער גרענד דזשורי, אַז זיי האָבן געאַרבעט פאַר דער רעכטער קליקע און האָבן זיך געדאַרפט פאַרטיידיקן. מיט מעסערס און אייזנס האָבן זיי זיך געדאַרפט פאַרטיידיקן קעגן דעם שוואַכן גראַס'ן. אָבער אין דעם פאַל איז געווען די גענגסטערס לייכט צו „באַווייזן", אַז דאָס וואָס זיי זאָגן, איז „אמת". קעגן אַ „רויטן" איז עס לייכט צו טאָן. ווען די קיים קעגן די גענגסטערס איז ווידער געעפנט געוואָרן, האָט מען זיי באַפרייט, ווייל גראַס גלויבט ניט אין גאָט... מיט אַ „רויטן" קען מען אַלץ טאָן.

מיר מיינען ניט צו זאָגן, אַז זיגמאַן איז עס אַזוי זיכער מיט זיין פּראָצעס. מיר ווילן נאָר באַווייזן דעם ציניש היפּאָקריזם פון „פאָרווערטס".**

* זע ווייטער, זייט 149.

** נאָך אַ ריי פאַרהערן אין געריכט, האָט דער ריכטער פאַרהאַלטן דעם רעדאַקטאָר פון „פריוהייט", מלך עפּשטיין, און דעם רעדאַקטאָר פון דער „אייניגקייט", פּ. נאָוויק, פאַר דער גרענד דזשורי. ביז דער אַרויסגעבונג פון דעם בוך איז דער ענין געבליבן אָן וועלכע עס איז פאָלגן.

וואָס הייסט זיין אומפּאַרטייאיש?

וואָס דאַרפן אומפּאַרטייאישע טאָן, ווען זיי דערוויסן זיך דעם אמת? *

די, וואָס זיינען אומפּאַרטייאיש, דאַרפן אַ טראַכט טאָן וועגן די פאָלגנדיקע פאַקטן:

1. זיגמאַן האָט אויסגעשלאָסן די דזשאָינט באָארד, די לאָקאַלן און אַלע געוויילטע באַאמטע, ניט ברענגענדיק קיין קלאָגעס קעגן קיינעם, ווי עס פאָדערט די קאָנסטיטוציע, און דערמיט האָט ער פאַרורזאַכט דעם קריג;

2. ער האָט סוספּענדירט די קאָנסטיטוציע און געוואָרן אַ דיקטאַטאָר;

3. ער האָט זיך פאַראייניקט מיט די באָלעבאַטים און גיט זיי אַ פרייע האַנט צו טאָן מיט די אַרבעטער וואָס זייער האַרץ גלוסט, אַבי זיי זאָלן צווינגען זייערע אַרבעטער צו אַנערקענען זיינע אַגענטן און זאָלן זיך רעגיסטרירן אין די פון אים געשאַפענע לאָקאַלן;

4. ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון די שעפער הונדערטער פון די עלטסטע און בעסטע יוניאָן־לייט, און געמאַכט זיי מיט זייערע פרויען און קינדער ברויטלאָז;

5. ער האָט די 600,000 דאָלאַר פון דעם פאַרזיכערונגס־פאָנד פאַר אַרבעטלאָזע גענומען אונטער זיין קאָנטראָל, און פאַרנוצט עס אויף פּראָגראַמירן די מיטגלידער;

6. אַלס אַ רעזולטאַט פון די אויבנדערמאָנטע פאַרברעכנס פון דער רעכטער קליקע, איז די יוניאָן אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו זיין אַ פאַקטאָר אין דער אינדוסטריע. די באָלעבאַטים האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט זיך צו רעכענען מיט דער יוניאָן און האָבן איינגעפירט די שענדלאַכסטע סוועטינג־סיסטעם און אַזעלכע אַרבעט־באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס איז אוממעגלאַך צו עקזיסטירן.

דאָס אַלץ זיינען ניט סתם באַשולדיקונגען פון אונז, נאָר די אַלע פאַרברעכנס, ווי אויך דער שוידערלאַכער צושטאַנד אין טרייד, זיינען באַוויזן געוואָרן מיט פאַקטן און דאָקומענטן. אפילו די רעכטע

---

* „טאָג“, 6־טן סעפּטעמבער, 1927.

קליקע קען ניט מער לייקענען די אַלע באַשולדיקונגען. מען זוכט נאָר צו רעכטפערטיקן זיך מיט פוסטע תרוצים.

פרעגט זיך: וואָס בלייבט צו טאָן אונטער אַזעלכע אומשטענדן?

— מען דאַרף מאַכן שלום, — ענטפערן די אומפּאַרטייאישע.

האָט זיך געגרינדעט אַ גרופּע פון אַזוי־גערופענע אומפּאַרטייאישע אין דער יוניאָן, וועלכע אַגיטירן פאַר שלום. פאַראַן אויך אויסער דער יוניאָן פערזאָנען, וועלכע ווילן זען אַן ענד צום בלוטיקן קריג און באַמיען זיך צו ברענגען צו אַ שלום אין דער יוניאָן.

אָבער זייערע באַמיאונגען זיינען געוועזן אַ דורכפאַל, און זיכער קען קיינער אונז ניט באַשולדיקן. קיינער קען ניט זאָגן, אַז מיר קעמפן פאַר זאַכן, צו וועלכע מיר זיינען ניט באַרעכטיקט, אָדער אַז מיר שטעלן זיך איין פאַר קלייניקייטן, צוליב וועלכע עס איז ניט כדאי אָנצופירן אַ מלחמה. מיר האָבן וויפיל מאָל דערקלערט, אַז כאָטש מיר זיינען געצוואונגען דערוויילט געוואָרן, און קיין קלאָגן זיינען קעגן קיינעם פון אונז ניט געבראַכט געוואָרן, פונדעסטוועגן, וואָלטן מיר אויף אַ טאָג אפילו ניט פאַרלייגנערט דעם קריג, כדי מיר זאָלן בלייבן ביי אונזערע אַמטן. מיר ווילן נאָר, אַז מען זאָל מאַכן וואָלן און דערלויבן די מיטגלידער צו דערוויילן זייערע פירער. מיר ווילן ניט, אַז פּערזאָנען, וועלכע זיינען דיסקרעדיטירט און פאַרהאַסט ביי די מיטגלידער, זאָלן זיך אַרויפצווינגען אַלס פירער. מיר ווילן ניט, אַז מיטגלידער זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער יוניאָן פאַר האָבן מיינונגען און איבערצייגונגען וועלכע געפעלן ניט די רעכטע מיט'ן „פאָרווערטס". מיר האָבן אונזערע פאָדערונגען קלאָר געמאַכט פון ערשטן טאָג פון קאַמף. און אַלע ווייסן עס.

געלע לאַטעס

פון דער אַנדערער זייט — וואָס ווילן די רעכטע מיט'ן „פאָרווערטס", די וואָלס און די מעקגריידידים? פאַר וואָס קעמפן זיי?

אַז ענטפער דערויף קען מען געפינען אין די באַריכטן פון „פאָרווערטס" וועגן די שלום־קאָנפערענצן, וועלכע די ריכטער בראָדסקי און ראָזנבלוט האָבן אָפּגעהאַלטן מיט ביידע צדדים.*

* אין צייט פון פּאָריער סטרייק, יולי 1927.

„זיי בעטן זיך, מען זאָל מיט זיי מאַכן שלום. זיי זאָגן צו, ניט צו לויפן פאַר קיין אַמט פאַר די נעקסטע פינף יאָר. זיי ווילן נאָר, אַז מען זאָל זיי ערלויבן צו באַלאַנגען צו דער יוניאָן. אָבער דאָס קענען זיי ניט אויספירן. אויב זיי וועלן קריגן אַ דזשאָב, וועט מען זיי געבן לעטערס אויף צו אַרבעטן, אָבער קיין מיטגלידער אין דער יוניאָן קענען זיי ניט זיין".

אַזוי האָט געשריבן דער „פאָרווערטס". אַזאַ אומדערהערטע געמיינהייט, אַזאַ נידערטרעכטיקייט, דערלויבט זיך אַ צייטונג, וואָס פּרעטענדירט נאָך צו זיין אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַן!

מען וויל באַהאַנדלען די לינקע, ווי מען האָט אין מיטל־אַלטער באַהאַנדלט די אידן. דאַן האָט מען געצוואונגען די אידן צו טראָגן געלע לאַטעס אַלס אַ צייכן פון דערנידערונג; און איצט ווילן זיי, אַז די לינקע זאָלן טראָגן בריוו (לעטערס) אַנשטאָט ביכלאָך, אַלס אַ צייכן פון דערנידערונג און רעכטלאָזיקייט.

דער זעלביקער „פאָרווערטס", וואָס קלאָפּט טרעוואָגע, ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען, ווען מען דערוויסט זיך, אַז ערגיץ אין אַן אַריסטאָקראַטישן אוניווערזיטעט מאַכט מען אויסנאַמען קעגן אידן, אָדער אַז אַ ספּאָרט־קלוב נעמט ניט אַריין קיין אידן אַלס מיטגלידער, — וויל דיסקרימינירן קעגן אַרבעטער און זיי ניט אַריינ־נעמען אין דער יוניאָן, ווייל דער קליקע געפעלט ניט זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען!

זיי ווילן פּשוט, אַז מען זאָל זיי אַנערקענען אַלס די הערשער פון דער יוניאָן, און ווער עס וויל זיין אַ מיטגליד, טאָר זיך ניט קעגן זיי פאַרזינדיקן. אַניט וואַרפן זיי אַרויס... ווילן זיי העכערן די דיוס, מוזט איר שטימען פאַר דעם. טאָמער שטימט איר קעגן דעם, זייט איר ניט קיין אמת'ער יוניאָן־מאַן, און מען וואַרפט אייך אַרויס. ווילן זיי אַרויפלייגן אַ שטייער פון פופציק אָדער הונדערט און צוואַנציק דאָלאַר אויף אַ מיטגליד, ווי עס האָט איצט געטאָן די בראָדערהוד און לאָקאָמאָטיוו אינזשענירן, מוזט איר צאָלן און שווייגן. זעט איר ווי באַאַמטע שטאָפּן זיך אַן מיט געלט, ווי זיי פאַראייניקן זיך מיט גענגסטערס, ווי זיי גנב'ענען וואַלן, — מאַכט ניט אויס וואָס זיי זאָלן ניט אויפטאָן, דאַרפט איר קוקן און שווייגן. קוים קלערט איר אויף די מאַסן און פאָדערט זיי אויף, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן קעגן

און זאָלן אַרויסשמייסן די פאַררעטער און די גרעפּטער און די גענג־סטערס, זייט איר אַ קאָמוניסט, אַ לינקער און מען וואַרפט אייך אַרויס.

מיט'ן געשריי „קאָמוניזם" ווילן זיי פאַרדעקן זייער קאָרופּציע און פאַרמאַכן די מיילער פון יעדן געגנער. דאָס איז דער זעלבער אַלטער „טריק" פון די „שוואַרצע הונדערט". מיט שלאָגן אידן און ראַדיקאַלן האָט דער צאַר געוואָלט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון רוסישן פאָלק פון דער צעפוילטקייט פון דעם רעזשים. די גרעפּטערס אין אונזערע יוניאָנס ווילן טאָן דאָס זעלביקע. די אויסנאָם־געזעצן, וועלכע מען שאַפט כלומרשט קעגן קאָמוניסטן, קומען צוניץ צו פאַר־מאַכן די מיילער און באַזייטיקן יעדע אָפּאָזיציע.

פאַרוואָס טאָר מען זיך ניט אונטערגעבן?

וועלן מיר לאָזן שמידן אונזער גייסט און פאַראַליזירן אונזערע געדאַנקען פון די וואָלס און דעם „פאָרווערטס"?

גאָרניט זיינען די ליידן איצט, אין פאַרגלייך מיט די פיזישע און גייסטיקע ליידן, וואָס מיר וועלן זיך מוזן אויסשטיין, ווען מיר זאָלן זיך אונטערגעבן און לאָזן די צעפוילטע קליקע הערשן אומ־געשטערט. די מיטגלידער מוזן אויסקעמפן דאָס רעכט צו דערוויילן זייערע פירער און זאָגן אַ דעה אין דער יוניאָן. זיי מוזן זיך באַ־פרייען פון דעם פאַשיסטישן רעזשים פון דער „פאָרווערטס"־קליקע. מאַכט ניט אויס, ווי לאַנג דער קאַמף זאָל אפילו געדויערן און וויפיל קרבנות ער זאָל אפילו פאָדערן.

און צו די אַלע אומפּאַרטייאישע שלום־זוכער, דאַרף מען זאָגן, אַז אויב זיי ווילן באמת ברענגען שלום אין דער יוניאָן, דאַרפן זיי אונז העלפן אויסקעמפן אונזערע גערעכטע פאָדערונגען. ווייל ווי שטאַרק אפילו איינער זאָל ניט וועלן שלום, וועט דאָך קיינער ניט זאָגן, אַז צוליב שלום זאָל מען לאָזן גענגסטערס בושעווען, זאָל מען לאָזן דעם ברינדעליזם* אין דער יוניאָן, און די מיטגלידער זאָלן צו־

* ברינדעל איז געווען אַ דיקטאַטאָר אין איינער פון די יוניאָנס פון בוי־פאַך, האָט געצוואונגען אַרבעטער און באַלעבאַטים צו צאָלן אים כאַבאַר און האָט געהערשט מיט דער הילף פון גענגסטערס. זיין ראָל איז צופעליג

ליב שלום באמת זיך אפזאגן פון זייער רעכט און פון זייערע גע־דאנקען.

עס הערשט ביי אונז אויף דער אידישער גאס עפעס א ווילדער באגריף, וואס עס מיינט זיין אומפארטייאיש. מען מיינט, אז זיין אומפארטייאיש באדייט — ניט אינטערעסירן זיך אינגאנצן מיט דער פראגע, אדער זיין פארעווע, זאגן אז ביידע זיינען אומגערעכט, און געבן אמאל איין צד א רייב אין זייט, און אמאל דעם צווייטן צד א רייב. דאס הייסט ניט זיין אומפארטייאיש. דאס הייסט פשוט זיך ארויסדרייען פון גאנצן עסק און לאזן אנדערע קעמפן און זיך מקריב זיין.

זיין אומפארטייאיש באדייט — אונטערזוכן די פאקטן און קעמפן פאר דעם צד וואס איז גערעכט.

ווען עמיל זאלא האט אויסגעפונען, אז די מיליטערישע קליקע האט געמאכט א „פריים־אפ" אויף דרייפוס׳ן, האט ער, וואס איז געווען זיכער אומפארטייאיש אין דער פראגע, זיך געשטעלט פאר דעם גערעכטן צד, פאר דרייפוס׳ן.

די אומפארטייאישע וואס האבן אויסגעפונען, אז מען האט גע־מאכט א „פריים־אפ" אויף סאקא און וואנזעטי, האבן זיך אוועקגע־שטעלט אויף זייער צד, און געקעמפט פאר זייער באפרייאונג.

און וואס בלייבט צו טאן פאר יעדן איינעם, וועלכער איז באמת אומפארטייאיש, ווען ער זעט ווי די פינסטערע ר ע א ק צ י א נ ע ר ן, די זיגמאנס, די וואלס און דער „פארווערטס", ווארפן טויזנטער אר־בעטער פון די שעפער, בארויבן זייערע פרויען און קינדער פון ברויט, דינגען גענגסטערס צו מערדערן די ארבעטער, וואס ווילן ניט אנער־קענען זייער דיקטאטור, און מאכן פריים־אפס כדי אוועקצושיקן אומ־שולדיגע ארבעטער אין תפיסה, און בארויבן די ארבעטער פון זייערע עלעמענטארסטע רעכט אלס יוניאן־לייט און אלס מענטשן? וואס דארפן טאן מענטשן מיט געוויסן, מענטשן וועלכע האבן פרינציפן? דארפן זיי זיך באנוגענען מיט מילדער קריטיק, און כדי ניט בא־

אויפגעדעקט געווארן דורך א רעגירונגס־קאמיסיע, וואס האט אויסגעפארשט דעם יקרות אויף וואוינונגען. ווען ברינדעל איז באזייטיקט געווארן פון דער יוניאן, האט ער געהאט א פארמעגן פון 2 מיליאן דאלאר (זע ז. 55).

שולדיקט צו ווערן, חלילה, אין פּאַרטייאישקייט, קריטיקירן אַמאָל איין צד און אַמאָל דעם צווייטן צד?

ניין. ניט אַזוי דאַרפן האַנדלען מענטשן מיט געוויסן, מיט פּרינציפּן. דער קאַמף איז ניט פון אַ הייפל קאָמוניסטן, ווי דער „פאָרווערטס“ וויל איינרעדן. מען קעמפט דאָ ניט איינצופירן קאָמוניסטישע פּראָגראַמען. די אַרבעטער קעמפן צו באַפרייען זיך פון ברינדעליזם, פון גענגסטעריזם. די אַרבעטער קעמפן קעגן פאַשיזם, און אַלע וואָס זיינען קעגן ברינדעליזם, קעגן גענגסטעריזם און קעגן פאַשיזם, טאָרן ניט שטיין פון ווייטן, נאָר מוזן צולייגן אַ האַנט און העלפן די אַרבעטער באַפרייען זיך פון אונטערדריקונג, און אויפבויען אמת׳ע אַרבעטער־יוניאָנס.

קאָמוניסטן טאָרן ניט, סאָציאַליסטן מעגן

די האָטענטאָטישע מאָראַל פון „פאָרווערטס"*

אויף דער קאָנווענשאַן פון „פאָרווערטס"־פאַרבאַנד, האָט הערי לאַנג, דער געוועזענער „פאָרווערטס"־משגיח איבער די יוניאָנס, דער־ציילט, אַז אין די יוניאָנס איז גרויסע צרות. זיגמאַן האָט פאַרלאָרן, די מאַסן זיינען קעגן אים. אין דער אַמאַלגאַמייטעד איז נאָך ערגער. דאָרט הערשט בעקערמאַנ׳ס פאַשיסטישע מאַשין, וועלכע שטיקט און דריקט אַפילו רעכטע סאָציאַליסטן. די יוניאָנס זיינען צעבראָכן, רואי־נירט. די קאָנדיציעס פון די אַרבעטער זיינען שוידערלאַך.

די טוער פון דער קאָנווענשאַן האָבן מורא געהאַט, אַז די עט־לאַכע זייטיקע באַזוכער, וועלכע האָבן זיך אין זאַל געפונען, זאָלן הערן דעם גאַנצן אמת פון דעם חורבן, וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט, און זיי האָבן פאַרהאַנדלט די פראַגע וועגן די יוניאָנס אויף געהיימע זיצונגען.

אַבער — ווענט האָבן אויערן. האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז לאַנג האָט פאָרגעשלאָגן אויף די געהיימע זיצונגען פון דער קאָנווענשאַן פון „פאָרווערטס"־פאַרבאַנד, אַז כדי צוריק אויפצובויען די יוניאָנס, מוז מען אַריינעמען אַלע לינקע, אַפילו די קאָמוניסטן. אָן זיי וועט מען גאָרניט אויפטאָן. זיי האָבן די מאַסן. און כּל־זמן זיי זיינען אויסגעשלאָסן, וועלן די מאַסן ניט קומען צוריק אין דער יוניאָן.

מען דאַרף אויך לאָזן די לינקע זיין טעטיק, — האָט לאַנג גע־זאָגט. מען דאַרף זיי שיקן אויף די געפערלאַכסטע אַרבעטן. זאָלן זיי גיין אויף דער פיקעט־ליין, זאָלן זיי אָנפילן די אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעס. אומעטום, וואו מען קאָן קריגן מיט אַ קלאַב איבערן קאָפּ

---

* געדרוקט אין דער „פרייהייט" פון 7־טן דעצעמבער, 1927, נאָך דעם צוזאַמענפאָר פון „אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד", אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט סובסידירט און קינסטלאַך אויפגעהאַלטן דורכ׳ן „פאָרווערטס".

און מיט א מעסער אין זייט, דארף מען שיקן די לינקע. זיי זיינען גרויסע ענטוזיאסטן, זיי זיינען אידעאליסטן, געטריי און איבערגע־געבן, זיי ווילן טאן ארבעט. פארוואס זאל מען זיי ניט לאזן? מען דארף אבער אויפפאסן, אז זיי זאלן זיך ניט ארייננכאפן אין אמט. קיין אמטן אין דער יוניאן טאר מען די לינקע ניט לאזן האלטן. מען דארף זיי בלויז אויסנוצן צו טאן די שווערע ארבעט. דאס קאן דורכ־געפירט ווערן, ווען אלע פארבאנדניקעס, אלע „פארווערטס“־לייט, וועלכע געפינען זיך אין די יוניאנס, וועלן זיך פאראייניקן און וועלן אין אלע פראגן ארויסטרעטן אויף אן ארגאניזירטן אופן. אויף קיין פאל טאר א „פארווערטס“־מענטש ניט האנדלען זעלבסטשטענדיק אין יוניאן־פראגן און גיין קעגן דער ארגאניזירטער גרופע.

פארשטייט זיך, אז מיר האבן דא איבערגעגעבן בלויז דעם תמצית פון לאנג׳ס רייד און ניט יעדן אויסדרוק זיינעם. אפשר האט ער דאס געמאכט גלאטער, איידעלער, אבער דאס איז דער קורצער זין פון זיין לאנגער דרשה.

אן אנדער מיינונג האט אבער געהאט זיגמאן. ער איז קעגן אריינ־נעמען די לינקע. ער האט זיך אפילו דערלויבט צו סטראשען דער קאנווענשאן, אז ער איז ניט קיין פארבאנדניק און זאלן זיי ניט מיינען, אז ער וועט זיך לאזן פון זיי דיקטירן, אדער הערן זייערע ארדערס. דאס איז אבער געווען ניט מער ווי א פוסטער זשעסט. זיגמאן האט זיך פארגונען אזוי צו רעדן, ווייל ווען דער פראגע איז די „פארווערטס“־קליקע אליין ניט אייניק. די ערשנדיקע מיינונג פון די „פארווערטס“־לייט האלט צוגלייך מיט זיגמאנ׳ען, אז מען דארף די לינקע ניט אריינעמען אין דער יוניאן און מען דארף מיט זיי קיין שלום ניט מאכן. וואלט די הערשנדיקע מיינונג אינים „פאר־ווערטס“ געווען אנדערש, וואלט זיגמאן ניט גערעדט אזוי. ווייל אן דער שטיצע און אן דער הילף פון „פארווערטס“ קאן זיגמאן ניט אויס־קומען. מיר האבן געזען ווי הילמאן, וועלכער איז געזעסן פעסטער אין זאטל פון דער אמאלגאמייטעד, ווי זיגמאן אין דער אינטערנע־שאנאל, האט לאנג ניט געקענט ווידערשפעניקן דעם „פארווערטס“, און ער גייט איצט אין שפאן.

שוין דאס אליין, וואס זיגמאן פארהאנדלט די פאליסי פון דער יוניאן ביי דער קאנווענשאן פון פארבאנד, וואו ער איז אפילו ניט

קיין מיטגליד, באוויזט, ווי פאלש און היפאקריטיש עס זיינען די טענות געגן די קאמוניסטן.

האט דאך זיגמאן נאך אין 1923 אנגעפאנגען דעם קאמף קעגן די קאמוניסטן און ארויסגעגעבן דעם טרויעריק־בארימטן ארדער זיי אויסצושליסן פון דער יוניאן, ווייל ער האלט, אז קאמוניסטן קענען כלומרשט ניט זיין קיין לאיאלע יוניאן־לייט. זיי מוזן, הייסט עס, כלומרשט אין דער יוניאן דורכפירן די פאליסי און די באשלוסן פון דער קאמוניסטישער פארטיי, און די אויפגאבע פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז כלומרשט צו פארכאפן די יוניאנס.

דער אמת איז, אז די קאמוניסטן זיינען אין דעם פרט ניט אנדערש ווי די סאציאליסטן אדער אנארכיסטן. יעדע פארטיי וויל קריגן דעם איינפלוס איבער די יוניאנס, פונקט ווי איבער יעדער וויכטיגער געזעלשאפטלאכער אינסטיטוציע. וואס איז דאס פאר א נייס? ווער ווייסט עס ניט, אז די פראפעסיאנעלע פאראיינען אין רוסלאנד זיינען קאנטראלירט געווארן פון „בונד" און דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי? און די יוניאנס אין דייטשלאנד און אין ענגלאנד, ווערן זיי דען ניט באהערשט פון די סאציאליסטן? און ביי אונז אין אמעריקע, וואו די אמעריקען פעדעריישאן או לייבאר האלט זיך ביים כלל: „נאו פאליטיקס אין דהי יוניאנס" — האט דען ווען פאסירט, אז לייבאר טשיפס זאלן ניט העלפן טעמעני האל, וואו און ווען זיי קענען נאר?

ווען די לייט פון „פארווערטס" וואלטן געזאגט וואס זיי מיינען, וואלט זייער לאזונג ניט געווען: „קיין פאליטישע פארטיי טאר ניט דאמינירן די יוניאן". זייער לאזונג וואלט געווען אזא: „קיינער אויסערן „פארווערטס" קען ניט הערשן אין דער יוניאן!"

געוויס וואלט מען ניט געקענט העלפן, אויב די פארבאנדניקעס און דער „פארווערטס" וואלטן אויף א געזעצלאכן וועג, דורך זייער פראגראם און זייער אויפקלערונג, געוואונען דעם צוטרויען פון די מאסן און אזוי ארום געווארן דער פירנדיקער כח אין די יוניאנס. אבער דאס איז דאך ניט אזוי. דער „פארווערטס" און זיינע לייט זיינען פארהאסט ביי די מאסן. וואס אנבאלאנגט זיין פארבאנד, ווייסן גאר די מאסן אפילו ניט פון זיין עקזיסטענץ. און דאך איז זיגמאן, וועלכער קעמפט עס כלומרשט ניט צו דערלאזן, אז זייטיקע

פּערזאָנען, אָדער פּאַרטייען, זאָלן זיך מישן אין דער יוניאָן, — דאָך איז ער געגאַנגען צו די באַצאָלטע „פאָרווערטס"־אַגענטן, כדי מיט זיי צוזאַמען באַשליסן די פּאָליטיק פון דער יוניאָן!

ווען מען וועט איבערלייענען די רעזאָלוציע, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגענומען בנוגע די יוניאָנס, וועט מען זען, אַז ער קאָפּירט כמעט וואָרט ביי וואָרט די קאָמוניסטן, סיי אין פּראָגראַם און סיי אָרגאַניזאַציאָנעל.

ווען די קאָמוניסטן האָבן זייערע קאָקוסן און קומען צו די מי־טינגען מיט אַן איינהייטלאַכן באַשלוס — איז עס ביים „פאָרווערטס" אַ יוניאָן אין אַ יוניאָן. אויף דעם גרונט האָט זיי זיגמאַן אויסגע־שלאָסן. אָבער דער פאַרבאַנד זיינער האָט פונדעסטוועגן אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע:

„די סאָציאַליסטן דאַרפן אין אַלע וויכטיקע פראַגן אַרויס־טרעטן אָרגאַניזירט לויט איין ליניע. אין אַ יוניאָן טאָר ניט דערלאָזט ווערן קיין עפנטלאַכער קאַמף פון סאָציאַליסטן קעגן סאָציאַליסטן. אַלע זייערע קאָנפליקטן דאַרפן אויסגעגליכן ווערן צווישן זיך, אָדער פון זייער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט זיי."

וואו־זשע איז דער חילוק צווישן די סאָציאַליסטן און די קאָמו־ניסטן?

דער איינציגער חילוק איז, וואָס די קאָמוניסטן זיינען ערנסט, איבערגעבן, אידעאַליסטיש און זוכן צו געווינען דעם צוטרויען פון די מאַסן דורך זייער פּראָגראַם און דורך אָפּפערן זיך פאַר'ן אַרבע־טער־קאַמף, בעת די פאַרבאַנדניקעס האָבן אָנגענומען זייער פּראָגראַם, כדי צו שיטן זאַמד אין די אויגן. זיי, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט אָפּגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט פון די קאָמוניסטן מיט זייער אַמאַלגאַ־מיישאָן און „רענק און פייל" אַקטיוויטעט, נעמען איצט אָן אַ רע־זאָלוציע פאַר אַמאַלגאַמיישאָן, און זאָגן אַז:

„די יוניאָנס דאַרפן זיין מאַסן־אָרגאַניזאַציעס ניט בלויז לויט זייער צוזאַמענשטעל, נאָר אויך לויט דעם אופן פון זייער אָנפירונג. און די מאַסן דאַרפן ווערן די אמת'ע באַלעבאַטים פון זייערע יוניאָנס."

אט דאס הייסט אפלאכן! אט דאס הייסט ארויסשטעלן א צונג און מאכן חוזק! די לייט, וועלכע האבן די מאסן אויסגעשלאסן פון דער יוניאן, געשלעפט זיי רעגיסטרירן זיך מיט מחנות גענגסטערס, פאראייניקט זיך מיט די באלעבאטים, געגאנגען אין געריכט און געווארן פשוט׳ע מוסרים, — איז דען דא א פארברעכן וואס די אויסווארפן זיינען ניט באגאנגען אין זייער קאמף ארויפצוצווינגען זייער פינצטערע ממשלה איבער די מאסן? — אט די זעלביקע האבן דאס אזעלכע פארשטאכענע אויגן און אזעלכע קופערנע שטערנס, צו זאגן, אז די מאסן דארפן זיין די אמת׳ע באלעבאטים פון דער יוניאן!

אויב די „פארווערטס"־לייט מיינען ניט צו שיטן זאמד אין די אויגן, טא זאלן זיי לאזן די מאסן זאגן זייער ווארט! זאלן זיי לאזן די מאסן, דורך אמת׳ע *אומפארטייאישע וואלן*, אויסקלייבן זייערע פירער!

נאר דאס איז אומזין! די וואס האבן זיך אוועקגעזעצט אויפן קארק פון די מאסן, וועלן אליין, מיט זייער אייגענעם ווילן, ניט אפטרעטן. דיקטאטארן זיינען גרייט אלץ צו טאן פארן פאלק, חוץ אראפקריכן פון זיין קארק. דאס פאלק וועט די אלע, וואס רייטן אויף אים, מוזן אליין ארונטערשליידערן!

אַ יאָר פּאָגראָם איז אַוועק

וואָס פון דער יוניאָן איז געוואָרן *

היינט ווערט אַ יאָר זינט די רעכטע קליקע האָט אָנגעפאַנגען דעם בלוטיקסטן פּאָגראָם אויף אונזער יוניאָן.

עס פּאַלט אָן אַ גרויל, אַן אימה, ווען מען דערמאָנט זיך וואָס די קליקע האָט אין דעם איין יאָר געמאַכט פון די שטאָלצע קלאָוק און דרעסמאַכער און פון זייער מעכטיקער יוניאָן.

יאָרן לאַנג האָבן די קלאָוקמאַכער געקעמפט, אַזוי פיל קרבנות געבראַכט ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן די פּערציק-שעהדיקע אַרבעט-וואָך, נישקאַשעדיקע שכירות און אַ מענטשלאַכע באַהאַנדלונג. וואָס איז איצט געוואָרן פון די באַדינגונגען אין די שעפּער, און וואָס איז געוואָרן פון דער יוניאָן?

דאַרף מען דען דערציילן, אַז ס'איז ניטאָ מער אַזאַ זאַך ווי אַ רעגולערער אַרבעטס-טאָג, אָדער אַרבעטס-וואָך? מיר ריידן שוין ניט פון אַכט שעה אַ טאָג, אָדער פערציג שעה אַ וואָך. מען אַרבעט דאָך אונטער ערגערע באַדינגונגען ווי אין די אַלטע צייטן. ניטאָ קיין שבת, קיין זונטאָג. ווען מען גיט דעם באַנדל, ווען דער באָס הייסט, אַר־בעט מען. שכירות — וויפיל דער באָס גיט, נעמט מען. די קלאָוק און דרעסמאַכער זיינען הפקר. ניטאָ קיין קלאָגער און קיין ריכטער.

אַ שטיק צייט האָט דער „פאָרווערטס" געזוכט צו באַהאַלטן די פאַקטן. ער האָט געבלאָפט, אַז די קליקע האָט בלומרשט אַ קאָנטראָל איבער די שעפּער און אַז די יוניאָן-באַדינגונגען ווערן אָפּגעהיט. זיי האָבן געשריען, אַז ווייל מיר ווילן דיסקרעדיטירן די קליקע, דערצי־בער דערציילן מיר, אַז עס ווערן ניט אָפּגעהיט די פונקטן פון דעם אַגרימענט, און אַז מען אַרבעט פון שטיק און אומגעזעצלאַכע שטונדן.

---

* „פרייהייט", 13-טן דעצעמבער, 1927.

אבער אזוי טרויעריק איז די לאגע, אזוי צרה־דיק און שוידערלאך, אז קיינער קען שוין דעם אומגליק ניט פארבארגן.

נאטירלאך, זוכט די קליקע תירוצים. אזוי, צום ביישפיל, זעען מיר, ווי דער „פארווערטס", אין אן עדיטאריעל וועגן רעליף פאר די מיינערס, שרייבט:

„אמאל זיינען די קלאוק און דרעסמאכער געווען פון די ערשטע, וועלכע פלעגן געבן גרויסע סומען צו העלפן די סטרייקערס. אבער איצט קאן מען פון זיי קיין געלט ניט פארלאנגען, ווייל זיי אליין זיינען אויף גרויסע צרות."

שולדיק אין דער שלעכטער לאגע פון די קלאוק און דרעסמאכער איז די אלגעמיינע שלעכטע לאגע אין גאנצן לאנד, — אזוי וויל דער „פארווערטס" איינריידן די ארבעטער, בעת אלע פאליטישנס צערייסן זיך שרייענדיק וועגן דער גוואלדיקער פראספעריטי, וואס הערשט אין לאנד.

ווער קאן לייקענען, אז פאר די קאפיטאליסטן הערשט טאקע פראספעריטי? אויך די קלאוק פאבריקאנטן האבן געמאכט גאלדענע געשעפטן. דעם ארבעטער איז טאקע ניט גוט. ער האט ווייניג פון דער פראספעריטי. אבער שולדיג אין דעם זיינען די אלע פאררעטער, וואס ווילן דעם ארבעטער ניט ארגאניזירן און ברעכן זיינע ארגאניזאציעס דארט וואו זיי זיינען דא.

אלע ווייסן, אז אין די איצטיקע צרות פון די קלאוק און דרעסמאכער זיינען שולדיק ניט קיין אנדערע ווי טאקע דער זעלביקער „פארווערטס" מיט די זעלבסט־געקרוינטע דיקטאטארן, וועלכע האבן צעבראכן די יוניאן און פארקויפט אלץ צו די באלעבאטים.

און ניט בלויז דער „פארווערטס". אפילו די „גערעכטיגקייט" קען שוין מער ניט פארשווייגן די פאקטן.

„עס איז קיין סוד ניט, — שרייבט מען דארט אין לעצטן נומער, — אז די צושטאנדן אין טרייד זיינען שלעכטע, אומדערטרעגלאכע. די באלעבאטים ווערן פרעכער פון טאג צו טאג. זאגאר די, מיט וועלכע אונזער יוניאן שטייט אונטער'ן אגרימענט, מאכן ניט קיין פארזוך נאכצוקומען אפילו די הויפט־פונקטן פון אונזערע קאנטראקטן. עס וואקסט דער דרעס־טרייד, און גלייכצייטיג זינקען

די יוניאָן־באַדינגונגען. די צאָל שעפּער, אין וועלכע די מיטגלידער באַהויפּטן אויפצוהאַלטן יוניאָן־באַדינגונגען, ווערט אַלץ קלענער. און ווען דאָס זאָל אַזוי אָנהאַלטן נאָך אַ ביסל צייט, איז ניט שווער פאָרויסצוזען, וואָס די רעזולטאַטן וועלן זיין. וואָס מיר זאָגן דאָ, איז ניט בלויז דעם שרייבער'ס פּערזענלאַכע מיינונג. דעם געדאַנק קען מען הערן אויף יעדער פאַרזאַמלונג, וואו אונזערע מיטגלידער קומען זיך צונויף. דאָס קאָן מען אויך הערן אויף די קאָנפערענצן פון די טשערלייט."

אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון זיגמאַנ'ס יאָר אַרבעט. דאָס איז דער טרויעריגער סך־הכל!

זיי אַליין גיבן צו, אַז עס איז ניטאָ קיין סימן פון יוניאָן־קאָנדיציעס, עס מערן זיך די סקעב־שעפּער און די לאַגע איז אומדערטרעגלאַך. פונדעסטוועגן זעען מיר אין דער זעלביקער „גערעכטיגקייט" אַזאַ „קאַפּ" אויף דער ערשטער זייט:

„פּרעזידענט זיגמאַן דערציילט די געווערקשאַפטן, ווי אַזוי דער גרויסער קאַמף איז געוואונען געוואָרן".

און אונטער דעם אַזאַ אונטער־קעפּל:

„אינטערנעשאַנאַל וועט קומען צום נעקסטן קאַנווענשאַן מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ — דערקלערט זיגמאַן"...

וואָס פאַר אַ גרויסן קאַמף האָט דאָס זיגמאַן געוואונען? אפשר דעם קאַמף אַפּצושאַפן יוניאָן־באַדינגונגען, פאַרניכטן די יוניאָן און די יוניאָן־שעפּער? מיט וואָס האָבן זיי צו שטאָלצירן און פאַרוואָס וועלן זיי עס קומען צום קאַנווענשאָן מיט אויפגעהויבענע קעפּ?

אַליין גיבן זיי דאָך צו, אַז עס איז ניטאָ קיין סימן פון קיין יוניאָן באַדינגונגען. סקעב־שעפּער מערן זיך, און די לאַגע פון די אַרבעטער איז אומדערטרעגלאַך. טאָ וואָס פאַר אַ זיג פייערן זיי און מיט וואָס האָבן זיי צו שטאָלצירן?

פרייען זיי זיך נאָך אויפ'ן בראָך פון די קלאָוק און דרעסמאַכער? אַמוזירן זיי זיך מיט זייערע לײדן? שיטן נאָך די פאַררעטער זאַלץ אויף די וואונדן?

אונטערציענדיק דעם סך־הכל פון אַ יאָר קאַמף, קענען מיר זאָגן דאָס פאָלגענדע:

זיגמאן האט טאקע מיט דער הילף פון די באלעבאטים, פאליציי און גענגסטערס פון דער אונטערוועלט געצוואונגען א גרויסע צאל פון די קלאוקמאכער צו רעגיסטרירן זיך. אבער אין פארלויף פון דעם יאר האט ער ניט געוואונען קיין אנהייגנער. אדרבא, אפילו די, וועלכע זיינען פון אנפאנג געווען מיט אים, האט ער פארלארן צוליב זיינע בלוטיקע און מערדערלאכע אטאקעס אויף די בעסטע יוניאן־לייט, צוליב זיין ווארפן די בעסטע, די עלטסטע און די אקטיווסטע מיטגלידער פון די שעפער, צוליב זיינע אינדזשאנקשאנס, מסירות, פראוואקאציעס, „פריים־אפס“ און לעצטנס צוליב זיין אדווערטייזן אין דער „וואירלד“ פאר סקעבס צו פארנעמען די פלעצער פון מיטגלידער פון לאקאל 41.* מיט די אלע שענדלאכע מעשים האט ער אפגעשטויסן פון זיך יעדן ערלאכן און אנשטענדיקן יוניאן־מאן.

איצט, ביים אנפאנג פון צווייטן יאר, הונגעריק, אויסגעמאטערט, דאך פעסט אנטשלאסן זיינען די קלאוק און דרעסמאכער פארטצוזעצן דעם קאמף ווי לאנג און ביז וואנעט עס וועט נויטיק זיין.

---

* אין נאוועמבער, 1927, האט זיגמאן אויסגעשלאסן דעם לאקאל 41 פון די פליטערס און העמסטיטשערס. ווען דער לאקאל האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבן, האט דער הויפט־אפיס פון דער אינטערנעשאנאל אדווערטייזט אין דער „ניו יארק וואירלד“ נאך ארבעטער.

שווינדלער מאַכן אַ „רעפערענדום“

פופצן יאָר געקעמפט. *

זינט 1912 האָבן מיר אָנגעוויזן די אומגערעכטיקייטן פון דער איצטיגער פאָרם פון פאַרטרעטערשאַפט אין די דזשאָינט באָארדס און אויף די קאָנווענשאַנס. מיר האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל איינפירן פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט. אָבער די קליקע האָט זיך כסדר ניט גערעכנט מיט׳ן ווילן און די פאַרלאַנגען פון די מיטגלידער. אַלע רעזאָלוציעס צו די קאָנווענשאַנס, וועלכע האָבן געצילט אָפּצושאַפן די אומגערעכטע סיסטעם, וואָס גיט אַ מעגלאַכקייט די דעלעגאַטן פון די קליינע לאָקאַלן צו נידערשטימען די דעלעגאַטן פון די גרויסע לאָקאַלן, וועלכע פאַרטרעטן די גרעסטע מערהייט מיטגלידער, — זיינען דורך דער מאַשין אַרויסגעוואָרפן געוואָרן.

פאַר דער קאָרופּטער קליקע פון דער מאַשין איז די איצטיקע סיסטעם פון פאַרטרעטערשאַפט ווי געוואונשן. מען האָט געקענט טאָן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. מען האָט געקענט באַגיין די גרעסטע פאַרברעכנס. מען האָט זיך ניט געדאַרפט רעכענען מיט די מיטגלידער. די פּרעזידענטן און די וויים־פּרעזידענטן האָבן געוואוסט, אַז זיי קענען אַלעמאָל צוזאַמענשלעפּן גענוג דעלעגאַטן פון פּאַפּירענע לאָקאַלן, וועלכע וועלן אַלץ גוטהייסן און ווידער דערוויילן די קליקע.

דעם בעסטן ביישפּיל גיט אונז די קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע, אין דעצעמבער, 1925. די זיגמאַן־אַדמיניסטראַציע איז געקומען צו יענער קאָנווענשאָן אַ געשלאָגענע, אַ באַנקראָטירטע, פינאַנציעל און מאָראַליש. ניט נאָר איז זי געווען פאַרהאַסט און דיסקרעדיטירט ביי די מיטגלידער, נאָר אַלע האָבן פאַרדאַמט אירע אומגעזעצלאַכע

---

* „איניגקייט“, 28־טן אָקטאָבער, 1927.

מעשים און די אויסשליסונג פון די דריי גרעסטע לאקאלן, וואס האט פאראורזאכט דעם קריג אין דער יוניאן, האט אפגעקאסט אזוי פיל הונדערטער טויזנטער דאלארס, פאראורזאכט אזוי פיל בלוט־פאר־גיסונג, און האט אפגעשוואכט די יוניאן.

פונדעסטוועגן האבן די דיסקרעדיטירטע און פון אלעמען פאר־האסטע פאליטישנס געבראכט געגנג דעלעגאטן צו דער קאנווענשאן, וועלכע האבן גוטגעהייסן אלע זייערע מעשים.

ס'איז אמת, אז מיט די קלאוק און דרעסמאכער האבן יענע דע־לעגאטן ניט געהאט קיין שייכות. זיי זיינען ניט דערוויילט געווארן פון די מאסן און האבן קיינעם ניט פארטראטן. דאס זיינען געווען דעלעגאטן, וואס זיגמאנ'ס „אוט־אוו־טאון" ארגאנייזערס האבן גע־בראכט פון שטעט און שטעטלאך, וואו מען האט ערב דער קאנ־ווענשאן ארגאניזירט לאקאלן מיט 7 מיטגלידער.*

ווען איך האב די דעלעגאטן אנגערופן „ארטיפישעל דעלעגייטס" (קינסטלאכע דעלעגאטן) און געווארנט דער קליקע, אז מיר וועלן ניט לאזן, אז זי זאל מיט אזעלכע דעלעגאטן פארגוואלטיקן דעם ווילן פון די מיטגלידער, האט מען זיך פון אונז אויסגעלאכט. וואס איז דער חילוק, וואס דאס זיינען פאר א דעלעגאטן און וועמען זיי פאר־טרעטן? זיי זיינען דא, די קרעדענשעל קאמיטע האט זיי צוגעלאזן, די קאנסטיטוציע גיט זיי דאס רעכט צו זיין דעלעגאטן, וועלן זיי באשטימען וואס זיי ווילן — צי איר ווילט, צי ניט.

און דורך די דעלעגאטן האט זיגמאן געהערשעוועט איבער דער קאנווענשאן. מען האט גוטגעהייסן זיינע מעשים און אים ווידער דער־וויילט און געגעבן אים א מאנדאט פארטצוזעצן זיין בלוטיקן רעזשים.

האבנדיק אין פילאדעלפיע א מערהייט פון כלומרשטיקע דעלע־גאטן, וועמען זיגמאן האט געהאט ביי זיך אין קעשענע, האט ער פארגעסן, אז אין ניו יארק און אין אלע צענטערן, וואו עס זיינען פאראן קלאוק און דרעסמאכער, האט די קליקע קיין אנהענגער ניט. ער איז זיך געזעסן ברייטלאך אין שטול און האט פארווארפן אונ־

* לויט דער קאנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאנאל לוידים גארמענט וואירקערס יוניאן קען א לאקאל פון זיבן מיטגלידער שיקן צוויי דעלע־גאטן צום אלגעמיינעם צוזאמענפאר פון דער יוניאן (זע ז. 20).

זערע פאַרשלאַגן. ווען עס איז געקומען צום פונקט וועגן פּראָפּאָר־ציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט, האָט ער אפילו געוואָלט זיך אַרויס־דרייען פון דעם שלום־אַפּמאַך מיט אונז, וואָס ער אַליין איז געווען געצוואונגען אונטערצושרייבן.

ווי באַוואוסט, איז צווישן די פּונקטן פון שלום־אַפּמאַך, וואָס מיר האָבן געשלאָסן מיט דער זיגמאַן־קליקע, אין סעפּטעמבער 1925, באַלד נאָכן דזשאָינט עקשאַן קאָמיטע, געווען אַ פּונקט, אַז אַ רעפערענדום זאָל געמאַכט ווערן צווישן די מיטגלידער, צי פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט זאָל איינגעפירט ווערן אין דער יוניאָן. און אַזוי ווי מיר ווייסן, ווי אַזוי די קליקע פירט דורך רעפערענדומס, האָבן מיר דעריבער געזען, אַז אין דעם שלום־אַפּמאַך זאָל אַריינגעשטעלט ווערן אַ פּונקט, אַז אין דער קאָמיטע, וועלכע וועט דורכפירן דעם רעפערענדום, זאָלן ביידע צדדים — מיר און זיי — האָבן אַ גלייכע צאָל פאַרטרעטער. האָט אָבער די קליקע ניט געוואָלט דורכפירן אַט דעם פּונקט פון שלום־אַפּמאַך. זי ווייסט, אַז ווען דאָס זאָל דורכגעפירט ווערן, באַדייט עס — אַ סוף צו איר הערשאַפט. האָט זיגמאַן גענומען דרייען מיטן צונג. ער האָט טאַקע אונטערגעשריבן דעם פּונקט, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז די דעלעגאַטן דאַרפן מיט אים איינשטימען. זיי קענען דעם פּונקט צוריקווייזן.

די דעלעגאַטן, וועלכע זיגמאַנ׳ס אָרגאַניזערס האָבן געבראַכט פון פּאָקיפּסי און טימבוקטו, זיינען ניט געבונדן מיט זיגמאַנ׳ס שלום־אַפּמאַך!

ערשט אַז מיר האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן די קאָנווענשאַן און זיגמאַן האָט דערזען, אַז מיט אונז זיינען אַוועק די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן די גרעסטע מערהייט פון די מיטגלידער, האָט ער געענדערט זיין מיינונג און האָט איינגעשטימט אָנצונעמען דעם פּונקט פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט. דעמאָלט זיינען מיר צוריקגעקומען צו דער קאָנווענשאַן. אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס איז געשען, האָט זיגמאַן ווידער גענומען „עקען" און „בעקען" און דרייען מיטן צונג.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער צייט, ווען אַרויסצושיקן דעם רעפערענדום. זיגמאַן און זיין קליקע האָבן געוואָלט פאַרציען די גע־שיכטע אין לאַנגן באַנק אַריין. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז אין פאַר־

לויף פון די פיר מאנאטן, וואס דער קאמף פון דער דזשאינט עקשאן קאמיטע האט אנגעהאלטן, האבן מיר אויפגעהעצט די מיטגלידער. דעריבער זיינען יענע איצט ניט פייאיק קאלט צו באטראכטן די פראגע. מען דארף לאזן דעם עולם זיך אפקילן, און דעמאלט, — האבן זיי געטענה׳ט — וועט מען רואיק און געלאסן קענען דיסקוטירן די פראגע, אוןביידע צדדים וועלן קענען ארויסברייינגען זייערע שטאנדפונקטן פאר די מיטגלידער, און די מיטגלידער וועלן עס דיסקוטירן צווישן זיך.

סוף כל סוף האט מען באשלאסן, אז ניט שפעטער ווי אין זעקס מאנאטן נאך דער קאנווענשאן זאל דער רעפערענדום ווערן ארויסגעשיקט.

האט אבער זיגמאן זיך געמאכט ניט-וויסנדיק. יעדעס מאל, ווען מיר האבן געפאדערט, אז מען זאל באשליסן ווען ארויסצושיקן דעם רעפערענדום, האט ער געפונען א נייעם תירוץ, ביז עס האט זיך אונטערגערוקט דער סטרייק.

וואס עס האט ווייטער פאסירט, איז גוט באקאנט. זיגמאן האט אויסגעשלאסן די דזשאינט באארד, די לאקאלן, אלע דערוויילטע באאמטע און פירט אן שוין באלד עלף מאנאטן א בלוטיקן פאגראם אויף די מיטגלידער. און איצט איז די פאסיקסטע צייט דורכצופירן דעם רעפערענדום!

איצט קען מען אנפירן קאלטע, געלאסענע און רואיקע דיסקוסיעס מיט די מיטגלידער און ארויסברייינגען ביידע שטאנדפונקטן...

די קליקע קען זיך איצט פארגינענ אפילו צו זיין ליבעראל און איינפירן פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט. אויב מען קען ארונטערנעמען פון באלאט אלע געגנער, ארויסווארפן פון דער יוניאן דערוויילטע באאמטע, זיצן אין די אפיסעס מיט׳ן כוח פון די באלעבאטים און דער אונטערוועלט, טא וואס פאר א ווערט האט די פארם פון פארטרעטערשאפט, צי ס׳איז פראפארציאנעל, צי ניט?

די מיטגלידער וויסן, אז כל-זמן די זיגמאן-קליקע בושעוועט אין דער יוניאן, וועט זי דורכפירן שווינדלערישע רעפערענדומס און שווינדלערישע וואלן. און אז די, וואס וועלן זיך ניט אונטערווארפן אונטער דער קליקע׳ס דיקטאטור, וועט מען ניט לאזן דערוויילט ווערן.

טאָמער וועט עמיצער, דורך אַ צופאַל, דערווייַלט ווערן און וועט ניט טאָן זייער ווילן, וועט מען אים אָן צערעמאָניעס אַרויסוואַרפן.

עס איז דער גרעסטער חוזק און די גרעסטע קאָמעדיע! די וואָס האָבן סוספּענדירט די קאָנסטיטוציע, פירן זיך ווי בלוטיקע טיראַנען, האָבן אויסגעשלאָסן די דזשאָינט באָארד, זיך פאַראייניקט מיט די באַלעבאַטים און מיט דער אונטערוועלט צו צווינגען די מיטגלידער צו רעגיסטרירן זיך, — אָט די זעלביקע רופן עס די מיטגלידער צו שטימען וועגן פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט!

זאָל די קליקע פריער לאָזן די קלאָוק און דרעסמאַכער באַשטימען, צי זיי גלויבן איר מיט דער דורכפירונג פון דעם רעפערענדום. זאָל מען פריער צוריקשטעלן די רעכט פון דזשאָינט באָארד. זאָל מען דערלויבן יעדן מיטגליד פריי און אָפן צו דיסקוטירן אַלע פראַגן פון דער יוניאָן. זאָל מען דערלויבן די קלאָוק און דרעסמאַכער צו דערווילן די באַאַמטע וואָס זיי ווילן. זאָל מען אויפהערן ברעכן די יוניאָן. דאָן וועט זיין אין פּלאַץ אַ רעפערענדום וועגן פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט. איצט איז דער רעפערענדום אַ שווינדל, אַ וויץ, דער גרעסטער וויץ אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן.

שווינדלער מאַכן אַ „קאָנווענשאָן"

קען מער הערשן מיט אַזעלכע מעטאָדן? *

וואָס קען זיין נאָך מער להיפוך דער קאָנסטיטוציע, ווי דער אופן ווי אַזוי די רעכטע קליקע פירט דורך די וואַלן צו דער קאָנווענשאָן? דאָס פאָדערן פון די קאַנדידאַטן, אַז זיי זאָלן חתמ׳ענען אַזאַ מין דאָקומענט, אַז זיי זיינען מסכים מיט אַלץ וואָס די קליקע האָט אָפּגעטאָן, איז דאָך אַליין דער גרעסטער ווידערשפרוך צו דער קאָנסטיטוציע. און אפילו נאָך דעם, ווי די קאַנדידאַטן חתמ׳ענען דעם שענדלאַכן דאָקומענט, ווערן זיי ערשט אַרונטערגענומען פון באַלאָט, אויב די קליקע איז ניט זיכער, אַז זיי וועלן שטיצן אירע פּאַליסים און אירע מעשים. זי לאָזט בלויז אַרויף אויפן באַלאָט אייגענע לאָיאַלע „הונדערט פּראָצענטיקע באַיעס", מיט וועמען די קליקע איז זיכער, אַז זיי וועלן טאָן, וואָס מען וועט באַדאַרפן.

ביי אונזערע קאָנווענשאַנס פון דער אינטערנעשאַנאַל האָט קיינמאָל ניט געקענט קומען צום אויסדרוק דער קאָלעקטיווער ווילן פון אונזער מיטגלידערשאַפט. דערפאַר, וואָס ביי אונזערע קאָנווענשאַנס ווערן די דעלעגאַטן געשיקט ניט פון די מיטגלידער, נאָר פון די טשאַרטערס. די אינטערנעשאַנאַל קליקע גיט אַרויס טשאַרטערס דאָרטן, וואו עס זיינען גאָר קיין לאָקאַלן ניטאָ, אבי צו ברייינגען דעלעגאַטן. דער אופן ווי אַזוי די קאָנווענשאַנס ווערן צוזאַמענגעשטעלט איז אַזוי אומדעמאָקראַטיש, אַז דער קאָלעקטיווער ווילן פון דער מיטגלידערשאַפט קען קיינמאָל ניט קומען צום אויסדרוק. ווען די קליקע וואָלט אפילו ניט אַרונטערגענומען די געגנער פון באַלאָט, וואָלט זי אויך דורך אירע מעטאָדן, מיט וועלכע זי באַנוצט זיך אַלע מאָל צו ברייינגען דעלעגאַטן פון דער גאַנצער וועלט, געקענט קריגן גענוג דע-

---

* פון אַרטיקלען געדרוקט אין „איינגקייט" און „טאָג", ערב דער שווינדלערשער „קאָנוועשאָן", וואָס די רעכטע קליקע האָט פאַררופן אין באָסטאָן, דעם 7-טן מאַי, 1928.

לעגאַטן אונטערצודריקן דעם ווילן פון די מיטגלידער. אָבער דאָס וואָס די קליקע וויל איצט, איז ניט בלויז קריגן אַ מערהייט ביי דער קאָנווענשאָן, זי וויל אפילו ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל געהערט ווערן די שטימע פון פּראָטעסט פון די צענדליקער טויזנטער קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער, וועמעס לעבנס זי האָט רואינירט. עס וואָלט אודאי געווען זייער ניט אַנגענעם פאַר דער קליקע, ווען עס זאָל זיך ביי דער קאָנווענשאָן אַרויסווייזן, אַז די דעלעגאַטן פון די אמת׳ע לאָקאַלן זאָלן פאַרדאַמען די מעשים און צוריקשליידערן די פאַליסים פון דער אינטערנעשאַנאַל, און אַז די קליקע זאָל זיך דאַרפן ראַטעווען בלויז מיט דעלעגאַטן פון די „פּאַפּירענע לאָקאַלן", ווי זיי האָבן עס געטאָן ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע. די קליקע וויל, אַז זי זאָל קאָנען אַרויסגיין פאַר דער וועלט און צייגן, אַז אירע מעשים זיינען גוטגעהייסן געוואָרן איינשטימיק, און זי איז ווידער איינשטימיק דערוויילט געוואָרן. דאָס קען זי בלויז אויספירן דורכדעם, וואָס זי וועט ניט אַרויפלאָזן קיין געגנער אויפ׳ן באַלאָט.

און כאָטש מיר זעען שוין ווי אַזוי די קליקע פון דער אינטערנעשאַנאַל אָרגאַניזירט די קאָנווענשאָן; כאָטש מיר זיינען זיכער, אַז זיי וועלן די דעלעגאַטן פון די אויסגעשלאָסענע לאָקאַלן ניט צולאָזן, פונדעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן צו שיקן אַהין דעלעגאַטן. מיט אונזער גיין אַהין וועלן מיר בלויז נאָך אַמאָל פעסטשטעלן פאַר דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט און פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס וואָס עס וועט פאָרקומען אין מאַי אין באָסטאָן, איז ניט קיין קאָנווענשאָן; אַז עס וועלן זיך צונויפקומען מענטשן, וואָס זיינען ניט דערוויילט געוואָרן פון די מיטגלידער, האָבן ניט קיין שטיצע פון די מיטגלידער, און צו וועלכע די מיטגלידער האָבן ניט קיין צוטרוי. ווערליק ווי די קאָנווענשאָן ווערט צוגעגרייט, איז עס פאַר אונז קיין צווייפל ניט, אַז די אַזוי־גערופענע דעלעגאַטן וועלן גוטהייסן די אַלע מעשים פון דער זיגמאַן־קליקע און ווידער געבן איר דעם מאַנדאַט פאָרטצוזעצן דעם בלוטיקן קאַמף קעגן די מיטגלידער אויך נאָך דער קאָנווענשאָן. פונדעסטוועגן גייען מיר צו דער קאָנווענשאָן, כדי נאָך אַמאָל אַרונטערצורייסן די מאַסקע פון די זעלבסטגעקרוינטע פירער און אַרויסשטעלן זיי אין זייער אמת׳ער ליכט. זאָלן אַלע מיטגלידער פון דער יוניאָן זעען, מיט וועלכע מעטאָדן די דאָזיגע פירער האַלטן זיך

אויף. זאלן אלע זעען, ווער עס זיינען די, וואס ריידן אין נאמען פון די צענדליקער טויזנטער קלאוק און דרעסמאכער.

אין די רייען פון דער יוניאן, צווישן די מיטגלידער, איז גוט באוואוסט, אז די רעכטע קליקע האלט זיך בלויז א דאנק דעם כח פון די באלעבאטים. ווען ניט די באלעבאטים, וואלט שוין לאנג פון דער קליקע קיין זכר ניט געבליבן. באשליסט זי, אז מען זאל פאר איר ארבעטן א טאג, זיינען די באלעבאטים די קאלעקטארס. מאכט ניט אויס, וואס די ארבעטער פראטעסטירן, מען רעכנט זיך ניט מיט דעם פראטעסט פון די ארבעטער און מען נעמט ארונטער פון די ארבעטער א טאג שכירות און מען גיט עס איבער צו דער קליקע.

עס איז א האר ניט איבערטריבן, ווען מיר זאגן, אז די יוניאן איז פארוואנדלט געווארן אין א „קאמפאני-יוניאן”, מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואס אין קאמפאני־יוניאן” זיינען כאטש די ארבעטער באפרייט פון צאלן דיוס, ווייל די כלומרשטע יוניאן ווערט אויפגעהאלטן פון די באלעבאטים אליין, בעת די „יוניאן” פון די רעכטע דארפן נאך די ארבעטער אויסהאלטן, כאטש זי טוט פאר זיי גארניט. די ארבעטער ווערן עקספלואטירט אויפ'ן שענדלאכסטן אופן און ווערן באהאנדלט נאך ערגער ווי שקלאפן, מיט דער צושטימונג פון דער קליקע. די קליקע ווייס, אז די באלעבאטים זיינען דער איינציקער כח, אויף וועמען זי שפארט זיך אן, און אפילו ווען זי זאל וועלן, איז זי ניט ביכולת צו קעמפן פאר דער פארבעסערונג פון דער לאגע פון דעם ארבעטער. זי האט איבערגעגעבן די מיטגלידער צו די באלעבאטים צוליב דעם, וואס די באלעבאטים צווינגען די מיטגלידער צו אנערקענען די קליקע און צאלן איר דיוס און טעקסעס.

מיט אונזער גיין אין באסטאן וועלן מיר העלפן ארונטעררייסן די מאסקע פון דער קליקע און זי אוועקשטעלן נאקעט פאר דער גאנצער מיטגלידערשאפט. זאלן אלע זען אויף וואס פאר א קאנוועגשאנס עס שטיצט זיך די קליקע און מיט וועלכע מיטלען זי האלט זיך אין מאכט.

לאנג אויפהאלטן זיך מיט אזעלכע מעטאדן וועט זי ניט קענען!

דער „פאָרווערטס" אַלס דיקטאַטאָר איבער די יוניאָנס

אַב. קאַהאַן פאַררעדט זיך.*

דער „פאָרווערטס" זאָגט דאָך, אַז ער פירט דעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטן, ווייל זיי ווילן פאַרכאַפּן די יוניאָנס און זיי באַהערשן. קיין פּאָליטישע פּאַרטיי — זאָגט דער „פאָרווערטס" — טאָר זיך ניט מישן אין די אינערלאַכע יוניאָן אַנגעלעגנהייטן. ער, דער „פאָר־ווערטס", העלפט די יוניאָנס אין זייערע סטרייקס, אָבער ער וויל זיי קיין דעות ניט זאָגן. ווער רעדט נאָך פון אַרויפצווינגען אויף זיי זיין הערשאַפט — חלילה! ווי קומען צום „פאָרווערטס" אַזעלכע בייזע מחשבות?

פון קאַהאַנ׳ס רעדע ביי דער שווינדלערישער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן זעט מען טאַקע, ווי דער „פאָרווערטס" מישט זיך ניט אין אינערלאַכע יוניאָן־אַנגעלעגנהייטן.

מיר האָבן דאָרטן געהאַט אַזא פאַל:

מען דאַרף וויילן אַ פּרעזידענט. פאַראַן צוויי קאַנדידאַטן.ביידע זיינען מענטשן פון דער מאַשין, פון דער קליקע. ווער עס זאָל ניט דערוויילט ווערן, וועט ער דורכפירן דעם „פאָרווערטס" פּאָליסים. דאָך האָט קאַהאַן געפאָדערט, אַז מען מוז ווידער דערוויילן זיגמאַנ׳ען. ער האָט אַטאַקירט די, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל דער־וויילן דעם פּרעזידענט דורך אַ רעפערענדום. זיי זיינען ניט ערנסט, האָט ער געזאָגט. זיי זיינען ניט אויסן קיין דעמאָקראַטיע. אַלץ וואָס זיי ווילן איז — אַרויסוואַרפן זיגמאַנ׳ען און דערוויילן שלעזינגער׳ן, און דאָס וועט ער ניט דערלאָזן.

---

* פון אַן אַרטיקל אין דער „פרייהייט", פון 28־טן מאַי, 1928, באַלד נאָך דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן.

קאהאן איז געקומען צו דער קאנווענשאן ווי א דיקטאטאר. ער האט געזאגט די דעלעגאטן, אז מען דארף ניט קיין רעפערענדום, קיינער טאר ניט לויפן קעגן זיגמאנ׳ען. זיגמאן מוז בלייבן. אזוי וויל ער, קאהאן!

אפילו ווען עס האנדלט זיך וועגן צוויי רעבטע, כשר׳ע „פארווערטס״-מענטשן, קען מען ניט לאזן די דעלעגאטן האנדלען זעלבסטשטענדיק. ווער רעדט נאך ווען איינער פון זיי איז א לינקער. דא וועט דער „פארווערטס״ זיכער ארויפצווינגען זיין ווילן!

קאהאן האט געהאלטן א רעדע און האט באשטעטיקט, וואס מיר האבן געזאגט די גאנצע צייט, אז זיגמאן איז א געצייג ביים „פארווערטס״ אין די הענט, און אז אלץ, וואס ער האט געטאן, איז געווען דיקטירט פון „פארווערטס״. דער אלטער עובר-בטל האט ארויסגעפלאפלט, אז ער, צוזאמען מיט זיגמאנ׳ען, ה א ב ן ב א ש ל א ס ן אין צייט פון סטרייק אנצופאנגען דעם פאגראם. ער האט דערציילט אפילו, אז זיגמאנ׳ס „מאניפעסט״ — וועגן דער אויסשליסונג פון דזשאינט באארד — איז אויסגעארבעט געווארן ביי אים אין אפיס, און זיין סטענאגראפער האט עס געשריבן. ער האט אויך דערציילט, אז ניט בלויז זיגמאן קומט צו אים „באראטן״ זיך, נאר אויך די אנדערע פון דער קליקע. אלע אנערקענען אים פארן „באס״.

און נאך קאהאנ׳ס רעדע האט נאך דער סעקרעטער פון סאציאליסטישן פארבאנד געהאט די חוצפה ביי דער זעלביקער קאנווענשאן, פאר די זעלב׳יקע דעלעגאטן, צו דערציילן, אז די קאמוניסטן זיינען א געפאר, ווייל זיי מישן זיך אין די אינערלאכע אנגעלעגנהייטן פון דער יוניאן! די פאליסי פון זיינע לייט, האט דער נפש געזאגט, איז צו העלפן די יוניאנס, אבער זיי ווילן ניט זאגן קיין דעות אדער מישן זיך אין די אינערלאכע אנגעלעגנהייטן פון דער יוניאן...

די לייט האבן עס פארשטאכענע אויגן!...

פארוואס איז עס קאהאנ׳ען אזוי געגאנגען אין לעבן, אז זיגמאן זאל בלייבן פרעזידענט? ניט שווין-זשע קען ער זיך ניט פארלאזן, אז שלעזינגער וועט אזוי געטריי דינען און היטן די „פארווערטס״-אינטערעסן, ווי זיגמאן?

דער ענין איז פאַרבונדן מיט „פאָרווערטס״־פּאָליטיק, מיט וועל־בע מיר קאָנען זיך דאָ ניט פאַרנעמען. אגב, קען מען זיך עטוואָס אָנשטויסן פון קאַהאַנ׳ס באָבע־מעשה, וואָס ער האָט דערציילט אין זיין רעדע, אַז איינער פון די לינקע פירער האָט געזאָגט זיינעם אַ מענטשן, אַז אויב מען וועט מאַכן זיגמאַנ׳ען פאַר אויס פרעזידענט, וועט מען גלייך שיקן אַ טעלעגראַמע קיין מאָסקווע, אַז דאָס האָבן אים די לינקע פאַרטריבן און אַז דאָס איז אַ גוואַלדיגער זיג פאַר די קאָמוניסטן. נו, ווי קען ער עס דערלאָזן, אַז די לינקע, און ספּע־ציעל — אַז מאָסקווע זאָל זיך קענען פרייען מיט זיגמאַנ׳ס מפּלה?...

פאַרשטייט זיך, אַז די מעשה האָט קאַהאַן אויסגעטראַכט, ווי זיין שטייגער איז.

אָבער אונז איז גאַנץ עגאַל, וואָס די מאָטיוון פון „פאָרווערטס״ זאָלן ניט זיין. איין זאַך ווייסן מיר, אַז די יוניאָן, די אַרבעטער, און די אינטערעסן פון די אַרבעטער, גייט דער קליקע ניט אָן. זי טוט וואָס איר גלוסט זיך, וואָס עס באַפרידיקט אירע קאַפּריזן, — מעגן צענדליקער לעבנס אַפילו רואינירט ווערן.

זיגמאַן און דער „פאָרווערטס״ האָבן די גאַנצע צייט גע׳טענה׳ט, אַז מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט אַ בילבול — ס׳איז גאָר ניט אמת, אַז מען פאַרפאָלגט מיטגלידער פאַר זייערע פּאָליטישע מיי־נונגען. די דזשאָינט באָארד האָט מען, הייסט עס, אויסגעשלאָסן פאַר סתם פאַרברעכנס, און ווען רעכטע וואָלטן באַגאַנגען אַזעלכע פאַר־ברעכנס, וואָלט מען זיי, הייסט עס, אויך אויסגעשלאָסן. אַזוי האָט דער „פאָרווערטס״ מיט זיגמאַנ׳ען גע׳טענ׳עט. אָבער איצט האָבן זיי באַשלאָסן ביי דער קאָנווענשאָן, אַז קיין קאָמוניסט, אָדער אַ סימ־פּאַטיזירער פון קאָמוניזם, טאָר ניט פאַרנעמען קיין באַצאָלטן אָדער אומבאַצאָלטן אַמט אין דער יוניאָן! וואָס אַזוינס אַ קאָמוניסט אָדער אַ סימפּאַטיזירער פון קאָמוניסטן איז, וועט שוין די קליקע אַליין באַשטימען. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער, וואָס וועט וואַגן צו שטימען אין אַ פראַגע ניט ווי די מאַשין וויל, אָדער עפּענען אַ מויל אויף אַ מיטינג, וועט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ קאָמוניסט, אָדער פאַר אַ קאָמוניסטישן סימפּאַטיזירער...

און אָט אַזאַ שוואַרצן, שענדלאַכן באַשלוס רופן זיי „מאַניפעסט״, און מיינען, אַז די מיטגלידער וועלן ניט דערקענען זייער שווינדל!

דער געלער „פאָרווערטס" קלאַפּט שוין אין באַראַבאַן, אַז דער מאַניפעסט עפנט די טירן פאַר אַלע מיטגלידער, און ער וועט שוין מסתמא באַלד אָנפאַנגען צו דערציילן, אַז מען „לויפט" שוין, אַז מען „שטייט" שוין אין ליין, אַז עס „קאָכט", עס „רוישט" און עס „ברויזט" מיט לעבן און טעטיגקייט... אָבער די בלאָפס וועלן קיינעם ניט אָפּנאַרן. ווער זעט דען ניט דעם שווינדל?

די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער קעמפן דאָך פאַר זייער רעכט צו זיין פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער, פאַר זייער רעכט צו דערוויילן אַלס זייערע פירער די, וועמען זיי ווילן. זיי האָבן געקעמפט דערפאַר, אַז די זיגמאַנס, די ברעסלאַווערס און די שלעזינגערס זאָלן ניט זיין זייערע אומגעבעטענע פאַרזאָרגער און זאָלן ניט פאַרפאַלגן מיטגלי־דער פאַר זייערע מיינונגען. זיי האָבן געקעמפט דערפאַר, אַז די יו־ניאָן זאָל ניט זיין דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון אַ קאָרופּטער קליקע, וואָס שטיצט זיך אויף די באַלעבאַטים. און דער מאַניפעסט איז דאָך געגן די אַלע פאָדערונגען!

מעגן נאָך עובר־בטל'ס חלומ'ען, אַז מיט דער הילף פון די באַ־לעבאַטים און מיט דער הילף פון די צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן פון „פאָרווערטס" פאַר גענגסטערס, וועט מען קענען אָנהאַלטן מיט געוואַלט די הערשאַפט איבער די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער און נאָך אַרויסציען פון זיי פאַר אַנדערהאַלבן יאָר דיוס און אַ שטייער פון דריי טעג, אַחוץ קליינינקייטן. אָבער די צייטן פון דער „פאָר־ווערטס"־דיקטאַטור איבער די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער זיינען שוין לאַנג אַוועק. די אַרבעטער האָבן שוין לאַנג דערקענט, וואָס פאַר אַן אומגליק די אָפּגעפרעסענע אַלרייטניקעס זיינען פאַר דער אַר־בעטער־באַוועגונג. און די צייטן, ווען מען האָט געקענט די קלאָוק־און דרעסמאַכער טעראָריזירן, ווי אין דער הורוויטש־אָפּערע, זיינען שוין אויך אַוועק. 1928 איז ניט 1913.

מכח שלום...

פון א בריוועלע צו גענאָסע שלעזינגער *

...איר רעדט וועגן שלום. איר זאָגט, אַז די טירן פון דער יוניאָן זיינען אָפן פאַר אַלעמען, וועלכע אַרבעטן אין טרייד. האָט דאָך זיגמאַן ביז איצט אויך גע'טענה'ט, אַז ער וויל שלום. און וועגן די אָפענע טירן — האָט דאָך זיגמאַן גע'טענה'ט די גאַנצע צייט, אַז די טירן זיינען גאָר קיינמאָל ניט געווען פאַרמאַכט!

זיגמאַן איז דאָך געווען „ליבעראַלער" פאַר אייך. איר ווילט, אַז מען זאָל אייך באַצאָלן דיוס פאַר אַנדערהאַלבן יאָר און אַלס צוגאָב באַצאָלן אייך אַ שטייער פון דריי טעג שכירות, און זיגמאַן האָט עס געמאַכט פאַר פּופּציק סענט!...

קאָמוניסטן, זאָגט איר, וועלן ניט טאָרן זיין קיין באַאַמטע. אַזוי, הייסט עס, האָט די קאָנווענשאָן באַשלאָסן. פאַרוואָס זאָגט איר ניט דעם אמת? פּונקט 3 פון דער רעזאָלוציע, וועלכע די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען און וואָס איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין דער „גערעכטיגקייט" דעם 25־טן מאַי, לייענט זיך אַזוי:

> „אַרבעטער, וואָס זיינען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָדער פון דער טרייד יוניאָן עדיוקיישאָנאַל ליג, און אַזעלכע וואָס אַקצעפּטירן די לידערשיפּ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, קאָנען ניט האַלטן קיין שום יוניאָן אָפיס."

איר הערט ווערטער? „אַזעלכע וואָס אַקצעפּטירן די לידערשיפּ פון קאָמוניסטן". שלעזינגער פאַרגעסט אָן דעם. מיט אַזאַ באַשלוס קען מען דאָך באַזייטיגן י ע ד ן א י י נ ע ם, וואָס איז אַ געגנער פון דער קליקע. די פראַזע „אַזעלכע וואָס אַקצעפּטירן די לידערשיפּ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" קען מען אָנווענדן קעגן יעדן אַרבעטער, וואָס וועט ניט שטיצן די מאַשין. אמת, איר זאָגט צו,

---

* טיילן פון אַ גרעסערן אַרטיקל, געדרוקט אין „איינִיגקייט", דעם 15־טן יוני, אונטערן נאָמען: „אַ בריוועלע צו גענאָסע שלעזינגער".

אַז אויב מען וועט זיך אויפפירן ווי גוטע יוניאָן־לייט, וועט מען דעם באַשלוס אָפּשאַפן, און איר דערוואַרט, אַז די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער זאָלן אייך גלויבן אויפן וואָרט. דערווייל זאָלן זיי אייך אָנפילן די קאַסע... איר מיינט, אַז דער עולם וועט זיך לאָזן איינ־ריידן.

ווען איר פויקט און ליאַרעמט, אַז איר האָט געוואונען די פּערציק־שעה׳דיקע אַרבעט־וואָך, מיינט איר אַפּנים אויך דאָס זעלביקע.*

ווייסט איר דען ניט, אַז ניט איר האָט עס געוואונען, נאָר אַז די אַרבעטער האָבן עס געוואונען דורך דעם סטרייק? ווייסט איר דען ניט, אַז די קליקע האָט אָפּגעשאַפט אַלע אונזערע געווינסן און אויך די פּערציק שעה?

איר ווייסט, אַז אין כמעט אַלע שעפּער פון די קאָנטראַקטאָרס אַרבעט מען פון שטיק. איר אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז: „די באַדינגונגען, אונטער וועלכע טויזנטער פון אונזערע אַרבעטער זיינען געצוואונגען צו אַרבעטן, זיינען שרעקלאַך“. און אַז: „מען אַרבעט פאַר 5, 4 און 3 דאָלאַר אַ טאָג, און אפילו אין די בעסערע אינסייד שעפּער ווערן די יוניאָן באַדינגונגען ניט אָפּגעהיט“.

די דזשאָינט באָארד האָט פאַרעפנטלאַכט אַ ליסט מיט שעפּער פון דעם אינדאַסטריעל קאָונסיל, וואו אייערע אַגענטן האָבן דער־לויבט איינצופירן אַ 46־שעה׳דיקע אַרבעט־וואָך, שטיק־אַרבעט, סינגל טיים פאַר אָווערטיים. איר דערלויבט אפילו קאָרפּאָריישאָן שעפּער. פונדעסטוועגן האָט איר גערופן דעם עולם צו פייערן דעם זיג פון דער פּערציק־שעה׳דיקער אַרבעט־וואָך!

און ווען איר רעדט וועגן אַן אינשורענס־פאָנד, פאַר וועלכן בלויז די באַלעבאַטים וועלן צאָלן, — וואָס איז דאָס, אויב ניט געשאַטן זאַמד אין די אויגן?

איר דערציילט אַ מעשה, אַז די קלאָוקמאַכער פון די בעסערע שעפּער האָבן באַדאַרפט צאָלן אין אינשורענס פאָנד און קיין אינשורענס האָבן זיי ניט געקראָגן. די אינשורענס האָבן נאָר געקראָגן די אַרבעטער,

---

* לויט׳ן אָפּמאַך, וואָס די דזשאָינט באָארד האָט געשלאָסן מיט די פאַבריקאַנטן אין נאָוועמבער 1926, האָבן די קלאָוקמאַכער געזאָלט דעם 1־טן יוני 1928 אָנהויבן אַרבעטן פערציק שעה אַ וואָך.

וועלכע האבן געארבעט עטלאכע וואכן אין סעזאן. נו, און דאס וואס זיגמאן האט די געלטער צוגענומען און עס פארשווענדט אויף צע־ברעכן די יוניאן, — דערמיט זיינען די ארבעטער צופרידן? *

קענען די ארבעטער האבן צוטרוי צו א קליקע, וועלכע דער־לויבט זיך צוצונעמען די געלטער פון הונגעריקע קלאוקמאכער, די אינשורענס, פאר וועלכע די ארבעטער האבן געצאלט, און אויסגעבן עס אויף גארילעס? קענען די ארבעטער דערוואַרטן, אז אזא קליקע וועט מיט אמאל ווערן גוט און פרום און ארבעטן פאר זייערע אינ־טערעסן? אויב די באלעבאטים וועלן צאלן אינשורענס, וועט דען די קליקע ניט פארנוצן די געלטער אויף די זעלביקע צוועקן, אויף וועלכע זי האט פארנוצט די הונדערטער טויזנטער דאלאר פון די אינשורענס געלטער ביז איצט?

די קלאוקמאכער און דרעסמאכער ווייסן, אז די קליקע איז גע־בליבן ביי דער הערשאפט, און אז די קליקע וועט פראקטיצירן די זעלביקע פאליטיק.

דערפאר וועלן אלע אפילס, אלע שיינע רייד וועגן שלום און אייניקייט ניט העלפן.

אודאי ווילן די קלאוקמאכער שלום. אודאי ווילן זיי אויפבויען זייער יוניאן. זיי גלויבן אבער ניט, אז דער „פארווערטס", די שלע־זינגערס און די זיגמאנס, ווילן שלום. אויב יענע וואלטן עס געוואלט, וואלטן זיי עס לייכט געקאנט האבן. די קלאוקמאכער און דרעסמא־כער האבן דעם קריג ניט אנגעפאנגען.

די קלאוק און דרעסמאכער ווילן ביי קיינעם גארניט אוועקנעמען. זיי ווילן קיינעמס רעכט ניט בארויבן, און זיי ווילן קיינעם ניט פאר־שקלאפן און אונטערדריקן. אלץ וואס זיי ווילן איז, אז די זעלבסט־געקרוינטע פירער זאלן ניט אוועקנעמען זייערע שווער־פארהארעווע־טע פארדינסטן. זיי ווילן ניט, אז מען זאל זיי בארויבן פון זייער רעכט צו זאגן א דעה אין זייער אייגענער יוניאן. זיי ווילן האבן די פרייהייט צו האבן א מיינונג און צו באלאנגען צו די פארטייען, וועלכע געפעלן זיי. זיי ווילן האבן באאמטע, צו וועלכע זיי האבן צוטרוי.

---

* זע פארווארט, זייט 39.

נייע פויגל — אַלטע לידער

ווידעראַמאָל „די קאָמוניסטן“? *

ווען שלעזינגער איז אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן געוואָרן א וויים־פּרעזידענט אין זיגמאַנ׳ס דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, זיינען די ערשטע ווערטער זיינע געווען, אַז מען גיט צופיל קרעדיט די קאָמוניסטן, דערמיט וואָס מען האַלט זיי אין איין דערמאָנען. „מען דאַרף — האָט ער געזאָגט — זיי לאָזן צורו און אינגאַנצן פאַר־געסן אַן זיי“.

דאָס זעלביקע האָט זיגמאַן געזאָגט נאָך מיט אַ יאָר צוריק. אָבער ניט זיגמאַן און אויך ניט שלעזינגער האָבן געקענט זיך צוריקהאַלטן פון דערמאָנען די קאָמוניסטן ביי יעדער געלעגנהייט. מען דאַרף דאָך האָבן אויף וועמען אַרויפצוואַרפן די שולד! זיינען די קאָמוניסטן פאַר דעם צוועק ווי געוואונשן.

שלעזינגער, אין זיינע סטייטמענטס און אפילס, מיט וועלכע ער באָמבאַרדירט טאָג־טעגלאָך די קלאָוק און דרעסמאַכער, דערציילט שוין די זעלביקע אַלטע מעשה, אַז דער „אומגליקלאַכער“ סטרייק און דער אַגרימענט, וועלכן די קאָמוניסטן האָבן געמאַכט, וואָס גיט אַ רעכט די באַלעבאַטים צו אָפּזאָגן אַרבעטער, האָט אונטערדריקט די שכירות און די באַדינגונגען פון די אַרבעטער און אַנגעפּלאַדיעט אַן אַ שיעור סקעב־שעפּער. פאַרשטייט זיך, אַז שלעזינגער וועט טאָקע היינטיגן סעזאָן שוין איינפירן צוריק יוניאָן שכירות, יוניאָן באַדינגונגען, און אויסראָטן די אַלע סקעב־שעפּער...

אַזוי פאַרזיכערט ער.

דאָס וואָס אַלע ווייסן אַז ס׳איז אַ ליגן די מעשה — אַז די קאָ־מוניסטן האָבן ניט געמאַכט קיין אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים וועלכער גיט זיי דאָס רעכט צו אָפּזאָגן זייערע אַרבעטער, — אַרט ניט

---

* „איינִיגקייט“, יולי 27, 1928.

שלעזינגער׳ן. דערויף איז ער דאך א „פאָרווערטס״־מענטש, און ביי אַזאַ מענטשן איז בלאָפן אַ מצוה.

מיר וועלן זיך ניט פאַרנעמען דאַ מיט דערציילן די היסטאָריע פון דעם לעצטן סטרייק און מיט דעם אַגרימענט. אַלע קלאָוקמאַכער קענען שוין די געשיכטע אויף אויסנווייניג. אַלע ווייסן, אַז די באַלעבאַטים האָבן ניט קיין רעכט, לויט דעם אַגרימענט, צו אָפּזאָגן זייערע אַרבעטער. בלויז די באַלעבאַטים פון דעם אינדאַסטריעל קאַונסיל, וועלכע גיבן זייערע אַרבעטער 32 וואָכן אַרבעט, האָבן אַ רעכט צו אָפּזאָגן איין מאָל אין יאָר צען פּראָצענט פון זייערע אַרבעטער.

און דאָס ווייס מען אויך, אַז טאַקע זיגמאַנ׳ס און שלעזינגער׳ס קאָמישאַן, די קאָמישאַן פון גאָווערנאָר סמיט, האָט עס באַשלאָסן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן קריגן דאָס רעכט צו רעאָרגאַניזירן צען פּראָצענט פון זייערע אַרבעטער איין מאָל אַ יאָר. און עס איז איצט אויך מער פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז ווען ניט דער פאַרראַט פון דער קליקע אין צייט פון סטרייק, וואָלטן מיר געווען בכוח אויסצוקעמפן אַן אַגרימענט אָן רעאָרגאַניזיישאַן!

אָבער אַפילו ווי דער אַגרימענט איז געמאַכט געוואָרן, איז דאָך דאָס דער גרעסטער ליגן צו באַהויפּטן, אַז דער אַגרימענט איז די אורזאַך פון דעם איצטיקן טרויעריקן צושטאַנד. הלואי וואָלט מען נאָר דורכגעפירט דעם אַגרימענט! שלעכט ווי ער איז, וואָלט דאָך די לאַגע פון די אַרבעטער געווען הונדערט מאָל בעסער ווי היינט צו טאָג!

לויט דער סטאַטיסטיק פון אינדאַסטריעל קאַונסיל,* האָבן אײַנגאַנצן 63 פאַבריקאַנטן אָפּגעזאָגט 194 אַרבעטער, אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם רעאָרגאַניזאַציע־פּונקט, וועלכער געפינט זיך אין דעם אַגרימענט. די סטאַטיסטיק דערציילט אָבער אויך, אַז נאָך די אַלע „דרייווס״ פון דער אינטערנעשאַנאַל קליקע פאַר דעם לעצטן יאָר און אַ האַלב, זיינען די צאָל סקעב־שעפּער פאַרגרעסערט געוואָרן און די אַרבעט־באַדינגונגען זיינען געוואָרן ערגער. און באַטש די מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאַן האָבן אַ היבש ביסל אָרונ־

* „ווימענס וועיר״, 12 יולי, 1928. מער וועגן רעאָרגאַניזאַציע און גאָווערנאָרס קאָמישאַן זע זייטן 23, 24 און 75.

טערגעשניטן די שכירות פון זייערע ארבעטער, דאך זאגן די באלע־באטים, אז זיי קאנען נאך אלץ ניט קאנקורירן מיט די אנדערע שע־פער, וואו די לאגע איז נאך ערגער. זיי זאגן אויך, אז די ארבעטער וועלכע קענען, ווי די באלעבאטים מיינען, פראדוצירן מער, נאר זיי ווילן ניט, האט מען געשטעלט אונטער פראבע, און אויב זיי וועלן ניט פארבעסערן זייער פראדוקציע, וועט מען זיי אפזאגן.

נו, איז דאס אפשר אויך די שולד פון דעם קאמוניסטישן אג־רימענט? ערלויבט דען דער אגרימענט צו פארקלענערן די שכירות און צו האלטן ארבעטער אויף פראבע, ווי פ א ר ב ר ע כ ע ר?

וואס פון די פערציק שעה איז געווארן

אלע ווייסן, אז די „דרייווס" פון די קליקע־לייט זיינען ניט געצילט קעגן די באלעבאטים, נאר קעגן די ארבעטער. זייערע „שטאר־קע" קאמיטעס שיקן זיי אממערסטן אין די שעפער, וואו עס ארבעטן די אקטיווסטע און די בעסטע יוניאן־לייט, און וואו זיי אליין האבן געהאלפן די באלעבאטים ארויסווארפן אט די יוניאן־לייט פון די שע־פער. דער ציל איז, ניט צו דערלאזן אט די מענטשן צו מאכן א לעבן, כדי צו ברעכן זייער קאמף־לוסט, און אזוי ארום קענען באפעסטיקן די ממשלה פון דער קליקע איבער די ארבעטער.

שלעזינגער בארימט זיך מיט די פערציק שעה. קען דען אפילו א קינד ניט פארשטיין, אז לויט די פרייזן וואס די דזשאבערס צאלן די קאנטראקטארס פאר אויפמאכן ארבעט, קען מען ניט אר־בעטן קיין פערציק שעה, וואך־ארבעט, און פארדינען יוניאן־שכירות?

עס איז באוואוסט אין גאנצן טרייד, אז די קאנטראקטארס צאלן פאר אויפמאכן א מאנטל — א ד א ל א ר א ון א ק וו א ד ע ר. פון דעם דאלאר און א קוואדער דארפן דאך די קאנטראקטארס צאלן רענט פארן שאפ און ארויסנעמען זייערע פראפיטן. קען מען זיך שוין פארשטעלן, וויפיל זיי צאלן פון דעם דאלער און א קוואדער צו ארבעטער, פאר שניידן, אפערייטן און פינישן! טא ווען קען די קליקע דערציילן א מעשה, אז מען ארבעט פערציק שעה און מען קריגט יוניאן־שכירות?

מען טאר ניט פארגעסן, אז ביי די קאנטראקטארס ארבעטן מער ווי אכציק פראצענט פון אלע קלאוקמאכער. און עס פארשטייט זיך

אויך, אַז קיין באַלעבאָס וועט ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל אים קאָסטן אינסייד פּראָדוצירן גאַרמענטס אַ סך מער וויפיל עס קאָסט אים ביי זיינע קאָנטראַקטאָרס. דערפאַר מוז פאַר יעדן זיין קלאָר, אַז אפילו אין די אינסייד שעפּער אַרבעט מען ניט קיין פעריציק שעה און מען קריגט ניט קיין יוניאָן שכירות.

אונטער וואָס פאַר אַ שרעקלאַכע באַדינגונגען מען איז איצט גע־צוואונגען צו אַרבעטן, קען מען זען פון אַן אַדווערטייזמענט פון אַ געוויסן דזשאָבער אין דער צייטונג פון די באַלעבאַטים („ווימענס וועיר”).

דער דאָזיקער דזשאָבער האָט אַדווערטייזט צו פאַרקויפן אַ מיליאָן קליידער (דרעסעס) צו 65 סענט אַ דרעס. די פירמע דערציילט אין דעם אַדווערטייזמענט, אַז אַ דאַנק דעם וואָס זי האָט געמאַכט די העכסטע עקאָנאָמיע אין די קאָסטן פון פּראָדוצירן, קען זי פאַרקויפן אַזוי ביליק, ווי 65 סענט אַ דרעס.

איצט לאָמיר אויך טשיקאַוועס באַרעכענען. אין די 65 סענט גייט אַריין דער קאָסט פון די מאַטעריאַל און דעם דזשאָבער׳ס פּראָפיט און אויך דער פּראָפיט פון דעם קאָנטראַקטאָר, — ווייל דער דזשאָבער מאַכט דאָך ניט די דרעסעס ביי זיך. וויפיל עס בלייבט פון די 65 סענט איבער פאַר די אַרבעטער, וועלכע שניידן, אָפּערייטן, פינישן און פרעסן די דרעס, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן. עס איז דאָך שוין קיין נייס ניט מער צו הערן, אַז די בעסטע אַר־בעטער, וועלכע יאָגן פון זיך אַרויס די נשמה ביי דער אַרבעט, פאַר־דינען ניט מער ווי 15 דאָלאַר אַ וואָך.

און טראָץ די אַלע פאַקטן, האַלט דער „פאָרווערטס” מיט דער זיג־מאַן־שלעזינגער קליקע אין איין באַרימען זיך מיט זייערע „זיגע”, און שיטן זאַמד אין די אויגן מיט „אָרגאַניזיישאָן דרייווס”!

לאָמיר טאַקע מאַכן אַ חשבון

איז די לאַגע פון די קלאָוקמאַכער אין 1922 געווען בעסער ווי אין 1928? *

אין באַצאַלטע אַדווערטייזמענטס אין „מאָרגען זשורנאַל“, וואו עס דרוקן זיך סקעב־אַדווערטייזמענטס, און אין „פאָרווערטס“, זאָגט שלעזינגער, אַז יעדער קלאָוקמאַכער זאָל נעמען אַ בליישטיפט און פאַפיר און פאַרצייכענען ווי אַזוי זיין לאַגע איז געווען מיט פינף יאָר צוריק, און ווי אַזוי זי איז היינט.

75 פּראָצענט פון די קלאָוקמאַכער — זאָגט ער — האָבן דאַן גע־קראָגן מיט 5, 10 און 15 דאָלאַר אַ וואָך מער פון דער מינימום־סקייל. אַ גרויסע צאָל האָט געקראָגן זאָגאַר 20, 25 און 30 דאָלאַר אַ וואָך מער פון דער מינימום־סקייל. יעדער אַרבעטער אין טרייד איז געווען פאַר־זיכערט מיט זיין דזשאָב. דער טרייד איז געווען פולשטענדיק אָר־גאַניזירט. אפילו אין די קליינע „שאַפּקעס“ — זאָגט ער — זיינען די יוניאָן־באַדינגונגען שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. מען האָט געאַרבעט פון וואָך, רעגולערע שטונדן, און די באַלעבאַטים האָבן געציטערט פאַר דער יוניאָן, ווי פאַר פייער.

אַזוי גוט האָט זיך די קלאָוקמאַכער דאַן געלעבט — אַן אמת׳ן גן־עדן האָבן זיי געהאַט!

איצט — זאָגט ער — זאָלן די קלאָוקמאַכער פאַרצייכענען ווי טרויעריק עס איז זייער לאַגע היינט־צו־טאָג.

און שולדיק, פאַרשטייט זיך, זיינען אַלץ די קאָמוניסטן!

פאַרוואָס האָט שלעזינגער עפּעס אָנגעכאַפּט דוקא מיט פינף יאָר צוריק? פאַרוואָס ניט מיט פיר יאָר צוריק, אָדער מיט דריי יאָר צוריק?

---

* „אַן ענטפער אויף די אַדווערטייזמענטס פון ב. שלעזינגער“, „פרייהייט“, 17־טן סעפּטעמבער, 1928.

דער ענטפער איז קלאָר: מיט פינף יאָר צוריק איז שלעזינגער געווען פרעזידענט, ווייל ער דערציילן די קלאָוקמאַכער אַז דעמאָלט ווען ער איז געווען דער פרעזידענט, איז דער טרייד געווען הונדערט פּראָצענט אָרגאַניזירט; מען האָט גענומען 20 און 30 דאָלאַר אַ וואָך מער ווי די סקייל; מען האָט געאַרבעט פון וואָך; מען איז געווען געזיכערט מיט די דזשאָבס און מען האָט געמאַכט אַ גאָלדענעם לעבן. אָבער אַזוי גיך ווי ער איז אַוועק, איז אַלץ חרוב געוואָרן.

אין די פינף יאָר, זינט שלעזינגער איז אַוועק פון דער יוניאָן, האָט זיגמאַן געוואָרפן מיטגלידער, גאַנצע לאָקאַלן, דזשאָינט באָארדס. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ בלוטיקע מלחמה. די יוניאָן איז פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרן. די קאָנדיציעס זיינען רואינירט געוואָרן. שלע־זינגער האָט אָבער אָנגעהאַלטן זיין מיטגלידערשאַפט אין דער יוניאָן די גאַנצע צייט. צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? אַ מיטגליד אין אַן אַרבעטער־יוניאָן איז דאָך צו עפּעס פאַרפליכטעט. דאַרף דען אַ מיטגליד פון אַ יוניאָן אַמאָל ניט קומען צו אַ יוניאָן־מיטינג? און ווען אַזעלכע ערנסטע פּאַסירונגען קומען פאָר, ווי די וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פאַר די לעצטע פינף יאָר, איז דאָך אַ מיטגליד אודאי און אודאי מחויב צו קומען און צו זאָגן זיין מיינונג. אָבער שלעזינגער איז די גאַנצע צייט געזעסן אין „פאָר־ווערטס“, באַזאָרגט זיינע געשעפטן, און מען האָט פון אים קיין פּיפּס ניט געהערט. ערשט דאַן, ווען זיינע פריינט האָבן אים פאַרזיכערט, אַז מען וועט אים ביים קאָנווענשאָן צוריק מאַכן פאַר פרעזידענט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס זיינען פאַראַן קלאָוקמאַכער און אַז עס איז דאָ אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן, און ער האָט זיך געלאָזן דער־ווילן פאַר אַ דעלעגאַט צום קאָנווענשאָן. אַז מען וועט אים אויס־מאַניעווורירן, האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט. אַניט, וואָלט ער נאָך איצט געווען דער אַדווערטייזינג־אַגענט אין „פאָרווערטס“, און מיר וואָלטן גאָרניט געוואוסט ווי עס בלוטעט נעבאָך זיין האַרץ פאַר די אָרימע קלאָוקמאַכער.

אודאי גיבן מיר צו, אַז די לאַגע פון די קלאָוק־ און דרעסמאַכער איז איצט ערגער ווי עס איז געווען מיט פינף יאָר צוריק. און ווער עס איז שולדיג אין דעם ווייס די גאַנצע וועלט. און זיכער ווייסן עס די קלאָוק־ און דרעסמאַכער. זיי ווייסן ווער עס האָט אויסגעשלאָסן

די מיטגלידער, ווער עס האָט אויף זיי געמאַכט דעם פּאָגראָם, ווער עס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די באַלעבאַטים ארונטערצואוואַרפן די בעסטע יוניאָן־לייט פון די שעפּער, און ווער עס איז פאַראַנט־וואָרטלאַך פאַר די אַלע צרות און ליידן פון די קלאָוק־ און דרעס־מאַכער. דאָס זיינען ניט קיין אַנדערע ווי די דזשאָב־האָלדערס און אַלראַיטניקעס פון „פאָרווערטס", זיגמאַן און שלעזינגער און די גאַנצע קליקע.

און אַז מען האָט אונז שוין יאָ געבעטן, אַז מיר זאָלן נעמען אַ בלייַשטיפט און פאַרציכענען די קאָנדיציעס וועלכע מיר האָבן גע־האָט מיט פינף יאָר צוריק, ווען שלעזינגער איז געווען פּרעזידענט, האָבן מיר גענומען און פאַרצייכנט.

די לאַגע אונטער שלעזינגער'ס הערשאַפט

אין יולי, 1922, מיט זעקס יאָר צוריק, האָט שלעזינגער דערקלערט אַ סטאָפּעדזש אין דער קלאָוק־אינדוסטריע. צוליב וואָס? אין דער „גערעכטיגקייט", אויף דער ערשטער זייט, איז דעם 28־טן יולי, 1922, געווען אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף צו די קלאָוקמאַכער, פון וועלכן מיר ציטירן דאָס פאָלגנדיקע:

> „די סוועט־שעפּער און קאָרפּאָריישאָן־שאָפּקעס מיט פינף־זעקס מאַשינען זיינען פּיאַווקעס, וואָס זויגן אויס דאָס בלוט פון קלאָוקמאַכער. אום איינמאָל פאַר אַלע מאָל איינצושטעלן אָרדנונג אין אונזער אינדוסטריע, און אום צו מאַכן מעגלאַך פאַר די 50,000 קלאָוקמאַכער פון ניו יאָרק צו אַרבעטן אין שע־פּער וואָס זאָלן ווירקלאַך קענען אָנגערופן ווערן שעפּער, האָט די אַ. ל. ג. וו. י. באַשלאָסן צו ערקלערן אין ניו יאָרק און אומ־געגנט אַ דזשענעראַל סטרייק און סטאָפּעדזש."

אין דעם זעלביקן נומער „גערעכטיגקייט", אין עדיטאָריעל, ווערט געזאָגט צווישן אַנדערעס דאָס פאָלגנדיקע:

> „באַטראַכט, אַז די קלאָוק־אינדוסטריע אין ניו יאָרק, וועל־כע באַשעפטיגט בלויז 40,000 בעלי־מלאכות, איז צעשפּרייט אין באַלד 3,000 שעפּער, און איר וועט פאַרשטיין, ווי כמעט

אוממעגלאַך עס איז, אַז די יוניאַן זאָל האָבן איר פולן קאָנ־טראָל. עס איז אַ פאַקט, דאָס עס זיינען פאַראַן שעפּער, און אין די צענדליקע, וועלכע באַשעפטיקן בלויז אַ צוויי־דריי אַר־בעטער. היינט גיי געפין אויס אַזעלכע שעפּער, און פּאַס אויף, אַז די יוניאַן־קאַנדישאַנס זאָלן דאָרטן אָפּגעהיט ווערן. עס איז קלאָר, אַז דאָס איז אוממעגלאַך. און טאַקע דערפאַר, ווייל די יוניאַן האָט ניט, און קען ניט האָבן, איבער אַזעלכע שעפּער איר פולן קאָנטראָל, פעלן דאָרט זייער אָפט אַלע יוניאַן־באַדינ־גונגען. מען אַרבעט ווי אין די אַמאָליגע צייטן, אוממענטשלאַכע לאַנגע שטונדן, מען אַרבעט פון שטיק, פאַר קליינע ווידזשעס און דאָס ברענגט רואינע דער גאַנצער אינדוסטריע."

קען אפשר שלעזינגער דערקלערן, ווי אַזוי דאָס שטימט מיט זיין איצטיקן אַדוועטייזמענט, אַז דעמאָלט איז דער טרייד געווען הונ־דערט פּראָצענט אָרגאַניזירט; אַז אין די קאָנטראַקטינג־שעפּער האָט מען אָפּגעהיט יוניאָן־באַדינגונגען, און אַז מען האָט גענומען צוואַנציק און דרייסיק דאָלאַר איבערן יוניאָן־סקייל?

אַז דער סטאַפּעדזש פון 1922 איז געווען אַ קלעגלאַכער דורכ־פאַל איז גאַנץ גוט באַוואוסט יעדן קלאָוקמאַכער. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעפלאַגט אין די האָלס וואָכנלאַנג, זיינען פון אַ באַנדע אונ־טערוועלט־פּאַרשוינען און פון די פּיקעט־קאָמיטעס פון דער קליקע געשטויסן און געשלאָגן געוואָרן. און נאָכדעם האָבן זיי ערשט גע־מוזט אַוועקגיין אַרבעטן צוריק אין די זעלביקע סוועט־שעפּער און קאָרפּאָריישאָן־שאַפּקעס, אונטער נאָך ערגערע באַדינגונגען. די איינ־ציקע, וועלכע האָבן געהאַט דעם בענעפיט דערפון, זיינען געווען די באַיעס פון דער קליקע, וועלכע האָבן זיך אָנגעשאָטן מיט גאָלד. אַז עדות איז דער געוועזענער מענעדזשער פון לאָקאַל 17, העלער.

אין דער „גערעכטיגקייט" פון פרייטאָג, דעם 9־טן פעברואַר, 1925, איז אָפּגעדרוקט העלער'ס אַרטיקל, וואו עס זאָגט זיך וועגן דעם סטאַפּעדזש, צווישן אַנדערעס, דאָס פאָלגענדע:

„עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס לאָקאַל 1 האָט מיט אונז ניט געקענט זיין איינפאַרשטאַנען מיט דעם פּלאַן, איידער דער „סטאַפּעדזש" איז ערקלערט געוואָרן. מיר זיינען זיכער, אַז

זייער געוויכט, אלס א לאקאל, וואלט דאן דעם „סטאפעדזש" פארמידן. דאס וואלט אונז געשפארט גענוג געלט און ענער־גיע, און מאראלישן פרעסטיזש צו מאכן אונז א סך מעכטי־גער אין דער אטאקע געגן די נאן־יוניאן קארפארייטאן שעפער. דאס געלט אליין וואלט גענוג געווען אנצוהאלטן אן ארגאניזאציע־דעפארטמענט מיט 20 ארגאנייזערס פאר אן ערך זיבן יאר צייט."

דערוויסן מיר זיך פון העלער׳ס רייד, אז ער איז געווען קעגן דעם „סטאפעדזש", און אז דער „סטאפעדזש" האט פארשלונגען א פארמעגן מיט געלט, און האט די יוניאן געמאכט שוואכער אין דעם קאמף געגן קארפארייטאן און סקעב שעפער.

פרעגן מיר נאכאמאל: וואו נעמט זיך די חוצפה ביי די מענטשן פון דער קליקע, צו דערציילן א מעשה, אז דעמאלט זיינען די שעפער געווען יוניאניזירט?

אין א צווייטן אדווערטייזמענט דערציילט געגאסע שלעזינגער, אז מיט פינף יאר צוריק איז דער ווינטער־סעזאן ניט געווען קיין בעס־ערער ווי היינטיקן יאר. דאך האבן די קלאוקמאכער געמאכט א לעבן. דאן — זאגט ער — האט מען געארבעט 44 שעה א וואך. עס זיינען געווען מער קלאוקמאכער. טא ווי קומט עס, — פרעגט ער — וואס איצט, ווען עס זיינען פאראן ווייניקער קלאוקמאכער, ווי דע־מאלט, און מען דארף ארבעטן 40 שעה אנשטאט 44, — ווי קומט עס, וואס אזוי פיל קלאוקמאכער גייען ארום היינטיקן סעזאן אדער אינ־גאנצן ליידיק, אדער זיי ארבעטן א טאג צוויי אין דער וואך?

איז דער תירוץ ווידעראמאל: „קאמוניסטן".

די גרויסע ארבעטלאזיקייט אין ווינטער 1922—1923

נו, די קלאוקמאכער געדיינקען אודאי דעם לעבן, וואס זיי האבן געמאכט יענעם ווינטער־סעזאן. און טאמער האט אימיצער פארגעסן די דעמאלטיקע „גליקלאכע" צייט, ווילן מיר אים דערמאנען, אז דאן איז געווען אזא גרויסע צאל ארבעטלאזע קלאוקמאכער, אז לא־קאל 1 און לאקאל 9 האבן דעמאלט אויסגעצאלט צענדליקער טויזנ־טער דאלאר רעליף, און אז די קלאוקמאכער האבן געמאכט דעמאנ־

סטראַציעס און גערופן פּראָטעסט־מיטינגען, זיינען געלאָפן צו שלע־זינגער׳ן, אָבער דער גרויסער פּרעזידענט האָט זיך דעמאָלט באַהאַלטן. ער האָט מורא געהאַט צו באַגעגענען די קלאָוקמאַכער — פּונקט ווי ער האָט איצט מורא. און ווידער וועלן מיר ברענגען אַלס עדות שלעזינגער׳ס אייגענע „גערעכטיגקייט״.

איז אין עדיטאָריעל אין דער „גערעכטיגקייט״, פעברואַר 19, 1923, אַפּעלירט מען צו די אַרבעטלאָזע קלאָוקמאַכער, אַז זיי זאָלן אויפ־הערן צו מאַכן פיינטלאַכע דעמאָנסטראַציעס געגן די יוניאָן־פירער. און מען טענה׳ט מיט זיי אַזוי, אַז „עס איז אַ חרפּה, אַז נאָך היינט־צו־טאָג געפינען זיך אַרבעטער אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועמען מען קען אויפהעצן מיט אַזעלכע רייד, און וועלכע מיינען באמת, אַז זיי האָבן באַרעכטיקטע קריוודעס און טענות צו דער יוניאָן דערפאַר, ווייל זיי מוזן דורכמאַכן איצט זייערע שלעכטע צייטן, פּילייכט די ערגסטע, וואָס זיינען אַמאָל געווען. צוליב זייערע ליידן קענען זיי ניט באַגרייפן, אַז פּונקט ווי די יוניאָן קען ניט קליימען פאַר זיך דעם קרעדיט פון די צייטן, ווען עס איז געווען גענוג אַרבעט פאַר אַלע, ווי, למשל, אין די מלחמה־יאָרן, פּונקט אַזוי ווייניק קען קיינער ניט פאַרוואַרפן די יוניאָן דעם טרויעריקן פאַקט, וואָס אַרבעט איז דאָ ווייניק און עס איז ניט גענוג פאַר אַלע אַרבעטער״.

און צו די, וועלכע אַרבעטן, ווענדעט זיך דער עדיטאָריעל־שריי־בער, און ער זאָגט צו זיי:

„ווי איר האָט געזען פון אונזער וואָרט צו די אַרבעטלאָזע, האָבן מיר ניט קיין סימפּאַטיע מיט די דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטלאָזע געגן דער יוניאָן און אירע פירער. מיר האַלטן זייערע פּרעטענזיעס, זייערע פּלענער, זייערע טענות פאַר אומ־זיניק און אומבאַרעכטיקט. אָבער אין דער זעלבער צייט, אונ־זער האַרץ גייט אויס צו זיי. מיר ווייסן, וואָס הונגער באַטייט. מיר האָבן עס אַלע מיטגעמאַכט צו פאַרשידענע צייטן, און מיר ווייסן וואָס פאַר אַ שלעכטער בעל־עצה עס איז הונגער, נויט און עלנד. מיר ווייסן, אַז הונגעריקע מענטשן זיינען פאַר־צווייפלטע מענטשן, און זיינען באַרייט צו באַגיין אַלערליי נאַרישקייטן, און זאָגאַר נאָך ערגער ווי נאַרישקייטן.״

זאל מען פארגלייכן דאס, וואס מיר האבן ציטירט פון דער „גע־רעכטיגקייט״, מיט דעם, וואס מען שרייבט איצט!

מיט פינף יאר צוריק איז געווען דער טרייד הונדערט פראצענט ארגאניזירט, — זאגט מען אונז. — אפילו אין די קאנטראקטינג־שע־פער האט מען אפגעהיט שטריינג יוניאן־באדינגונגען. מען האט גע־ארבעט פון וואך, מען האט גענומען 15, 20 און 30 דאלער העכער פארן מינימום־סקייל, און מען האט געהאט אלע יוניאן־באדינגונגען. אויב אזוי, טא פארוואס האט דעמאלט די גענעראל עקזעקוטיוו באארד, מיט זיגמאנ׳ען אלס פרעזידענט, אנגענומען די בארימטע פראגראם זייערע, מיט די פערצן פונקטן, וועלכע זיי האבן דערקלערט, אז אויב מען וועט עס ניט אויסקעמפן, וועט די יוניאן אינגאנצן אונטערגיין?

וואס האבן זיי געהאט צו די באלעבאטים? און וואס נאך האבן זיי געוואלט, אויב די לאגע איז דאן געווען אזוי גוט, ווי מען מאלט עס אין די איצטיגע אדווערטייזמענטס?

הילקוויט׳ס רייד אין 1924

און נאכאמאל, כדי צו באווייזן וואס פאר א ליגנער די קליקע־לייט זיינען, וועלן מיר ברענגען אלס עדות זיגמאנ׳ען און הילקוויט׳ן. זיי זיינען דאך אודאי באגלויבטע מענטשן, — וועלן מיר זיי לאזן דערציילן וועגן די אידעאלע באדינגונגען פון די קלאוקמאכער מיט פינף יאר צוריק.

אין „פארווערטס״ פון 16־טן פעברואר, 1924, איז אפגעדרוקט א דערקלערונג פון מארים זיגמאן, אין וועלכער ער ווייזט אן, אז הגם די קלאוק און דרעס אינדוסטריע איז ניט קיין ארימע, זיינען די שעפער אזוי דעזארגאניזירט און צעשפליטערט אין קליינע שאפקעס פון קאנטראקטארס וואס ארבעטן פאר דזשאבערס, אדער פאר מא־נופעקטשורערס, אדער פאר „קארפארייש אנס״, אז אין דער גאנצער אינדוסטריע הערשט א כאאס.

אין „פארווערטס״ פון 18־טן יוני, 1924, איז אפגעדרוקט א טייל פון דער רעדע, וועלכע הילקוויט האט געהאלטן פאר דער גאווערנארס קאמישאן, פון וועלכער מיר וועלן ציטירן דאס פאלגענדע:

„פינף און זיבעציק פּראָצענט פון די אַרבעט ווערט געמאַכט פון „דזשאָבערס", און בלויז צען פּראָצענט פון „לעדזשיטימייט מאַנופעקטשורערס". דער „קאָנטראַקטאָר", וואָס קען ערגער טרייבן די אַרבעטער און קען ביי זיי מער אַרונטערשניידן פון די ווייידזשעס, יענער קריגט די גאַרמענטס. דער זעלבער „דזשאָבער" גיט אַרויס אַרבעט צו עטלאָכע שעפּער. אָבער אַז ער וויל, קען איין „שאָפּ" זיין ביזי די גאַנצע צייט, און אַן אַנדערער זאָל פּוסטעוועז. דער רעזולטאַט דערפון קומט אויס — אַז דער „דזשאָבער", וועלכער איז אייגנטלאַך דער אמת׳ער „מאַנופעקטשורער", נוצט אויס איין סעט אַרבעטער געגן דעם אַנדערן. דער קאָנטראַקטאָר קומט צו די אַרבעטער מיט אַ טענה, אַז זייערע פּרייזן זיינען צו־הויך, און אויב זיי ווילן אַרונטערלאָזן פון די ווייידזשעס, וועט ער זיי קריגן אַרבעט. די אַרבעטער ווערן דערשראָקן, און עס איז שווער צו קאָנטראָלירן די לאַגע. די יוניאָן האָט דאָ אַ שווערן קאַמף פאַר זיך. זי קען ניט פאַרהיטן, אַז די ווייידזשעס פון די אַרבעטער זאָלן ניט געשניטן ווערן, צוליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס, איז אין אַזויפיל קליינע פאַנאַנדערגעוואָרפענע שעפּער שווער צו האַלטן קאָנטראָל. צווייטנס, קען די יוניאָן אויפהאַלטן איר סקייל פון ווייידזשעס בלויז דאַן, ווען די אַרבעטער אַליין העלפן איר מיט. אָבער ווען אין טרייד איז אַ פּאַניק, ווען אַ גרופּע אַרבעטער אין שאָפּ דערזעען, אַז עס קען זיין, אַז זיי וועלן לאַנגע וואָכן מוזן בלייבן אָן אַרבעט, דאַן זיינען זיי גרייט צו ברעכן יעדן אַגרימענט; זיי גיבן נאָך אין דער שטיל אָלץ, וואָס זייער אַרבעטגעבער פאַרלאַנגט און באַהאַלטן עס אינגאַנצן פון דער יוניאָן."

אָט איז אַ בילד פון דער לאַגע פון די קלאָוקמאַכער מיט פינף יאָר צוריק, ווי עס דערציילט הילקוויט.

און טאַקע דערפאַר, וואָס די קלאָוקמאַכער האָבן געזען, ווי זייער לאַגע ווערט ערגער פון יאָר צו יאָר און די קליקע האָט גערופן פּעיקסטאַפּעדזשעס, וועלכע האָבן די לאַגע נאָך ערגער געמאַכט, און מען האָט אַרויסגעשטעלט „רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען", געלאָזן די

קלאָוקמאַכער באַשטימען צו רופן אַ סטרייק און אַז זייער צושטימונג איבערגעגעבן דעם שיקזאַל פון די קלאָוקמאַכער צו אַ קאָמישאַן, — וועלכע האָט צוריקגעוויזן די ווייכטיקסטע פאָדערונגען פון דער יו־ניאָן, — טאַקע דערפאַר האָט עס געפירט צו דעם, אַז די מיטגלידער האָבן רעוואָלטירט.



די פּראָפיטן פון דער פרויען־קליידער אינדוסטריע

וואָס קריגן די אַרבעטער דערפון?

ווי מיר האָבן געזען אין פאַריקן קאַפּיטל, פון זיגמאַנ׳ס און היל־קוויט׳ס אייגענע ווערטער, איז די לאַגע פון די קלאָוקמאַכער שוין אין יאָר 1924 געווען גאָרניט גלענצנד. זינט דעמאָלט איז אָבער די לאַגע געוואָרן נאָך אַ סך ערגער.

אין 1924 זיינען שוין 75 פּראָצענט פון די קלאָוקס געמאַכט געוואָרן אין קאָנטראַקטינג שעפּער, אָבער זינט דעמאָלט האָבן אַ סך פאַבריקאַנטן אויפגעגעבן זייערע „אינסייד״ פאַבריקן און זיינען געוואָרן דזשאָבער. דער פּראָצענט פון די קלאָוקס וועלכע ווערן איצט פּאַבריצירט פון קאָנטראַקטאָרס פאַר דזשאָבערס, איז אַ סך גרעסערער און, פאַרשטייט זיך, אַז די לאַגע פון די אַרבעטער איז דעריבער פאַרערגערט געוואָרן.

בעת אין די אינדוסטריען אין אַלגעמיין קומט פאָר אַ פּראָצעס פון צענטראַליזאַציע — קליינע שעפּער גייען אונטער און גרויסע פאַבריקן פאַרנעמען זייערע פּלעצער — קומט פאָר אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע אַ פאַרקערטער פּראָצעס. די גרויסע פאַבריקן מאַכן זיך צו און זייערע פּלעצער פאַרנעמען קליינע שעפּער.*

וואָס זיינען די סיבות דערפון?

די באַלעבאַטים וואַרפן די שולד אויף דער יוניאָן. די יוניאָן מיט אירע רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען האָט אוממעגלאַך געמאַכט פאַר די גרויסע פאַבריקאַנטן צו עקזיסטירן. יעדעס מאָל, ווען עס קומט צום באַנייען דעם אַגרימענט, הויבן די באַלעבאַטים אָן צו טענה׳ן, אַז די קלאָוקמאַכער נעמען צו־גרויסע שכירות; אַז זיי אַרבעטן ניט ענערגיש גענוג און צוליב דעם איז פשוט אוממעגלאַך צו אויפהאַלטן די פאַבריקן. און די באַלעבאַטים רעכענען שטענדיק אויס אַ

---

* זע פאָרוואָרט, זייט 16.

צעטל פאבריקאנטן, וואס זיינען צוליב די סיבות געווען געצוואונגען אויפצוגעבן זייערע געשעפטן.

ווערליק ווי דער „פארווערטס" און די רעכטע פירער האבן די גאנצע צייט, זינט די יוניאן עקזיסטירט, געהאלטן אין שרייען וועגן די גרויסע „זיגע" פון דער יוניאן אונטער זייער פירערשאפט, קען מען טאקע מיינען, אז די טענות פון די באלעבאטים זיינען גערעכטע. אין דער אמת'ן אבער האבן די קלאוקמאכער אפילו אין די בעסטע צייטן, ווען די יוניאן איז געווען שטארק, קיין לעבן ניט געמאכט.

גאווערנאר סמית'ס קאמישאן האט אין 1924, נאך אן אונטער־זוכונג, אויסגעפונען, אז דער דורכשניט־פארדינסט פון א קלאוקמא־בער איז 1,760 דאלאר דורכן יאר. דאס הייסט, ארום 34 דאלאר א וואך. די אונטערזוכונג האט ניט ארומגענומען אלע שעפער. מען האט אויסגעקליבן א געוויסע צאל שעפער — פון די בעסערע. מען מעג אננעמען, אז ווען מען וואלט אונטערזוכט אלע שעפער, וואלט דער דורכשניט־פארדינסט געווען נאך קלענער. יעדנפאלס, ווען מען נעמט אפילו אן די ציפער פון דער קאמישאן פאר ריכטיק, איז עס אויך טרויעריק גענוג. מיט אזעלכע פארדינסטן האט מען אין יענער צייט, ווען די לעבענס־מיטלען זיינען געווען אזוי הויך, זיכער קיין לעבן ניט געקענט מאכן, מיט א פאמיליע.

מען מוז אבער גדיינקען, אז ניט אלע ארבעטער האבן פארדינט 34 דאלאר א וואך. דאס איז דאך געווען דער דורכשניט־פארדינסט, ד. ה., ווען מען האט צוזאמענגעלייגט די פארדינסטן פון אלע ארבעטער און מען האט עס דערנאך צעטיילט אויף דער צאל פון די באשעפטיקטע קלאוקמאכער, האט זיך באקומען ארום 34 דאלאר א וואך. אבער אין קלאוק־פאך, ווי אין אנדערע פאכן, זיינען פאראן ארבעטער וואס קריגן מער באצאלט און ארבעטער וואס קריגן ווייניקער באצאלט. עס זיינען דא, צום ביישפיל, קאטערס און אפערייטערס, וועלכע קריגן 50 און 60 דאלאר א וואך, און עס זיינען דא פינישערס וועלכע קריגן זייער קליינע שכירות. און אויב נאכדעם ווי מען לייגט צונויף אלעמענס פארדינסטן באקומט זיך א דורכשניט פון 34 דאלאר א וואך, איז דאך קלאר, אז עס זיינען דא א סך אר־בעטער, וואס פארדינען ווייניקער. און דער רעפארט פון דער קאמי־שאן באווייזט טאקע, אז עס זיינען פאראן שעפער, וואו די פאר־

דינסטן פון די אַרבעטער איז אַזוי נידעריק ווי 20 דאָלאַר אַ וואָך און ווייניקער.

דאָס איז געווען מיט עטלאַכע יאָר צוריק. איצט זיינען די שכירות נאָך נידעריקער — דאָס גיבן אַלע צו.

אָט דאָס זיינען די גליקן פון די קלאָוקמאַכער, נאָך די אַלע „גרויסע געווינסן" זייערע.

פונדעסטוועגן קלאָגן זיך די באַלעבאַטים, אַז זיי ווערן ברידל-הדל!

וויפיל פאַרדינען די באַלעבאַטים?

אין האַוועד'ס יונייטעד סטייטס סטאַטיסטיקאַל אַבסטראַקטס פון 1928, ווערט דערקלערט, אַז דער ווערט פון די פרויען-קליידער, וואָס זיינען פאַבריצירט געוואָרן אין די אַמעריקאַנער פאַבריקן אין 1925, איז געווען אַ ביליאָן מיט 293 מיליאָן און 705 טויזנט דאָלאַר (1,293,705,000 דאָל.). די שכירות פון די אַרבעטער האָט אין דעם יאָר באַטראָפן 175 מיליאָן מיט 45 טויזנט דאָלאַר (175,045,000 דאָל.). די גראָס פּראָפיטן פון די באַלעבאַטים זיינען געווען — 394 מיליאָן מיט 361 טויזנט דאָלאַר (394,361,000 דאָל.).

די צאָל פון די אַרבעטער אין דעם יאָר איז געווען — 126,466. די צאָל פאַבריקן — 6,127. פונדעסטוועגן זיינען די גראָס פּראָפיטן פון די באַלעבאַטים געווען מיט העכער 219 מיליאָן דאָלאַר (219,316,000 דאָלאַר) מער ווי די שכירות פון העכער 126,000 אַרבעטער!

די סטאַטיסטיק באַווייזט אונז אויך, אַז די פּראָפיטן פון די באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרגרעסערט פון יאָר צו יאָר, און אַז די צאָל אַרבעטער איז כסדר פאַרקלענערט געוואָרן. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען אין 1921 געווען באַשעפטיקט 144,865 אַרבעטער, און אין 1925 — בלויז 126,466 אַרבעטער, מיט 18,399 אַרבעטער ווייניקער.

ווען מען רעדט וועגן 6,127 פאַבריקן, דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז די גרעסטע צאָל פון די פאַבריקן זיינען קאָנטראַקטאָרס און סאַב-מאַנופעקטשורערס, וועלכע קריגן אַ קליינעם חלק פון די מיליאָנען פּראָפיטן. די קאַנגע פיר הונדערט מיליאָן דאָלאַר קומט אָן צו די אמת'ע פאַבריקאַנטן און די דזשאָבערס, וועלכע זיינען ווייניק אין צאָל.

ווי קומט עס, וואָס בעת זיי מאַכן אַזעלכע גרויסע פּראָפיטן, גיבן דאָך פיל פאַבריקאַנטן אויף זייערע פאַבריקן?

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז ניט צוליב דעם וואָס די גע־שעפטן גייען שלעכט ווערן די פאַבריקן פון פרויען־קליידער צוגע־מאַכט, נאָר צוליב אַנדערע אורזאַכן.

פאַרוואָס די פרויען־קליידער אינדוסטריע איז צעבראָכן

גלייך נאָכן גענעראַל סטרייק אין 1910, ווען די קלאָוקמאַכער האָבן דורך זייער העלדישן קאַמף געצוואונגען די באַלעבאַטים צו אָנערקענען די יוניאָן און איינפירן וויכטיקע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבעטער, האָבן די באַלעבאַטים גענומען זוכן פּלענער ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון דעם קאָנטראָל פון דער יוניאָן און איינפירן צוריק די שלעכטע אַרבעט־באַדינגונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט פאַרן סטרייק. האָבן זיי אָנגעהויבן צו שיקן אַרבעט „אויטסייד", צו קאָנטראַקטאָרס, און צו אויסהונגערן די אַרבעטער, וואָס האָבן גע־אַרבעט „אינסייד", אין דער פאַבריק. וואָס מער קאָנטראַקטאָרס אַ פאַבריקאַנט האָט געקראָגן, אַלץ ווייניקער אַרבעט האָבן די אַרבע־טער פון זיין פאַבריק געהאַט. די אַרבעטער פון די קאָנטראַקטאָרס האָבן קאָנקורירט מיט די אַרבעטער פון דער אינסייד פאַבריק. די אַרבעטער פון די קאָנטראַקטאָרס האָבן געאַרבעט פאַר קלענערע שכירות, לענגערע שטונדן, שבת און זונטיק. אַנדערש האָט מען זיי קיין אַרבעט ניט געגעבן. מיט דער פאַרמערונג פון די קאָנטראַקטאָרס, האָט זיך פאַרשטאַרקט די קאָנקורענץ. די אַרבעטער פון די קאָנטראַק־טאָרס האָבן שוין געמוזט קאָנקורירן ניט נאָר מיט די אַרבעטער פון דער אינסייד פאַבריק, נאָר די אַרבעטער פון איין קאָנטראַקטאָר האָבן געמוזט קאָנקורירן מיט די אַרבעטער פון אַ צווייטן קאָנטראַקטאָר. און די באַלעבאַטים האָבן די לאַגע אויסגענוצט וואָס בעסער פאַר זיך. זיי פלעגן געבן איין קאָנטראַקטאָר גענוג אַרבעט און אַ צווייטן גאָרניט, ביז די אַרבעטער זיינע פלעגן ווערן גוט אויסגעהונגערט און איינשטימען צו אַרבעטן אונטער די ערגסטע באַדינגונגען. דעמאָלט גיט מען זיי אַרבעט און מען הערט אויף געבן אַרבעט אין די שע־פּער, וואו די אַרבעטער פאָדערן יוניאָן־באַדינגונגען. אַזוי לאַנג —

ביז מען הונגערט זיי אויס גענוג, אַז אויך זיי זאָלן זיין צופרידן צו אַרבעטן אונטער ערגערע באַדינגונגען. און אַט אַזוי מאַכט מען, אַז די אַרבעטער פון די קאָנטראַקטאָרס זאָלן קאָנקורירן צווישן זיך.

מיט קאָנטראַקטאָרס אַליין האָבן זיך די באַלעבאַטים ניט באַנוגנט. זיי האָבן איינגעפירט אין דער אינדוסטריע אַזאַ זאַך, ווי סאָב־מאַנופעקטשורערס. און דער חילוק צווישן אַ קאָנטראַקטאָר און אַ סאָב־מאַנופעקטשורער איז אַזאַ: אַ קאָנטראַקטאָר קריגט די געשניטענע קליידער און באַדינגט זיך מיטן פאַבריקאַנט וועגן דעם פּרייז פאַר אויפנייען זיי. אַ סאָב־מאַנופעקטשורער שפּילט כּלומרשט די ראָלע פון אַ פאַבריקאַנט. אין דער אמתין זיינען די סאָב־מאַנופעקטשורערס ניט מער ווי קאָנטראַקטאָרס, נאָר בעת דעם קאָנטראַקטאָר גיט דער פאַבריקאַנט צוגעשניטענע קליידער, קריגט דער סאָב־מאַנופעקטשורער גאַנצע שטיקער סחורה, און ער דאַרף עס צושניידן און אויפנייען דורך זיינע אַרבעטער.

פאַר די אַרבעטער איז דער סאָב־מאַנופעקטשורער אַן ערגערע צרה, ווי דער קאָנטראַקטאָר. די וואָס אַרבעטן ביי אַ קאָנטראַקטאָר ווייסן, אַז דער אמת׳ער באַלעבאָס איז דער פאַבריקאַנט, וועלכער גיט די אַרבעט און איז אויך פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די שכירות וואָס דער קאָנטראַקטאָר דאַרף די אַרבעטער אויסצאָלן. אָבער די וואָס אַרבעטן ביי דעם סאָב־מאַנופעקטשורער, ווייסן אפילו ניט וועמענס קליידער זייער כּלומרשטער באַלעבאָס — דער סאָב־מאַנופעקטשורער — קריגט צום נייען, און דער איינציקער וואָס איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זייערע שכירות איז ווידעראַמאָל בלויז דער סאָב־מאַנופעקטשורער. דערפאַר זיינען די סאָב־מאַנופעקטשורערס נאָך וויכטיקער פאַר די באַלעבאַטים ווי די קאָנטראַקטאָרס אפילו. ביים באַשעפטיקן קאָנטראַקטאָרס דאַרף פונדעסטוועגן דער פאַבריקאַנט אַליין אויך אָנהאַלטן אַ שאַפּ. ער מוז באַשעפטיקן קאַטערס (צושניידער). דאָ קען נאָך די יוניאָן אויסאיבן אַ שטיקל קאָנטראָל. מיט סאָב־מאַנופעקטשורערס, אָבער, פאַרשפּאָרן די פאַבריקאַנטן דעם גאַנצן קלאָפּאָט. זיי ווערן „דזשאָבערס“ און באַפרייען זיך פון יעדער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר די שכירות און פאַר די אַרבעט־באַדינגונגען.

די ראָלע פון די באַלעבאַטים שפּילן די סאָב־מאַנופעקטשוערס, וועלכע זיינען אין דער אמתין בלויז די מענעדזשערס אָדער פאַרלייט פון די דזשאָבערס.

דזשאבער׳ס זיינען געווארן מיליאנערן

פארשטייט זיך, אז מיט איין מאל האבן די פאבריקאנטן ניט געקענט ווערן קיין דזשאבערס. דאס איז געטאן געווארן שטופנווייז. מען קריגט צוערשט איין סאב־מאנופעקטשורער, נאכדעם א צווייטן און א דריטן, א. א. וו. וואס מער סאב־מאנופעקטשורערס א פאבריקאנט האט, אלץ ווייניקער ארבעט האט ער פאר די וואס ארבעטן ביי אים אין דער פאבריק. שיקט ער אוועק א טייל ארבעטער, פארקלענערט זיין פאבריק, ביז ער קריגט אזויפיל סאב־מאנופעקטשורערס וועלכע קענען אויפנייען אלע קליידער, וואס ער האט. דעמאלט מאכט ער איינגאנצן צו די פאבריק און ווערט א דזשאבער.

דער פרינציפ פון יעדן דזשאבער איז צו באשעפטיקן וואס מער סאב־מאנופעקטשורערס. אויב זיי וואלטן דאס ניט געטאן, אויב דער דזשאבער וואלט, צום ביישפיל, באשעפטיקט בלויז עטלאכע סאב־מאנופעקטשורערס, וואלט דאך די יוניאן געקענט פאראייניקן די ארבעטער אזוי, אז זיי זאלן פאדערן גוטע באדינגונגען. און אויב דער דזשאבער וואלט ניט געוואלט נאכגעבן, וואלט מען דערקלערט א סטרייק און דאן וואלט דאך דער דזשאבער געפונען זיך אין דערזעלביקער לאגע ווי בשעת מען האט געסטרייקט ביי אים, ווען ער האט געהאט אן אינסייד פאבריק. ווען אבער דער דזשאבער גיט זיינע קליידער אין פיל קליינע שעפער, קען די יוניאן ניט וויסן, וועלכע שעפער עס ארבעטן פאר א געוויסן דזשאבער. יעדער סאב־מאנופעקטשורער ארבעט פאר א סך דזשאבערס און יעדער דזשאבער האט א סך סאב־מאנופעקטשורערס, וועלכע קאנקורירן צווישן זיך. די דזשאבערס קריגן אויף אזא אופן א מעגלאכקייט צו מאכן זייערע קליידער פאר א ביליקן פרייז, און פאר קיין סטרייקס און יוניאן־קאנטראל האבן זיי קיין מורא ניט.

איצט איז שוין די אינדוסטריע אזוי צעטיילט און צעברעקלט געווארן, אז מיר האבן סאב־מאנופעקטשורערס וועלכע קריגן אליין די ארבעט פון דזשאבערס און גיבן עס ארויס צו קאנטראקטארס אדער צו אנדערע, נאך קלענערע, סאב־מאנופעקטשורערס. אזוי זיינען די ארבעטער געצוואונגען אויסצוהאלטן די אלע פאראזיטן און שקלאפן־טרייבער, וועלכע לעבן פון זייער פראצע.

און אט דעם פאקט, וואס די גרויסע פאבריקן האבן זיך צוגע־מאכט, נוצן נאך די באלעבאטים אויס, ווי א באווייז, אז די פרויען־קליידער אינדוסטריע ברענגט ניט ארײַן גענוג פראפיטן, כדי צו זײַן אימשטאנד צו צאלן די ארבעטער בעסערע שכירות! בעת דער אמת איז, אז די פאבריקאנטן האבן פארמאכט זייערע פאבריקן, כדי צו מאכן נאך גרעסערע פראפיטן!

פאראן דזשאבערס וועלכע זיינען געווארן פילפאכיקע מיליאנערן. מען וואלט געקענט אויסרעכענען א צעטל פון קלאוק־פאבריקאנטן, וועלכע האבן אנגעהויבן זייערע געשעפטן מיט ווייניק קאפיטאל, — אזעלכע, צום ביישפיל, ווי נ. סאדאווסקי, ספערבער, בלאנער בראַ־דערס, זינגער, מאריס וו. העפט, רעכטשטיין און נעלסאן, — פערזאַ־נען, וועלכע פארמאגן איצט אייגענע דעפארטמענט־סטארס, און האבן אינוועסטירט גרויסע סומען געלט אין אנדערע געשעפטן, אין ריל עסטייט און באנקן. אנדערע זיינען געווארן אזוי רייך, אז עס שטייט זיי ניט אן צו זיין מער אין די קלאוק־געשעפטן. א. ס. לעפקארט, צום ביישפיל, וועלכער האט אויסגעבויט צענדליקער 20־ און 25־שטאקיקע געביידעס, איז א געוועזענער קלאוק־פאבריקאנט. פיל קלאוק־פאב־ריקאנטן זיינען געווארן באנקירן.

אט אזוי דערלייגן עס אונזערע באלעבאטים צו זייערע געשעפטן!

די שולד פון די יוניאן־ביוראקראטן אין דער דעמאראליזאציע פון דער אינדוסטריע

וואס האבן די יוניאן־ביוראקראטן געטאן די גאנצע צייט, ניט צו דערלאזן אז די שענדלאכע סאב־מאנופעקטשורינג־סוועטינג־סיסטעם זאל צוריק איינגעפירט ווערן? לפנים וועגן, האבן זיי געקעמפט קעגן דעם, אבער הינטן ארום האבן זיי געהאלפן די באלעבאטים דורכפירן זייערע פלענער.

אז די קליקע האט געדינט די אינטערעסן פון די באלעבאטים און זיי געהאלפן, קען מען זען פון דעם פאלגענדיקן פאקט: מען האט מיט עטלאכע יאר צוריק אויסגעפונען, אז א מענענדזשער פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, וועלכער האט געהאט דעם קאנטראל איבער די גרעסטע שעפער, נעמט גרעפט ביי די באלעבאטים און העלפט זיי ארויסווארפן די בעסטע יוניאן־לייט, גיט זיי עצות ווי צו פארקלענערן די אינסייד־שעפער און ווי צו ווערן דזשאבערס. ער

פלעגט אויך איבערגעבן די באלעבאטים אלץ וואס עס קומט פאר אין דער יוניאן. וואס־זשע האט פאסירט מיט דעם באאמטן, נאכדעם ווי מ׳האט אים געכאפט? גארניט. מען האט אים ניט ארויסגעווארפן פון דער יוניאן. מען האט אים בלויז געגעבן אן אנדער דעפארטמענט, מיט קלענערע שעפער!

דערפון קען מען זיך אנשטויסן, אז דער באטרעפנדיקער מענע־דזשער איז ניט דער איינציקער וועלכער האט געשפילט אזא טרויע־ריקע ראלע אין רואינירן דעם פאך. אין דעם זיינען שולדיק די מייס־טע טוער פון דער קליקע. ביי זיי איז יענער מענעדזשער גארניט פארדעכנט געווען פאר א געוואלדיקן פארברעכער. זיי האבן, אגב, געהאלפן דערשטיקן די גאנצע געשיכטע, ווייל יענער האט געוואוסט וועגן אלערליי ענלאכע און אנדערע מעשים און זיי האבן מורא גע־האט אז ער זאל ניט אויסזאגן פון חדר.

פארשטייט זיך שוין, אז ביי אזא לאגע, ווען באאמטע פון דער יוניאן האבן געהאלפן צעברעכן די אינדוסטריע, האט מען ניט גע־קענט דערווארטן, אז די זעלביקע באאמטע זאלן פרובירן האלטן די שעפער פון די קאנטראקטארס און סאב־מאנופעקטשורערס אונטער זייער קאנטראל. דאס איז געווען פאר זיי א צו־שווערע ארבעט און וואס ווייטער איז זי געווארן אלץ שווערער. און וואס קלענער דער קאנטראל פון דער יוניאן איז געווארן, אלץ שטארקער האבן זיך די קליינע שעפער געמערט. דאס וואס אן ארנטלאכע, קאמפמוטיקע פי־רערשאפט וואלט געקענט, כאטש טיילווייז, פארמיידן, האבן די בא־אמטע פון דער קליקע נאך צוגעהאלפן באשאפן. ווען די מיטגלידער האבן זיך ארומגעזען וואוהין די אנטוויקלונג פירט און האבן געפא־דערט א קאמף קעגן די דזשאבערס, האט די פירערשאפט דערפון ניט געוואלט הערן.

אט אזוי האט זיך געשאפן א לאגע, אז די מעגלאכקייטן צו מאכן א לעבן זיינען פאר די ארבעטער געווארן אלץ שווערער, די פאר־דינסטן — אלץ קלענער, בעת די פארדינסטן פון די פאבריקאנטן זיינען געווארן אלץ גרעסער.

די פרויען־קליידער אינדוסטריע ברענגט אריין הונדערטער מי־ליאנען דאלאר פראפיט א יאר. דערפון, ווי מיר האבן געזען, קריגן העכער 126 טויזנט ארבעטער 175 מיליאן דאלאר, און די עטלאכע טויזנט פאבריקאנטן קריגן קארגע 400 מיליאן דאלאר...

גענגסטעריזם אין די יוניאָנס

פֿאַרוואָס ווערן גענגסטערס באַשעפֿטיגט?

עס איז פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז די ביוראָקראַטן פֿון די יוניאָנס באַנוצן זיך מיט גענגסטערס צו באַפֿעסטיקן און אָנצוהאַלטן זייער הערשאַפֿט. די ביוראָקראַטן שעמען זיך גאָר ניט דערמיט. זיי באַרעכטיקן דאָס ווי אַן איבל אָן וועלכן מען קען זיך ניט באַגיין.

די ביוראָקראַטן האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פֿאַרזוך צו מאָביליזירן די מיטגלידער פֿאַר יוניאָן־טעטיקייט. די מיטגלידער דאַרפֿן בלויז צאָלן דיוס און שטייערן, אָבער מיט דער אַרבעט אין דער יוניאָן דאַרפֿן זיי זיך ניט באַשעפֿטיקן. דאָס דאַרף געטאָן ווערן פֿון געדונגענע באַצאָלטע מענטשן.

די באַלעבאָטים האָבן שלעגער און פּראָפֿעסיאָנעלע גענגסטערס, וועלכע טעראָריזירן די סטרייקערס. איז וואָס בלייבט צו טאָן? אָרגאַניזירן די מאַסן צו פֿאַרטיידיקן זיך? האָרויף זיינען די ביוראָקראַטן ניט פֿייאיק. זיי גלויבן בכלל ניט אין מאַסן־אַקציע. טוט מען דאָס זעלביקע וואָס די באַלעבאָטים און — מען דינגט אויך גענגסטערס.

אָבער דאָס איז זייער אַ געפֿערלאַך מיטל. די גענגסטערס קאָסטן שווערע טויזנטער, און טוען גאָרניט אויף. זיי זיינען העלדן קעגן שוואַכע, אומבאַוואָפֿנטע אַרבעטער. ווען זיי דאַרפֿן זיך אָבער גיין שלאָגן מיט די גענגסטערס פֿון די באַלעבאָטים, וועלכע קענען אויך באַנוצן געווער, האָבן זיי קיין חשק ניט דאָס צו טאָן.

דאָס איז אָבער נאָך ניט דאָס ערגסטע. ניט זעלטן טרעפֿט, אַז די יוניאָן־גענגסטערס זיינען פֿון דער זעלביקער גענג, וואָס די באַלעבאָטים באַשעפֿטיגן. קענען דאָך די גענגסטערס געוויס ניט שלאָגן זיך מיט זייערע אייגענע ברידער!

קוים עפֿנט מען נאָר פֿאַר די גענגסטערס די טיר, זויגן זיי אויס דעם מאַרך פֿון די ביינער, נעמען געלט פֿון דער יוניאָן און פֿון די באַלעבאָטים, און אָנשטאָט צו באַשיצן די סטרייקערס, באַשיצן זיי

די באַלעבאַטים און די סקעבס. אָבער, אַפּזאָגן זיי האָבן די ביוראָ־קראַטן מורא. די גענגסטערס קענען נאָך דערציילן וועגן עס האָט זיי געדונגען, וואָס פאַר אַ „דזשאַבס" מען האָט זיי געהייסן מאַכן, און ווער עס האָט באַצאָלט דערפאַר. זיי האַלטן די פירער פון דער קליקע פאַרן גאַרגל. און זיי באַנוצן אָפּט זייער מאַכט, כדי צו זאָגן אַ דעה אין די געשעפטן פון דער יוניאָן!

צום ביישפּיל: די יוניאָן רופט אַרויס אַ סטרייק ביי אַ געוויסן באַלעבאָס. דער סטרייק איז אין אַ גוטן צושטאַנד, און דער באַס וואָלט געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און סעטלען מיט דער יוניאָן. ווענדעט ער זיך צום אָנפירער פון די גענגסטערס, אַז ער זאָל אים אַרויסהעלפן — נאַטירלאַך, פאַר אַ גוטן פּרייז — און זען, אַז די יוניאָן זאָל צוריקרופן דעם סטרייק. און עס איז גענוג, אַז דער גענגסטער זאָל דערציילן די פירער פון דער יוניאָן, אַז דער באַטרעפנדיקער באַלעבאָס איז זיינער אַ „קאָזין", אַז מען זאָל אויפגעבן דעם סטרייק. די פירער פון דער יוניאָן קענען זיך מיט די גענגסטערס ניט איינרייסן. אָבער די אַרבעטער קען מען דאָך ניט דערציילן פאַרוואָס מען האָט אויפגעגעבן דעם סטרייק, — מוז מען אויסטראַכטן עפּעס אַ בלאָף. און בלאָפן קומט אויס זייער אָפּט, ווייל די גענגסטערס קומען אָפּט בעטן אַזעלכע „טובות".

חוץ די פּרעמדע, פּראָפעסיאָנעלע, גענגסטערס, זיינען אויך פאַראַן „אייגענע", אַזעלכע וואָס זיינען געוואָרן גענגסטערס, שטייענדיק אין דינסט פון די יוניאָן־ביוראָקראַטן.

פיל פון די „געוואָרענע" זיינען אַמאָל געווען ערלאַכע אַרבעטער. אָבער אַרבעטנדיק אַ לענגערע צייט אַלס באַצאָלטע „פּיקעטס" און אין אין „דזשענעראַל אָרגאַניזיישאָן קאָמיטעס", קומענדיק שטענדיק אין באַרירונג מיט די געדונגענע בויאָנעס פון די באַלעבאַטים, זיינען זיי געוואָרן מיט יענע באַפריינדעט, האָבן גענומען צוזאַמען מיט יענע עסן און שיכורן, און זיינען אומבאַמערקטערהייט אריינגעצויגן געוואָרן אין דער אונטערוועלט.

אָט די „געוואָרענע", די „אייגענע" גענגסטערס, זיינען נאָך אַ גרעסערע אָנשיקעניש, ווי די פּרעמדע אפילו. זיי זיינען דאָך כלומרשט אַרבעטער און זיי פאַרמאָגן יוניאָן־ביכלאַך אין קעשענע. אָבער אַ לעבן מאַכן זיי ניט פון דער אַרבעט. זיי ווייסן שוין ווי צו מאַכן אַ לייכטן

דאָלאַר. ליגן זיי אין די אָפּיסעס פון דער יוניאָן, און אומעטום שטעקן זיי דעם נאָז, און פון אַלץ מאַכן זיי געלט. רעכנט מען אין לאָקאַל פּופּציק דאָלאַר איינטריט־געלט פאַר אַ נייעם מיטגליד זיינען זיי דאָ און מאַכן עס פאַר וויניקער, מיט'ן זעלביקן תירוץ: אַ „קאָזין“. שטראָפירט מען אַ מיטגליד פאַר סקעבן, אָדער פאַר אַן אַנדער פאַר־ברעכן, איז די זעלביקע געשיכטע. די „אייגענע“ האָבן אַ וועלט מיט „קאָזינס“. יעדער איינער וואָס גיט אַ צענערל, איז אַ „קאָזין“, און מען בעט פאַר אים טובות.

אין צייט פון אַ גענעראַל סטרייק מאַכן די גענגסטערס געלט פון אַלע זייטן. חוץ דעם, וואָס זיי זיינען אין דער פּיקעט קאָמיטע, קריגן באַצאָלט, פאַרקויפן זיי סעטלמענטס צו די באַלעבאַטים און טוען אַנדערע טובות. אַ באַלעבאָס וואָס באַצאָלט זיי, דאַרף נישט איינלייגן קיין סעקיוריטי, נישט אָפּהיטן קיין יוניאָן־באַדינגונגען, און קען טאָן וואָס ער וויל.

געוויסע באַלעבאַטים, כדי צו באַשיצן זיך קעגן דער יוניאָן, נע־מען אַריין איינעם פון די „שטאַרקע“ אַלס אַ כלומרשטן שותף צום געשעפט. דעמאָלט איז מען שוין געזיכערט קעגן דער יוניאָן. אַנדע־רע פון די „שטאַרקע“ זיינען אַליין געוואָרן באַלעבאַטים.

אָט אַזוי שאַפט זיך אַ צאָל פּריווילעגירטע שעפער, וואו מען דערלויבט צו אַרבעטן אונטער די ערגסטע באַדינגונגען. דאָס פירט צו דעם, אַז אין דער גאַנצער אינדוסטריע ווערן די יוניאָן־באַדינגונגען אונטערגעגראָבן.

די אַרבעטער ווייסן דאָס, נאָר זייער פּראָטעסט ווערט דערשטיקט פון דער קליקע מיט דער הילף פון די „שטאַרקע“. ריידן וועגן דעם ביי די מיטינגען פון דער יוניאָן קען מען נישט, ווייל עס שמעקט מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ, אָדער אפשר נאָך ערגער. די „שטאַרקע“, וועלכע זיינען כלומרשט אויך אַרבעטער, און האָבן יוניאָן־ביכלאַך, זיינען דאָ ביי די מיטינגען און טעראָריזירן די מיטגלידער. און דאָס גיט די פירער פון דער קליקע אַ מעגלאַכקייט דורכצופירן אַלץ וואָס זיי ווילן.

באַנוצן זיך די לינקע מיט גענגסטערס?

צווישן די רעכטע זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס שפּילן די ראָלע פון כלומרשט אָנשטענדיקע סאָציאַליסטן, אָבער זיי באַמיען זיך צו רעכט־פערטיקן די לאַגע. זיי גיבן צו, אַז די קליקעס באַנוצן זיך מיט גענג־סטערס. זיי זאָגן, אַז עס קומט פאָר אַן אָפענער קריג צווישן די לינקע און די רעכטע, און אין צייט פון קריג קלייבט מען ניט איבער אין קיין מיטלען. בפרט נאָך, ווען די לינקע — זאָגן זיי — באַנוצן די זעלביקע מעטאָדן.

אָבער, ס'איז ניט אמת, אַז די רעכטע קליקע האָט אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן געדונגענע גענגסטערס ערשט דעמאָלט, ווען דער קריג צווישן לינקע און רעכטע האָט אויסגעבראָכן. און עס איז ניט אמת, אַז די לינקע באַשעפטיקן אויך גענגסטערס!

די רעכטע קליקע האָט אַלע מאָל באַשעפטיגט גענגסטערס, אָבער איידער עס איז געווען אַ לינקע באַוועגונג, מיט אַ לינקער פּרעסע, האָט מען עס באַהאַלטן פון דער עפנטלאַכקייט. די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט עס פאַרשוויגן, אָבער אין די ניט־סאָציאַליסטישע צײַ־טונגען האָט מען נאָך אַמאָליקע יאָרן געשריבן וועגן דעם גענגסטעריזם אין די יוניאָנס. אין דער אַמאָליקער „וואָרהייט", צום ביישפּיל, וועל־כע איז רעדאַקטירט געוואָרן פון לואי מילער, האָט מען אין 1914 אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן דעם גענגסטעריזם, ביז איינער, וועלכער איז אַליין געווען אַ יוניאָן־פירער, האָט אין אַ סעריע אַרטיקלען אויפ־געדעקט די טרויעריקע ראָלע וואָס די גענגסטערס שפּילן אין די יו־ניאָנס. און אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" פון יענער צייט איז אויך וועגן דעם געשריבן געוואָרן.

מיר וועלן ברענגען נאָר עטלאַכע פון די מאַסע פאַקטן פון גוואַלד־אַקטן פון די יוניאָן־ביוראָקראַטן קעגן די מיטגלידער מיט יאָרן צוריק.

אין 1917 איז פאָרגעקומען אַ סכסוך צווישן לאָקאַל 1 (אָפּע־רייטאָרס) און דער מאַשין פון דער אינטערנעשאָנאַל. האָט דער לאָקאַל גערופן אַ מיטינג אין טעמעני האָל, וועלכער איז געווען באַ־זוכט פון אַן ערך דריי טויזנט אַרבעטער. דער מיטינג האָט זיך אָנ־געהויבן אין אָרדענונג.* פּלוצלינג זיינען אַרויפגעשפּרונגען אויף דער

---

* מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביי דעם מיטינג.

פלאטפארמע עטלאכע „שטארקע" און האבן גענומען שלאגן די רעד־נער. ס'איז געווארן א ראיאט און דער מיטינג איז אפגעבראכן גע־ווארן.

אין 1919 האבן די פראפאגאנדיסטן פאר א שאפ־דעלעגאטן־סיסטעם צונויפגערופן א מיטינג אין א האל אויף דער 4־טער גאס, צו דיסקוטירן די סיסטעם. האבן זיך אין האל ארייגעריסן א מחנה „שטארקע", אונטער דער אנפירערשאפט פון א יוניאן־ביוראקראט, און האבן געמאכט אויף די ארבעטער א בלוטיקן אנפאל און, פארשטייט זיך, אפגעבראכן דעם מיטינג.

זיגמאן האט אין יאר 1923 ארויסגעגעבן אן אוקאז, אז אלע וואס געהערן צו דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג* מוזן אויסגעשלאסן ווערן פון דער יוניאן. די ליג האט פאררופן א פראטעסט־מיטינג געגן דעם אין שיקאגא, וואו א גאנצע ריי מיטגלידער זיינען אויסגעשלאסן געווארן. ווען וויליאם ז. פאסטער, דער באוואוסטער קאמוניסט און פירער פון די ליגס, האט געהאלטן אין ריידן, האבן גענגסטערס צוויי מאל אויסגעשאסן אויף אים פון א ווינקל, וואו עס האט זיך געפונען א טיר צום „פייער־עסקייפ". די קוילן האבן פאסטער'ן ניט געטראפן, און א דאנק זיין קוראזש און קאלטקייט איז דער מיטינג ווייטער אנ־געגאנגען.** זיגמאן און דער „פארווערטס" זיינען דערנאך ארוים מיט דער באשולדיקונג, אז דאס האבן די קאמוניסטן אליין געדונגען די גענגסטערס צו שיסן אויף פאסטער'ן, כדי צו מאכן א בלבול אויף דער אינטערנעשאנאל.

אין פארבינדונג מיט זיגמאנ'ס דערמאנטן „אוקאז", האט די קליקע דעם זעלביקן יאר אפגעטאן א שמוציק שטיקל ארבעט אויף א מיטינג פון די קלאוק־אפערייטארס פון לאקאל 1. דער לאקאל האט גערופן א מיטינג אין סטייוועסענט קאסינא, צו האנדלען וועגן זיג־

* א לינקע פראפאגאנדע־ארגאניזאציע אין די יוניאנס, וועלכע פרע־דיקט „רייגק ענד פייל" הערשאפט און פאדערט, אז די אומארגאניזירטע זאלן ארגאניזירט ווערן.

** חבר פ. נאוויק איז אנוועזנד געווען אויף דעם מיטינג (וועלכער איז אפגעהאלטן געווארן אין אשלאנד אודיטאריום).

מאַנ׳ס אויסשליסונג אָרדער. האָט די קליקע אַנגעפילט דעם האָל מיט גענגסטערס און גערונגענע „שטאַרקע״ פון פאַרשידענע פאַכן. ווען די אמת׳ע מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען געקומען, איז שוין אַ היפּשע טייל פון דעם זאַל געווען אָנגעפילט. פאַרשטייט זיך, אַז די „שטאַרקע״ האָבן געטאָן די אַרבעט, צוליב וועלכע מען האָט זיי געבראַכט: זיי האָבן געשלאָגן און גע׳ממית׳ט וועמען זיי האָבן גע־קענט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם צווישן די מיטגלידער, אַז זיגמאַן איז שפּעטער געווען געצוואונגען צו פאַרערן, אַז מען זאָל דעם באַאמטן, וועלכער האָט גערונגען די אַלע „שטאַרקע״ און באַ־צאָלט זיי טויזנטער דאָלאַרס פון דער קאַסע פון דער יוניאָן, אַרויס־וואַרפן. אָבער די קליקע האָט עס ניט געטאָן, ווייל דער אָרדער צו מאַכן אַזאַ „דזשאָב״ איז געקומען פון איינעקע פון די העכסטע באַ־אַמטע, און יענע האָבן אויך גענעבן די געלט דערויף.

עטלאַכע פאַקטן וועגן מערדערייען קעגן לינקע

אַז מיר האַלטן דערביי, וועלן מיר ברענגען עטלאַכע פאַקטן פון אַטאַקעס אויף איינצלנע מיטגלידער, וואָס זיינען פאָרגעקומען שוין אין דער צייט ווען דער קאַמף צווישן רעכטע און לינקע האָט זיך פאַרשטאַרקט.

אין יאָר 1925 זיינען די „שטאַרקע״ פון דער אינטער־שאַנאַל באַפאַלן מיט בלעקדזשעקס אַ לינקן אַרבעטער, ריטשאַרד, וועלכער איז געווען זייער באַוואוסט אין דער יוניאָן. זיי האָבן אים אַזוי צעשלאָגן, אַז מען האָט געמיינט, אַז ער וועט פון די קלעפּ שטאַרבן. העכער אַ יאָר צייט איז ער געווען אין שפּיטאָל און אין סאַניטאַריומס. דער אַרבעטער איז פאַרבליבן אַ קראַנקער און צע־בראָכענער מענטש.

אַ צווייטן ברוטאַלן אָנפאַל האָט די קליקע געמאַכט אויף אַן אַי־טאַליענישן פּראָגרעסיוון אַרבעטער, אַ פאָטער פון פינף קליינע קינ־דער, די־מאַלאַ. דאָס איז פאָרגעקומען באַלד נאָכדעם ווי זיגמאַן האָט אויסגעשלאָסן די דזשאָינט באָארד (דעצעמבער 1926) און האָט גע־געבן אַן אָרדער, אַז אַלע מיטגלידער מוזן זיך גיין רעגיסטרירן אין די נייע לאָקאַלן, וועלכע ער האָט געגרינדעט. די מיטגלידער האָבן

דעם באַפעל ניט געוואָלט פאָלגן. האָבן זיך אַרויסגעלאָזן „שטאַרקע״ און פּראָפעסיאָנעלע גענגסטערס איבער די שעפּער, צו שלעפּן די מיטגלידער מיט געוואַלט, זיי זאָלן זיך גיין רעגיסטרירן. אין דעם שאַפּ, וואו דער פּרעסער די־מאָלאָ האָט געאַרבעט, זיינען אַרויפגעקומען צוויי ביזנעס־אַגענטן און האָבן אים אויפגעפאָדערט, אַז ער מיט אַלע אַרבעטער פון שאַפּ זאָלן גיין אין זיגמאַנ׳ס יוניאָן אָפיס. האָט די־מאָלאָ געענטפערט, אַז ער איז אַ מיטגליד אין דער געזעצלאַכער יוניאָן און אַז זיגמאַן האָט ניט געהאַט קיין רעכט אויסצושליסן די לאָקאַלן און די דזשאָינט באָארד. די ביזנעס־אַגענטן זיינען אַוועק, און אין 15 מינוטן אַרום זיינען אין שאַפּ געקומען צוויי גענגסטערס און האָבן מיט אייזערנע רערן די־מאָלאָ׳ן געשלאָגן איבער׳ן קאָפּ. דער אַרבעטער איז צוגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל אין אַ האַפנונגסלאָזן צושטאַנד. אַ דאַנק זיין אויסערגעוויינלאַך פיזיש־שטאַרקן געבוי, איז די־מאָלאָ לעבן געבליבן, אָבער זיין געזונט האָט ער פאַרלאָרן. די אָנפאַלער האָט מען געכאַפּט. אין געריכט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען פּראָפעסיאָנעלע גענגסטערס און זיינען שוין ניט איין מאָל געזעסן אין טורמע פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס. פונדעסטוועגן איז דער קליקע געלונגען זיי צו באַפרייען. דער ריכטער האָט צוגע׳פּסק׳נט, אַז די־מאָלאָ דאַרף קריגן צוויי טויזנט דאָלער. „אימיצער״ האָט די געלט באַצאָלט.

אַ ברוטאַלן אַקט האָבן די רעכטע דורכגעפירט איבער דעם פירער פון די פאָריער־אַרבעטער, אהרן גראָס. דעם 9־טן יוני, 1927, ווען די פאָריער יוניאָן האָט געפירט אַ סטרייק געגן די פאַר־באַלעבאַטים, זיינען געדונגענע גענגסטערס פון דער „אינטערנעשאָנאַל״ באַפאַלן גראָס׳ן אויף דער פּיקעט־ליין און אים צעשניטן דעם האַלז. ער האָט אַ לאַנגע צייט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. עטלאַכע חדשים איז ער געווען אין בעט. אַז די גענגסטערס זיינען געווען געדונגען פון דער רעכטער קליקע, איז באַוויזן געוואָרן מיט דאָקומענטן. דער „טאָג״ פון 25־טן יוני, 1927, האָט אָפּגעדרוקט פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס פון דאָקומענטן, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז די פאָריער־אינטערנעשאָנאַל האָט געגעבן בעיל פאַר די גענגסטערס. דער אַדוואָקאַט פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט זיי אויך פאַרטיידיקט. און אַט־די גענגסטערס זיינען אויך באַפרייט געוואָרן. אָנשטאָט צו האַנדלען ווען דער

קלאגע, האט דער ריכטער, מר. מאקווין, גענומען פרעגן גראס׳ן, אויב ער איז א קאמוניסט און צי גלויבט ער אין גאט. ווען גראס האט גע־ענטפערט, אז ער גלויבט ניט אין גאט, האט דער ריכטער די קלאגע קעגן די גענגסטערס ארויסגעווארפן.*

די רעכטע האבן מורא פאר אויספארשונגען

מען וואלט געקענט ברייננגען מאסן אזעלכע ביישפילן. אבער דאס וואלט אפגענומען צופיל ארט. די פאקטן וואס מיר האבן געבראכט, וועלכע זיינען ברייט באקאנט, שטעלן פעסט אויסער יעדן צווייפל, אפילו פאר זייטיקע מענטשן, אז די רעכטע קליקעס האבן באשעפ־טיקט גענגסטערס מיט יארן צוריק און זיי טוען דאס איצט.

אויף דער באשולדיקונג, אז אויך די לינקע באנוצן זיך מיט גענגסטערס, האט די דזשאינט באארד פון די קלאוק־ און דרעס־מאכער און די דזשאינט באארד פון די פאריער, דעם 5־טן אפריל, 1927, עפנטלאך דערקלערט אין דער פרעסע, אז זיי זיינען צופרידן צו יעדער צייט צו איבערצייגן, אז דאס איז א בילבול. אין דער זעל־ביקער צייט האבן זיי זיך אונטערגענומען צו באווייזן, אז די רעכטע באשעפטיקן גענגסטערס. די רעכטע האבן אבער אויף קיין אונטער־זוכונג ניט געוואלט איינגיין.

דער ניו יארקער ריכטער לואיס ב. בראדסקי האט, אין מערץ, 1927, זיך געווענדעט צו דעם אדוואקאט פון דער קליקע און צום אדוואקאט פון די לינקע, אז זיי זאלן רופן א קאנפערענץ צווישן די פירער פון די רעכטע און די לינקע, כדי אפצושטעלן די געשלעגן און די אנפאלן אויף ארבעטער. מיר האבן אנגענומען די איינלאדונג. די רעכטע האבן זיך אנטזאגט! מיר האבן די איינלאדונג אנגענומען, דערפאר, ווייל מיר קענען איבערצייגן, אז מיר האבן קיינמאל ניט באשעפטיקט קיין גענגסטערס, קיינמאל ניט געגעבן קיין בייל פאר גענגסטערס און ניט געדונגען קיין לאיער זיי צו פארטיידיגן, ווי דאס טוען די רעכטע קליקעס עפנטלאך.

די לינקע זיינען אנטשיידן קעגן גענגסטעריזם און קעמפן קעגן דעם. דא האנדלט זיך ניט בלויז וועגן א מאראלן און קרימינעלן

* וועגן אנדערע גענגסטער־אטאקעס און נאך וועגן אנפאל אויף גראס׳ן, זע זייטן 38 און 91.

פאַרברעכן. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן איבל, וואָס גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט פון דער יוניאָן.

דאָרט וואו די גענגסטערס שטעלן נאָר אריין אַ פוס, ווערן זיי שוין מיט דער צייט די באַלעבאַטים און טוען וואָס זיי ווילן. זיי ווערן פאַראינטערעסירט אין דער יוניאָן־פּאָליטיק. זיי זעען שוין, אַז די פירער, וועלכע לאָזן זיי באַלעבאַטעווען און מאַכן אַ טאָלער, זאָלן כסדר בלייבן אין אַמט. און אין צייט פון וואַלן טוען די גענגסטער אַלץ וואָס זיי קענען, כדי די פירער צו דערוויילן. זיי גייען אַרום פון איין שטים־פּלאַץ צום צווייטן און שטימען אויף פאַלשע ביכלאַך, פילן אָן די באַלאָט־קעסטלאַך מיט פאַלשע שטימען, פאַרפירן געשלעגן, טעראָריזירן די געגנערישע קאַנדידאַטן און זייערע אָנהייגער און טוען אַלץ, כדי צו דערוויילן די אַלטע פירער. און אין געוויסע פאַלן ווערן גענגסטערס אַליין די פירער.

דער גאַנצער איבל פון גענגסטעריזם נעמט זיך דערפון, וואָס די פירער האָבן די גאַנצע מאַכט און זיי קענען אַלץ אַליין באַשטימען. זיי קענען טאָן טובות און פאַרראַטן די אַרבעטער, און זיי ווילן זיך האַלטן אין אַמט געגן דעם ווילן פון די מיטגלידער. ווען די פירער וואָלטן בלויז געמוזט דורכפירן די באַשלוסן פון די מיטגלידער, און ווען די מיטגלידער וואָלטן מער אריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פון דער יוניאָן און די פירערשאַפט וואָלט זיך אויף זיי געשטיצט, סיי אין צייט פון סטרייק און סיי אין צייט פון פרידן, וואָלט גענגסטעריזם ניט מעגלאַך געווען.

אַ סך־הכּל פון צוויי יאָר קאַמף

צו אַ נייער יוניאָן

דעם 13טן דעצעמבער, 1928, איז געוואָרן צוויי יאָר זינט די רעכטע קליקע האָט אָנגעפאַנגען דעם פּאָגראָם אויף אונזער יוניאָן.

דער „פאָרווערטס" און די גאַנצע רעכטע קליקע, מיט זיגמאַנ׳ען אַלס הויפּט־פירער, האָט זיך פאַרנומען ניט בלויז אויסצוראָטן די קאָמוניסטן און די לינקע פון דער אינטערנעשאָנאַל, נאָר פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג.

אומעטום האָט מען דורכגעפירט די זעלביקע פּאָליסי: אויס־שליסן די לינקע פון די יוניאָנס און וואַרפן זיי פון די שעפּער. צו־ערשט האָט זיגמאַן אויסגעשלאָסן די ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון די קלאָוק און דרעסמאַכער. נאָך דעם האָט ער דאָס זעלביקע געטאָן אין שיקאַגאָ. מיט עטלאַכע מאָנאַטן שפּעטער, אין מערץ 1927, האָט די קליקע אויסגעשלאָסן די ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון די פאָ־ריערס, און ווען דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט, האָט מען גענומען דורכפירן די זעלביקע פּאָליסי ביי די קאַפּן און מילינערי אַרבעטער און אין אַנדערע יוניאָנס.

געפּלאַנעוועט די אַטאַקע אויף די לינקע האָט די רעכטע קליקע נאָך אין צייט פון דעם פאָריער סטרייק, אין 1926. די רעכטע קליקע האָט געוואוסט, אַז אויב די פאָריערס, אונטער דער פירערשאַפט פון די לינקע, וועלן האָבן אַ זיג, וועט עס שפּעטער העלפן די קלאָוק־מאַכער צו געווינען זייער סטרייק. דאָס וואָלט שטאַרק געמאַכט די פּאָזיציעס פון די לינקע. האָבן זיי פּרובירט דעם פאָריער סטרייק צעברעכן און פאַרראַטן.

אָן דער צושטימונג און אָן דעם וויסן פון דער לינקער סטרייק־קאָמיטע, האָבן די פירער פון דער פאָר וואָרקערס אינטערנעשאָנאַל, צוזאַמען מיט די הויפּט־באַאַמטע פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן און לייבאָר, געשלאָסן מיט די באַלעבאַטים אַן אָפּמאַך, וועלכן זיי

האָבן פּרובירט אַרויפצווינגען אויף די סטרייקער. דערפאר האָבן די באַלעבאַטים געזאָלט אָנערקענען בלויז די פירער פון דער קליקע און ניט האָבן קיינע באַציאונגען מיט דער לינקער דשזאָינט באָארד. די פאַריער האָבן אָבער באַגריפן, אַז דאָ קומט פאָר אַ פאַרראַט קעגן זייערע אינטערעסן און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען וועלכן עס איז אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים אָן דעם וויסן פון דער לינקער סטרייק־קאָמיטע.

אַלע ווייטערדיקע פּלענער צו פאַרראַטן דעם סטרייק האָבן אויך געהאַט דעם זעלביקן סוף. די באַלעבאַטים זיינען, אין יוני 1926, געווען געצוואונגען צו סעטלען מיט דער לינקער סטרייק קאָמיטע און נאָכגעבן די 40־שעה׳דיקע אַרבעט־וואָך, אַ באַדייטנדיקע העכערונג אין די שכירות, און אַנדערע וויכטיקע פאַרבעסערונגען.

דורכגעפאַלן מיט דעם פּלאַן ביי די פאַריער, האָט די קליקע בנוגע דעם קלאָוקמאַכער סטרייק, וועלכער איז אויסגעבראָכן דעם 1טן יולי 1926, געענדערט די טאַקטיק. אָנשטאָט עפנטלאָך צו שטעלן זיך קעגן סטרייק, האָבן זיי דאָ דערקלערט, אַז זיי זיינען מיט לייב און לעבן כלומרשט פאַרן סטרייק. זיי האָבן זיך געלאָזט אויסקלייבן אין די אָנפירנדיקע קאָמיטעס. אין געהיים האָבן זיי אָבער געוועבט זייערע פינצטערע פּלענער און געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט כדי דעם סטרייק צו פאַרראַטן. אָבער אויך ביי די קלאָוקמאַכער זיינען זיי דורכגעפאַלן מיט זייערע מאַניעוורעס. די גרויסע מאַסע אַר־בעטער האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן. די באַלעבאַטים זיינען געווען געצוואונגען צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער לינקער דזשאָינט באָארד און נאָכגעבן די פערציק־שעה׳דיקע אַרבעט־וואָך און אַ באַדייטנדיקע העכערונג אין די שכירות.

מיט דעם אָפּמאַך ביי די קלאָוקמאַכער, האָט זיך די פּרעסטיזש פון דעם לינקן פליגל אין דער באַוועגונג שטאַרק געהויבן. די רעכטע קליקע, וועלכע איז אַזוי אויך געווען ניט איבעריק באַליבט ביי די מאַסן, האָט זיך מיט אירע אָפענע סטרייק־ברעכערישע מעשים ביי די פאַריער, און מיט די געהיימע מעשים ביי די קלאָוקמאַכער, וועלכע זיינען סוף כל סוף אויפגעדעקט געוואָרן, אַזוי פאַרהאַסט און דיס־קרעדיטירט ביי די מאַסן, אַז זי האָט דערזעען, אַז דער גאַנצער באָדן גליטשט זיך אַרויס פון אונטער אירע פיס. די קליקע האָט פאַרלאָרן

יעדע האפענונג צו קענען אויף ווייטער אנהאלטן די פירערשאפט אין דער באוועגונג. האט זי דעריבער באשלאסן, אז איידער איבערלאזן די פירערשאפט צו די לינקע, איז גלייכער די יוניאנס צו צעברעכן און פארניכטן. צוליב דעם צוועק האט די קליקע זיך פאראייניקט מיט די באלעבאטים, מיט דער פאליציי און מיט דער אונטערוועלט. אלע פינסטערע כוחות האט זי מאביליזירט, כדי צו באזיגן די קלאוק־און דרעסמאכער און די פאריער.

די באלעבאטים זיינען זיך קיינמאל ניט באגאנגען מער ברוטאל מיט די ארבעטער, האבן ניט באנוצט קיין געמיינערע מיטלען, ווי עס האבן באנוצט די, וועלכע האבן נאך די חוצפה צו רופן זיך „אר־בעטער־פירער" און „סאציאליסטן". טויזנטער ארבעטער, וואס האבן זיך אנטזאגט צו רעגיסטרירן זיך אין די אפאזיציע־לאקאלן, וואס די קליקע האט געגרינדעט, האט מען ארויסגעווארפן פון די שעפער. די קליקע האט ארויסגעשיקט מחנות פראפעסיאנעלע גענגסטערס, וועלכע האבן מיט אייזנס, מעסערס און רעוואלווערן געצוואונגען די מיטגלידער צו גיין רעגיסטרירן זיך און צאלן דיוס. די פירער פון דער קליקע זיינען געלאפן אין די געריכטן נאך אינדזשאנקשאנס. זיי האבן אפגעקלאפט די טירן ביי די דיסטריקט אטאירנים, און דורך מסירות און פראוואקאציעס פארשיקט אומשולדיקע ארבעטער אין די טורמעס. זיי האבן געזוכט, און זיי זוכן נאך איצט, מיט דער הילף פון שפיאנען, צו מאכן פריים־אפס אויף די לינקע פירער. אבער, עס האט ניט געהאלפן. די ארבעטער זיינען דורך די מיאוסע מעשים נאך מער איבערצייגט געווארן וואס פאר א געפאר און וואס פאר אן אומגליק די קליקע איז פאר דער ארבעטער־באוועגונג. די ארבעטער האבן דער קליקע ניט אנערקענט, און געווייכט פון איר אפאזיציע־יוניאן, וועלכע איז געשטיצט געווארן פון די באלעבאטים.

די אטאקע פאלט דורך

גלייך ווי דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען, האט דער „פאר־ווערטס" גענומען בלאפן, אז אלע יוניאן־שעפער זיינען אריבער צו דער קליקע. ער האט געדרוקט פאטאגראפיעס, וועלכע האבן „געוויזן", ווי מען שטייט אין דער רעכטער „יוניאן" און מען צאלט דיוס. דער „פארווערטס" האט אויך דערציילט, אז דורך אירע ארגאניזיישאן־

דרייווס איז דער קליקע געלונגען צו אָרגאַניזירן די ניט־יוניאָן שעפּער, מיט וועלכע מען האָט כלומרשט געסעטלט. מען האָט פאַרזיכערט, אַז די קאָמוניסטן און די לינקע זיינען שוין טויט. אַזוי האָט מען גע־האַלטן אין איין דערציילן אַ מעשה אַנדערהאַלבן יאָר צייט, ביז דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, אין מאַי 1928.

אַ דאַנק דעם קריג, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דער קליקע גופא, צווישן זיגמאַנ׳ען מיט שלעזינגער׳ן, האָבן שלעזינגער׳ס מענטשן אויף דער טריבונע פון דער קאָנווענשאָן אויסגעזאָגט דעם אמת: דער גרעסטער טייל פון די קלאָוקמאַכער האָבן זיך ניט רעגיסטרירט. די, וועלכע האָבן זיך יאָ רעגיסטרירט, האָבן עס געטאָן דורך צוואַנג, און זיי צאָלן ניט קיין דיוס. סקעב־שעפּער האָבן זיך פאַרמערט. די קליקע שטייט פאַר אַ פינאַנציעלן צוזאַמענברוך. כדי צו ראַטעווען די לאַגע, האָבן שלעזינגער׳ס אַנהענגער פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל די צוקונפ־טיקע אַדמיניסטראַציע דערוויילן דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג צווישן די מיטגלידער, און ניט ביי דער קאָנווענשאָן. זיגמאַן האָט אָבער געוואוסט, אַז מען וויל אים דורך אַ רעפערענדום אַרויסוואַרפן, ווייל ער איז פאַרהאַסט ביי די מיטגלידער. די שטימען וועט קריגן שלעזינגער, אויף וועלכן די קליקע לייגט מער האָפענונגען. האָט זיג־מאַן, וועלכער האָט אויף דער קאָנווענשאָן פאַרמאָגט אַ מערהייט פון „פּאַפּירענע דעלעגאַטן“, ניט דערלאָזן צו קיין רעפערענדום און איז פאַרבליבן ווייטער אין אַמט. אָבער האָבנדיק פון איין זייט די לינקע, און פון דער אַנדער זייט די שלעזינגער קליקע, האָט ער זיך שוין לאַנג אין אַמט ניט געקענט האַלטן און ער איז געווען געצוואונגען אָפּצור־דאַנקען.

איצט איז דער גרויסער נאַפּאָלעאָן, מאָריס זיגמאַן, וועלכער האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין „זיגן“ און אין איין „טויטן און באַגראָבן“ די לינקע, אַליין אַן אַרויסגעשפּיגענער, אַ דיסקרעדיטיר־טער, אַ באַזיגטער. און דער נייער גענעראַל, שלעזינגער, פּרובירט רעאָרגאַניזירן די רייען פון דער רעכטער קליקע און דורך פאַרשיי־דענע שווינדלערישע מאַניעווערס און מאַניפעסטן ראַטעווען די קלי־קע פון אונטערגאַנג. ער וועט אָבער מוזן האָבן דעם זעלביקן סוף וואָס זיגמאַן האָט געהאַט. ווייל די אַרבעטער ווייסן, אַז עס איז ניטאָ קיין חילוק פון זיגמאַנ׳ען ביז שלעזינגער׳ן. ביידע האָבן דורכגעפירט דעם

ווילן פון דער „פארווערטס"־קליקע און דעם גאנצן רעכטן געזינדל.ביידע קוקן אויף דער יוניאן ווי אויף זייער פריוואט געשעפט, פון וועלכע מען דארף ציען וואס מער פראפיטן.

די ארבעטער ווייסן, אז די קליקע פון דער אינטערנעשאנאל האט פארוואנדלט די יוניאן אין א קאמפאני־יוניאן, וועלכע דינט די אינטערעסן פון די באלעבאטים, און אז כדי צו באפרייען זיך פון דער איצטיקער צרה־דיקער לאגע, מוז מען די קאמפאני־יוניאן פארניכטן. עס איז קיין חילוק ניט, צי אן דער שפיץ איז געשטאנען זיגמאן, אדער עס שטייט שלעזינגער, אדער אימיצער אנדערש וועט שטיין. די ארבעטער פארשטייען, אז כדי צו פארבעסערן זייער לאגע, מוזן זיי אויפבויען זייער אייגענע יוניאן, וועלכע וועט ניט זיין באהערשט פון א קליקע, אדער פון די באלעבאטים, נאר פון די מיטגלידער גופא.

שלעזינגער'ס מעטאדן זיינען די קלאוק און דרעסמאכער גוט באקאנט. ער זוכט דורך הינטערוועגן און מאניעווערס ארייננארן די מאסן. ער זאגט צו רעפארמען. ער איז כלומרשט גרייט צו קעמפן פאר א בעסערן אגרימענט מיט די באלעבאטים. ער גיט ארוים מאניפעסטן, אז ער וועט דורכפירן „וואלן", און נאך גליקן זאגט ער צו. אבער ווען שלעזינגער וואלט אפילו געמיינט וואס ער זאגט, וואלט ער אויך גארניט געקענט אויפטאן פאר די ארבעטער. וויל זיין קאמפאני־יוניאן ווערט אויפגעהאלטן פון די באלעבאטים, און די באלעבאטים האבן ניט אומזיסט געצוואונגען די ארבעטער צו רעגיסטרירן זיך און צאלן דיוס צו דער קליקע. א יוניאן וועלכע שטיצט זיך אויף דעם כוח פון די באלעבאטים, און פירער וועלכע האלטן זיך אין מאכט מיט דער הילף פון די באלעבאטים, קענען ניט קעמפן צו פארבעסערן די לאגע פון די ארבעטער!

דעריבער האבן מיר באשלאסן צו בויען אונזער אייגענע יוניאן, א יוניאן וועלכע זאל בלויז קאנטראלירט און פארוואלטעט ווערן פון די ארבעטער גופא.

א נייע יוניאן — דער איינציקער וועג

דער „פארווערטס" און שלעזינגער ווילן פארשרייען אונזער יוניאן פאר אן אפאזיציע־ און סקעב־יוניאן. ביי זיי איז אן אפאזיציע־יוניאן דאס זעלביקע וואס א סקעב־יוניאן. דער אמת איז אבער, אז

הגם עס איז קיין מצוה ניט סתם צו גרינדן אָפּאָזיציע־יוניאָנס, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף ניט, מוז מען אָבער גרינדן אַזעלכע יוניאָנס וואו זיי זיינען נויטיק.

די זעלביקע, וואָס שרייען איצט, אַז אָפּאָזיציע־יוניאָנס זיינען סקעב־יוניאָנס, האָבן אַליין אַמאָל געגרינדעט אָפּאָזיציע־יוניאָנס. אין 1893 האָבן אַב. קאַהאַן און לואיס מילער געגרינדעט אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן אַלס אָפּאָזיציע צו דער יוניאָן, וואָס איז געפירט געוואָרן פון יוסף באַראָנדעס. מאָריס זיגמאַן האָט אין 1903 געגרינדעט אַן „אינ־דעפּענדענט קלאָוק פּרעסערס יוניאָן", און איז ביז 1907 געווען פאַר־בונדן מיט דער איי־דאַבליו־דאַבליו באַוועגונג. און אַזעלכע ערנסטע און רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, ווי דעניעל דע־ליאָן, וויליאַם הייוואָוד און יודזשין דעבס, האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַרן געשריי „אָפּאָזיציע־יוניאָנס", אָדער „דואַל־יוניאָנס", און האָבן אַזעלכע יו־ניאָנס געגרינדעט. און אַפילו די אַמעריקען פעדערייש̈אָן אָוו לייבאָר איז דאָך לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אַלס אָפּאָזיציע־יוניאָן צו די דעמאָלט עקזיסטירנדיקע יוניאָנס פון די נאַיטס אָוו לייבאָר. און די אַמאַלגאַמייטעד, די יוניאָן פון די מענער־שניידער, איז דאָך אויך אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן צו די יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס. מיר דער־מאָנען דאָס אַלץ כדי צו באַווייזן, ווי אומזיניק און פאַלש עס איז צו דיינקען, אַז אָפּאָזיציע־יוניאָנס זיינען דאָס זעלביקע וואָס סקעב־יוניאָנס, — אפילו ווען מיר וואָלטן טאַקע געגרינדעט אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן.

אָבער אין אונזער פאַל איז עס דאָך איבערהויפּט אַ ליגן, אַז מיר האָבן געגרינדעט אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן צו דער אינטערנעשאָנאַל. גראָד פאַרקערט, דער „פאָרווערטס" און די זיגמאַן־קליקע — זיי האָבן גע־גרינדעט אָפּאָזיציע־יוניאָנס, וועלכע זיינען באמת קאָמפּאַני־יוניאָנס!

ווען זיגמאַן האָט אויסגעשלאָסן די דזשאָינט באָאַרדס אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ (און אויך איינצלנע לאָקאַלן), וועלכע האָבן אַלע צוזאַמען געהאַט מער ווי 85 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל, און ווען די מיטגלידער האָבן זיך ניט גערעכנט, און זיך ניט געקענט רעכענען, מיט דער אויסשליסונג, און זייערע געזעצלאַכע דזשאָינט באָאַרדס און לאָקאַלן האָבן פאָרגעזעצט צו פונקציאָנירן אַלס יוניאָנס, האָט די קליקע גענומען אָרגאַניזירן אָפּאָ־

זיציע־לאקאלן און אפאזיציע דזשאינט באארדס. טא ווער איז אין דער אמת'ן די יוניאן? אויב מען נעמט אן, אז די יוניאן איז דער פרעזידענט און ניט מיטגלידער — איז אן אנדער זאך; אבער אויב עס איז ריכטיק, אז די מיטגלידער שטעלן מיט זיך פאר די יוניאן, און אז אן זיי קען קיין יוניאן ניט עקזיסטירן, דעמאלט איז עס דער גרעסטער אומזין צו זאגן, אז די מיטגלידער האבן געגרינדעט אן אפאזיציע־יוניאן. קעגן וועמען? קעגן זיך?

פון דער אנדערער זייט איז קוים נויטיק די ארבעטער צו איבער־ציינגן, אז די שלעזינגער־יוניאן איז ניט בלויז אן אפאזיציע־יוניאן, נאר א קאמפאני־יוניאן. איצט ווייסן דאך שוין די ארבעטער פון זייער טרויעריקער דערפארונג, אז די שלעזינגער־קליקע דינט ווי א געצייג אין די הענט פון די באלעבאטים, צו פארשקלאפן און אונ־טערדריקן די ארבעטער. אלע יוניאן באדינגונגען אין די שעפער זיי־נען אפגעשאפט געווארן; מיט דער הילף פון דער קליקע האבן די באלעבאטים צוריק איינגעפירט די סוועטינג סיסטעם. מיט זייער הילף ווארפט מען די בעסטע יוניאן־לייט פון די שעפער. טאמער גע־פינען זיך ארבעטער, וואס ווילן ניט אוועקגעבן זייער געזונט די בא־לעבאטים פאר א הונגער־לוין, און גייען ארוים סטרייקן פאר בעסערע באדינגונגען, שטעלט די קליקע פון דער אינטערנעשאנאל צו סקעבס און שטעלט אויף די פאליציי און „שטארקע" די סקעבס צו פאר־טיידיקן.

אין משך פון סעפ.־נאוו. 1928 האט דער „טאג" אפגעדרוקט אינטערוויוס מיט טשערלייט פון 64 שעפער. ער האט געגעבן די נעמען און אדרעסן פון די טשערלייט און אויך געדרוקט זייערע פא־טאגראפיעס. מיט דער אויסנאם פון עטלאכע, האבן אלע טשערלייט דערציילט, אז מען האט די ארבעטער געצוואונגען זיך צו רעגיסט־רירן. די באלעבאטים האבן דערקלערט די ארבעטער, אז אויב זיי וועלן זיך ניט רעגיסטרירן און צאלן דיוס, וועט מען זיי ארויסווארפן פון די שעפער. אנדערע טשערלייט האבן אויך דערציילט, ווי עס זיינען ארויפגעקומען גענגסטערס פון דער אינטערנעשאנאל און האבן מיט גוואלד געשלעפט די ארבעטער צו רעגיסטרירן זיך. קען מען אימיצן איינריידן, אז ווען באלעבאטים און גענגסטערס צווינגען אר־בעטער צו געהערן צו א יוניאן — אז אזא יוניאן קען דינען די אינ־

טערעסן פון די אַרבעטער? אָדער — אַז אַזאַ יוניאָן קען אָנפירן אַ קאַמף מיט די באַלעבאַטים? איז דען אַזאַ יוניאָן, וועלכע שטיצט זיך אויף די באַלעבאַטים, ניט קיין קאָמפּאַני־יוניאָן?

די אינטערוויוס זיינען געמאַכט געוואָרען מיט די טשערליט פון שעפער פון דער אַסאָסיאיישאָן. אָבער ניט אַלע באַלעבאַטים באַלאַנגען צו דער אַסאָסיאיישאָן. פאַראַנען אַ סך באַלעבאַטים וועלכע האָבן קיינע באַציאונגען ניט מיט דער אינטערנעשאַנאַל, און דאָרט זיינען די אַרבעטער ניט רעגיסטרירט. און אפילו אין די אַסאָסיאיישאָן שעפער זיינען פאַראַן גענוג אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך ניט געלאָזט טעראָריזירן, ניט פון די באַלעבאַטים און ניט פון די גענגסטער, און האָבן ניט קיין פאַרבינדונגען מיט דער קליקע. אין דער דרעס אינדוסטריע, וואו עס ווערן באַשעפטיקט אַרום פופציק טויזנט אַרבעטער, האָט די קליקע אינגאַנצן קיין אָנהאַלט ניט. די דרעסמאַכער זיינען געווען ניט אָרגאַניזירט אין די בעסטע ציטען. אפילו ווען די יוניאָן איז געווען שטאַרק און האָט געהאַט גרויסע פאָנדן אין דער טרעזשורי, האָט די קליקע אָנגעפירט אַ פּאָליסי פון באַטרוג און פאַרראַט, בפרט איצט, ווען זיי האָבן צעפּלינדערט יעדן סענט און האָבן אַרום דריי און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר חובות, און מוזן אָנקומען צו דער הילף פון די באַלעבאַטים, — וועט די קליקע אודאי גאָרניט טאָן צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער און פאַרבעסערן זייער לאַגע.

איצט, ווען אָן דער שפּיץ פון דער אינטערנעשאַנאַל שטייען אַזעלכע ברואים, מיט וועלכע אפילו זיגמאַן האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלאַך ווייטער צו פאַרבלייבן, ווי ער האָט דערקלערט בעת ער האָט רעזיגנירט. וואָס־זשע בלייבט פאַר די אַרבעטער צו טאָן — אויב ניט אַליין זיך נעמען צו בויען די יוניאָן, און קעמפן פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען?

אויב מיר וואָלטן אויפגעגעבן אונזער יוניאָן און געטריבן די אַרבעטער אין די אָרעמס פון דער קליקע, וואָלט זי ערשט דאַן באַוויזן אירע גיפטיקע ציין. זי וואָלט דאַן בשותפות מיט די באַלעבאַטים איינגעפירט אַזאַ פאַשיסטישן רעזשים, קעגן וועלכן איר אַמאָליקער רעזשים איז געווען אַ גן־עדן. מיט קיין 25 דאָלאַרדיקן טעקס וואָלט זיך שוין די קליקע ניט באַנוגנט. זי וואָלט אַרויפגעלייגט 100 דאָלאַרדיקע טעקסעס, כדי אָפּצוצאָלן די מיליאָנען, וועלכע זי האָט זיך

פארשולדיקט אין די צוויי יאר פון קאמף, — פונקט ווי די יוניאן פון די לאקאמאטיוו אינזשענירס, וועלכע האט ארויפגעלייגט א טעקס פון 120 דאלאר. און ווייסנדיק ווי פארהאסט זי איז ביי די מיטגלידער און אז זי קען זיך בלויז האלטן מיטן כוח פון די באלעבאטים, וואלט די קליקע נאך מער זיך פארקויפט צו די באלעבאטים, און וואלט, צוזאמען מיט זיי, געדריקט און געשטיקט די ארבעטער.

דאס פארשטייען די מיטגלידער גאנץ גוט, און דערפאר וועט מען זיי מיט קיין שום מאניעוורעס ניט ארייננארן צוריק אין דער קאמפאני־יוניאן. זיי וועלן אנגיין מיט דער ארבעט ביז זיי וועלן די קאמפאני־יוניאן פארניכטן און אויפבויען א שטארקע און מעכטיקע ארגאניזאציע, וועלכע וועט זיי באפרייען פון עקספלואטאציע און אונטערדריקונג.

צווייטער אָפּטייל :

אַרבעטער אין אַמעריקע

ווער מאַכט אַ לעבן אין אַמעריקע?

וויפיל דאַרף מען האָבן אויף צו מאַכן אַ לעבן? *

מען הערט ניט אויף איבערצו׳חזר׳ן דעם זעלביקן פזמון, וואָס מיר האָבן שוין אַזוי פיל מאָל געהערט — אַז אין לאַנד הערשט אַ גוואַלדיקע פּראָספּעריטי, און אַז די אַרבעטער קריגן די העכסטע שכירות, און אַלץ וואָס מען באַדאַרף איז — אַנצוהאַלטן די איצטיקע פּראָספּעריטי אויף ווייטער.

מען דערציילט אונז, אַז לעצטן יאָר האָבן אונזערע פאַרדינסטן דערגרייכט די העכסטע סומע — ניינציק ביליאָן דאָלאַר. און אַזוי רייך זיינען מיר, אַז עס האָבן זיך געיאָוועט פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן מורא, אַז אונזער רייכקייט זאָל ניט שטעלן אין געפאַר אונזער גאַנ־צע ציוויליזאַציע.

פּראָפעסאָר טאָמאַס ניקסאָן קאַרווער, פון האַרוואַרד אוניווערזי־טעט, האָט מורא, אַז אונזער ציוויליזאַציע זאָל חלילה ניט אונטערגיין, פונקט ווי די ציוויליזאַציע פון די אַמאָליגע רוימער און גריכן. ער זאָגט, אַז ווען אונזערע שפּייכלער זיינען אָנגעפילט מיט כל טוב, און מיר דאַרפן ניט זאָרגן פאַרן מאָרגן, קוקן מיר אויף זאַכן צו־לייכט. מיר עסן און טרינקען און לעבן אַ גוטן טאָג. דאָס מאַכט אונז פויל, פאַרדאַרבט אונזער מאָראַל און דעמאָראַליזירט אונז. פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז אונזער ציוויליזאַציע פאַר׳משפּט צום אונטערגאַנג.

פון וואַנעט נעמט דאָס אָבער אונזער פּראָפעסאָר די פאַקטן, אַז אונזערע שפּייכלער זיינען אָנגעפילט מיט כל טוב, און אַז מיר קענען עסן און טרינקען און באָדן זיך אין לוקסוס, אַזוי אַז מיר זיינען אין געפאַר צו ווערן דעמאָראַליזירט און אויסגעלאָסן?

* „פרייהייט״, דעצעמבער 12, 1927.

אמת, „מיר" האָבן דעם לעצטן יאָר פאַרדינט ניינציק ביליאָן דאָ־לאַר, און קיינער קען ניט לייקענען, אַז דאָס איז אַ געוואַלדיק־ריזיקע סומע. און אויב מיר וואָלטן געהאַט אַ יושר־דיקע אָרדנונג, וואו די רייכטימער וואָלטן צעטיילט געוואָרן גלייך צווישן דער גאַנצער באַ־פעלקערונג, וואָלט עס אויסגעמאַכט 3,864 דאָלאַר אויף אַ פאַמיליע.

געוויס איז דאָס אַ היפּשע סומע, מיט וועלכער אַ פאַמיליע קאָן מאַכן אַ שיין לעבן. אָבער וויפיל פאַמיליעס פאַרדינען אין דער אמת'ן צו 3,864 דאָלאַר אַ יאָר?

פאַרשטייט זיך, אַז זייער ווייניק. דער גרעסטער טייל פון די ניינציק ביליאָן דאָלאַר איז אַריין אין די קעשענעס פון אַ הייפעלע מולטי־מיליאָנערן, און די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן גאָרניט גע־וואונען פון דער גאַנצער פּראָספּעריטי. אַ דאַנק דער „עפישענסי" און „ספּיד־אַפּ" סיסטעם, איז די צאָל פון די אַרבעטער אין די פאַב־ריקן פאַרקלענערט געוואָרן מיט ווייניקסטנס אַ גאַנצן מיליאָן, און די פּראָדוקציע איז אומגעהייער פאַרגרעסערט געוואָרן. אַלס רעזול־טאַט דערפון, האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע אַרמיי אַרבעטלאָזע. דאָס האָבן די באַלעבאַטים אויסגענוצט, כדי אַרונטערצודריקן די שכירות פון די אַרבעטער.

אין אַן אונטערזוכונג וואָס דער יונייטעד סטייטס דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר האָט געמאַכט, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַ פאַ־מיליע פון אַ מאַן, פרוי און דריי קינדער (וועלכע ווערט אָנגענומען אַלס די דורכשניטלאַכע פאַמיליע), מוז האָבן ניט ווייניקער ווי 2,432.39 דאָלאַר אַ יאָר אויף צו מאַכן אַ לעבן. דאָס שליסט נישט איין קיין אויסגאַבן אויף לוקסוס זאַכן, אָדער פאַרגעניגן. אַ פאַ־מיליע וואָס פאַרדינט נישט אַזאַ סומע, קען ניט לעבן אונטער באַ־דינגונגען, וועלכע זאָלן ניט שטעלן אין געפאַר דאָס געזונט פון דער פאַמיליע. און ווען מיר רעדן אַזוי פיל פון פּראָספּעריטי, ווען עס געפינען זיך שוין פּראָפעסאָרן און פירער פון באַלעבאַטישע אַסאָ־סיאיישאָנס, ווי דער פּרעזידענט פון דער „נעשאַנאַל מאַנופעקטשו־רערס אַסאָסיאיישאָן", וועלכע רעדן פון דער געפאַר, אַז מיר זאָלן חלילה ניט דעמאָראַליזירט ווערן פון צופיל וואוילטאָג, וואָלטן מיר, צום ווינציקסטן, געמעגט דערוואַרטן, אַז די אַרבעטער און די פאַר־

מערס זאָלן פאַרדינען כאָטש גענוג אויף די סאַמע נויטיקסטע לעבנס־באַדערפענישן.

דער אמת איז אָבער, אַז מיר האַלטן נאָך זייער ווייט דערפון, אַז דער דורכשניטלאַכער אַרבעטער און פאַרמער זאָל פאַרדינען אפילו אַזוי פיל וויפיל דער לייבאָר דעפּאַרטמענט פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט פעסטגעשטעלט, וואָס אַ פאַמיליע מוז האָבן אויף די סאַמע נויטיקסטע לעבנס־מיטלען.

וויפיל פאַרדינט אַן אַרבעטער?

אַ. ב. בראַנהאַם, אין אַן אַרטיקל אין דעם „פעדערײשאַניסט"* פון נאָוו., 1927, באַווייזט, אַז 67 מיליאָן מענשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרדינען ניט גענוג אפילו דעם אָרימסטן לעבן צו מאַכן.

עס זיינען פאַראַן אין אַמעריקע איבער 35,000,000 פאַרמערס, און זייער לאַגע איז גאָר ניט גלענצנד. דער גרעסטער טייל פון די פאַרמס זיינען פאַרמאָרטגיידזש אין די בענק. דער פאַרמער מוז פאַר־קויפן זיינע פּראָדוקטן צום טראַסט, וועלכער דיקטירט די פרייזן. מר. טהאָמפּסאָן, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער פאַרם ביוראָ פע־דערײשאָן, האָט דערקלערט, אַז דער דורכשניטלאַכער פאַרדינסט פון אַ פאַרמער איז לעצטן יאָר געווען ניט מער ווי 853 דאָלאַר. דאָס איז דער חלק פון די פאַרמערס אין די ניינציק ביליאָן. פון דעם מוזן זיי צאָלן דעם מאָרטגיידזש און מאַכן אַ לעבן.

וועגן די אַרבעטער איז דאָך אָפּגערעדט. אפילו די באַאַמטע פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועלכע האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון די וואָס זינגען וועגן אונזער פּראָספּעריטי, האָבן גענומען מורמלען, אַז די לאַגע פון די אַרבעטער איז פון דער פּראָספּעריטי ניט פאַרבעסערט געוואָרן. אין „פעדעריי־שאַניסט" פון נאָוועמבער געפינט זיך אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אַר־בעטער'ס חלק אין דער פּראָדוקציע און אין געבורויך. מיט סטאַטיס־טיק ווערט דאָרט באַוויזן, אַז זינט 1923 האַלט זיך אין איין פאַר־

---

* אָפיציעלער מאָנאַטלאַכער אָרגאַן פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

קלענערן דער חלק, וואָס די אַרבעטער קריגן פון די רייכטימער וואָס זיי פּראָדוצירן.

די הערן פון דער פעדערײשאַן באַקלאָגן זיך, אַז אין אַ צייט ווען די אינדוסטריעס בליִען און די פּראָדוקציע איז פאַרגרעסערט געוואָרן, איז ניטאָ קיין אורזאַכן פאַר וואָס דער חלק פון די אַרבע־טער זאָל גאָר פאַרקלענערט ווערן. מיר וואָלטן געקענט די הערן אָנ־ווייזן, אַז איינע פון די אורזאַכן איז טאַקע דער פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די באַלעבאַטים און געהאָלפן איינפירן די „עפישענסי״־און „ספּיד־אַפּ״ סיסטעם, וואָס האָט געשאַפן אַ גרוי־סע אַרמיי אַרבעטלאָזע, וועלכע זיינען פון די באַלעבאַטים באַנוצט געוואָרן אויף אַרונטערצודריקן דעם אַרבעטער׳ס באַדינגונגען.

בעת אונזערע פּאָליטישענס האַלטן אין איין ליאַרעמען וועגן דער געוואַלדיקער פּראָספּעריטי וואָס מיר האָבן, ווערט געמאַכט דער מער־דערלאַכסטער אַנגריף אויף די אַרבעטער און זייערע יוניאָנס. די באַ־לעבאַטים האָבן אין פיל טריידס צוריק איינגעפירט דעם צען און צוועלף שעה־דיקן אַרבעט־טאָג. די שכירות ווערט אָן רחמנות גע־שניטן. די שטאָל־מאַגנאַטן רייסן אַרונטער זייערע פאַבריקן אין פּיטסבורג און פירן זיי אַריבער אין דער סאַוט, וואו מען קריגט שוואַרצע אַרבעטער פאַר פינף אָדער זעקס דאָלאַר אַ וואָך, מיט אַן אַרבעט־טאָג פון צוועלף שעה. דאָס זעלביקע איז מיט דער טעקסטיל אינדוסטריע, וועלכע ווערט אַריבערגעפירט פון די ניו ענגלאַנד שטאַטן אין דער סאַוט.

אַ פּראָספּעריטי וואָס פירט צו מלחמות

די פירער פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר, אַנשטאָט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין קאַמף קעגן די באַלעבאַטים, פּלאַפּלען זיי נאָך די רייד פון די ראַקעפעלערס און די שוואַבס וועגן שותפות צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. די גרעסטע יוניאָנס, ווי די יוניאָנס פון די מיינער און די נאָדל־אַרבעטער, זיינען אַ דאַנק דער פּאָליטיק פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר אינגאַנצן פאַרניכטעט גע־וואָרן. די וויכטיקסטע אינדוסטריעס פון לאַנד זיינען ניט אָרגאַני־זירט. באַלעבאַטים האָבן אַ פרייע האַנט צו טאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט. דערפאַר איז דער לעצטער יאָר, וועלכער איז געווען אַ יאָר

פון פראספעריטי פאר די באלעבאטים, געווען א יאר פון אומגליק, דחקות און נויט פאר די פאלקס־מאסן.

פראפעסאר אירווינג פישער האט באוויזן מיט ציפערן, אז 90 מיליאן פון די 117 מיליאן פון דער אמעריקאנער באפעלקערונג פארדינען ניט גענוג אפילו אויף א לעבן צו מאכן. אונטער אזעלכע אומשטענדן זיינען לעבערלאך און פאלש די רייד פון די דינער פון קאפיטאל, וועלכע ווארענען אונז, אז אונזער פראספעריטי שטעלט כלומרשט אין געפאר אונזער ציוויליזאציע, צוליב די הויכע שכירות און די קורצע שטונדן פון די ארבעטער. אדרבא, אונזער גאנצע פראספעריטי וועט דאך מוזן פלאצן, און די פאבריקן וועלן זיך מוזן צומאכן, און עס וועט, פריער אדער שפעטער, מוזן קומען א שרעקלאכער קריזיס, אויב די באלעבאטים וועלן פארזעצן זייער פאליטיק פון שניידן שכירות, פארלייגערן שטונדן און פארארעמען די באפעלקערונג. אויב די ארבעטער און די פארמערס, וועלכע מאכן צוזאמען אויס אכציק פראצענט פון דער באפעלקערונג, זיינען ארים, זיינען זיי קליינע פארברויכער, קענען זיי ניט קויפן די ארטיקלען וואס ווערן פראדוצירט.

די קאפיטאליסטן זוכן ארויסצוקריכן פון דער לאגע דורך דערשלאגן זיך אויסלענדישע מערק. אבער אזוי ווי אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער פראדוצירן די מאסן מער וויפיל מען גיט זיי די מעגלאכקייט צו פארברויכן, קומט פאר א שרעקלאכע קאנקורענץ צווישן די קאפיטאליסטישע מלוכות פאר אויסלענדישע מערק, און דאס פירט צו קאנפליקטן און צו מלחמות.

איצט ווייס יעדער איינער, אז די קאנקורענץ פאר אויסלענדישע מערק האט געבראכט צו דער לעצטער וועלט־מלחמה, און אויב די ארבעטער וועלן זיך באצייטנס ניט ארומזען און ניט אפשטעלן די עקספלואטאציע און די רויבעריי פון די קאפיטאליסטן, וועט עס פירן צו ווייטערדיקע מלחמות.

דאָס לעבן און דער טויט פון אַ קאַפּיטאַליסט

אַ מוסטער פון קאַפּיטאַליסטישער ענגהאַרציקייט *

קאַלט, האַרט, אָן אַ נשמה, פּונקט ווי דער שטאָל, וואָס זיין טראָסט האָט פאַבריצירט, — אַזוי איז געווען דאָס לעבן און דער טויט פון עלבערט ה. געַרי.

געַרי איז ניט געווען דער רייכסטער מענטש אין אַמעריקע. פאַראַן גרעסערע מיליאָנערן פאַר אים. אָבער ער איז פון אַלעמען אַנערקענט געוואָרן אַלס דער פירער און וואָרט-זאָגער פון גרויס-קאַפּיטאַל. יעדעס וואָרט זיינס פלעגט צעשמירט ווערן אין דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע און פלעגט אויפגענומען ווערן ווי דער לעצטער געבאָט פון וויסן און חכמה. אַפילו אַרבעטער-פירער, וועלכע זיינען געווען פיינט-לאַך צו אים, צוליב זיין שנאה צו אַרבעטער-יוניאָנס, האָבן גערעדט מיט דרך-ארץ וועגן אים און האָבן געגלויבט, אַז ער איז אַ גייסטיגער ריז.

לייענען מיר אָבער איבער זיין צוואה, ווייזט זיך אַרויס ווי קליין קאַפּיטאַל'ס גרעסטער מענטש איז געווען. באַקענענדיק זיך מיט געַרי'ס אַרט לעבן און מיט זיין צוואה, זעט מען ווי אוממענטשלאַך און זינלאָז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז.

געַרי'ס לעבנס-אויפגאַבע איז געווען — צו טרייבן און יאָגן די שקלאַפן פון שטאָל-טראָסט, זיי זאָלן פּראָדוצירן וואָס מער שטאָל, כדי דער טראָסט זאָל מאַכן וואָס מער געלט. ווי דער אַקעאַן ווייס ניט צוליב וואָס מען דאַרף זיינע כוואַליעס, און עס אַרט אים ניט צי זיי לאַשטשען אָדער ציען אַרונטער אין אָפּגרונט, אַזוי איז געווען געַרי אין זיין שקלאַפן-טרייבערשער אַרבעט. פאַראַן אַ כח וואָס מאַכט דעם ים ברויזן — ברויזט ער, אָן אַ ציל. ס'איז נאַטור'ס בלינדער שפּיל. אַזוי האָט געַרי, ווי אַ ווערקצייג פון דער קאַפּיטאַליסטישער

---

* צום טויט פון פרעזידענט פון שטאָל-טראָסט, עלבערט ה געַרי. — „פרייהייט“, 5-טן סעפּטעמבער, 1927, „לעיבאָר דעי“ (טאָג פון אַרבעט).

נאַטור, געטריבן זיינע שקלאַפן צו פּראָדוצירן שטאָל. צו וואָס מען באַדאַרף עס — ניט זיינע דאגות. ניט די דאגה פון שטאָל־טראָסט. וואָס מען טוט מיט דעם שטאָל, צי מען מאַכט מעסערס אויף שניידן ברויט, העק אויף האַקן האָלץ, אייזערנע שטאַנגען אויף בויען גע־ביידעס פאַר וואוינונגען, אָדער רעוואָלווערן, ביקסן, האַרמאַטן, קריג־שיפן, טורמעס, — דאָס איז ניט וויכטיק; דאָס פּראָדוצירן פון שטאָל איז נאָר אויף אַזוי פיל וויכטיג, אויף וויפיל דאָס איז אַ מיטל צו מאַכן געלט.

און געלט הייסט — מאַכט. וואָס רייכער גערי איז געוואָרן פון דעם שווייס פון מענטשלאַכער פּראָצע אַלץ מעכטיקער איז ער און דער שטאָל־טראָסט געוואָרן, און אַלץ מער איינפלוס האָט ער גע־קראָגן איבער דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

מיר קאָנען גוט פאַרשטיין צוליב וואָס דער דורכשניטלאַכער מענטש אַרבעט צו קריגן געלט. דאָס דינט אים אַלס אַ מיטל צו קויפן די נויטיקע לעבנס־מיטלען. מיט געלט קאָן מען געניסן פון אַלדאָס גוטס. אָבער ווען איינער אַרבעט און פּרובירט מאַכן געלט כדי צו לעבן, האָט דאָס איין זין; און ווען איינער לעבט כדי צו זאַמלען געלט, ביז דער פאַרמעגן דערגרייכט אין די הונדערטער און טויזנטער מיליאָנען, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די ביליאָנערן ראָקעפעלער און פאָרד, דאַן האָט עס אַ צווייטן זין. זיי זאַמלען געלט, ניט בלויז כדי דורכדעם צו געניסן פון דעם גוטס, וואָס איז פאַראַן אין דער וועלט. זייער שטרעבונג איז — מאַכט, הערשן איבערן פאָלק, אויסברייטערן די הערשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט.

און טאַקע דערפאַר זעען מיר, ווי די ביליאָנערן אונזערע דערלאָזן ניט, אַז די אַרבעט־צייט פון די אַרבעטער זאָלן פאַרקלענערט ווערן און זייערע שכירות זאָלן פאַרגרעסערט ווערן. די ביליאָנערן וועלן יעדן פאַרלאַנג פון די אַרבעטער פאַר אַ גרעסער שטיקל ברויט, דער־טרינקען אין ימים בלוט און אַלץ כדי זייערע פאַרמעגנס זאָלן ווערן וואָס גרעסער.

אין די פאַבריקן פון דעם שטאָל־טראָסט אַרבעט מען טאָג און נאַכט, פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, צוויי שיפטס (סמיע־נעס) צו צוועלף שעה, זיבן טעג אַ וואָך, שבת און זונטיק. גערי האָט דערשטיקט יעדן פאַרזוך איינצופירן דעם אַכט־שעה'דיקן אַרבעט־

טאג אין זיינע שטאל־פאבריקן. ער האט זיך אפגעזאגט צו צאלן די ארבעטער א לוין, מיט וועלכן זיי זאלן קאנען מאכן אן אנשטענדיקן לעבן.

דער גרונט־פרינציפ פון קאפיטאל איז — מערן זיך, פון איין מיליאן זאל ווערן צוויי, פון צוויי — פיר, פון פיר — אכט, א. א. וו. ניטא קיין גענוג. קאפיטאל רעכנט זיך ניט מיט קיין מענטשלאכע געזעצן. קאפיטאל שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אפ. מען עקספלואַטירט פרויען און קינדער, יונג און אלט. אלע מוזן אפגעבן זייערע לעבנס צו פארגרעסערן דעם וואוקס פון די פארמעגנס פון אונזערע ביליאנערן.

די רייכע קאנען ניט טראכטן פון קיין אנדער זאך, ווי געלט. יעדע זאך ווערט אפגעשאצט אין טערמינען פון דאלארן. ווען זיי קאנען אריינגיסן די וואסער פון אטלאנטישן אקעאן אין פעסלאך און דאס פארקויפן, וואלטן זיי עס געטאן. ווען זיי קאנען פאנגען יעדן פויגל, אויסרייסן יעדע בלום, אויסהאקן יעדן בוים פון וואלד און דאס אלץ אויסבייטן אויף געלט, וואלטן זיי עס געטאן. זיי קאנען ניט דענקען, ניט ביים לעבן און ניט ביים טויט, פון קיין אנדער זאך, ווי געלט. ווייל געלט איז מאכט.

די צוואה (צאוואע) פון א קאפיטאליסט

ווען מען לייענט איבער גערי'ס צוואה, באקומט מען דעם איינדרוק, ווי דער מענטש וואלט זיך געקליבן אוועקפארן ערגעץ אויף וואקאציע, און ער לאזט איבער ארדערס פאר זיינע פארוואלטערס, ווי אזוי צו פירן זיינע געשעפטן און פארוואלטן מיט זיינע מיליאנען.

גערי זאגט אן זיינע קינדער אין זיין צוואה, אז זיי זאלן ניט לייען קיינעם קיין געלט. ער זאגט זיי, וואס פאר אן אינוועסטמענטס צו מאכן, און וועלכע ניט. ער זאגט אן, אז די פרוי זיינע זאל וואוינען אין דער זעלביקער הויז, און אויב עס וועט פאר איר זיין שווער אויסצוהאלטן די הויז, זאלן די פארוואלטער זיינע די הויז פארקויפן, אויב זיי וועלן קריגן א גוטן פרייז. טאמער וועט מען, חלילה, פארקויפן די הויז ניט פאר אזא מין געהויבענעם פרייז, וועט אים זיין, מסתמא, הארט צו ליגן אין קבר.

ניטאָ אין דער גאַנצער צוואה קיין שום אַנדער זאַך, חוץ ביזנעס־חשבונות און קאַלטע ציפערן. דער מענטש האָט ניט געקענט דענקען פון קיין אַנדער זאַך, ווי פון געלט. דאָס האָט אים באַהערשט דעם גאַנצן לעבן און אויך ביי זיין טויט. פונקט אַזוי ווי ביים לעבן האָט ער געהערשט מיט אַן אייזערנער פויסט און איז געווען דער דיקטאַ־טאָר, אַזוי וויל ער דורך זיין צוואה, ליגנדיק אין קבר, דיקטירן ביז דער אומענדלאַכקייט.

אַזוי פיל געלט — זאָגט גערי אַן אין זיין צוואה — זאָל קריגן די טאָכטער. ווען זי וועט שטאַרבן, זאָל דאָס געלט איבערגיין צו אירע קינדער, א. אַ. וו.

די עטלאָכע טויזנטער, וועלכע ער האָט אָפּגעשריבן פאַר געוויסע קאַלעדזשעס און פאַר די דינער, זיינען נישטיק אין פאַרגלייך מיט זיין פאַרמעגן.

גערי האָט פאַרלאָרן יעדן חוש פון מענטשלאַכקייט. ער איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ רעכן־מאַשין, צו ציילן זיין פאַרמעגן און דעם פאַרמעגן פון שטאָל־טראַסט. און גערי איז דאָך ניט סתם אַן איינ־צעלנער. ער איז דאָך דער סימבאָל פון גרויס־קאַפּיטאַל.

סאַקאָ און וואַנזעטי

פאַרגלייכט מען גערי'ס טויט, און דעם אופן, ווי עס זיינען גע־שטאָרבן סאַקאָ און וואַנזעטי, זעען מיר דעם אונטערשייד צווישן צוויי וועלטן: די קאַפּיטאַליסטישע וועלט און די אַרבעטער וועלט.

סאַקאָ און וואַנזעטי שטעלן מיט זיך פאָר די אידעאַלן פון די אַרבעטער, און גערי — די אידעאַלן פון קאַפּיטאַל.

קאַפּיטאַל האָט ניט אין זינען קיינעם, חוץ זיך און זיינע קאַ־פּיטאַליסטישע אינטערעסן. די קאַפּיטאַליסטן בויען זייער גליק אויף די טרערן און אויף דעם אומגליק פון אַנדערע, בעת די אַרבעטער זעען זייער גליק אין דעם גליק פון זייערע מיטמענטשן. אונזערע צוויי אַרבעטער־מאַרטירער, סאַקאָ און וואַנזעטי, האָבן ביי זייער לעבן אוועקגעגעבן יעדע מינוט פון זייער פרייער צייט, יעדן סענט, וועלכן זיי האָבן געקענט שפּאָרן, צו אַרבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער און צו שאַפן אַן אָרדנונג, וועלכע וועט מאַכן מעגלאַך פאַר

אלעמען צו געניסן פון אלע רייכטימער פון דער וועלט. און נאך זיבן יאר אינקוויזיציע, וואס זיי זיינען דורכגעגאנגען, האבן זיי אפילו א מינוט פארן טויט געטראכט פון אנדערע מער ווי פון זיך.

לייענט מען איבער דעם בריוו, וואס סאקא האט געשריבן צו זיין זון, זעט מען, וואס פאר א טיף־פילנדיקע און מענטשלאכע נשמה סאקא האט פארמאגט. אין דעם בריוו רעדט ער ניט וועגן סעקיור־ריטים און ריעל־עסטייט — זאכן, מיט וועלכע גערי'ס צוואה איז אנגעפילט. דארטן וועט איר געפינען וועגן דער שיינקייט פון דער נאטור; דארט שרייבט סאקא צו זיין זון, אז ער זאל קעמפן פאר די שוואכע און אונטערדריקטע, און זאל זעען צו העלפן יעדן, וועלכער נויטיקט זיך אין הילף. און גערי פארזאגט זיינע קינדער ניט צו לייען קיינעם קיין געלט. דאס הייסט: ניט העלפן יענעם, ווען ער איז אין נויט.

צום באדויערן, באהערשן נאך די וועלט די גערים, און דער גראַ־בער עגאאיזם און מאטעריאליזם, מיט וועלכן גערי האט זיך אויס־געצייכנט. כאפ אריין אלץ, און וואס מער, אלץ פאר זיך. „מאינד יור און ביזנעס" (האב אין זינען דיינע אייגענע געשעפטן) — איז א פאפולער ווערטל אין אמעריקע. דאס איז דער גרונט־פרינציפ פון קאפיטאל. און די וואס טרעטן ארויס געגן אזא ארדנונג, וועלכע האט פארוואנדלט דעם מענטשן אין א ווילדער חיה, דערווארט אזא גורל, ווי די ארבעטער־מארטירער, סאקא און וואנזעטי, האבן געהאט.

— עס וועט קומען א צייט, — האט סאקא געשריבן זיין זון — ווען מ'וועט אפשאפן טורמעס און דעם עלעקטרישן שטול. מען וועט אנשטאט טורמעס בויען סקולס.

וואנזעטי האט געזאגט, אז ער איז מוחל די, וועלכע העלפן אים טויטן. וואנזעטי, מיט זיין פילאזאפישן מוח, האט פארשטאנען, אז שולדיק זיינען ניט אזוי פיל די עטלאכע פערזאנען. שולדיק איז די קאפיטאליסטישע סיסטעם. די פולערס און די גערים קענען זיך אויפ־האלטן בלויז אין אן ארדנונג, וואו גאלד רעגירט.

קאפיטאל איז הארצלאז, ברוטאל און אן א נשמה. קאפיטאליסטן פראדוצירן ניט פארן געברויך, נאר כדי צו פראדוצירן, כדי צו קענען פארקויפן אזוי ביליק, אדער נאך ביליקער, ווי דער צווייטער. דארף מען צווינגען די ארבעטער צו ארבעטן לאנגע שטונדן פאר נידעריקע

שכירות. און ווען די אַרבעטער קריגן נידעריקע שכירות, האָבן זיי ניט מיט וואָס צו קויפן די אַרטיקלען. בלייבן די אַרטיקלען ליגן אויף די פּאָליצעס פון די קראָמען. ווען די קראָמען זיינען אָנגעפילט מיט סחורה, און קיין קויפער זיינען ניטאָ, מאַכן ניט די קרעמער קיין נייע באַשטעלונגען און די פאַבריקאַנטן זיינען געצוואונגען אָפּצוזאָגן די אַרבעטער. הונגערן די אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער. דעמאָלט ווערט דער מאַרק איבערפילט מיט סחורות. די, וועלכע האָבן דאָס געלט, קענען עס ניט פאַרברויכן, און די מיליאָנען אַרבעטער, וועלכע גייען אַרום הונגעריק, נאַקעט און באָרוועס, האָבן ניט מיט וואָס צו קויפן. זיי הונגערן, ווייל זיי האָבן פּראָדוצירט צופיל.

און דאָ, ווען עס קומט „לייבאָר דעי״, ריידן אונזערע פּאָלי־טישנס וועגן דער מזל־ברכה פון אַרבעט, און באַשיטן מיט קאָמפּלי־מענטן דעם אַרבעטער.

ניין, ניט היינט קענען מיר פייערן דעם זיג פון אַרבעט. דער אַרבעטער ליגט געשמידט אין קייטן, ווערט גענאַרט און פאַרראַטן פון געוויסנלאָזע פּאָליטישנס. די, וועלכע ריידן וועגן דער מזל־ברכה פון אַרבעט, אַרבעטן אַליין ניט, וועלן ניט אַרבעטן און זוכן צו פאַר־זאָרגן זייערע קינדער, זיי זאָלן אויך ניט דאַרפן אַרבעטן.

אָבער ניט אייביק וועט עס אַזוי זיין. ניט אומזיסט קעמפן און שטאַרבן די סאַקאָס און די וואַנזעטיס. ניט אייביק וועט דער אַר־בעטער שקלאַפן, כדי צו שאַפן פאַר אַ הייפעלע — ריזיקע פאַרמעגנס. עס וועט קומען די צייט, ווען די אַרבעטער וועלן קריגן די פולע פרוכט פון זייער אַרבעט. דעמאָלט וועט אַרבעט באמת זיין אַ מזל־ברכה. דעמאָלט וועט זיין דער אמת׳ער „לייבאָר דעי״!

דער „נייער יוניאָניזם“

און וואָס ער באַדייט פאַר די אַרבעטער *

מר. גרין, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, גיסט נעבאַך אויס זיין ביטער האַרץ אין דער „ניו יאָרק טיימס“. מר. גרין באַקלאָגט זיך, אַז די נעשאַנאַל מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו פאַרניכטן טרייד יוניאָניזם.

די נעשאַנאַל מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן — זאָגט גרין — באַטייליקט זיך אַקטיוו אויף דער זייט פון דער ניו יאָרקער „אינטערבאָראָ ראַפּיד טראַנזיט קאָמפּאַניע“, וועלכע האָט זיך געווענדעט אין קאָורט נאָך אַן אינדזשאַנקשאַן צו פאַרווערן די יוניאַן פון די סאָבוויי־אַרבעטער און די אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר צו אָרגאַניזירן „אירע“ אַרבעטער. אַזוי פאַראינטערעסירט איז די נעשאַנאַל מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, אַז די אינטערבאָראָ זאָל דעם אינדזשאַנקשאַן קריגן, אַז זייער מענעדזשער פון דעם דעפּאַרטמענט, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט אינדוסטריעלע באַציאונגען, האָט צוליב דעם ענין געשיקט צושריפטן צו מענעדזשערס און פאַבריקאַנטן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, און ער האָט זיי אויפגעפאָדערט, אַז זיי זאָלן צושטעלן צו דער אַסאָסיאיישאַן פולע אינפאָרמאַציע וועגן די פראַגן אין דעם קאַמף צווישן דער יוניאַן און דער אינטערבאָראָ.

פאַרשטייט זיך, זאָגט גרין, אַז די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן דאַרף די אינפאָרמאַציע, כדי זי זאָל בעסער קענען העלפן דער אינטערבאָראָ געווינען אַ זיג איבער דער יוניאַן.

— מען באַשולדיקט אונז, אַז מיר פּלאַנעווען צו רופן אַ סטרייק אויף די ניו יאָרקער סאָבווייס. דאָס איז ניט אמת — דערקלערט מר. גרין. — אַנשטאָט צו טראַכטן וועגן אַ סטרייק, טראַכטן מיר גאָר וועגן אינדוסטריעלן פרידן. מיר ווילן טאָן דאָס, וואָס וועט פאַרהיטן אַ סטרייק און איינשטעלן קאָאָפּעראַציע און פאַרשטענדעניש צווישן באַלעבאַטים און אַרבעטער.

* „פרייהייט“.

אַלץ וואָס מר. גרין וויל איז, אַז מען זאָל ניט געבן דער אינטער־באָראָ קיין אינדזשאַקשאַן, וואָס זאָל פאַרווערן די א. פ. און ל. צו אָרגאַניזירן יענע אַרבעטער פון דער קאָמפּאַניע, וועלכע וועלן פּיליכט זיך וועלן אַנשליסן אַן דער יוניאַן.

מר. גרינ'ס דערקלערונג איז באמת אימשטאַנד אַרויסצורופן סימ־פּאַטישע געפילן. וואָרים וואָס הייסט מען מאַכט אַ קאָנספּיראַציע צו פאַרניכטן גרינ'ס יוניאָנס?

וויפיל האָט דען גרין ניט געאַרבעט צו מאַכן די יוניאָנס „רעס־פּעקטאַבל"? טאָמער האָט ערגעץ אַ יוניאָן געהאַט אין איר קאָנסטי־טוציע עפּעס אַזוינס, קעגן וועלכעס די נעשאָנאַל מאַנופעקטשורערס אַסס'ן, אָדער אַן אַנדער קערפּערשאַפט פון פּאַטריאָטישע און הונ־דערט־פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער דזשענטלליים, האָבן געקענט אויס־זעצן, האָט מען עס אַרויסגעשמיסן. אַלע קאָמוניסטן, אַלע לינקע, אַלע אויף וועמען עס איז נאָר געווען דער קלענסטער פאַרדאַכט, אַז זיי זיינען ניט חלילה קיין פולע הונדערט פּראָצענט אַמעריקאַנער פּאַט־ריאָטן, לויט דעם געשמאַק פון דער נעשאָנאַל מאַנופעקטשורערס אַסאָ־סיאיישאַן, האָבן גרין און זיינע לייט אַרויסגעוואָרפן פון דער יוניאָן. וואָס נאָך וויל די אַסאָסיאיישאַן?

מיט דער פּראָגראַם און מיט דער פּאָליסי פון דער פעדעריישאַן דאַרף, דאַכט זיך, די באַלעבאַטים־אַסס'ן זיין צופרידן. די פירער פון דער פעדעריישאַן גלויבן דאָך אין די זעלביקע זאַכן, אין וואָס די פירער פון דער נעשאָנאַל מאַנופעקטשורערס אַסס'ן גלויבן. ביידע צעריסן זיך שרייענדיק, אַז זיי זיינען די אמת'ע הונדערט־פּראָצענ־טיקע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן. די פירער פון דער פעדעריישאַן, פּונקט ווי די פירער פון דער נעשאָנאַל מאַנופעקטשורערס אַסס'ן, זיינען קעגן סטרייקס, און פרייזדיקן קאָאָפּעראַציע, פרידן און שותפות צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. ביידע זיינען אפילו פאַרבונדן מיט דער זעלבי־קער סיוויק פעדעריישאַן.* די פירער פון דער אַמ. פעדעריישאַן אוו לייבאָר און פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן זיינען אָנגע־

* אַ רעאַקציאָנער־פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציע, וואו געוויסע פירער פון דער אַ. פ. אָוו ל. און אַלערליי מאַגנאַטן זיינען מיטגלידער. מעטיו וואָל איז דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע.

זעענע מיטגלידער אין דער דעמאקראטישער און רעפובליקאנישער פארטייען. האט די נעשאנאל מאנופעקטשורערס אסס'ן ארויסגעלאזן א לאזונג „מאסן־פראדוקציע" און „עפישענסי", האבן עס די פירער פון דער פעדערייששאן גלייך אויפגעכאפט און דערהויבן צו א פאט־ריאטישער פליכט. עס איז געווארן די פליכט פון יעדן ארבעטער צו יאגן זיך ביי דער ארבעט. דער וואס וויל ניט ארבעטן איבער די כחות, דער וואס וויל ניט אוועקפאלן ביי דער ארבעט, ווערט געשטעמפלט ווי א רויטער, א באלשעוויק, א קאמוניסט און א שונא פון לאנד. די יוניאנס זיינען דאך שוין ניט מער קיין קערפערשאפטן, וועלכע פירן אן קאמפן מיט די באלעבאטים. די ארגאנייזערס פון דער פע־דערייששאן זיינען דאך ניט קיין אגיטאטארס, „טראבל"־מאכערס און פראפאגאנדיסטן, ווי אמאל.

דער „נייער יוניאניזם" פארקויפט זיך...

עס וואלט געווען א יושר, אז מען זאל שוין אויך בייטן דעם נאמען פון „ארגאנייזער" אויף „סיילסמאן". דאס ווארט „ארגאניי־זער" איז נאך פארבליבן פון די אמאליקע, אלטע צייטן, ווען מען האט געגלויבט, אז ארבעט און קאפיטאל האבן פארשיידענע אינ־טערעסן, און ווען די טרייד־יוניאנס האבן ניט געגלויבט, אז עס איז זייער פליכט זיך צו פאראייניקן מיט די באלעבאטים, כדי איינצו־פירן אזא שקלאפעריי אין די שעפער און אזא יאגעניש, פון וועלכער מען זאל אוועקפאלן ביי דער ארבעט.

אין יענע צייטן וואלט מען דאך געהאלטן פאר א משוגענעם אזעלכן, וואס וואלט זיך אונטערגענומען צו איבערציי׳גן די באלע־באטים, אז אין יוניאן־שעפער און יוניאן־פאבריקן ארבעט מען ביליי־קער, ווי אין סקעב־שעפער, און עס איז גאר אין די אינטערעסן פון הי באלעבאטים, אז די ארבעטער זאלן זיין ארגאניזירט. אבער היינט ליינט זיך גרין אין דער ליינג און אין דער ברייט צו באווייזן, אז יוניאן־ארבעט צאלט זיך בעסער, ווי סקעב־ארבעט; אז די טרייד־יוניאן באוועגונג קאן ברייננגען פיל נוצען די אינדוסטריען.

די ראל פון דעם ארגאנייזער האט זיך געביטן. אמאל האט ער געדארפט בלויז איבערציי׳גן די ארבעטער, אז א יוניאן קען פארבע־סערן זייער לאגע. ווען זיי וועלן זיין ארגאניזירט — וועלן זיי אר־

בעטן קירצערע שטונדן, וועלן קריגן העכערע שכירות, וועלן ניט דארפן אזוי שווער ארבעטן און דער באלעבאָס וועט זיך מוזן מיט זיי רעכענען און באהאנדלען זיי ווי מענטשן. היינט אָבער שפּילט דער ארבעטער ביים ארגאניייזער ניט אזא ראָלע. היינט זוכט די פעדערייישאָן צו באקערן צום טרייד־יוניאָניזם די באלעבאטים! און, פארשטייט זיך, אז די באלעבאטים קאָן מען ניט מאכן פאר קיין גלויביקע אין טרייד־יוניאָניזם דורך דער זעלביקער אגיטאציע, וואָס מ׳האָט באנוצט פאר די ארבעטער. ארגאניייזערס קענען גארניט מאכן מיט די באלעבאטים. צו זיי דארף מען שיקן — ס י י ל ס ל י י ט.

האָט טאָקע מר. גרין דערפונדן אזעלכע לאָזונגען, ווי — „ט ר י י ד י ו נ י אָ נ י ז ם, וואָס ב א צ א ל ט זיך“. מען דארף נאָר אנשטעלן די אמת׳ע פּייאיקע ס י י ל ס ל י י ט צו פ א ר ק ו י פ ן ט ר י י ד י ו נ י אָ נ י ז ם צו די באלעבאטים, ווי מען פארקויפט זיי, צום ביישפּיל, אינשורענס.

און דאָס האָבן די פירער פון דער פעדערייישאָן אויסגעצייכנט דורכגעפירט. מען האָט געדערעדט צו די באלעבאטים מער ווי צו די ארבעטער. מען האָט זיי געוואָלט „פארקויפן טרייד יוניאָניזם“ און מען האָט זיך געסטארעט זיי צו איבערצייגן, אז טרייד־יוניאָניזם וועט ניט פארקלענערן, נאָר פארגרעסערן זייערע פּראָפיטן; אז יוניאָן־ארבעט איז ביליקער ווי ניט־יוניאָן ארבעט.

אלע קאפּיטאליסטישע צייטונגען, אלע אינדוסטריעלע מאגנאטן האָבן באשאָטן מיט קאָמפּלימענטן די אַפּאָסטאָלן פון דעם מין יוניאָניזם. זיי האָבן זיך דערקלערט אין ליבע צו דעם יוניאָניזם. אָבער — חתונה האָבן, מאכן אגרימענטס, ווילן זיי ניט. און מיט דעם אויסנאָם פון מר. נעש, אלאוו השנאבל, האָט קיין באלעבאָס מיט׳ן אייגענעם פרייען ווילן ניט אָנגענומען דעם גרין־הילמאַן יוניאָניזם.*

נאָכ׳ן שכל נאָך, האָבן די באלעבאטים באדארפט אויפכאַפּן גרינ׳ס יוניאָניזם, ווי מצה־וואַסער. אויב אזעלכע יוניאָנס וואָלטן ניט

---

* הילמאַן איז דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן פון די מענער־קליידער ארבעטער (אמאלגאמייטעד). ער איז איינער פון די הויפּט־פירער פון דעם „נייעם יוניאָניזם“. ארטור נעש איז געווען א קליידער־פאבריקאנט אין סינסינעטי, וועלכער האָט פרייוויליק געשלאָסן אן אָפּמאך מיט דער יוניאָן און פלעגט אגיטירן צום גונסטן פון דער יוניאָן.

עקזיסטירט, וואלט עס באדארפט זיין אין זייערע אינטערעסן צו גרינדן זיי. צום סוף זיינען גאר די באלעבאטים אזעלכע באלוואנעס, אז זיי פאנגען ניט אן צו פארשטיין, וואס פאר זיי איז גוט און מאכן נאר קאנספיראציעס די יוניאנס צו פארניכטן! אט אזוי דינען זיי עס אפ גרינ׳ען פאר אלץ, וואס ער האט געטאן צו פארוואנדלען די יוניאנס אין נוצלאכע אינסטיטוציעס פאר די באלעבאטים!

דער אמת איז אבער, אז גרינ׳ס „נייער יוניאניזם“ איז אן ארטיקל, וואס קיינער דארף ניט האבן. די ארבעטער דארפן אזא מין יוניאניזם ניט האבן, און די באלעבאטים האלטן, אז מען קען זיך באגיין אינגאנצן אן יוניאנס.

די לעצטע פאסירונגען אין דער מיינערס יוניאן, און איצט די האנדלונג פון דער נעשאנאל מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, האבן דאכט זיך, אפילו א בלינדן געדארפט עפענען די אויגן, ער זאל זען ווי לעכערלאך עס איז זיך צו האלטן ביי דער אידייע פון שותפות צווישן ארבעט און קאפיטאל, און צו האפן, אז מען קאן איבערצייגן די באלעבאטים, אז עס איז אין זייערע אינטערעסן, אז זייערע ארבעטער זאלן זיך ארגאניזירן. ניטא אזעלכע „קלוגע“ און „געבילדעטע“ באלעבאטים, וועלכע זאלן עס קאנען פארשטיין. טא וואס איז די פעולה פון פריידיקן עס?

די באלעבאטים ווייסן ניט פון קיין אנדער לאגיק, ווי די לאגיק פון צאלן וואס וויניקער. מעג גרין מאכן, אז יוניאן־ארבעטער זאלן ארבעטן ליינגער, פאר קלענערע שכירות, ווי ניט קיין יוניאן־לייט, וועלן אלץ די באלעבאטים וועלן די ניט־יוניאן לייט. ווייל די באלעבאטים האבן מורא אפילו פארן געדאנק, אז זייערע ארבעטער זיינען ארגאניזירט אין א יוניאן. זיי האבן מורא, אז זייענדיק ארגאניזירט, קאנען נאך די ארבעטער אין דער צוקונפט ניט לאזן זיך אזוי שטארק עקספלואטירן. דעריבער ווילן די באלעבאטים, אז זייערע ארבעטער זאלן אינגאנצן ניט זיין ארגאניזירט.

אבער גרין האלט זיך נאך אלץ ביי זיין טעאריע און פראקטיצירט נאך אלץ די זעלביקע פאליסי, וועלכע האט געבראכט אזעלכע קאטאסטראפאלע רעזולטאטן אין די יוניאנס און האט די ארבעטער געבראכט צו דעם איצטיקן טרויעריקן צושטאנד, ווי מיר זעען עס ביי די מיינערס און די נאדל־טרייד ארבעטער.

די פירער פון דער אמעריקאן פעדערייש̄אן אוו לייבאר — דער אומגליק פון די ארבעטער

עטלאכע פאקטן פון זייער טעטיקייט *

„די קלוגע פאליסים און די שטאטסמאנשאפט פון אירע פירער, האט געשאפן פאר דער אמעריקאן פעדערייש̄אן אוו לייבאר א נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע רעפוטאציע.“

אזוי שרייבט מר. וויליאם גרין, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערייש̄אן אוו לייבאר.

עס איז קיין צווייפל ניט, אז די אמעריקאן פעדערייש̄אן אוו לייבאר האט זיך געשאפן א גוטן נאמען און א גאלדענע רעפוטאציע, און טאקע אין די העכסטע קרייזן פון דער געזעלשאפט. ריכטער, קאנגרעסלייט, סענאטארן, מעיארס, גאווערנארס, פרעזידענטן, פאבריקאנטן, באנקירן, באלעבאטישע אסאסיאיישאנס, קאפיטאליסטישע צייטונגען, גלחים, אדמיראלן און גענעראלן — מיט איין ווארט, די גאנצע „סמעטענע“ פון דער מענטשהייט, איז אנטציקט פון די פירער פון דער פעדערייש̄אן, און פון זייער פאטריאטישער ארבעט.

וואלטן די אלע אויסגערעכנטע עלעמענטן זיך געגויטיקט אין ארגאניזערס זיי צו ארגאניזירן, וואלטן זיי קיין מינוט ניט געטראכט און אנפארטרויט די ארבעט צו די פירער פון דער פעדערייש̄אן. א קלייניקייט! אזעלכע פאליטיקער און שטאטסלייט! האט אבער דער שיקזאל אזוי באשטימט, אז דוקא די וועלכע זיינען די אמת׳ע מבינים אויף די גרינס, די וואלס און די מעהאנס ** און פארשטייען ווי אפ-

---

* „פרייהייט“, 15 מערץ, 1928.

** מעטיו וואל איז דער וויצע־פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערייש̄אן אוו לייבאר. וויליאם ד. מעהאן איז דער פרעזידענט פון דער יוניאן פון טראמוויי און סאבוויי ארבעטער.

צושאצן זיי, דארפן קיין ארגאניזערס ניט. יענע עלעמענטן זיינען שוין גוט ארגאניזירט. און די ארבעטער, וועמען די לייבאר טשיפס דארפן ארגאניזירן, האבן דוקא א שלעכטע מיינונג וועגן זיי...

פרובירט נאר אקארשט א רייד טאן מיט די שטאל־ארבעטער, וועט איר הערן וואס פאר א רעפוטאציע די פעדערייש‌אן האט זיך ביי זיי געשאפן.

די שטאל־ארבעטער שקלאפן פאר 15־20 דאלאר א וואך, 12 שעה א טאג, 7 טעג אין דער וואך, שבת און זונטיק און אלע ימים־טובים, — נאטירלאך, ווען עס איז נאר דא ארבעט. ווען עס ווערט סלעק, ווארפט מען די ארבעטער ארויס. די שטאל־ארבעטער פארשטייען, אז דורך א יוניאן, דורך אייניקייט, דורך ארגאניזאציע און קאמף, וואלטן זיי געקענט פארבעסערן זייער לאגע. אבער גיין צו די שווינדלער פון דער אמעריקאן פעדערייש‌אן, ווילן זיי ניט. זיי האבן שוין געזען די גוטע ארבעט פון א. פ. או ל. אין צייט פון גרויסן שטאל־סטרייק, אין 1913. זיי האבן געסטרייקט, געפיקעט, געקראגן די קעפ צעשפאלטן פון דער פאליציי, געטראמפלט געווארן פון די פערדישע פארקאוועס. און וואס האבן די פירער געטאן? זיינען די פרעזידענטן פון די פארשיידענע יוניאנס געקומען צו הילף, ווען הילף איז געווען אזוי שטארק נויטיק? האבן זיי אויפגענומען דעם ריזיקן קאמף פונם שטאל־ארבעטער, ווי זייער אייגענעם? ניין. יעדער איינער פון די פרעזידענטן פון די פארשיידענע יוניאנס האט געזוכט ארויסצושלעפן פאר זיך און פאר זיין קליקע וואס מער. די ארבעט צו ארגאניזירן די שטאל־סטרייקער איז איבערגעלאזן געווארן פאר א הייפעלע. אזוי איז דער סטרייק פארלארן געגאנגען, און ארבעטער — באזיגטע, ני־דערגעשלאגענע, צעבראכענע פיזיש און גייסטיק, האבן זיך געמוזט אומקערן צוריק צו דער ארבעט, אונטער די שענדלאכסטע באדינגונ־גען.

אדער נעמט די ארבעטער אין די פעקינג־הייזער פון די פלייש־טראסטס.

צוויי הונדערט טויזנט ארבעטער זיינען אין דער אינדוסטריע געווען ארגאניזירט, האבן געוואונען אן אכט־שעה־דיקן ארבעט־טאג, א העכערונג אין שכירות און בעסערע ארבעטס־באדינגונגען. זיינען אבער געקומען די שווינדלער פון דער פעדערייש‌אן, און האבן די

יוניאָן צעבראָכן אויף שטיקלאַך. אין די שלאַכט־הייזער אין שיקאַגאָ זיינען פאַראַן אַרבעטער פון צענדליקער פאַרשיידענע טריידס. אָר־גאַניזירן זיי אין באַזונדערע יוניאָנס איז אוממעגלאַך. האָט מען זיי אָרגאַניזירט אין אַן אינדוסטריעלער יוניאָן. זיינען אָבער געקומען די פּרעזידענטן און האָבן אָנגעהויבן אַ יורישדיקציע־קאַמף. יעדער צאַר האָט געפאָדערט זיינע אונטערטאַנען. דזשאָן פיטצפּעטריק, דער פּרעזידענט פון דער שיקאַגער פעדערייישאַן, איז נאָך דאַן ניט געווען אַזאַ רעאַקציאָנער, ווי איצט, ניט געווען פאַרקויפט צו דער מאַשין. האָט ער זיך געשטעלט קעגן דעם פאַרזוך צו שפּאַלטן די יוניאָן. ער האָט געטענה׳ט, אַז די יוניאָן וועט איינגאַנצן אונטערגיין, אויב מען וועט די אַרבעטער פאַנאַנדערטיילן אין די פאַרשיידענע אינטערנע־שאַנאַלס. אָבער גאָמפּערס האָט געהאַלטן מיט די פּרעזידענטן פון די קרעפט (איך מעגט עס לעזן: גרעפט) יוניאָנס. דער סוף איז גע־ווען, אַז מען האָט די מעכטיקע יוניאָן צעטיילט. זיינען נאָכדעם, פאַר־שטייט זיך, געקומען די מאַגנאַטן פון די פּעקינג־הייזער און איינ־געפירט דעם אָפּען שאָפּ, אָרגאַניזירט קאָמפּאַני־יוניאָנס, און די באַ־דינגונגען פון די אַרבעטער זיינען איצט שרעקלאַכע.

אַן ענלאַכע געשיכטע האָט פּאַסירט אין סטילטאָן, פּענסילווייניע. די דאָרטיגע שטאָל־אַרבעטער האָבן געסטרייקט און געוואונען די אָנערקענונג פון דער יוניאָן און וויכטיקע פאַרבעסערונגען. דער איינ־טערעס פון די אַרבעטער צו דער יוניאָן איז געווען גרויס. עס איז ניט געווען אין שטאָט אַ האָל וואָס זאָל זיין גענוג גרויס פאַר די יוניאָן־מיטינגען און מען האָט געמוזט די מיטינגען אָפּהאַלטן אין עטלאַכע האָלס. זיינען אָבער געקומען די פּרעזידענטן פון די קרעפט־יוניאָנס — די, וועלכע האָבן קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער ניט אַריינגעלייגט צו אָרגאַניזירן די יוניאָן — און גענומען פאָדערן, אַז מען זאָל זיי אָפּגעבן „זייערע" מיטגלידער. זיי דאַרפן האָבן שטייער־צאָלער. האָט מען גענומען שלעפּן, רייסן שטיקער, ביז די יוניאָן איז אַזוי צעטיילט און צעבראָכן געוואָרן, אַז די באַלעבאָטים האָבן דער־זען אַ געלעגנהייט איינגאַנצן פּטור צו ווערן פון איר. איצט איז אין סטילטאָן קיין יוניאָן ניטאָ.

נו, וואָס פאַר אַ נאָמען די פירער פון דער פעדערייישאַן האָבן זיך געשאַפן ביי די מיינערס, ביי די קלאָוק־ און דרעסמאַכער, און די פאַריערס, איז גוט באַקאַנט.

אבער דעם אמת'ן פרצוף פון די פירער פון דער א. פ. און ל. האט מען געקענט דערזען פון זייער האנדלונג בנוגע די סאבוויי־ארבעטער אין ניו יארק.

א גאנץ יאר האט מען פון די פירער קיין ווארט ניט געהערט. מיטאמאל יאוועו זיך די גרויסע מענטשן. מאהאן קומט אן פון דע־טראיט און גרין פון וואשינגטאן, און מען מאכט א טומל. אט גייט מען קעמפן, סטרייקן, ביז איין מאל פאר אלע מאל — די קאמפאני וועט אנערקענען דאס רעכט פון די ארבעטער צו ארגאניזירן זיך, צו באלאנגען צו וועלכער יוניאן זיי ווילן. און אז עס איז געקומען דער מאמענט, ווען מער בלאפן האט מען ניט געקענט און מען האט געמוזט האנדלען, — זיינען די הויפט־באאמטע אויסגערונען געווארן און האבן איבערגעלאזן די בלאף־ארבעט פאר די קלענערע באאמטע.

די פירער ליגן זייערע האפענונגען אויף דעם מעיאר פון ניו יארק. ער האט פאראיארן געקראגן פאר זיי א „זיג" און ער וועט איצט אויך קריגן פאר זיי א „זיג".

פאראיארן, ווען עס האט געהאלטן ביי א סטרייק אויף די סאב־וויים, האט דער מעיאר פון ניו יארק, מר. וואקער, גערופן די פירער פון דער יוניאן און די פארטרעטער פון דער קאמפאני און דעם סכסוך אזוי אויסגעגלייכט, אז ס'איז ארויסגעקומען א „זיג" פאר די ארבע־טער. דער „זיג" איז באשטאנען אין דעם, וואס די קאמפאני האט איינגעשטימט ניט צו דיסקרימינירן קעגן די ארבעטער וועלכע ווילן זיך אנשליסן אן דער יוניאן. אזוי האבן די פעדערייישאן־פירער דער־ציילט, און זיי האבן אויך גע'טענה'ט, אז דאס איז א גרויסער זיג. אמת, דער פרעזידענט פון דער קאמפאני האט עס אפגעלייקנט. ער האט אנדערש פארשטאנען דעם אפמאך. אבער ווער דארף זיך דען רעכענען מיט דעם וואס יענער דיינקט? דער עיקר איז דער מעיאר. אויף אים קאנען זיך די ארבעטער פארלאזן. און אז ער זאגט, אז מען וועט ניט דיסקרימינירן, וועט מען ניט דיסקרימינירן.

די קאמפאני האט זיך גלייך נאך דעם „זיגרייכן" „קאנטראקט" געווענדעט אין געריכט נאך אן אינדזשאנקשאן. די קאמפאני האט גע'טענה'ט, אז אויב מען וועט ניט פארבאטן די אמעריקאן פעדע־ריישאן און לייבאר צו ארגאניזירן די ארבעטער, וועלן די ארבע־טער ארויסרופן א סטרייק. אבער פרעזידענט גרין און די אנדערע

פירער האָבן זיך אַזש דערפילט באַליידיגט פון אַזאַ באַשולדיגונג. וואָס הייסט עפּעס רופן אַ סטרייק? וואָס זיינען זיי, באַלשעוויקעס, חלילה? זיי אַרבעטן דאָך גאָר פאַר שלום, האַרמאָניע און קאָאָפּעראַציע צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט!

אַלץ וואָס זיי ווילן איז — האָבן אַ רעכט פרידלאַך צו אַגיטירן צווישן די אַרבעטער, און די, וועלכע ווילן זיך פרייוויליק אַנשליסן אַן דער יוניאָן, זאָלן עפּעס קאָנען טאָן. האָט טאַקע דער ריכטער ניט איינגעזען צו וואָס די קאָמפּאַני דאַרף אַן אינדזשאַנקשאַן באַצייטנס. ווען עס וועט קומען צו אַ סטרייק, וועט מען זען. אַן אינדזשאַנקשאַן אַרויסגעבן געדויערט ניט קיין מאָנאַטן, אַפילו ניט קיין וואָכן, מען טוט עס איינס און צוויי... האָט דער ריכטער דעם פאַרלאַנג פון דער קאָמפּאַני צוריקגעוויזן.

נו, האָבן זיך עס די פירער פון דער פעדערייישאַן צעשריען, אַז זיי האָבן דאָ געכאַפּט אַ זיג! ניט בלויז איז עס אַ זיג פאַר די סאָבוויי אַרבעטער — וועלכע וועלן זיך איצט קענען אָרגאַניזירן אומגעשטערט — נאָר פאַר „אָרגאַנייזד לייבאָר“ איבערן גאַנצן לאַנד. איז געגאַנגען דער פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַני און זיי פאַרשטערט זייער שמחה. ער האָט געמאַכט אויס זיג. ער האָט גענומען אַרויסוואַרפן די, וועלכע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אַן דער יוניאָן. זיינען די פירער געלאָפן צום ריכטער: סטייטש, דו האָסט דאָך געפּסק'נט, אַז די אַרבעטער מעגן זיך אַנשליסן אַן דער יוניאָן? האָט דער ריכטער געזאָגט, אַז ער קען גאָרניט העלפן. ער האָט דערביי ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען די פירער, אַז זיי זאָלן האָבן אינזינען „דעם עולם“ און ניט וואָגן צו רופן קיין סטרייק.

איז געבליבן די אַלטע האָפענונג — דער מעיאָר. ער וועט שוין קריגן גערעכטיקייט. לאָזט זיך אויס, אַז די קאָמפּאַני האָט קנאַפּוואָס מורא אַפילו פאַרן מעיאָר.

דער פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַני וויל ניט הערן אַפילו פון אַרביטריישאַן און הערט ניט אויף צו אַרויסוואַרפן די אַרבעטער. די פירער פון דער יוניאָן שרייען, אַז זיי וועלן באַשיצן זייערע מיטגלידער, און, ווי געוויינטלאַך, בלייבן זיי ביים שרייען! זיי זאָגן, אַז זיי האָבן גלויבן אין מעיאָר, די אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער מעגן זיין זיכער, אַז זיי וועלן ביי אים קריגן גערעכטיקייט. די צייטונגען זאָגן, אַז

דער מעיאָר וועט אפשר קריגן פאַר די אָפּגעזאָגטע ארבעטער דזשאָבס אויף דער ברוקלינער סאַבוויי. און טאַמער ניט, וועט ער זיי געבן דשזאָבס אָפּצוראַמען דעם שניי... נו, און דער קאָמפּאַני־פּרעזידענט? ער לאַכט זיך אויס פון מעיאָר און האַלט אין איין אָפּזאָגן ארבעטער, אַזוי גיך ווי ער דערוויסט זיך נאָר, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַן דער יוניאָן. און דער מעיאָר, אויף וועמען מען האָט זיך פאַרלאָזט, אַז ער וועט קריגן גערעכטיקייט פאַר די אַרבעטער, וואָרנט דער יוניאָן, אַז זי זאָל זיך ניט דערוועגן צו רופן אַ סטרייק.

מיט איין וואָרט, פון די „זיגע" האָט זיך אויסגעלאָזן די גרעסטע טראַגעדיע. די וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַן דער יוניאָן, האָט מען ארויסגעוואָרפן, און זיי וועלן ארומגיין אָן דזשאָבס און שטאַרבן פאַר הונגער.

„יוניאָנס" פון שוחטים און מוהלים...

קיין וואונדער ניט, וואָס די באַאמטע פון דער פעדעריישאָן האָבן זיך גענומען צו אַזעלכע טריידס ווי די אידישע גראָסערי־קלוירקס און קלינינג־סטאָרס. אַזעלכע אינדוסטריען ווי שטאָל, אייזן, אויטאָמאָ־בילס, גומי און די סטאָק־יאַרדס, זיינען ניט פאַר זייערע כחות. מען דאַרף דאָך אָבער פאָרט האָבן יוניאָנס, כדי צו קענען ריידן אין נאָמען פון „אָרגאַניזד לייבאָר"? איז רעכט קלינינג־סטאָרס אויך, איז אפילו רעכט שוחטים און מוהלים.

ס'איז אפשר אַ שפּאַס? ניין! אָט איז געווען אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס" אַן אויפרוף פון לאָקאַל 635 פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. אין דעם אויפרוף ווערט צווישען אַנדע־רעס, געזאָגט, אַז לאָקאַל 635, די „אגודת המוהלים" פון גרייטער ניו יאָרק, פירט אָן אַ קאַמפּאַניע צו אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע מוהלים־יוניאָן. ווען די יוניאָן וועט זיין שטאַרק, וועט מען מוזן באַשעפטיקן בלויז יוניאָן־מוהלים, און די יוניאָן וועט דעמאָלט קאָנען אויפּפּאַסן, אַז אַלע דינים זאָלן אָפּגעהיט ווערן...

איר פאַרשטייט שוין די וויכטיקע יוניאָנס, וועלכע די אַמעריקען פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר אָרגאַניזירט?

גרין, וואָל און מעקגריידי זיינען פאַראינטערעסירט, אַז די מוהלים זאָלן אָפּהיטן די דינים ווי עס באַדאַרף צו זיין...

און אויב זיי האָבן זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די מוהלים, וואָרום ניט אָרגאַניזירן די טוקערנס, שלח־מנות־טרעגער, קברות־לייט און דאָס גלייכן? פאַראַן פיל אַזעלכע „אינדוסטריען", וועלכע מען וואָלט גע־קענט לייכט אָרגאַניזירן. פאַראַן נאָך אַ מעלה, וואָס אַזעלכע לאָקאַלן האָבן. עס זיינען דאָרט קיין לינקע און קיין קאָמוניסטן ניט פאַראַנען און מען פאַרשפאָרט אַלע ווײַלע די לאָקאַלן צו רעאָרגאַניזירן!...

יאָ, די פעדערייִשאַן וואָלט געטאָן די גלייכסטע זאַך, ווען זי גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע טריידס ווי די פריער־דערמאָנטע, און לאָזט איבער די וויכטיקסטע אינדוסטריען פאַר די, וועלכע ווילן און זיינען פּייאַיק זיי צו אָרגאַניזירן. איז אָבער די צרה, וואָס אַליין טוען זיי גאָרניט, — ניט זיי ווילן טאָן און ניט זיי קענען טאָן, — און ווען אַנדערע פּרובירן אָרגאַניזירן די אַרבעטער, קומען זיי און שטערן.

די קאַפּיטאַליסטן גופא וואָלטן ניט געקענט אויסטראַכטן קיין בעסערע אַגענטור צו שטערן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך, ווי די אַמעריקען פעדערייִשאַן אָוו לייבאָר, ווי זי ווערט איצט געפירט.

די אַמעריקאַן פעדערײשאַן און לײבאָר אין דינסט פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטײען

די פּאָליטישע ירושה פון סעמיועל גאָמפּערס *

דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן און לײבאָר האָט זיך פאַרזאַמלט אין מיאַמי, פלאָרידאַ, אויסצואַרבעטן אַ פּלאַטפאָרמע פאַר די פּאַרטײען אין די פּרעזידענט-וואַלן.

ווען מיר וואָלטן ניט געווען באַקאַנט מיט דער פּאָליטיק פון דער פעדערײשאַן, וואָלטן מיר געמיינט, אַז אַ ווײצלינג איז פאַראַנטוואָרט־לאַך פאַר דעם דאָזיקן שטיקל נײס.

דער קאָונסיל וועט אויסאַרבעטן אַ פּלאַטפאָרמע פאַר די פּאַר־טײען? האָט אים דען עמיצער דאָס געבעטן טאָן? דאַכט זיך, יעדע פּאַרטײ האַלט אָפּ אַ קאַנווענשאַן ערב די וואַלן און אויף די קאַנ־ווענשאַנס זײנען פאַראַן קאָמיטעס וואָס אַרבעטן אויס פּלאַטפאָרמעס, און די קאַנווענשאַנס נעמען די פּלאַטפאָרמעס אָן. צו וואָס האָט דער קאָונסיל באַדאַרפט אַוועקפאָרן אַזש קיין מיאַמי אויסצואַרבעטן אַ פּלאַטפאָרמע פאַר די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטײען, אין וועלכער זײ נויטיקן זיך ניט, און וועלכע זײ וועלן צוריקווײזן?

זײנען מיר אָבער באַקאַנט מיט דער פּאָליטיק פון דער פעדערײ־שאַן און מיר ווײסן, צום באַדויערן, אַז עס איז אמת: אונזערע הויפּט־באַאַמטע זיצן זיך איצט אין מיאַמי און וואַרימען זיך אויף דער זון, באָדן זיך אין ים, און פאַראײנוועגס פאַרפאַסט מען אַן „אַרבעטער"־פּלאַטפאָרמע. דערנאָך וועלן זײ אויסקלײבן אַ קאָמיטע, מיט גרין׳ען אַלס טשערמאַן, וואָס וועט דאַרפן באַזוכן די קאַנווענשאַנס פון די צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטײען — ווײל מיט קײן אַנדערע פּאַר־טײען וויל די פעדערײשאַן קײן „ביזנעס" ניט האָבן — און די קאָ־מיטע וועט פּרובירן „פאַרקויפן" די פּלאַטפאָרמע.

---

* „פרײהײט", יאַנואַר 23, 1928.

די פּאַרטיי, וואָס וועט געבן מער; די פּאַרטיי, וואָס וועט אריינשטעלן מער אַזוי־גערופענע „לייבאָר פּלענקס" (ארבעטער־פּונקטן) אין איר „פּלאַטפאָרמע", אַט דער פּאַרטיי וועט מען צוזאָגן די שטימען פון „אָרגאַנייזד לייבאָר" (אָרגאַניזירטע ארבעטערשאַפט).

אַזוי האָט זיך גאָמפּערס געפירט אַלע יאָרן, און גרין גייט אין זיינע דרכים און וועט אויך אַזוי טאָן.

מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער פּאָליטיקער צו פאַרשטיין, אַז די ארבעטער קענען גאַרניט געווינען פון אַזאַ פּאָליטיק. אין דער אמת'ן איז עס דאָך אַזוי נאַריש, אַז עס לאָזט זיך גאָר ניט גלויבן, אַז עמיצער מיט אַביסל מאָרך אין קאָפּ זאָל פון אַזאַ פּאָליטיק האַלטן. אפילו ביי דעם פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענעם ארבעטער מוז זיך דאָך שטעלן אַ פראַגע: ווי וועט זיין, אַז ביידע פּאַרטייען וועלן אריינשטעלן אין זייער פּלאַטפאָרמע די „ארבעטער־פּונקטן"? וועמען וועט מען דעמאָלט דאַרפן אונטערשטיצן? אָדער פאַרקערט, ווי וועט זיין, אַז ביידע פּאַרטייען וועלן ניט אריינגעמען אין זייער פּלאַטפאָרמע די אַזוי־גערופענע ארבעטער־פאָדערונגען, וואָס זאָל מען דעמאָלט טאָן?

און איז דען נויטיג צו חקר'ענען זיך וועגן דעם גאַנצן ענין? דאָס איז דאָך ניט קיין נייער עקספּערימענט, וואָס מען דאַרף ערשט אויספּרובירן. די פעדעריישאַן האָט דאָך די טאַקטיק פּראַקטיצירט יאָרן לאַנג. גאָמפּערס איז געלאָפן צו די קאָנווענשאָנס פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און געקלאַפּט אין די טירן פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס. און וואָס איז דער רעזולטאַט? האָבן זיי דורכגעפירט די געזעצן לטובת די ארבעטער, וואָס די פעדעריישאַן האָט רעקאָמענדירט? אוודאי ניט!

ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען רעכענען זיך מיט דער פעדעריישאַן, קאָן מען זען פון דעם פאַקט:

ווען גאָמפּערס איז, אין 1924, געקומען צו דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאַן פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, פּאַרצולייגן זיינע אַזוי־גערופענע ארבעטער־פאָדערונגען, האָט מען אים געגעבן ניט מער ווי פינף מינוט צייט, און, פאַרשטייט זיך, אַז די קאָנווענשאַן האָט די „ארבעטער־פאָדערונגען" ניט אָנגענומען. און די דעמאָקראַטן, וועלכע

קאקעטירן מיטן „ברודער ארבעטער“ און פוצן זיך אין ליבעראלע פעדערן, האבן אים קיין בעסערע אויפנאמע ניט געגעבן.

די לאנג־יאריקע דערפארונג מיט די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען האט אפילו דעם דומסטן ארבעטער־פירער באדארפט איבערציינגן, אז דער איינציקער וועג, וואס בלייבט פאר די ארבעטער, איז צו האבן אן אייגענע פארטיי. ווארים ווען מיר זאלן זיך אפילו פארשטעלן דאס אוממעגלאכסטע — אז גרין וועט האבן מער מזל ווי גאמפערס, דאס הייסט, אז די רעפובליקאנער וועלן אים לאזן רײדן מער ווי פינף מינוטן; און לאמיר זיך נאך פארשטעלן, אז א נס וועט געשען און די רעפובליקאנער קאנווענשאן וועט אננעמען גרינ׳ס „ארבעטער־פלענקס“, ווי ער וועט זיי פארשלאגן, — וואס וועט אונז דעמאלט דערפון ארויסקומען? דאכט זיך, קינדער ווייסן שוין, אז די קאפיטאליסטישע פארטייען פארגעסן זייערע צוזאגאכצן אויף מארגן נאך די וואלן. זיינען די גרינס און די וואלס אזוי נאריש צו מיינען, אז אלץ, וואס ס׳איז נויטיק, איז — א צוזאג פון די קאפיטאליסטישע פאליטישנס, אז זיי וועלן דורכפירן גוטע געזעצן פאר ארבעטער? פארשטייען זיי ניט, אז אזוי לאנג ווי די ארבעטער וועלן זיין אומארגאניזירט, אינדוסטריעל און פאליטיש, וועלן ניט העלפן אפילו די בעסטע געזעצן?

דער געזעץ, למשל, האט ניט געהייסן דעם טשיף או פאלים אין פאסייק אזוי ברוטאל באהאנדלען די סטרייקערס. ווען אין פאסייק וואלטן די ארבעטער געהאט זייערע פארטרעטער אין דער באארד או אלדערמען; ווען דער קאמישאנער און דער טשיף או פאלים וואלטן געווען ארבעטער, וואלטן די פאסייקער סטרייקער גאנץ אנדערש באהאנדלט געווארן. ווען די באארד או אלדערמען אין ניו יארק וואלט באשטאנען פון ארבעטער און דער מעיאר וואלט געווען אן אמת׳ער ארבעטער־פארטרעטער, וואלט מען ניט אנגעפאקט קיין פאטראל־וועגענער מיט קלאוקמאכער־סטרייקערס און מ׳וואלט זיי ניט געשליידערט אין די דזשיילס, אפילו אונטער די איצטיגע געזעצן. און אין קאלאראדא, פענסילווייניא, אהייא — אומעטום וואלטן די קאמפאניעס ניט ארויסגעווארפן די מיינערס אין גאס, די גארילאס וואלטן ניט געשלאגן און געמערדערט די מיינערס מיט זייערע פרויען און קינדער, ווען די מיינערס וואלטן געהאט זייערע פארטרעטער אין

די רעגירנדיקע און געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן און וואָלטן געוועזן אָרגאַניזירט אין אַ פּאַרטיי, וואָס איז שטענדיק אויף דער וואַך און קעמפּט פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

די אַרבעטער זיינען הפקר; די באַאַמטע ווערן באַלוינט.

רעכענען זיך דען די קאַפּיטאַליסטן מיט קאָנסטיטוציע, מיט געזעץ? באַנוצן זיי זיך בלויז מיט קאָנסטיטוציאָנעלע און געזעצלאַכע מיטלען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן ברעכן סטרייקס? זאָגן דאָך די גרינס און וואָלס אַליין, אַז די פּאָליציי, די קאָמפּאַניעס און די ריכטער באַנוצן אומקאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען צו ברעכן דעם מיינערס סטרייק. היינט אויב די קאַפּיטאַליסטן היטן ניט זייער אייגענע קאָנסטיטוציע און זייערע אייגענע געזעצן און טוען וואָס זיי ווילן, טאָ וואָס וועט אונז העלפן דאָס ענדערן די געזעצן און דאָס אָננעמען נאָך געזעצן, אפילו די בעסטע, אויב מען לאָזט איבער די דורכפירונג פון די געזעצן צו קאַפּיטאַליסטישע ריכטער, מעיאָרס, גאָווערנאָרס און פּרעזידענטן?

דאַרף מען ווייט זוכןביישפּילן צו באַווייזן, אַז אפילו די גוטע געזעצן, די אַזוי־גערופענע „אַרבעטער־געזעצן", זיינען ניט ווערט דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכעס זיי ווערן אָנגעשריבן?

איינע פון די פאָדערונגען, פאַר וועלכע די מיינערס אין קאָלאָראַדאָ סטרייקן, איז דאָך, אַז די מינען־אייגנטימער זאָלן דורכפירן די אַרבעטער־שוץ־געזעצן אין די מינען!

די רעגירונג אַליין מאַכט זיך ניט־וויסנדיק וועגן דעם, וואָס די קאָמפּאַניעס היטן ניט די געזעצן, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן צו פאַרהיטן די לעבנס פון די מיינערס. און ווען די מיינערס גייען אַרויס סטרייקן, כדי צו צווינגען די קאָמפּאַניעס די דאָזיקע געזעצן דורכצופירן, שיקט די זעלביקע רעגירונג פּאָליציי זיי צו דערשיסן. ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן איבער דרייסיק מיינערס פאַרלאָרן זייערע לעבנס דורך אַן אויפרייסונג. די אויפרייסונג איז געשען צוליב דעם וואָס די קאָמפּאַני האָט ניט אויסגעפּאָמפּעט און ניט געהאַלטן די מינע ריין פון געפערלאַכע גאַזן. גוט אויספּאָמפּען די מינע קאָסט געלט און מיינערס קריגט מען אומזיסט, וויפיל מען דאַרף. און פאַר'ן געזעץ האָבן די מיין־מאַגנאַטן קיין מורא ניט. מען וועט זיי גאָרניט

טאָן. די געזעץ־היטער זיינען אַלע אייגענע מענטשן, און ווי זאָגט מען: איין וואָראָנע וועט אַ צווייטער די אויגן ניט אויספּיקן...

און אַזוי איז דאָס לעבן פון די אַרבעטער הפקר.

די קלעפּ, וואָס די אַרבעטער האָבן די לעצטע צייט באַקומען, האָט אַפילו אַ בלינדן באַדאַרפט עפענען די אויגן. די אינדזשאַנקשאָנס האָבן געבראָכן אַ גאַנצע רייע סטרייקס. עס איז היינט ניט מעגלאַך דורכצופירן אפילו אַ סטרייק פון דריי טוטפּיק־מאַכער, אַז עס זאָל זיך ניט געפינען אַ ריכטער, וואָס זאָל עס ניט דערקלערן פאַר אַ קאָנספּיראַציע און זאָל ניט אַרויסגעבן אַן אינדזשאַנקשאָן קעגן דעם סטרייק.

וואָס פּלאַנעווען אָבער אונזערע פירער פון דער פעדערײשאָן צו טאָן וועגן דעם?

דאָס זעלביקע וואָס גאָמפּערס האָט געטאָן.

יאָרן לאַנג האָט גאָמפּערס געקלאַפּט אין די טירן פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס, ביז ער האָט אויסגעווירקט, אַז דער קאָנגרעס האָט אין 1914 דורכגעפירט אַ געזעץ צו פאַרבאָטן ריכטער אַרויסגעגעבן אינדזשאַנקשאָנס קעגן פּיקעטן און קעגן סטרייקס. דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעסמאָן קלעיטאָן האָט אין קאָנגרעס דעם ביל אַריינגעטראָגן. דעריבער ווערט דער געזעץ אָנגערופן: דער קלעיטאָן אַקט.

אָט דעם אַקט האָט גאָמפּערס אָנגערופן: אַ נייע „מאַגנאַ קאַרטאַ“, אַ „ביל אָוו רייטס“ (אַ דעקלאַראַציע פון רעכט) פאַר אַרבעטער. מער וועט גאָרניט מעגלאַך זיין אַזאַ זאַך ווי אינדזשאַנקשאָנס אין קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, — האָט גאָמפּערס געהאַלטן.

און איצט איז דער „קלעיטאָן אַקט“, גאָמפּערס׳עס „ביל אָוו רייטס“, געוואָרן די גרעסטע אָנשיקעניש, דער גרעסטער אומגליק פאַר די אַרבעטער.

ווען האָבן דען די אַרבעטער אַזוי שטאַרק געליטן פון אינדזשאַנקשאָנס, ווי איצט?

האָט דאָך שוין די פעדערײשאָן באַדאַרפט איינזען, אַז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס! אָבער ניין. גרין וועט קלאַפּן אין די טירן פון די פּאָליטישנס און בעטן רחמים, אַז מען זאָל ווידער אָננעמען אַ געזעץ געגן אינדזשאַנקשאָנס, און עס

קען זיין, אַז זיי וועלן דאָס אים צוזאָגן און טאַקע אויך דורכפירן. אָבער העלפן וועט דאָס אַזוי פיל, וויפיל דער „קלעיטאָן אַקט“ העלפט.

די איינציקע רפואה איז — אָרגאַניזירן די אַרבעטער, אינדוסט־ריעל און פּאָליטיש, און מאַכן די אַרבעטער קלאַסנבאַוואוסטזיניק. דערפון אָבער וויל די פעדערײשאָן ניט וויסן.

די פירער פון אונזערע יוניאָנס זיינען „פּראַקטישע מענטשן“. זיי גלויבן ניט אין אָפּערן זיך פאַרן ברודער אַרבעטער. זיי קוקן אויף די יוניאָנס ווי אויף אַ ביזנעס. וואָס מער פּראָפיטן מען קאָן ציען, ציט מען. טאָ וואָס לוינט זיך דער עסק מיט אַ לייבאָר פּאַרטיי? ווער ווייסט ווי לאַנג עס קען דויערן ביז אַזאַ פּאַרטיי וועט ווערן אַ מאַכט? באַלאַנגט מען בעסער צו די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און מען איז אין די יוניאָנס ווי לאַנג עס לאָזט זיך. דערנאָך ווערט מען פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס באַלוינט מיט אַ פעטן דזשאָב פאַר פאַרראַטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

ווען מען וועט אַ קוק טאָן, וויפיל פּרעזידענטן, וויים־פּרעזידענטן, אָרגאַנייזערס און ביזנעס־אַגענטן פון יוניאָנס עס האָבן געקראָגן דזשאָבס ביי די באַלעבאַטים, און אויך רעגירונגס־שטעלעס מיט גע־שוואָלענע געהאַלטן, וועט מען פאַרשטיין, פאַרוואָס אַלע לייבאָר פיי־קערס האַלטן זיך ביי דער אויסגעשפּילטער און באַנקראָטירטער טאַק־טיק.

שוין לאַנג צייט, אַז די אַמעריקאַנער אַרבעטער זאָלן שלאָגן כפּרות מיט זייערע פאַרפירער, זאָלן זיך אויפהערן נאָכשלעפּן נאָכן עק פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, און אָרגאַניזירן זיך זעלבסט־שטענדיג, צו קעמפן פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען און פאַר דער אַלגעמיינער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

פון גאָמפּערס׳עס ברכה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ קללה

דער אומגליק פון אינדזשאַנקשאַנס.

פינף און צוואַנציק יאָר האָט גאָמפּערס געקלאַפּט אין די טירן פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, ביז ער האָט אויסגעווירקט, אַז מען זאָל אָננעמען אַ געזעץ צו רעגולירן — אָדער בעסער געזאָגט — צו באַשריינקען דאָס רעכט פון די געריכטן אַרויסצוגעבן אינדזשאַנקשאַנס געגן אַרבעטער־יוניאָנס. דער געזעץ, וועלכן מיר האָבן אין זינען, איז דער באַרימטער קלעיטאָן אַמענדמענט צו דעם שערמאַן אַנטי־טראַסט געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אונטער ווילסאָנ׳ס אַדמיניסטראַציע, אין 1914.

גאָמפּערס און די פעדערייישאָן זיינען געווען איבערגליקלאַך. זיי האָבן מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף דעם דערפאָלג פון זייער פּאָליסי פון „באַלוינען די פריינט און באַשטראָפן די פיינט“. דער קלעיטאָן געזעץ, — האָט גאָמפּערס דערקלערט, — האָט אָפּגעשאַפט אויף אייביק אַזאַ זאַך, ווי אינדזשאַנקשאַנס קעגן יוניאָנס...

איצט זעען מיר, אַז ניט נאָר האָט דער דערמאָנטער געזעץ אויף אַ האָר ניט פאַרקלענערט דעם איבל פון אינדזשאַנקשאַנס, נאָר די לאַגע איז געוואָרן ערגער און ערגער.

ביז היינט צו טאָג האָבן די פאַרשידענע געריכטס־אַנטשיידונגען געמאַכט פאַר די אַרבעטער אוממעגלאַך צו אָטעמען. אָבער גרין און די אַנדערע באַאַמטע פון דער פעדערייישאָן, ווידערהאָלן נאָך אַלץ גאָמפּערס׳עס מעטאָדן, און קריכן ווידער צו די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס, און בעטן זיך, אַז מען זאָל ווידער אָננעמען אַ ביל צו באַשריינקען דאָס רעכט פון ריכטער אַרויסצוגעבן אינדזשאַנקשאַנס געגן יוניאָנס, „באַשריינקען“ אויפן זעלביקן שטייגער ווי אַמאָל...

ווען דער קלעיטאָן ביל איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין קאָנגרעס, האָט מען שוין דעמאָלט אויפגעוויזן, אַז דער ביל וועט אויף דאָס

מינדסטע ניט העלפן די אַרבעטער. אָבער גאָמפּערס האָט דאָן אין דעם „פּעדעריישאָניסט", דעם מאָנאַטלאַכן זשורנאַל פון דער פּעדע־ריישאָן, אַטאַקירט די, וועלכע האָבן געוואַגט צו קריטיקירן דעם קלעי־טאָן געזעץ. פאַר גאָמפּערס'ן איז שוין דער געזעץ געווען אַ גליק דער־מיט, וואָס עס זאָגט זיך דאָרט, אַז: „לייבאָר איז נאָט עי קאָמאָדיטי" (אַרבעט איז ניט קיין סחורה). דערמיט האָט ער טריאומפירט איבער די מאַרקסיסטן, וועלכע האַלטן, אַז אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־נונג ווערט אַרבעט־קראַפט געקויפט פון די באַלעבאַטים ווי פּשוט'ע סחורה, און איז אונטערגעוואָרפן די עקאָנאָמישע געזעצן, וואָס רע־גולירן די פּרייזן פון סחורות.

מען דאַרף ניט, חלילה, מיינען, אַז די ריכטער גיבן אַרויס אינ־דזשאַנקשאַנס צוליב דעם, ווייל זיי האַלטן, ווי די מאַרקסיסטן, אַז אַרבעט־קראַפט איז אַ סחורה! פאַר קיין פאַל ניט. זיי האָבן גאָר אַנדערע טעמים, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

אינדזשאַנקשאַנס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ריכטער אויפן גרונט, וואָס יוניאָנס זיינען קאָמבינאַציעס צו באַגרעניצן האַנדל, און דאָס איז, לויט זייער מיינונג, קעגן דעם שערמאַן אַנטי־טראַסט געזעץ. דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס איז אָריגינעל אָנגענומען געוואָרן כדי ניט צו דערלאָזן די אַנטוויקלונגען פון טראַסטן, האָט מען בלויז אָנ־געווענדט קעגן יוניאָנס פון אַרבעטער און די טראַסטן טשעפּעט מען גאָרניט.

ווי אַזוי קאָן מען אויסטייטשן אַ געזעץ, וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן קעגן טראַסטן, אַז מען זאָל גאָר פאַרפאָלגן יוניאָנס? דאָס לאָזט שוין איבער צו אונזערע ריכטער, דערויף זיינען זיי גרויסע בריות. ביי זיי אַרבעט די לאָגיק אַזוי: ווען אַרבעטער אין אַ געוויסן טרייד סטרייקן, שטערט עס דאָך דעם האַנדל, און שטערן דעם האַנדל איז דאָך קעגן דעם שערמאַן געזעץ. פאָלגלאָך, איז סטרייקן אומגע־זעצלאָך.

אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער גרונט, אויף וועלכן די ריכ־טער שטיצן זיך, אַרויסגעבנדיק זייערע סטרייק־ברעכערישע אינ־דזשאַנקשאַנס. עס איז נאָך פאַראַן אַזאַ זאַך ווי שטערן דעם האַנדל צווישן די פאַרשידענע שטאַטן. למשל, ווען אַרבעטער אויף אַן אייזנ־

באן גייען ארום סטרייקן, שטערט עס דעם האנדל פון איין שטאט מיטן צווייטן. דערפאר, איז אזא סטרייק אומגעזעצלאך.

און ווען א סטרייק איז אפילו געזעצלאך פונם שטאנדפונקט פון די ריכטער, און זיי קאנען קיין פארבאט ניט ארויסגעבן, קאנען זיי אבער פארווערן צו פיקעטן.

דערפאר האט די פעדערייישאן געהאלטן, אז וויבאלד דער קלעי־טאן אקט זיינען פאראן עטלאכע „אומשולדיקע" באמערקונגען, וואס קאמבינאציעס צו באגרענעצן דעם האנדל; אז ארבעט איז ניט קיין סחורה; אז סטרייקערס האבן א רעכט פרידלאך צו פיקעטן און צו באיקאטירן פראדוקטן וואס זיינען פראדוצירט געווארן פון סקעבס, — איז דאך קלאר, אז קיין ריכטער וועט ניט ארויסגעבן קיין אינ־דזשאנקשאן געגן ארבעטער יוניאנס אויפן גרונט פון דעם שערמאן אנטי־טראסט געזעץ.

אזוי האט גאמפערס געמיינט.

זעען מיר איצט דעם טעות דערפון.

דער קלעיטאן־אקט האט נאך די לאגע פון די ארבעטער א סך ערגער געמאכט!

דאס איז דערפאר, וואס צווישן די שיינע פראזן אין דעם קלעי־טאן אקט זיינען פאראן עטלאכע „אומשולדיגע" באמערקונגען, וואס מאכן צונישט דעם ווערט פון דעם גאנצן געזעץ. אויף אונזער פאלי־טישן זשארגאן רופט מען אזעלכע באמערקונגען „דזשאוקערס". ווען אונזערע פאליטישנס ווילן דערשיינען ערב די וואלן פאר גרויסע פאלקס־פריינט, נעמען זיי און אזעלכע געזעצן, וואס אויבערפלאכלאך זעען זיי אוים זייער שיין און זייער גוט. מען שטעלט אבער אריין עטלאכע ווערטער, וואס זאלן דערנאך געבן די ריכטער א מעגלאכ־קייט צו טייטשן די געזעצן ווי זיי ווילן ווילן. דאס פאלק כאפט זיך ניט, ביז די ריכטער פאנגען אן אזוי אויסצוטייטשן דעם „גוטן" געזעץ, אז ער ווערט פארוואנדלט אין אן אומגליק. טענה'ן די פאלי־טישנס, אז זיי זיינען ניט שולדיק. שולדיק זיינען ריכטער, וועלכע טייטשן די געזעצן פאלש אוים. אבער די ריכטער פון די העכערע געריכטן ווערן דאך פון די זעלביקע פאליטישנס באשטימט! דערויף קלעקט שוין ביים פאלק קיין לאגיק ניט.

אָבער לאָמיר בעסער זען, וואו ליגט דאָ דער „דזשאָוקער“ אין דעם קלעיטאָן־אַקט, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ ברכה אין אַ קללה.

דער „דזשאָוקער“ באַשטייט אין דעם, וואָס דער קלעיטאָן־אַקט זאָגט, אַז קיין ריכטער זאָל ניט אַרויסגעבן קיין אינדזשאַנקשאַן אין קיין עניו, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַ סכסוך צווישן אַרבעט און קאַ־פּיטאַל, סיידן עס איז נויטיק צו באַשיצן דאָס אייגנטום פון די באַ־לעבאַטים, פאַר וועלכע עס איז ניטאָ קיין גענינגנדיקע הילף דורכן געזעץ. אין דעם אַקט זאָגט זיך אויך, אַז מען זאָל ניט פאַרווערן סטרייקערס פרידלאַך צו פּיקעטן.

מער ווי דאָס האָבן די ריכטער ניט באַדאַרפט. וויבאַלד, אַז זיי מעגן אַרויסגעבן אינדזשאַנקשאַנס, כדי אין געוויסע פאַלן צו באַשיצן דאָס אייגנטום פון די באַלעבאַטים, ווען דער אַלגעמיינער געזעץ קען זיי ניט העלפן, און אויב פּיקעטן מעג מען, ווען מען באַגייט זיך פרידלאַך, — האָט זיך געעפנט אַ טיר פאַר אַלערליי אויסטייטשונ־גען.

ווי אַזוי די אינדזשאַנקשאַנס „אַרבעטן“

לאָמיר זען, ווי אַזוי די אויסטייטשונגען ווערן געמאַכט.

מען דערקלערט אַ סטרייק ביי אַ באַלעבאָס. דער סטרייק איז דערפאָלגרייך. אַלע אַרבעטער זיינען אַרונטער. מען פּיקעט די פאַב־ריק. קיין סקעבס ווילן ניט אַרויף צו דער אַרבעט ווען עס שטייען פּיקעטס. וואָס זשע טוט מען? גייט מען צו אַ לאָיער, ער זאָל אַרויס־נעמען אַן אינדזשאַנקשאַן. און דער לאָיער שרייבט אַ פּאַפּיר צום ריכ־טער, אין נאָמען פונם פאַבריקאַנט, לויט׳ן פאָלגענדן נוסח:

מיינע אַרבעטער זיינען אַרונטערגעשלעפּט געוואָרן אין סטרייק קעגן זייער ווילן. זיי וואָלטן געוואָלט קומען צוריק צו דער אַרבעט, נאָר עטלאַכע טראָבל־מאַכער, מיט די פירער פון דער יוניאָן, טעראָ־ריזירן זיי. די יוניאָן־פירער קומען אַלע טאָג לעבן מיין פאַבריק מיט „שטאַרקע“ און באַגייען די שרעקלאַכסטע גוואַלד־טאַטן. זיי שלאָגן און הרג׳ענען, ברעכן און שטעכן. מיינע קונדן האָבן מורא צו קומען צו מיר אין געשעפט (אָדער — אין פאַבריק). אויב דאָס וועט נאָך אַזוי לייננגער אָנהאַלטן, וועט מיין גאַנצע ביזנעס רואינירט ווערן.

דער איינציקער, וואָס קאָן מיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג, ביזטו, הער ריכטער.

נו, ווי קאָן דער ריכטער בלייבן גלייכגילטיק, ווען מען מאַכט צו אים אַזאַ ליידנשאַפטלאַכן אַפּיל? די אַרבעטער האָבן טאַקע אַ רעכט צו סטרייקן, אָבער ניט צו באַגיין קיין גוואַלד־אַקטן.

דער ריכטער שיקט ניט רופן דעם אַנדערן צד — די יוניאָן, די אַרבעטער, צו געוואויר ווערן, אויב אַלץ וואָס דער באַלעבאָס האָט דערציילט איז אמת. ס'איז דאָך ניטאָ קיין צייט. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן ראַטעווען דעם באַלעבאָס' פאַרמעגן. עס קאָן נאָך חלילה ווערן צו־שפּעט.

דער ריכטער גיט אַן אָרדער, אַז מען זאָל גלייך אויפהערן פּיקעטן, אויפהערן באַגיין „גוואַלד־אַקטן", רופן מיטינגען, ריידן, שרייבן, אָדער אפילו געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז ביי דעם באַטרעפנדיקן באַלעבאָס קומט פאָר אַ סטרייק.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז אונזערע נאָבעלע ריכטער האָבן גאָרניט קיין יושר, און — פאַראורטיילן די אַרבעטער גאָר אָן אַ פאַרהער. דער אינדזשאַנקשאָן, אָדער דער אָרדער, וואָס דער ריכטער גיט אַרויס, איז אַ צייטווייליקער. די יוניאָן קריגט צוויי אָדער דריי טעג צייט צו באַווייזן דעם געריכט, פאַרוואָס דער אינדזשאַנקשאָן זאָל ניט פאַרבלייבן אויף שטענדיק. און די יוניאָן געפינט זיך אין אַ מאָדנער לאַגע. דער באַלעבאָס האָט אַ צייטווייליקן אינדזשאַנקשאָן. ס'איז אין די אינטערעסן פון דער יוניאָן, אַז דער פאַרהער זאָל פאָרקומען וואָס ניכער, טאַקע אין צוויי אָדער דריי טעג, אַזוי ווי דער ריכטער האָט באַשטימט. אָבער עס איז פיזיש אוממעגלאַך פאַרן לאָיער פון דער יוניאָן צוצוגרייטן די אַלע פּאַפּירן און אָפּשטרייטן די אַלע באַשולדיקונגען, וואָס דער לאָיער פון דעם באַלעבאָס האָט געמאַכט. דער לאָיער פון באַלעבאָס האָט געהאַט צייט צוצוגרייטן זיין באַשולדיקונגס־אַקט. גלייך ווי די אַרבעטער זיינען אַרויס סטרייקן, האָט מען גענומען צוגרייטן די פּאַרלייט און סקעבס, וועלכע האָבן געמאַכט פאַרשידענע ליגנערישע אַפידייוויטס, כדי צו האָבן אַ ווירקונג אויפן ריכטער. טאָ ווי קאָן די יוניאָן צוגרייטן אַ געהעריקן ענטפער אין צוויי־דריי טעג צייט? מוז די יוניאָן בעטן, אַז דער פאַרהער זאָל אָפּגעלייגט ווערן כאָטש אויף אַ וואָך. נאַטירלאַך, איז דער באַלעבאָס

צופרידן. דערווייל איז דאָך דער אינדזשאַנקשאָן אין קראַפט. און אויב די יוניאָן וויל איבערצייגן דעם ריכטער, אַז זיין אינדזשאַנקשאָן איז אומבאַרעכטיקט, דאַרף זי ביז צום פאַרהער ניט געבן קיין מעגלאַכקייט דעם לאָיער פון די באַלעבאַטים צו באַווייזן, אַז די אַרבעטער האָבן פאַרבראָכן קעגן דעם אינדזשאַנקשאָן. ווייל דאַן וועט דער ריכטער ניט בלויז מאַכן דעם אינדזשאַנקשאָן פאַר אַ שטענדיקן, נאָר ער וועט אויך באַשטראָפן פאַר „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט" (מיסאַכטונג צום געריכט) די וואָס וועלן קעגן דעם אינדזשאַנקשאָן „פאַרברעכן". אָבער פאָלגן דעם אינדזשאַנקשאָן, אפילו ביז צום פאַרהער, באַדייט פאַקטיש אויפגעבן דעם סטרייק, בפרט אַז עס איז ניט בלויז אַ פראַגע וועגן דער וואָך ביז צום פאַרהער, נאָר נאָך דעם פאַרהער גייט איצט אַוועק אַ שטיק צייט ביז דער ריכטער קוקט דורך די דאָקומענטן פון די לאָיערס. איידער ער גיט אַרויס זיין אַנטשיידונג, געדויערט שיינע עטלאַכע וואָכן.

נו, לאָמיר זיך שוין פאָרשטעלן, אַז די יוניאָן מאַכט מיט אירע טענות אַ גוטע ווירקונג אויפן ריכטער און ער נעמט אַרונטער דעם אינדזשאַנקשאָן. וואָס קומט דערפון אַרויס? אין פאַרלויף פון דער צייט, וואָס מען האָט ניט געטאָרט פּיקעטן, האָט דער באַלעבאָס אָנגעפילט זיין פאַבריק מיט סקעבס און די מאָראַל פון די סטרייקערס איז געבראָכן געוואָרן!

עס זיינען פאַראַן „ליבעראַלע" ריכטער, וועלכע גיבן ניט קיין אינדזשאַנקשאַנס, וואָס פאַרווערט פּיקעטן אינגאַנצן. דער באַלעבאָס באַקלאָגט זיך, אַז די פּיקעטס באַגייען גוואַלדטאַטן. גיבן אַזעלכע ריכטער אַרויס אַן אָרדער, אַז מען זאָל קיין גוואַלדטאַטן ניט באַגיין. אינגאַנצן אָפּזאָגן דעם באַלעבאָס, דערויף קלעקט שוין ניט זייער ליבעראַליזם. ווען דער לאָיער פון דער יוניאָן באַווייזט, אַז די אַפידייוויטס פון באַלעבאָס זיינען פאַלשע, אַז מען האָט קיינעם ניט געשלאָגן, אַז מען האָט ניט פאַרניכטעט דעם באַלעבאָס' אייגנטום, אַז די אַרבעטער פּיקעטן פרידלאַך, און אַז זיי גלויבן ניט אין גוואַלדטאַטן און באַגייען זיי ניט, שטעלט אָפט דער ריכטער אַזאַ אומשולדיקע פראַגע: „אויב די אַרבעטער, ווי איר זאָגט, באַגייען טאַקע ניט קיין גוואַלדטאַטן, אויב זיי ווילן גאָרניט באַגיין קיין גוואַלדטאַטן, און ווילן בלויז פרידלאַך פּיקעטן, טאָ וואָס אַרט זיי, אַז איך פאַרבאָט

גוואַלדטאַטן? וואָס קען זיי אַרן מיין פאַרבאַט צו טאָן אַ זאַך, וואָס זיי טוען סיי ווי סיי ניט? איך דערלויב זיי דאָך פרידלאַך צו פּי־קעטן, וואָס נאָך ווילן זיי?" פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פראַגע איז היפּאָקריזם פון העכסטן סאָרט. דער ריכטער ווייס גוט ווי אַזוי אַזאַ פאַרבאָט צו באַגיין גוואַלדטאַטן שטערט די אַרבעטער. וואָרים, צו וואָס דאַרף דער באַלעבאָס, אַז דער ריכטער זאָל פאַרבאָטן גוואַלד־טאַטן, אַז דאָס איז דאָ פאַרבאָטן דורך דעם געזעץ?

אָט דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבן. לויט'ן געזעץ קאָן מען דאָך ניט פאַראורטיילן עמיצן דורך אַפידייוויטס, וואָס עטלאַכע סקעבס ווען מאַכן. אין אַ פּראָצעס מוז מען געבן יעדן אַ געלעגנ־הייט גע'משפט צו ווערן. אָבער אין פאַלן פון אינדזשאַנקשאַנס, איז דער ריכטער אַזוי ווי אַ צאַר. וואָס ער וויל, דאָס טוט ער. און עס מאַכט ניט אויס ווי ווילד די פאַרבאָטן, וואָס דער אינדזשאַנקשאָן רעכנט אויס, זאָלן ניט זיין, מוז מען זיי פאָלגן. אַניט האָט דער זעל־ביקער ריכטער אַ רעכט צו באַשטראָפן פאַר מיסאַכטן דעם געריכט (קאָנטעמפּט אָוו קאָורט). און ווען אַפילו אַ העכערער געריכט פסק'נט, אַז דער אינדזשאַנקשאָן איז געווען אומגעזעצלאַך און איז אים אינ־גאַנצן מבטל, באַפרייט עס ניט פון שטראָף די, וואָס האָבן ניט אויס־געפאָלגט דעם אינדזשאַנקשאָן אין פאַרלויף פון דער צייט איידער דער העכערער געריכט האָט אַרויסגעגעבן דעם באַשלוס. און אַזוי ווי עס געדויערט אַמאָל עטלאַכע יאָר ביז אַן ענין קומט אין העכסטן געריכט, מוז מען דערווייל פאָלגן אפילו אַזאַ ווילדן אינדזשאַקשאָן פון אַ ריכטער וואָס מען ווייס אַפילו, אַז אַ העכערער געריכט וועט עס מבטל זיין.

אָט דערפאַר זיינען אינדזשאַנקשאָנס אַזוי געפערלאַך! אָט דער־פאַר האָט זיך פון גאָמפּערס'עס ברכה, פאַר וועלכע ער האָט פינף און צוואַנציג יאָר געקעמפט, אויסגעלאָזט אַזאַ קללה!

די שוואַרצע וואָראַנע — מעטיו וואָל

ווי קומט עס וואָס ער איז אַ פירער? *

אין דעם כאָר פון די שוואַרצע וואָראַנעס, וועלכע קראַקען קעגן די מיינערס אין קאָלאָראַדאָ, געפינט זיך אויך די שוואַרצע וואָראַנע פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר — מעטיו וואָל.

אומעטום, וואו אַרבעטער מאַכן אַ פּאַרזוך צו צערייסן די קייטן, וואָס קאַפּיטאַל האָט אויף זיי אָנגעטאָן, געפינען מיר מעטיו וואָל'ן אין דעם לאַגער פונם קאַפּיטאַל, צוזאַמען מיט די שונאים און אונ־טערדריקער פון די אַרבעטער.

דאַרף מען דען דערציילן וועגן דער שקלאַפערײ און די ליידן פון די קוילן־גרעבער אין ראָקפעלער'ס מינען? יעדער אַרבעטער און יעדער פריינט פון אַרבעטער פאַלגן דאָך נאָך די נײַס פון סטרייק מיט קלאַפּנדיקע הערצער. אַלע ווינשן, אַז דער קאַמף זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. קומט מעטיו וואָל און לאָזט הערן זיין שטימע קעגן דעם סטרייק און שליסט זיך אָן אָן די, וואָס פאָדערן, אַז מען זאָל דעם סטרייק דערטרינקען אין בלוט, און מיט געוואַלט טרייבן די מיינערס צוריק אין די קוילן־גרובן.

וואָל זאָגט, אַז די אַרבעטער וועלן דורך הונגער געטריבן ווערן צוריק צו דער אַרבעט; אַז די איי דאַבליו האָט קיין פאָנדן ניט צו פינאַנסירן דעם סטרייק; אַז אויב עס וואָלט געווען אַ מעגלאַכ־קייט צו געווינען, וואָלט די אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר גע־קאָנט איבערצייגן די באַלעבאַטים נאָכצוגעבן די פאָדערונגען אָן אַ סטרייק.

וואָל גלויבט ניט אין קיין סטרייקס. ער גלויבט אין קאָאָפּעראַ־ציע צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. ער האַלט, אַז די איי דאַבליו

---

*„פרייהייט“, 2־טן נאָוועמבער, 1927, בעת דעם סטרייק פון די קוילן־גרעבער אין קאָלאָראַדאָ.

איז ניט קיין אמעריקאנער ארגאניזאציע, און מען טאר זי ניט לאזן עקזיסטירן.

איז עס ניט א שאנד און א ווייטיק, אז אזא מענטש איז נאך א פרעזידענט פון א יוניאן און א וויים־פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר?

וועלן זיך געפינען חכמים, וואס וועלן זאגן:

— נו, באווייזט עס ניט, אז די אמעריקאנער ארבעטער זיינען רעאקציאנער, אומוויסנדיק, און אז וואל דריקט אויס זייערע געדאנקען און זייער מיינונג? אויב ניט, וואלטן זיי דאך אים ניט געדולדעט און וואלטן אים ניט דערווייל!

אמאל האב איך אויך אזוי געגלויבט. ווען איך בין נאך געווען א „גרינער" און איך פלעג הערן ווי ארבעטער פלעגן ריידן, אז די פירער זיינען גרעפטער, אז זיי פארראטן און פארקויפן סטרייקס, פלעג איך מיט די ארבעטער טענה׳ן:

— דאס איז דאך אייער שולד. איר דערווייל זיי דאך. יעדעס פאלק האט אזא רעגירונג, ווי דאס פארדינט. גייט אריין אין דער יוניאן, ווערט אקטיוו, קלייבט אויס רענק און פייל פירער, פארלאזט זיך ניט אינגאנצן אויף די פירער, זייט אויף דער וואך, פאסט אויף, וועלן די ערגסטע פירער אפילו ניט קאנען אייך פארפירן און פארראטן.

— איר זייט א גרינער, — פלעגט מען מיר ענטפערן אויף מיינע רייד. — ווער דערווייל זיי דען? זיי דערווילן דאך זיך אליין! זיי דערלאזן דען, אז מיר זאלן דערווילן פירער פון דער רענק און פייל? און אז מיר זאלן אפילו אלע שטימען פאר א רענק און פייל פירער, וועט ער דען דערווייל ווערן? זיי וועלן שוין אנשטאפן באלאטס אזוי, אז די אלטע קליקע וועט ווידער דערווילט ווערן. און טאמער וועט פאסירן א נס און מען וועט דערווילן א קאנדידאט, וואס וויל געטריי פארטרעטן די ארבעטער, וועט מען אויף אים מאכן א „פריים־אפ" און מען וועט אים ארויסווארפן.

— און ווי קענען מיר זיין אקטיוו אין דער יוניאן, — פלעגט מען מיר ווייטער ענטפערן — אז יעדעס ווארט, וואס מען רעדט ביים מיטינג, גיט מען איבער צו די באסעס. דער איז א „טראבלמאכער", יענער העצט די ארבעטער, און — מען ווארפט ארויס פון

שאָפּ, מען שטעלט אויף דער שוואַרצער ליסט, און מען קען קיין אַנ־דער דזשאָב ניט קריגן. היינט וואו זיינען די גענגסטערס? אהאַ! פּרובירט נאָר עפענען אַ מויל, וועט איר שוין זען וואָס מען וועט מיט אייך טאָן.

איצט ווייס איך, אַז די אַרבעטער האָבן גערעדט ניט אויסן וועג, אַז עס איז ניט קיין לייכטע מלאכה פּטור צו ווערן פון אַ קליקע. אמת, אוממעגלאַך איז עס ניט. זאָלן נאָר די מאַסן זיך נעמען ריכטיק צו דער אַרבעט, און עס וועלן ניט העלפן קיין קונצן. די אַרבעטער קענען און וועלן סוף כל סוף צעשמעטערן דעם אייזערנעם רינג, מיט וועלכן די דריי־איינינקייט — דער באַלעבאָס, דער גרעפטער און דער גענגסטער — האָט זיי אַרומגענומען. דערווייל אָבער, האָבן מיר נאָך די זעלבסט־געקרוינטע פירער פון דעם וואָל טיפּ, וואָס נעמען נאָך „פּיידע" ביי די אַרבעטער און דינען די באַלעבאַטים, און זייענדיק אין דער שפּיץ פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, טוען זיי מער שאָדן, ווי די אָפענע שונאים פון די אַרבעטער, מחמת עס זיינען נאָך פאַראַן פיל אומוויסנדיקע אַרבעטער, ווענען זיי קאָנען נאָך פאַרטומלען די מוחות.

דער „שותפות" צווישן די אַרבעטער און די ראַקעפעלערס

ווען די וואָלס זינגען שירה וועגן קאָאָפּעראַציע און שותפות צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, זיינען נאָך פאַראַן גענוג אַרבעטער, אויף וועמען דאָס האָט אַ ווירקונג און טויט ביי זיי אַפּ זייער קאַמפּס־לוסט.

דער דורכשניטלאַכער אַרבעטער האָט ניט קיין אורזאַך ניט צו וועלן קיין קאָאָפּעראַציע און שותפות מיט די באָסעס. יעדער אַרבעטער טראַכט זיך: אויב מען מען קען ביים גרינעם טיש, דורכריידנדיק זיך מיט די באַלעבאַטים, קריגן קירצערע שטונדן, בעסערע ווייזשעס און מענטשלאַכע באַהאַנדלונג, איז אודאי בעסער ווי צו סטרייקן, קיין בולקעס מיט פּוטער קריגט מען דאָך ניט אין צייט פון אַ סטרייק.

געווים איז לייכטער אָנצושטעלן אַ בוכהאַלטער, וואָס זאָל קומען צום באַלעבאָס און באַווייזן אים מיט ציפערן, אַז דער אַרבעטער איז באַרעכטיקט צו אַ העכערונג אין שכירות, איידער צו גיין פּיקעטן און

שלאגן זיך מיט די גארילאס פון די באלעבאטים, ארעסטירט צו ווערן און גיין אין טורמע.

און וואס איז שייך וועגן שותפות מיט די באלעבאטים — קעגן דעם האבן דאך די ארבעטער געווים ניט אויסצוזעצן... מער ניט — דאס איז געשאטן זאמד אין די אויגן. און אויב מען קאן ניט פאר־איבל האבן אויף נאאיווע ארבעטער, וואס נעמען ערנסט אזעלכע טעאריעס, איז אבער גאנץ אנדערש מיט אזעלכע פירער ווי מעטיו וואל. ער האט גענוג דערפארונג. ער איז אינטעליגענט גענוג און ער ווייס, אז די טעאריע פון קאאפעראציע און שותפות צווישן קאפי־טאל און ארבעט ווערט געפריידיקט פון די ערגסטע עקספלואטא־טארס און בלוטזויגערס. און ער ווייס, וואס פאר א קאאפעראציע און וואס פאר א שותפות זיי מיינען. אפילו ראקעפעלער איז דאך אן אפאסטאל פון דער אידייע וועגן שותפות צווישן קאפיטאל און אר־בעט.

מעטיו וואל זעט גאנץ גוט וואס פאר א קאאפעראציע די אר־בעטער קריגן פון די ראקעפעלערס. ער זעט ווי יעדע גערעכטע פא־דערונג פון די ארבעטער ווערט איגנארירט. די סטרייקס ווערן גע־בראכן דורך אינדזשאנקשאנס, טורמעס און הונגער. אבער די וואלס פריידיקן אלץ זייער בלאף פון שלום און אחדות צווישן קאפיטאל און ארבעט, ווייל דאס איז אין די אינטערעסן פון די קאפיטאליסטן, וועמענס געטרייע דינער זיי זיינען.

דער סטרייק אין קאלאראדא וועט פארלארן גיין, — זאגט וואל — ווייל די איי דאבליו האט ניט קיין פאנדן אנצופירן דעם סטרייק. טא וואס איז דאס פאר א שמחה אויף וואל'ן? וואס פרייט ער זיך? אויב ער איז א פריינט פון ארבעטער — וואס זעט ער ניט, אז עס זאל יא זיין געלט אנצופירן דעם סטרייק? פאר־דינען דען ניט די מיינערס, אז מען זאל זיי העלפן? פארדינען זיי דען ניט, אז אלע פריינט פון ארבעטער זאלן אויפהויבן א געוואלד און ניט דערלאזן, אז די שחיטות פון 1914 זאלן זיך ווידערהאלן? *

---

* אין 1914 איז פארגעקומען די שחיטה אויף די סטרייקנדע מיינערס אין לודלאו, קאלאראדא. צענדליגער פרויען און קינדער פון די מיינערס זיינען דערשאסן און פארברענט געווארן.

האָט דען יעדער אַרבעטער און יעדער אַרבעטער־פריינט ניט באַדאַרפט שטעלן זיך אויף דער זייט פון די פאַרהונגערטע מיינערס?

וואָס איז דער חילוק ווער עס האָט דעם סטרייק גערופן? אַרבעטער האָבן פאַרלאָזן די מיינס, זיי קעמפן פאַר אַ שטיקל ברויט פאַר זייערע פרויען און קינדער, פאַר אַ בעסערן לעבן. קעגן זיי שטייט ראַקפעלער מיט דער גאַנצער מאַכט פון קאַפּיטאַל: גערונגענע גאַרילאַס, אונטערוועלט מענטשן, נידעריגע ברואים, חיות אין מענטשן־געשטאַלט, האָט מען אָנגעטאָן בעדזשעס, זיי זיינען געוואָרן די היטער פון „לאָו ענד אָרדער". זיי, וועלכע זיינען גערונגען געוואָרן פון דער קאָמפּאַניע, ווערן באַצאָלט פון דער קאָמפּאַניע, האָבן דאָס רעכט צו אַרעסטירן, שלאָגן און שיסן. און זיי טוען די אַרבעט, ווי אַזעלכע ברואים קאָנען, שאַנעווען ניט אפילו די פרויען און קינדער פון די סטרייקערס. דאַרף דאָך יעדער מענטש מיט אַ מענטשלאָך האַרץ העלפן די אָרימע און אומגליקלאַכע סטרייקערס, אַז זיי און זייערע פרויען און קינדער זאָלן ניט צעטראָטן ווערן אונטער די קאַפּיטעס פון ראַקעפעלער'ס קאָזאַקן!

אָבער אונזערע פירער, אונזערע, מ'שטיינס געזאָגט, פאַרזאָרגער, אַזוינע ווי וואָל, העלפן אָפּן די מיין אייגנטימער, און אַ סך וואָס זיינען נאָך ניט אַזוי שוואַרץ ווי וואָל — און אפשר פעלט זיי דער מוט — ווינשן, אַז דער סטרייק זאָל געבראָכן ווערן און זיי וועלן ניט אַ קלאַפּ טאָן אַ פינגער אָן אַ פינגער מיט עפּעס צו העלפן.

אין דער אמת'ן, ווי קאָנען זיי דערלאָזן, אַז דער סטרייק זאָל זיין דערפאָלגרייך? דאָס קאָן דאָך אינגאַנצן דער'הרג'ענען זייער פרעסטיזש אין די אויגן פון די מאַסן?

פאַראַן אַזאַ מעכטיקע יוניאָן — די יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן. זי האָט די יוריסדיקציע. איר אויפגאַבע איז צו אָרגאַניזירן די מיינערס. זי האָט אַזעלכע „בערן" ווי לואיס און גרין פאַר פירער. איז זיי קאָנען ניט אָרגאַניזירן די קאָלאָראַדאָ מיינערס, זיי ציטערן גאָר צו ריידן וועגן אַ קאַמף מיט דעם אַלמעכטיקסטן פון אַלע מעכטיקע — דזשאָן ד. ראַקעפעלער. קומען צוגיין עטלאַכע „אינגלאַך" פון דער איי דאַבליו דאַבליו, מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער זיבעצןיאָריקער מיידל, און זיי רופן אַרויס אַ סטרייק, און די אַרבעטער גייען, און די מיינס פּוסטעווען, און פון טאָג צו טאָג שליסן זיך אָן אָן

סטרייק נאך ארבעטער! אפילו א לאקאל פון דער יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן האט זיך אויך אנגעשלאסן! נו, קענען די „פייאיקע פירער״ דערלאזן אז דער סטרייק זאל געווארנען ווערן? עס וועט דאך זיין דער גרעסטער פאטש אין פנים אלע איינגעזעסענע ביוראָקראטן, די פריידיקער פון קאאפעראציע און שותפות צווישן קאפיטאל און ארבעט!

ווען דער סטרייק וועט אבער געבראכן ווערן, ווען מען וועט אים דערטרינקען אין בלוט, וועלן אונזערע פופצן-טויזנט דאלארדיקע פרע־זידענטן זאגן: איר זעט וואס דער סוף איז, ווען ארבעטער לאזן זיך פארפירן פון עטלאכע היץ-קעפ? מיר, די קלוגע, די דערפארענע, די פייאיקע, האבן געוואוסט און מיר האבן געזאגט, אז מען קאן מיט סטרייקס גארניט אויפטאן. מיר וואלטן בעסער באוויזן מיט סטא־טיסטיק, אז ראקעפעלער קאן זיך דערלויבן צו באצאלן עטלאכע סענט מער. און פארשטייט זיך, אז קעגן סטאטיסטיק וואלט זיך ראקעפעלער ניט געקענט שטעלן! ער איז דאך איינער פון די, וואס גלויבן, אז ארבעט און קאפיטאל זיינען שותפים! ער פריידיקט דאך דאס אין די סאנדעי סקולס, וואו ער איז א לערער! היינט אז איין שותף קומט צום צווייטן און ווייזט אים אן, אז ער דארף א פאר דאלאר מער אויף צום לעבן, קען ער עס לייכט קריגן, ספעציעל ווען דער געשעפט טראגט — און ראקפעלער׳ס געשעפטן זיינען ניט שלעכט. איר פארשטייט?

לאמיר האפן אויף דאס בעסטע. לאמיר האפן, אז די ארבעטער וועלן באזיגן אלע זייערע שונאים. אבער טאמער זאלן די ארבעטער חלילה פארלירן, וועט אבער קאלאראדא אלץ זיין א גוטער ביישפיל, אז די ארבעטער זיינען גרייט צו קעמפן פאר בעסערע באדינגונגען, ווען עס קומען נאר פירער אין וועמען זיי גלויבן און צו וועמען זיי האבן צוטרוי. קאלאראדא באווייזט אויך, ווי די יוניאן־ביוראָקראטן פארנאכלעסיקן צו טאן זייער פליכט פון ארגאניזירן די אומארגאניזירטע. ווען מען זאל ווארטן אויף די פעטע פרעזידענטן און וויים-פרעזידענטן, ביז זיי וועלן זיך מטריח זיין צו ארגאניזירן די אומארגאניזירטע, וועט מען ווארטן ביז משיח וועט קומען.

פאראן איבער דרייסיק מיליאן מענטשן אין אמעריקע, וועלכע ארבעטן פאר שכירות, און צו דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר באלאנגען אינגאנצן דריי מיליאן. פייאיקע, ערלאכע, איבערגעגעבענע פירער וואלטן געקאנט ארגאניזירן מיליאנען ארבעטער, וועלכע זיינען איצט ניט ארגאניזירט. האבן זיך אבער אונזערע טשיפס איינגעטיילט מיט דער חלוקה — מיט דער יוריסדיקציע, הייסט עס, איבער די ארבעטער, פונקט אזוי ווי אמאל אין רוסלאנד האבן די פריצים זיך צעטיילט מיט דער ערד. די שניידער געהערן צו ריקערט׳ן, די דרוקער — צו בערי׳ן, די סטאליער — צו האטשעסאנ׳ען, די קוילן־גרעבער — צו לואיס׳ן, א. א. וו. עס האט זיך אנטוויקלט א קלאס פריצים, באראנען און פרינצן, וועלכע האבן א חזקה אויף די ארבעטער. די ארבעטער זיינען זייערע אונטערטאנען, זייערע שקלאפן, פונקט ווי די פויערים זיינען געווען די שקלאפן ביי די אמאליקע פריצים.

די דאזיקע לייבאר־פרינצן זיינען אזוי ווי מילשטיינער אויף די העלזער פון די ארבעטער. וואס גיכער די ארבעטער וועלן זיך עס דערוויסן, וואס גיכער זיי וועלן עס באגרייפן און פארשטיין, אלץ בעסער וועט זיין פארן ארבעטער־קלאס. בלויז דעמאלט ווען די ארבעטער וועלן אנשטאט די אייביקע דזשאב־האלדערס האבן פירער, וועלכע זיי אליין וועלן דערוויילן, פירער וועלכע וועלן פארדינען דעם רעספעקט, דעם גלויבן און דעם צוטרוי פון די מאסן, וועלן די מיליאנען אומארגאניזירטע ארבעטער אריינגעצויגן ווערן אין די רייען פון דער ארבעטער באוועגונג. און דעמאלט וועט דער ארבעטער קלאס קאנען אונטערנעמען א קאמף מיט קאפיטאל, וואס וועט געקרוינט ווערן מיט א זיג.

דער חורבן פון דער מיינערס יוניאָן

קאָרופּציע און שווינדל האָבן געטאָן די אַרבעט*

די יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן האָט פאַרשריבן אַ ריי פון די גלענצענדסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אַרבעטער־קאַמף דאָ אין לאַנד.

סטרייקס פון מיינערס זיינען אמת׳ע מלחמות צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. די מיין אייגנטימער זיינען געוויינטלאַך די באַלעבאַטים איבער די אַלע הייזער אין די דיסטריקטן, וואו די מיינערס זיינען געצוואונגען צו וואוינען. זיי האָבן אויך די דעה איבער די שטאַט־רעגירונגען אין די מיין־דיסטריקטן. די קוילן־קאָמפּאַניעס קאָנטראָלירן די שטאַט־באַאַמטע, און יענע טוען אַלץ וואָס מען הייסט זיי, כדי צו צעברעכן די סטרייקס. די מיינערס און זייערע פרויען און קינדער ווערן פון די קאָמפּאַניעס אַרויסגעשטעלט פון די הייזער, זיינען געצוואונגען צו וואוינען מיט זייערע פאַמיליעס אין לייווענטענעביידלאַך אין די גרעסטע קעלטן. די פּאָליציי און די געדונגענע וועכטער פון די קאָמפּאַניעס מאַכן אמת׳ע פּאָגראָמען אויף די קוילן־גרעבער.

ווער ווייס דען ניט פון די מלחמות אין וועסט־ווירדזשיניא? ווער געדענקט ניט די בלוט־באָד אויף די מיינערס אין לודלאָו, קאָלאָראַדאָ? מען האָט געשאָסן פון מאַשין־ביקסן, אונטערגעצונדן די ביידלאַך פון די מיינערס און זייערע מיטינג־פּלעצער, און פאַרברענט עטלאַכע צענדליק מיינערס און זייערע פרויען און קינדער. דאָך האָבן זיך די מיינערס ניט אָפּגעשראָקן פאַר די אַלע פאַרפאָלגונגען און האָבן

* „איוניגקייט", אפּריל 8, 1927, אַ וואָך נאָכדעם ווי דער סטרייק פון צוויי הונדערט טויזנט מיינערס אין די ווייכע קוילן מיינס אין פּענסילוועניע, אָהייאָ, אילינאָי, איז דערקלערט געוואָרן. דער סטרייק איז נאָך אַנדערהאַלבן יאָר קאַמף פאַרשפּילט געוואָרן.

געקעמפט פאַר זייער יוניאָן, פאַר זייער רעכט צו זיין אָרגאַניזירט, און פאַר מענטשלאַכע באַדינגונגען.

אָבער דאָס וואָס די מערדערלאַכע האַנט פון די קוילן־באַראָנען האָט ניט געקענט באַווייזן, האָבן, ביז אַ געוויסן גראַד, צום באַדויערן, באַוויזן אויפצוטאָן די אינערלאַכע שונאים פון די אַרבעטער.

די פירער פון דער יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן, דורך זייער יוניאָן־ברעכערישער טאַקטיק און דורך זייער פּאָליטיק, האָבן געבראַכט די יוניאָן צו אַזאַ צושטאַנד, אַז די באַלעבאַטים האָבן די חוצפּה איצט, ווען דער אַגרימענט איז אויסגעגאַנגען, ניט צו באַנייען דעם אַגרימענט מיט דער יוניאָן, און צו וועלן איינפירן דעם אַזוי־גערופענעם „אַמעריקאַן“ פּלאַן פון אָפּן שאָפּ, און אַרונטערנעמען צוויי דאָלאַר אַ טאָג פון די איצטיקע מאַגערע שכירות פון די אַרבעטער.

די דורכשניטלאַכע שכירות פון די מיינערס איז ביז איצט געווען פון 5 ביז 7 דאָלאַר אַ טאָג. די אַרבעט איז ניט קיין רעגולערע. דאָס העכסטע, וואָס דער דורכשניטלאַכער מיינער אַרבעט, איז פון 7 ביז 8 מאָנאַטן אין יאָר. חוץ דעם, אַ דאַנק דער געלט־גייציקייט פון די קוילן באַראָנען, וועלכע שטעלן זייערע פּראָפיטן העכער פון די לעבנס פון די מיינערס, איז קיין מיינער, ווען ער לאָזט זיך אַרונטער אונטער דער ערד גראָבן קוילן, ניט זיכער, אַז ער וועט קומען צוריק אַהיים. מאָסן אומגליק־פאַלן, וואו מיינערס פאַרלירן זייערע לעבנס, וואָלטן לייכט געקענט אויסגעמידן ווערן, ווען די קאָמפּאַניעס וואָלטן ניט געוואָלט שפּאָרן קיין געלט אויף איינצופירן די אויסבעסערונגען, צו פאַרהיטן פון אומגליקן. אָבער די לעבנס פון די מיינערס זיינען הפקר. מאַשינען אויסצופּאָמפּען די מיינס פון די געפערלאַכע גאַזן, קאָסט געלט. אָבער אויף דעם אָרט פון אַ גע׳הרג׳עטן מיינער קריגט מען צענדליקער אַנדערע...

אָבער ווי שלעכט די באַדינגונגען פון די מיינערס זיינען ביז איצט ניט געווען, זיינען די באַלעבאַטים אַלץ ניט געווען צופרידן. די קוילן־באַראָנען ווילן אינגאַנצן צעברעכן די יוניאָן, מאַכן די מיינערס פאַר פולשטענדיקע שקלאַפן. און זיי דענקען, אַז איצט איז דער גינסטיקער מאָמענט דערויף.

די קוילן־באַראָנען ווייסן, אַז וואָס פאַר אַ צושטאַנד די יוניאָן געפינט זיך, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער אַרבעט פון לואיס׳עס קאַרופּטער מאַשין.

אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין פילאדעל־פיע האט פרעזידענט גרין געלויבט די פראגרעסיווע און ראדיקאלע עלעמענטן אין דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן. די פראגרעסיווע און ראדיקאלע עלעמענטן — האט ער געזאגט — זיינען די זאלץ פון דער ערד. זיי זיינען אומעטום אין די ערשטע רייען פון ארבעטער־קאמף. נאך ריכטיקער וואלט געווען, ווען ער וואלט געזאגט, אז די פראגרעסיווע און ראדיקאלע מיטגלידער זיינען דער צעמענט, וועל־כער האלט צוזאמען די געביידע פון דער יוניאן. און פונקט ווי דער קלענסטער ווינט קאן אומווארפן א וואנט פון ציגל, וועלכע איז ניט צעמענטעוועט, אזוי מוז א יוניאן, וועלכע שליסט אוים אט דעם עלע־מענט, וועלכן גרין רופט „די זאלץ פון דער ערד", פאנאנדערפאלן ביי דעם ערשטן צוזאמענשטוים מיט די באלעבאטים.

עס איז געווען זייער שיין פון מר. גרינ׳ען צו זאגן אזעלכע ווער־טער אויף אונזער קאנווענשאן. ער האט געוואוסט, אז עס זיינען דארט געווען א סך פראגרעסיווע און ראדיקאלע דעלעגאטן, און ער האט זיי געמאכט קאמפלימענטן. אין דער מיינערס יוניאן, אבער, וואו גרין, איידער ער איז געווארן פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, איז געווען דער סעקרעטאר־טרעזשורער, האט ער צוזא־מען מיט לואיס׳ן אן רחמנות פארפאלגט די פראגרעסיווע און ראדי־קאלע מיטגלידער און אויסגעשלאסן זיי פון דער יוניאן. איין קאמ־פאניע נאך דער אנדערער האבן איינגעפירט ניט־יוניאן באדינגונגען. און לואיס, אנשטאט אנצופירן א קאמף מיט די באלעבאטים, איז גאר געווען פארנומען מיט פירן א קאמף געגן די פראגרעסיווע, געגן קא־מוניסטן.

מר. עלים שערלים, דער רעדאקטאר פון דעם אפיציעלן זשורנאל פון די יונייטעד מיין ווארקערס, האט געדרוקט די „בארימטע" סע־ריע ארטיקלען, אין וועלכע ער האט כלומרשט אויפגעדעקט די „שרעק־לאכע" מעשים פון ער קאמוניסטישער פארטיי. מר. לאווסטאון האט אין „דעילי ווארקער" דערקלערט, אז די ארטיקלען האט שערלים גע־קויפט פון אן אגענט פון די באלעבאטים און האט דערפאר באצאלט פינף און צוואנציג טויזנט דאלאר פון דער קאסע פון דער יוניאן. גרין איז נאך דעמאלט געווען דער סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער יוניאן. די ארטיקלען זיינען געווען אנגעפיקעוועט מיט אזעלכע ליגנס,

אַז מען האָט אומעטום געלאַכט אין די הויפּנס פון דער גאַנצער אידיאָטסטווע. און דערווייַלע האָט די יוניאָן געהאַלטן אין איין פאַר־לירן מיטגלידער. די צאָל פון ניט־יוניאָן מיינס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן.

אין 1924 איז זיבעציק פּראָצענט פון די קוילן אין אַמעריקע גע־גראָבן געוואָרן אין יוניאָן־מיינס. איצט ווערט זיבעציק פּראָצענט פון די קוילן געגראָבן אין ניט־יוניאָן מיינס און בלויז דרייסיק פּראָצענט אין יוניאָן־מיינס. פון 1924 ביז איצט — אין דריי יאָר צייט — האָט די יוניאָן פאַרלאָרן 130 טויזנט מיטגלידער (גענויער — 129,393). ביי אַזאַ לאַגע — איז דען אַ וואונדער, וואָס די קוילן־באַראָנען, וועל־כע זיינען נאָך ביז איצט געווען געבונדן מיט דער יוניאָן דורך אַן אַגרימענט, ווילן נאָכטאָן די 70 פּראָצענט, וועלכע אַרבעטן אונטער ניט־יוניאָן באַדינגונגען?

אַ מוסטער פון „וואַלן" אין אַ יוניאָן

די פּראָגרעסיווע מיטגלידער, איינזעענדיק, אין וואָס פאַר אַ גע־פאַר זייער יוניאָן געפינט זיך, און זייענדיק איבערצייגט, אַז לואיס׳עס פּאָליסים וועלן פירן צו דער פאַרניכטונג פון דער יוניאָן, האָבן אָנ־געפירט אַ קאַמפּיין פון אויפקלערונג צווישן די מיינערס. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אַ קעגן־קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, מיט אַ פּראָגרע־סיוון צעטל. אָבער לואיס׳עס אַגענטן האָבן דורך זייערע געוויינלאַכע קאָרופּטע וואַל־מעטאָדן דורכגעשטופּט לואיס׳ן מיט זיין גאַנצער קאָ־רופּטער קליקע.

די פאָלגנדיקע פאַקטן וועלן געבן אַ באַגריף וועגן די שווינדלע־רישע מעטאָדן, מיט וועלכע די לואיס־מאַשין באַנוצט זיך.

ווען מען האָט צום ערשטן מאָל אָנאָנסירט דעם רעזולטאַט פון די וואַלן, האָט מען לואיסן צוגעטיילט גאַנצע 290 טויזנט שטימען. ווען מען האָט אָבער איבערגעלייענט דעם רעפּאָרט פון מר. קענעדי, דעם סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער יונייטעד מיין וואָרקערס יו־ניאָן, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ווען מען וועט צורעכענען די שטימען, וואָס מען האָט אָנגעגעבן, אַז דזשאָן בראָפי, דער קאַנדידאַט קעגן לואיס׳ן, האָט געקראָגן, וועט עס צוזאַמען מיט די 290 טויזנט שטי־

מען, וועלכע לואיס האט גענומען פאר זיך, אויסמאכן מיט 17 טויזנט שטימען מער, וויפיל מיטגלידער די יונייטעד מיין ווארקערס פאר־מאגט... האט מען איבער־א־ניים „איבערגעציילט" די באלאטס און מען האט לואיס'ן געגעבן 173 טויזנט שטימען, אנשטאט 290 טויזנט, און בראפי'ן, זיין קעגן קאנדידאט, האט מען געגעבן 60 טויזנט שטימען...

יעדער איינער ווייס, אז די אנגעגעבענע צאל שטימען איז פאלש. ווייל דאס וואלט באדייט, אז איבער 85 פראצענט פון אלע מיטגלי־דער האבן זיך באטייליקט אין די וואלן פאר פרעזידענט. מיר ווייסן, אז נים אין דער מיינערס יוניאן, ניט אין קיין אנדער יוניאן, ניט אין קיין פארטיי־וואלן, און ניט אין קיין רעגירונגס־וואלן, באטיי־ליקט זיך ניט אזא גרויסער פראצענט פון די וואל־בארעכטיקטע ווי־לער אין די וואלן.

אלס א באווייז, וואס פאר א שטיקל ארבעט די מאשין האט אפגעטאן פאר לואיס'ן, קען דינען דער פאקט, וואס אין וועסט־ווירדזשיניא, וואו די יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן האט אינגאנצן 337 דיוס־צאלנדיקע מיטגלידער, האט די מאשין צוגעציילט פאר לואיס'ן גאנצע 15 טויזנט שטימען! די זעלביקע 337 מיטגלידער פון וועסט־ווירדזשיניא זיינען געווען פארטראטן ביי דער מיינערס קאנווענשאן אין אינדיאנאפאליס, אין יאנואר 1927, מיט גאנצע 172 דעלעגאטן!

אט מיט דער הילף פון אזעלכע געפעלשטע וואלן און מיט דעלע־גאטן פון פאפירענע לאקאלן האט לואיס אנגעפאקט די קאנווענשאן, האט אויסגעשלאסן די פארטרעטער פון גרויסע דיסטריקטן און האט דורכגעפירט אלץ וואס ער האט געוואלט.

די דעלעגאטן פון די פאפירענע לאקאלן האבן ארייננגעבראכט רעזאלוציעס צו העכערן דעם געהאלט פון לואיס'ן און די איבעריקע באאמטע. בעת די מיינערס יוניאן שטייט אויף דער שוועל פון אזא קריזיס, האט לואיס זיך געהעכערט זיינע שכירות פון 8 טויזנט דא־לאר א יאר אויף 12 טויזנט. א חוץ „הוצאות", נאטירלאך.

אזוי שווארץ איז די קאנווענשאן געווען, אז מען האט דורכגע־פירט א באשלוס, אז קיין מיטגליד פון דער ווארקערס (קאמוניסטי־שער) פארטיי קען ניט געהערן צו דער יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן.

זינט די מיינערס יוניאָן האָט זיך געגרינדעט, האָט זיך געזאָגט אין דער פאָררעדע צו דער קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן, אַז דער ציל פון דער יוניאָן איז — צו קריגן פאַר די מיינערס די פולע פרוכט פון זייער אַרבעט. דאָס האָט לואיס ניט געקענט פאַרליידן. אַזאַ זאַך איז ניט פאַר די מיינערס. פאַר זיי איז צופיל צו קריגן די פולע פרוכט פון זייער אַרבעט — ווען ער, לואיס, קריגט שוין טויזנט דאָלאַר אַ חודש. האָט מען דעם פּונקט אויסגעשטראָכן!

געדונגענע שלעגערס האָבן טעראָריזירט יעדן דעלעגאַט, וועלכער האָט געוואָגט אויפצודעקן די מעשים פון דער קאָרופּטער מאַשין. די רעכטע קליקע האָט געבושעוועט.

דער רעזולטאַט פון די אַלע פּירונגען, פון די וואַל־שווינדלערייען, פאַרפאַלגונגען קעגן לינקע, און פון דער קאָרופּציע בכלל איז — אַז די יוניאָן איז צעשמעטערט געוואָרן. אָט דערפאַר האָבן איצט די באַלעבאַטים אָנגעהויבן זייער אָנגריף.

כל־זמן ביי דעם רודער פון דער יוניאָן וועלן שטיין אַזעלכע, ווי לואיס, האָבן זיך די באַלעבאַטים ניט וואָס צו שרעקן. זיי קענען זיך באַציִען מיט חוזק צו די גערעכטע פאָדערונגען פון די מיינערס, און איצט ווילן זיי טאַקע איינגאַנצן איינפירן דעם אָפּן שאָפּ.

דער טרויעריקער שפּאַס איז, וואָס אָט די לואיסעס און די גרינס, וועלכע האָבן געבראַכט די מיינערס יוניאָן צום איצטיקן טרויעריקן צושטאַנד און וועלכע שטייגן אַריבער מיט זייערע מעטאָדן פון קאָ־רופּציע און גרעפט אפילו טעמעני האָל אין די צייטן פון ריטשאַרד קראָוקער, קומען אונז לערנען ווי צו פירן אַ יוניאָן און ווילן אויס־ריי‌ניקן אונזערע יוניאָנס פון גרעפט!...

אויב עס זיינען נאָך ביז איצט געווען נאַאיווע און אומוויסנדיקע אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט באַגריפן, אַז די פּאָליטיק פון די לואיסעס און די גרינס זיינען אַ געפאַר פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג; אויב די גרויסע מאַסן אַרבעטער האָבן זיך נאָך ניט איבערציינט, אַז די רעכטע טוען אויף פאַר די באַלעבאַטים דאָס, וואָס די באַלעבאַטים אַליין וואָלטן ניט געווען בכוח צו טאָן, אפילו ווען זיי לאָזן זיך קאָסטן מיליאָנען, — דאַרפן די פּאַסירונגען אין דער מיינערס יוניאָן זיי עפענען די אויגן.

וואָס האָבן די שניידער פון הילמאַנ׳ס באַנק־יוניאָניזם?

דער אמת׳ער ווערט פון „עפּישענסי״ *

צווישן די אידישע ארבעטער איז סידני הילמאַן, פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן, געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעהויבן פּריידיקן די טעאָריע און די טאַקטיק פון דעם „גרין־וואָל־יוניאָניזם״.

די באַלעבאַטים — ניט בלויז פון דער קליידער־אינדוסטריע — האַלטן פון הילמאַנ׳ען זייער שטאַרק. וויפיל מאָל האָבן די פירער פון די קלאָוק און דרעס באַלעבאַטים געזאָגט, אַז אונזער אינדוסטריע דאַרף האָבן אַ הילמאַן?

די ליבעראַלע אינטעליגענטן פאַרכלינען זיך, ווען זיי ריידן פון הילמאַנ׳ען. אַ קלייניקייט, וואָס הילמאַן האָט אויפגעטאָן! האָבנדיק קעגן זיך די יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און די אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, האָט ער, אַ דאַנק זיינע פייאיקייטן, אויפגעבויט אַזאַ מעכטיקע אַמאַלגאַמייטעד, מיט אַ באַנק אין ניו יאָרק, אַ באַנק אין שיקאַגאָ, און מיליאָנערסקע אַפּאַרטמענט הייזער. באַווייזט דאָס ניט, אַז די טעאָריע פון קלאַסן־קאַמף איז אויסגעשפּילט און אַז אַלע רייד, אַז בלויז דורך קאַמף קאָן מען אַרויסרייסן ביי די באַלעבאַטים פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבעטער, זיינען קיין דרייער ניט ווערט?

די פריינטשאַפט, וואָס עקזיסטירט צווישן די פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד און די באַלעבאַטים, וועט מען אפילו אין די מייסטע קאָנסערוואַטיווסטע אַמעריקאַנער יוניאָנס ניט באַגעגענען. ווען דער קליידער־פאַבריקאַנט אַרטור נעש, אין סינסינעטי, איז געשטאָרבן,

---

* „פרייהייט״, דעצעמבער 30, 1927.

איז ביי דער אַמאַלגאַמייטעד געווען אַ טרויער־טאָג, און הילמאַן, מיט אַלע באַאַמטע פון דער דאָרטיקער דזשאָינט באָארד, זיינען געגאַנגען צו דער לויה און האָבן געהאַלטן רעדעס און דערציילט שבחים וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם.

איז דאָך אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי מען קאָן מאַכן, אַז דער וואָלף זאָל זיין זאַט און די ציג גאַנץ; אַז די אַרבעטער אין די יוניאָן־שעפּער זאָלן אַרבעטן קורצע שטונדן, קריגן גרעסערע שכירות, און צו דער זעלביקער צייט זאָל אין יוניאָן־שעפּער קאָסטן פּראָדוצירן קליידער ביליקער, ווי אין ניט־יוניאָן שעפּער. וועלן מיר לאָזן הילמאַנ׳ען דערציילן דעם סוד.

ווען מען וועט נעמען דעם „פאָרשריט" פון 29־טן יולי, 1927, וועט מען דאָרט געפינען הילמאַנ׳ס אַן אַרטיקל: „די קליידער־אינדוסטריע און די אַמאַלגאַמייטעד". אין יענעם אַרטיקל באַווייזט הילמאַן, אַז דער פּראָצענט פון באַנקראָטן צווישן די ניט־יוניאָן שעפּער איז גרעסער ווי צווישן די יוניאָן־שעפּער. נאָכ׳ן שכל נאָך האָט טאַקע באַדאַרפט זיין פאַרקערט. זאָגט אונז אָבער הילמאַן, אַז „דאָס וואָס דער יוניאָניזירטער טייל פון די מאַרקעטס איז אין אַ בעסערן צושטאַנד, ווי דער ניט־יוניאָניזירטער, איז עס צו פאַרדאַנקען דער טאַקטיק פון דער אַמאַלגאַמייטעד, וואָס איז באַוואוסטזיניק אויסגעאַרבעט געוואָרן און באַוואוסטזיניק אָנגעהאַלטן געוואָרן".

„מיר וויסן — זאָגט ער — מער וועגן דעם פּראָצעס פון פאַבריקאַציע, ווי דער איינצלנער אַרבעט־געבער. און אין אַ סך פאַלן האָט די יוניאָן, דורך אירע עקספּערטן, אָנגעוויזן די פעלערן פון דער פאַבריקאַציע און געוויזן דעם וועג צו פאַרבעסערונגען". „מיר האָבן קאָאָפּערירט מיט׳ן פאַבריקאַנט אים צו געבן אַזעלכע קליידער ווי דער מאַרקעט פאָדערט".

„דער עיקר — זאָגט הילמאַן — אין די לעצטע עטלאַכע יאָר, ווען שטענדיקע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער אינדוסטריע, פון וועלכע די וויכטיקסטע איז געווען די פאָדערונג אויף ביליקע קליידער, האָבן אַ גרויסער טייל פאַבריקאַנטן געמוזט מאַכן ענדערונגען אין זייער פּראָדוקציע, און זיך צופּאַסן צו די נייע פאָדערונגען". „קלענערע פּרייזן אויף קליידער קענען זיין אַ רעזולטאַט אָדער פון פאַרקלענערטע אַרבעטער־פאַרדינסטן, אָדער פון ענדערונגען אין די מע־

טאָדן פון דער פּראָדוקציע. און דאָ קאָן די יוניאָן אַ סך העלפן — דערמיט, וואָס זי באַשטייט דערויף, אַז דער פאַרקלענערטער פּרייז זאָל זיך נעמען פון געענדערטע פּראָדוקציע־מעטאָדן און ניט פון אָראָפּגעדריקטן יוניאָן־סטאַנדאַרד".

„מיר האָבן אפילו אין אייניגע פאַלן געהאָלפן פינאַנציעל, מיט ראַט און טאַט, אַרבעט־געבער אין נויט, האָבן זיי געהאָלפן איבער־קומען אַ קריזיס און בלייבן ביי זייערע געשעפטן". „די טאַקטיק פון אונזער אָרגאַניזאַציע, ווי אויבן־געזאָגט, איז געווען צו קאָאָפּערירן מיט׳ן אַרבעט־געבער ביים פאַרקלענערן זיינע פּראָדוקציע־קאָסטן, ניט אַראָפּדריקנדיק דעם יוניאָן־סטאַנדאַרד".

באַטראַכטנדיק די טאַקטיק פון דער אַמאַלגאַמייטעד, ווי זי איז דאָ דערקלערט געוואָרן פון הילמאַנ׳ען אַליין, וועלן מיר זיך ניט רע־כענען מיט קיין סענטימענטן און וועלן ניט פרעגן, צי עס איז אין איינקלאַנג מיט דער טרייד־יוניאָן טראַדיציע צו העלפן באַלעבאַטים פינאַנציעל. ווּעמען דען זאָל די אַמאַלגאַמייטעד באַנק לייען געלט, אויב ניט באַלעבאַטים, פאַר זייערע געשעפטן? קען מען דען פאַר־לאַנגען, אַז די באַנק זאָל לייען געלט די מענער־שניידער אויף רענט צו צאָלן? דאָס וואָלט דאָך געווען קעגן די געזעצן — מחמת די שניי־דער קענען דאָך ניט באַנוצן הילמאַנ׳ס „עפישענסי"־יוניאָניזם אַלס „קאָלאַטעראַל" צו גאַראַנטירן די הלוואות, וואָס זיי מאַכן. און קיין אַנדערע „קאָלאַטעראַל" האָבן זיי דאָך ניט!

די פאַרדינסטן פון די שניידער־פאַבריקאַנטן

מיר דאַרפן זיך אויך ניט פאַרלאָזן אויף הילמאַנ׳ס וואָרט, אַז דער יוניאָניזם פון דער אַמאַלגאַמייטעד איז אַ ברכה פאַר די באַלע־באַטים. דאָס זעען מיר פון די גרויסע פּראָפיטן וואָס די מענער־קליי־דער פאַבריקאַנטן מאַכן.

לויט די ציפערן פון דעם יונייטעד סטייט קאָמערס דעפּאַרט־מענט, וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן, קומט אויס, אַז אין 1914 זיינען געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן 4,830 פירמעס פון מענער־קליידער. זייערע גראָס פּראָפיטן האָבן באַטראָפן 141,341,000 דאָלאַר. דאָס מאַכט אויס אַ דורכשניטלאַכער פאַרדינסט פון 29,265 דאָלאַר פאַר אַ פירמע.

אין 1925 זיינען געווען 4,000 קליידער־פירמעס און זייער גראָס־פּראָפיט איז געווען 325,920,000 דאָלאַר. דאָס מאַכט אויס דורכ־שניטלאך צו 81,480 דאָלאַר פּער פירמע. כדי צו האָבן אַ באַגריף, ווי גוואַלדיק־גרויס די פּראָפיטן פון די קליידער־פאַבריקאַנטן זיינען, דאַרף מען געדענקען, אַז צווישן די פיר טויזנט פירמעס, זיינען פאַראַן 1,545 קאָנטראַקטינג־שעפּער און, פאַרשטייט זיך, אַז יעדער פון די קאָנ־טראַקטאָרס האָט ניט געמאַכט קיין 81,480 דאָלאַר פּראָפיטן אין יאָר. ווען מען וועט אַרונטערנעמען די קאָנטראַקטאָרס און רעכענען בלויז די אינסייד מאַנופעקטשורערס, וועט דער דורכשניטלאַכער פאַרדינסט אויסקומען נאָך פיל מער ווי 81,480 דאָלאַר פּער פירמע.

און איצט, אַז מיר ווייסן שוין, ווי אַזוי די אַמאַלגאַמייטעד־פירער האָבן זיך געזאָרגט פאַר די קליידער־פאַבריקאַנטן, זיי געהאָלפן איבערקומען קריזיסן און פאַרבעסערט זייער לאַגע, לאָמיר אויך אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך מיט אונזערע ברידער מענער־שניידער־אַרבעטער, ווי אַזוי האָט די אַמאַלגאַמייטעד ז י י געהאָלפן.

זיינען ז י י ע ר ע פאַרדינסטן אויך אויסגעוואַקסן? נאָך אַלעמען, זיינען דאָך יוניאָנס ניט געשאַפן געוואָרן בלויז צו העלפן די באַלע־באַטים. מען מוז דאָך עפּעס טאָן אויך פאַר די אַרבעטער...

אַ קוק געבנדיק אין דעם לאַגער פון די אַרבעטער, דערזעען מיר, אַז קיין נסים פּאַסירן ניט. מיר זעען גלייך דעם טריק, ווי אַזוי ס'איז מעגלאַך צו מאַכן, אַז אין יוניאָן־שעפּער זאָל קאָסטן ביליקער צו פּראָ־דוצירן קליידער, ווי אפילו אין ניט־יוניאָן שעפּער. דאָס צויבער־שטעקעלע, וואָס באַווייזט דעם טריק, הייסט — „עפישענסי". וואָס „עפישענסי" באַדייט פאַר די באַלעבאַטים, האָבן מיר געזען. אָבער פאַר די אַרבעטער באַדייט „עפישענסי" — קורצע סעזאָנען, אַרבעט־לאָזיקייט, יאָגן זיך ביי דער אַרבעט און אַ הונגער־לוין.

טאַקע אין דעם אָרגאַן פון דער אַמאַלגאַמייטעד גופא, אין „פּאָרט־שריט", פון 9־טן דעצעמבער, האָט דר. הערמאַן פראַנק אין אַן אַר־טיקל: „די אַמעריקאַנער שניידער־אינדוסטריע אין ציפערן", באַוויזן, אַז אין 1923 זיינען אין אַלע מענער־קליידער פאַבריקן אין אַמעריקע געווען באַשעפטיקט 194,828 אַרבעטער. אין 1925 זיינען שוין געווען ניט מער ווי 174,332 אַרבעטער. דאָס הייסט, אַז אין צוויי יאָר צייט, פון 1923 ביז 1925, זיינען מער ווי צוואַנציג טויזנט אַרבעטער אַרויס־

נעוואָרפן געוואָרן פון די שעפער. און כאָטש די צאָל ארבעטער האָט זיך פארקלענערט, פונדעסטוועגן האָבן זיי געאַרבעט קירצערע סע־זאָנען. דאָס באוויזט דר. פראנק אליין אין זיין ארטיקל אין „פאָרט־שריט". זיינע ציפערן נעמט ער אויך פון דעם רעפּאָרט פון דעם פע־דעראלן „דעפּאַרטמענט אוו קאָמערס".

וואָס זיינען די אורזאַכן? דער יאָר 1925 איז דאָך, דאַכט זיך, געווען א גוטער יאָר, א יאָר פון „פּראָספּעריטי" פאר די קליידער־פאַבריקאַנטן. דאָס זעען מיר דאָך פון די גרויסע פּראָפיטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט, ווי מיר האָבן עס אנגעוויזן!

דערויף גיט דר. פראנק קיין ענטפער ניט.

„ספּיד־אפּ" אין די שניידער־שעפּער

ווען מען וועט אָבער נעמען דעם „פאָרטשריט" פון 29־טן יולי, דעם זעלביקן נומער, וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט הילמאַנ׳ס אר־טיקל, פון וועלכן מיר האָבן פריער ציטירט, וועט מען געפינען א רעפּאָרט פון א מיטינג פון לאָקאל 2 פון דער אמאלגאמייטעד. אויף יענעם מיטינג, דערציילט דער „פאָרטשריט", האָט מען דיסקוטירט די אנגעווייטיקטע פראגע פון מאשינעריע. „עס איז אן אלטע קרענק, פון וועלכער שניידער זיינען די, וואָס ליידן מער פון אנדערע, — זאָגט דער רעפּאָרט. — מאשינען פארבייטן אלץ מער די האַנט־ארבעט און פאר דעם שניידער בלייבט אלץ ווייניקער פּלאַץ אין דער אינדוסט־ריע".

אביסל ווייטער אין רעפּאָרט זאָגט זיך:

„די עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאל 2 איז זיך צוזאמענגעקומען מיט די באַאַמטע פון דזשאָינט באָארד און מען האָט אויסגעאַרבעט געוויסע רעזאָלוציעס פאר׳ן טרייד. פאראנען א באשטימטער טייל פון ראָק, וואָס מוז פארבלייבן די ארבעט פון דעם בעיסטער, אפילו ווען בכלל ווערן באנוצט בעיסטינג־מאשינען. די באַאַמטע, די ביזנעס־איידזשענטס און דער טרייד־מענעדזשער האָבן זיך אונטערגענומען אָפּצוהיטן די דאָזיקע רעגולאַציעס אין די שעפּער".

ווי אזוי אָבער פאַרט זיך דאָס מיט הילמאַנ׳ס טאַקטיק צו קאָ־אָפּערירן מיט די באַלעבאַטים און זיי העלפן איינפירן די העכסטע

פאַרמע פון „עפישענסי", אַזוי, אַז זיי זאָלן קענען קאָנקורירן מיט די ניט־יוניאָן שעפּער? ווען אַ באַלעבאָס האָט בעיסטינג־מאַשינען, איז עס דען אין איינקלאַנג מיט הילמאַנ׳ס „עפישענסי"־טעאָריע צו צווינגען אים באַשעפטיקן „בעיסטערס"? דאָס פאַרגרעסערט דאָך דעם קאָסט פון פּראָדוצירן קליידער! טאָ וועמענס טאַקטיק איז אין די אינטערעסן פון די שניידער, און וועמענס טאַקטיק דאַרף מען דורכפירן, הילמאַנ׳ס, צי דער דזשאָינט באָאַרד׳ס? און ווי קען די „פאַרטשריט" אין איין צייט האַלטן מיט הילמאַנ׳ען און אויך לויבן די, וואָס נעמען זיך אונטער ניט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל בעיסטן אויף מאַשינען?

פאַרשטייט זיך, אַז אין די שעפּער פירט מען דורך הילמאַנ׳ס פּאָליטיק פון „ספּיד־אַפּ" און דעם העכסטן סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאַקשאָן. און ווען אַ דאַנק דעם ווערן אַרויסגעוואָרפן פון די שעפּער טויזנטער אַרבעטער, איז, אויב מען קאָן זיי קיין דזשאָבס ניט געבן, נעמט מען כאַטש אָן רעזאָלוציעס, אַז מען וועט ניט לאָזן באַנוצן בעיסטינג־מאַשינען... די באַלעבאָטים שרעקן זיך ניט פאַר די רעזאָלוציעס. אדרבה, וואָס מער אַזעלכע רעזאָלוציעס, אַלץ מער וועט מען נאַרן די אַרבעטער.

וויפיל פאַרדינט דער שניידער־אַרבעטער?

דר. פראַנקס אַרטיקל איז אָנגעפילט מיט ציפערן. איר קענט דאָרט געוואויר ווערן וויפיל עס זיינען דאָ אינסייד שעפּער, וויפיל קאָנטראַקטינג שעפּער; וויפיל עס איז געווען די ווערט פון די אָנצוגן, וויפיל פון די מאַנטלען, און אַזוי ווייטער. אָבער וועגן די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער איז אַ וואָרט ניטאָ. דאָס איז אַ פּנים ניט וויכטיק. האָבן מיר זיך אַליין גענומען מטריח זיין און אַריינקוקן אין רעפּאָרט פון דעם יונייטעד סטייטס קאָמערס דעפּאַרטמענט און מיר זיינען געוואויר געוואָרן וואָס דער „פאַרטשריט" האָט „פאַרגעסן" צו געבן...

מיר זיינען געוואויר געוואָרן, אַז די 174,332 אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי מענער־קליידער אין 1924, האָבן אָפּגענומען אין שכירות 203,847,000 דאָלאַר. דאָס מאַכט אויס, אין דורכ־

שניט, 1168 דאָלאַר פאַר אַן אַרבעטער אַ גאַנצן יאָר, אָדער אַרום 22 דאָלאַר אַ וואָך!

הייסט עס, דער עפישענסי־באַנק־און־אַפּאַרטמענט־יוניאָניזם האָט ניט געשאַפן פאַר די אַרבעטער קיין גן־עדן. מיט 22 דאָלאַר אַ וואָך קאָן מען קיין אָרימען לעבן אפילו ניט מאַכן.

כדי צו באַקומען אַ פול בילד פון דער לאַגע, וועלן מיר נאָך דערמאָנען, אַז אין דער מענער־קליידער אינדוסטריע עקזיסטירט נאָך דער איבל פון היים־אַרבעט. און ניט נאָר האָט די יוניאָן ניט אָפּגע־שאַפט דעם איבל, נאָר לויט דעם רעפּאָרט פון סטייט דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר (זע ספּעציעלן בולעטין, נומער 147, אויגוסט 1926) האָט זיך די צאָל פון היים־אַרבעטער אין דער מענער־קליידער אינדוסטריע פאַרמערט. די אונטערזוכונג פון סטייט־דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז עס זיינען פאַראַן אין ניו יאָרק אַרום פינף טויזנט היים־אַרבעטער, וואָס זייערע פאַרדינסטן זיינען פון 9 ביז 13 דאָלאַר אַ וואָך. דער רעפּאָרט דערקלערט אויך, אַז ווען עס זאָגט זיך, אַז אַ היים־אַרבעטער פאַרדינט פון 9 ביז 13 דאָלאַר אַ וואָך, איז מען נאָך ניט זיכער, צי דאָס איז טאַקע די פאַרדינסטן פון איין אַרבעטער. אויך קען מען קיינמאָל ניט וויסן וויפיל שעה מען האָט געאַרבעט צו פאַרדינען די 9 אָדער די 13 דאָלאַר. געוויינט־לאַך, זיינען די וואָס נעמען אַרויס אַרבעט אַהיים — פרויען. אָבער ווען די פרוי, וועלכע נעמט אַרויס אַרבעט, ברענגט עס אַהיים, אַר־בעטן דערביי זייער אָפט די מאַמע מיט די קינדער. ביים באַלעבאָס אין בוך איז פאַרשריבן איין אַרבעטער, בעת אין דער אמת׳ן האָבן געאַרבעט עטלאַכע, כדי צו פאַרדינען די 9 אָדער די 13 דאָלאַר. די עטלאַכע צימערלאַך, וואו מען וואוינט, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ שאַפּ, וואו מען אַרבעט אָן אַ גרעניץ. איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס איז שעד־לאַך פאַר דעם געזונט פון דער פאַמיליע.

אָט דער איבל, וועלכן מען האָט שוין אָפּגעשאַפט אפילו אין אַ סך אומאָרגאַניזירטע אינדוסטריען, בליט אין דער מענער־קליידער אינדוסטריע, וואו עס הערשט דער „באַנק (איר מעגט עס לעזן: „באַנק") און אַפּאַרטמענט טרייד יוניאָניזם".

קיין נסים זיינען ניטאָ. די רעטעניש איז געלייזט. עס איז קלאָר ווי אַזוי מען מאַכט, אַז אין יוניאָן־שעפּער זאָל קאָסטן פּראָדוצירן

קליידער ביליקער, ווי אין ניט־יוניאָן שעפּער. עס ווענדט זיך בלויז, וואָס דער באַגריף איז ווענן אַ יוניאָן־שאַפּ. דערמיט וואָס מען גיט אַ שאַפּ אַ נאָמען „יוניאָן־שאַפּ", מיינט עס נאָך ניט היינטיקע צייטן, אַז דאָרט אַרבעטן די אַרבעטער לייכטער און פאַרדינען גרעסערע ווייזשעס, ווי אין אַ ניט־יוניאָן שאַפּ.

ווען די הילמאַנס און די גרינס ריידן, אַז דורך איינפירן „עפּי־שענסי" קאָנען די אַרבעטער אַרבעטן קורצע שטונדן און קריגן גרוי־סע שכירות, און צו דער זעלבער צייט זאָלן ניט פאַרגרעסערט ווערן די פּראָדוקציע־קאָסטן, פאַרגעסן זיי, אַז „עפּישענסי" באַדייט ניט בלויז — פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטער, פאַרגרעסערן אַרבעטלאָזי־קייט, נאָר דאָס באַדייט אויך — שווערערע אַרבעט, קאַטאָרזשנע אַרבעט, פאַר די, וועלכע בלייבן אין די שעפּער. מען פירט איין אַזאַ יאָגעניש ביי דער אַרבעט, אַז בלויז די אינגערע, געשווינטערע, קאָנען עס נאָכקומען.

און ניט בלויז אין די אַמאַלגאַמייטעד־שעפּער, נאָר אומעטום איז עס אַזוי. דאָס איז דער באַדייט פון „עפּישענסי", פון דער „האַרי־אַפּ" סיסטעם. דאָס פאַרקירצט דעם אַרבעטער די יאָרן, מאַכט אים אַלט פאַר דער צייט. מען קען היינט געפינען זייער ווייניק באַלעבאַ־טים, וועלכע נעמען צו דער אַרבעט אַן אַרבעטער פון אַרום פופציק יאָר. ווענן עלטערע לייט איז דאָך אָפּגערעדט. זיי לאָזט מען אפילו ניט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ פאַבריק.

פאַר די, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט אין אַ שאַפּ, אָדער פאַר אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין פאַרגעסן ווי אַ שאַפּ זעט אויס און חלומ׳ען אפילו ניט ווען עס איז צו גיין אין שאַפּ אַרבעטן, איז לייכט צו מאַכן סטאַנדאַרדס און פּראָדאַקשאַן, איז גוט צו פּלאַפּלען ווענן די גליקן פון עפּישענסי. די אַרבעטער ווייסן וואָס די גליקן באַדייטן פאַר זיי.

פאַר וועמען דאַרפֿן זיך יוניאָן־פירער זאָרגן?
פאַר דער אינדוסטריע, אָדער פאַר די אַרבעטער? *

ביים „פאָרווערטס" איז די „אמאַלגאַמייטעד" אַ מוסטער פון אַן אָרגאַניזאַציע. די הויפּט־פירער, הילמאַן, שלאָסבערג און בעקערמאַן, זיינען הייליקע. אַי, די גרעפּט־סקאַנדאַלן, מיט וועלכע די אַמאַלגאַ־מייטעד איז אַזוי רייך? איז אויף דעם דאָ אַ תירוץ: שולדיק זיינען די קלענערע באַאַמטע.

די אַמאַלגאַמייטעד ליידט אָבער פון אַן ערגערער מכה, ווי גרעפּט אפילו. דאָס איז — די אידעאָלאָגיע פון אירע פירער און זייערע פּאָ־ליסים, וועלכע האָט פאַרוואַנדלט די אַמאַלגאַמייטעד אין אַ קאָמ־פּאַני־יוניאָן!

כדי מען זאָל ניט מיינען, אַז אונזער באַהויפּטונג איז ניט ריכ־טיג, ווערן מיר ציטירן דעם עדיטאָריעל פון „פאָרווערטס" פון דעם 4טן מאַי, 1928, עטלעכע טעג פאַר דער קאָנווענשאָן פון דער אַמאַל־גאַמייטעד אין סינסינעטי:

„די אַמאַלגאַמייטעד — ווערט אין דעם עדיטאָריעל גע־זאָגט — קומט צו דיזן קאָנווענשאָן מיט אַ קראַנקן טרייד אָבער אַ געזונטער יוניאָן. די אַמאַלגאַמייטעד צייכנט זיך אויס מיט איר פאַראַנטוואָרטלעכער באַציאונג צום טרייד. אירע פּי־רער האַלטן פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַלץ וואָס קען העלפן דעם טרייד, וועט אויך העלפן די וואָס אַרבעטן ביים טרייד. אַלץ וואָס קאָן אים שעדיקן, וועט אויך טאָן שאָדן די אַרבעטער אין דעם טרייד. מיט דיזן געדאַנק שטענדיק אין זינען האָט די אַמאַלגאַמייטעד ניט איין מאָל אַריינגעשיקט אירע אייגענע מענטשן, עקספּערטן אויף שאַפּ־פאַרוואַלטונג, צו זען וואָס איז דער מער מיט אַ קראַנקן שאַפּ, און טרייען היילן די קראַנק־הייט.

---

* „פרייהייט", יולי, 18, 1928.

„דיזע פאַראַנטוואָרטלאַכע באַציאונג איז, פאַרשטייט זיך, גילטיק ניט נאָר פאַר איינצעלנע שעפּער. אין אַ פיל גרעסערער מאָס איז זי אָנגעווענדעט אויף דער גאַנצער אינדוסטריע. די הויפּט־פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד האָבן געלאָזט פאַלן גע־לעגנהייטן אויסצונעמען ביי זייער עולם מיט דעמאַגאָגישע פאָ־דערונגען, ווען זיי האָבן געזען אַז אַזעלכע פאָדערונגען זיינען ניט אין די כחות פון דעם אָרגאַניזירטן טייל פון טרייד נאָכ־צוגעבן. מיר דערמאָנען דאָס אין שייכות מיט דער פּערציק־שטונדיקער אַרבעטס־וואָך, און די אַגרימענטס וואָס די אַמאַל־גאַמייטעד האָט איצט געשלאָסן.“

עס דאַרף דעריבער קיינעם ניט וואונדערן די נייעס אין „פאָר־ווערטס“ פון 14טן מאַי, אַז „די פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד האָבן די פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים ניט אָנגעפירט בלינדער־הייט; אַז זיי האָבן קלאָר און באַשטימט געוואוסט, וואָס זיי ווילן; און דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ — זיי האָבן געקראָגן וואָס זיי האָבן געוואָלט“. מיר ווייסן, אַז קיינמאָל האָבן נאָך יוניאָנס ניט געקראָגן, אפילו אין די בעסטע צייטן, אַלץ וואָס זיי ווילן. מען איז אַלעמאָל געצוואונגען צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן. און עס איז אויך באַוואוסט, אַז די שניידער־פאַבריקאַנטן זיינען גאָרניט אַזעלכע גוטע, זיי זיינען ניט אַזעלכע געבערס, אַז מען זאָל ביי זיי קאָנען קריגן אַלץ וואָס מען וויל. ווען מען האָט אָבער אין זינען דאָס וואָס דער „פאָרווערטס“ האָט געזאָגט, פאַרשטייט מען שוין, פאַרוואָס עס הערשט אַזאַ גוט לעבן צווישן הילמאַן׳ען מיט די באָסעס, און וואָרום ער „קריגט ביי זיי אַלץ וואָס ער וויל“, ווייל ער וויל בלויז דאָס, וואָס איז גוט פאַר דער אינדוסטריע, פאַר די באַלעבאַטים הייסט עס. און וועלכער באַ־לעבאָס וועט עס זיין קעגן דעם?

ניט נאָר האָבן די אַרבעטער ניט געוואונען קיין פאַרבעסערונגען פון די איצטיקע אַגרימענטס, נאָר די לאַגע פון די אַרבעטער איז גע־וואָרן נאָך פיל ערגער דערמיט, וואָס מען האָט אַרויפגעצוואונגען אויף די אַרבעטער שטיק־אַרבעט.

אַ געזונטע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע פאַרזיכערט ניט אַ געזונטן צושטאַנד פאַר די אַרבעטער

בכלל וואָלט מען געקענט פרעגן ביי די פירער פון דער אמאַל־גאַמייטעד און ביים „פאָרווערטס": אויב זיי האָבן יאָ אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט, וואָס ווערט אַזוי פייערלאַך אַרויסגעשטעלט פון אַלע סקעב־באַלעבאַטים און זייערע פאַרטיידיקער, — צו וואָס, אייגנטלאַך, דאַרף מען אײַנגאַנצן האָבן יוניאָנס? איז דאָך דער פירער פון דער נאַציאָנאַלער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז מען דאַרף אײַנגאַנצן קיין יוניאָנס ניט. ווייל אויב אַלץ וואָס איז גוט פאַר די אינדוסטריען, איז אויך גוט פאַר די אַרבעטער, ווייסן דאָך די באַלעבאַטים פיל מער וואָס עס איז גוט פאַר זיי, ווי די פירער פון דער יוניאָן!

אַט האָבן שוואַב און ראָקעפעלער געזאָגט ביי דער סענאַט קאָמיטע, וואָס האָט ניט לאַנג צוריק אויסגעפאָרשט די לאַגע אין דער קוילן־אינדוסטריע, דאָס זעלביקע וואָס די פירער פון דער אמאַלגאַמייטעד און דער „פאָרווערטס" זאָגן וועגן דער קליידער־אינדוסטריע. יענע האָבן אויך גע׳טענה׳ט, אַז די קוילן־מאַגנאַטן זיינען ניט שולדיק אין דער שרעקלאַכער לאַגע פון די מיינערס. די קוילן־אינדוסטריע, האָבן זיי געזאָגט, איז קראַנק, און קען דעריבער ניט געבן אַלע מיינערס אַ מעגלאַכקייט צו מאַכן אַ לעבן.

אויב מען גיט צו, אַז עס זיינען פאַראַן „קראַנקע אינדוסטריען" און „קראַנקע שעפּער", און אַז דאָס וואָס איז גוט פאַר די אינדוסטריען און די שעפּער איז אויך גוט פאַר די אַרבעטער, און אַז אַלץ וואָס קאָן שעדיקן די אינדוסטריען און די שעפּער, שעדיקט אויך די אַרבעטער, — זיינען דאָך די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס גערעכט מיט זייערע קאַמפּיין־לאָזונגען! די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס זאָגן: ווען הוווער וועט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אינדוסטריען, וועט ער שוין ממילא פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער. און אַז הוווער ווייס וועגן דעם, וואָס עס איז גוט פאַר די אינדוסטריען, מער ווי דער גלח נאָרמאַן טאָמאָס, וועט אפילו דער

„פאָרווערטס“ מוזן צוגעבן...*. דעריבער איז ניט בלויז ניט פאַראַן קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פאַר יוניאָנס, נאָר אפילו סאָציאַליס־טישע אָדער אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען דאָן איבעריק!

נאָר גיי זוך לאָגיק און אויסגעהאַלטנקייט ביים „פאָרווערטס“. אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער לויבט די אַמאַלגאַמייטעד פירער, פאַר ניט אַרויסשטעלן די „דעמאַגאָגישע פאָדערונג“ פון פערציק שעה, וויל יער איינריידן דעם עולם, אַז ביי די קלאָוקמאַכער האָט שלעזינ־גער, און ניט די לינקע, געוואונען די פערציק־שעה׳דיקע אַרבעט־וואָך!... ביי די קלאָוקמאַכער, הייסט עס, איז שוין די פערציק־שעה׳־דיקע אַרבעט־וואָך ניט קיין דעמאַגאָגישע פאָדערונג, נאָר די סאַמע וויכטיקסטע, אָן וועלכער מען קען זיך ניט באַגיין. און קיין קלאָוק־מאַכער טאָר ניט אַרבעטן אפילו אַ מינוט מער ווי פערציק שעה, אַניט וועט ער חלילה רואינירן זיך און די גאַנצע אינדוסטריע!...

דאָס זעלביקע איז בנוגע וואָך־אַרבעט.

האָט מען געוואונען די וואָך־אַרבעט, איז דאָס געווען דער גרעס־טער זיג. אָבער איצט, אַז מען האָט איינגעפירט צוריק שטיק־אַרבעט, איז עס נאָך אַ גרעסערער זיג ביים „פאָרווערטס“.

אָט איז וואָס ער שרייבט דעם 30־טן מאַי, אויף דער ערשטער זייט, מיט אַ גרויסער קאָפּ:

„אַמאַלגאַמייטעד באַשליסט צו האָבן שטיק־אַרבעט נאָר אין גרוי־סע פאַראַנטוואָרטלאַכע אינסייד שעפּער!“

און אין די אונטער־קעפּלאָך ווערט געזאָגט:

„קיין שטיק־אַרבעט וועט ניט ערלויבט ווערן אין די קאָנטראַק־טינג שעפּער! פּרייזן וועלן פאַר קיין פאַל ניט געשניטן ווערן!“

נאָכדעם קומט ערשט די ריכטיקע מעשה.

„די דזשאָינט באָארד פון ניו יאָרק — זאָגט דער „פאָר־ווערטס“ — האָט באַשלאָסן אָנצונעמען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַזעלכע מיטלען וואָס זאָלן זיין ווייטגייענד און גרויס גענוג צו היילן דעם קראַנקן צושטאַנד פון טרייד.

---

* נאָרמאַן טאָמאַס איז געווען דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין די פּרעזידענט־וואַלן, נאָוועמבער, 1928.

„די אַמאַלגאַמייטעד האָט געזען ווי דער טרייד פאַלט אָפּ אין ניו יאָרק פון סעזאָן צו סעזאָן און פון יאָר צו יאָר. זי האָט געזען, אַז די גרויסע מאַסן אַרבעטער קענען קוים מאַכן אַ לעבן ביים טרייד; שעפּער ווערן קלענער; אַרבעטער פאַלן אַרויס פון דזשאַבס און ווען זיי פאַרלירן אַ דזשאַב קומט זיי אויס כאָטש איינגאַנצן אויפצוגעבן זייער טרייד, ווייל זיי קענען אין ערגעץ קיין נייעם דזשאַב ניט קריגן. די אַרבעט גייט אַוועק פון די גרויסע פאַראַנטוואָרטלאַכע קאָנטראַקטינג שעפּער, וואו די יוניאָן קאָנדיציעס ווערן אונטערגעגראָבן. די ניו יאָרקער מאַנופעקטשורערס האָבן געפונען אַלערליי מיטלען אויסצודרייען זיך פון דער סיסטעם פון וואָד־אַרבעט. די באָסעס האָבן אַרויסגעגעבן זייער אַרבעט צו די קליינע קאָנטראַקטינג שעפּער, וואו די שניידער זיינען געווען געצוואונגען אַרויסצוזאָגן פון זיך די כחות, און אַרויסגעבן אַלץ מער און מער פּראָדאַקשאָן. פאַר די באָסעס איז דאָס געווען אַ גלענצענדער סקים, אָבער פאַר די אַרבעטער איז דאָס געווען אַ סיסטעם פון ערנידערונג און שקלאַפעריי. די באָסעס האָבן אייגנטלאַך געהאַט אַלע בענעפיטס פון שטיק־אַרבעט, און אַז דער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט צו דער יוניאָן. זיי האָבן אימער געוואוסט אין פאַראויס וויפיל אַ גאַרמענט וועט זיי קאָסטן. צו דער זעלבער צייט, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט פון טראָבל, ווייל דער קאָנטראַקטאָר האָט פאַר זיי געטאָן די שמוציקע אַרבעט פון יאָגן די אַרבעטער און ארונטערדריקן די פאַרדינסטן. די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ, אַז די גרויסע אינסייד שעפּער האָבן אָנגעהויבן אויסצאַנקען און אונטערגיין. די אַמאַלגאַמייטעד דזשאָינט באָארד האָט באַשלאָסן צו ערמוטיקן אינסייד שעפּער. זי האָט באַשלאָסן, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָלן די גרויסע שעפּער האָבן דאָס רעכט צו אַרבעטן פון שטיק. קיינע קאָנטראַקטינג שעפּער וועלן ניט האָבן דיזע רעכט. אייב בעקערמאַן, דער מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד, האָט דערקלערט, אַז די פּרייזן וואָס וועלן באַשטימט ווערן אין די אינסייד שעפּער, וועלן זיין אַזעלכע, אַז די אַרבעטער וועלן פאַרדינען ניט ווייניקער ווי פון וואָד־אַרבעט, אויב ניט מער.“

דערוויסן מיר זיך פון דעם „פאָרווערטס“ גופא, הייסט עס, אז די גרויסע מאסן ארבעטער קענען קוים א לעבן מאכן ביים טרייד. און אז ארבעטער וואס פאלן ארויס פון א דזשאב קומט אויס איינגאנצן אויפגעבן זייער טרייד; אז די ארבעט פון די גרויסע שעפער ווערן געמאכט אין קאָנטראַקטינג שעפער, וואו יוניאָן קאָנדיציעס ווערן אונטערגעגראָבן, און וואו די ארבעטער זיינען געצוואונגען ארויסצוזיאגן פון זיך די כוחות און ארויסגעבן אלץ מער און מער ארבעט; אז עס הערשט א סיסטעם פון דערנידערונג און שקלאפעריי. פרעגט זיך א פראַגע:

אויב דאָס זיינען די קאָנדיציעס פון די ארבעטער, טאָ אלעמאי האָט דער „פאָרווערטס“ ביז איצט אטאקירט די לינקע, וועלכע האָבן טאַקע אָנגעוויזן אויף אַט־די איבלען? פאַרוואָס האָט ער געדרוקט ארטיקלען און עדיטאָריעלס, וואו ער האָט געלויבט די וואונדער, וועלכע בעקערמאַן האָט אויפגעטאָן פאַר די שניידער?

די „קראַנקע“ אינדוסטריע גיט די פאַבריקאַנטן מיליאָנען

עס איז אָבער די גרעסטע שאַרלאַטאַנסטווע צו באַשולדיקן די סיסטעם פון וואָך־ארבעט אין די איצטיקע צרות און ליידן פון די שניידער, און בלויז אומפאַראַנטוואָרטלאַכע ברואים קענען זיך דערלויבן צו שרייבן, אז שטיק־ארבעט וועט אָפּשאַפן קאָנטראַקטינג און איינפירן צוריק גרויסע אינסייד שעפער!

ווער זעט דען ניט די פאַלשקייט פון דער באַהויפּטונג, אז ווען אין די אינסייד־שעפער וועט מען ארבעטן פון שטיק וועט מען ביי די קאָנטראַקטאָרס ארבעטן פון וואָך? ווייס דען ניט יעדער שניידער, און יעדער ארבעטער בכלל, אז אפילו ווען מען האָט געאַרבעט אין די אינסייד שעפער פון וואָך, איז געווען שווער צו קאָנטראָלירן די שעפער פון די קאָנטראַקטאָרס און אין פיל פון זיי האָט עקזיסטירט שטיק־ארבעט? זאָגט דאָך דער „פאָרווערטס“ אליין, אז די באָסעס האָבן געהאַט ביז איצט דעם בענעפיט פון שטיק ארבעט, אז זיי האָבן אימער געוואוסט אין פאָראויס וויפיל א גארמענט וועט זיי קאָסטן, און אז דער קאָנטראַקטאָר האָט געטאָן די שמוציקע ארבעט פון יאָגן די ארבעטער און ארונטערדריקן די פאַרדינסטן!

אויב די יוניאן איז בכוח צו קאנטראלירן די שעפער פון די קאנ־טראקטארס, פארוואס האט זי געלאזן, אז מען זאל דארט ארויסיאגן די כוחות פון די ארבעטער און ארונטערדריקן זייערע פארדינסטן? און אויב זי האט ניט געקענט זען, אז יוניאן־באדינגונגען זאלן אפ־געהיט ווערן אין די קאנטראקטינג שעפער ביז איצט, טא ווי אזוי וועט זי איצט קענען קאנטראלירן, אז מען זאל דארט ארבעטן פון וואך און אויפהויבן דעם סטאנדארד אזוי הויך, אז עס זאל זיך לוינען די באלעבאטים בעסער צו מאכן די ארבעט אינסייד?

עס איז איבעריק צו זאגן, אז די איינפירונג פון שטיק־ארבעט וועט פארערגערן די לאגע פון די ארבעטער. דאס וועט אבער ניט ארויסטרייבן די קאנטראקטארס פון ביזנעס. די קאנטראקטארס, וועל־כע האבן, ווי דער „פארווערטס" אליין זאגט, „ארויסגעיאגט די כוחות פון די ארבעטער און געטאן די שמוציקע ארבעט פאר די באלעבא־טים", וועלן נאכמער ארויסיאגן די כוחות פון די ארבעטער, און טאן נאך שמוציקערע ארבעט, — כדי צו קאנקורירן מיט די אינסייד־שעפער!

די לאגע פון די שניידער וועט ניט פארבעסערט ווערן כל זמן זיי וועלן האבן אזעלכע פירער, וועלכע האלטן זיך פאר „דאקטוירים" און גיבן זיך אפ מיט זוכן רפואות פאר דער „קראנקער" קליידער־אינדוסטריע, און היילן „קראנקע" שעפער. די „קראנקע" קליידער־אינדוסטריע גיט מיליאנען פראפיטן די קליידער־פאבריקאנטן. דאס באווייזט אפילו די סטאטיסטיק פון דער רעגירונג. און עס איז ניטא קיין אורזאך, פארוואס זי קען ניט געבן צו פארדינען די שניידער אויף א לעבן צו מאכן.

מיט יארן צוריק וואלטן די איצטיקע פירער פון דער אמאלגא־מייטעד אליין געשטעמפלט אלס פאררעטער און אגענטן פון די בא־סעס אזעלכע יוניאן־פירער, וועלכע וואלטן געדרייט א מוח מיט א „קראנקער אינדוסטריע", מיט „קראנקע שעפער", און וואלטן דער־ציילט א מעשה, אז אלץ, וואס ס'איז גוט פאר דער אינדוסטריע, איז אויך גוט פאר די ארבעטער. היינט זיי זיינען זיי שוין צו־ווייט אוועק פון די ארבעטער, לעבן אליין ווי קאפיטאליסטן, — איז קיין וואונדער ניט, וואס זיי האבן אויך איבערגענומען די קאפיטאליס־

טישע אידייען און פירן אַן אַ פּאָליטיק וועלכע ווערט געלויבט פון די גרעסטע מאַגנאַטן און ערגסטע אַרבעטער־פּיינט. די אַרבעטער זיינען אָבער פון די גרויסע דיפּלאָמאַטן און פּאָליטיקער ניט געהאָלפן געוואָרן. זייער לאַגע איז נאָך ערגער געוואָרן און וועט נאָך ערגער ווערן, אויב זייער יוניאָן וועט ניט גיין אויפן אמת׳ן וועג פון קעמפן פאַר די אַרבעטער, און וועט ניט זאָרגן פאַר דער קראַנקער לאַגע פון די אַרבעטער, איידער צו זאָרגן פאַר די קראַנקע שעפּער.



די שולד פון „פאָרווערטס“ אין דעם אומגליק פון די שניידער

דער אָפענער אויפשטאַנד אין דער אַמאַלגאַמייטעד *

ווען די פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד האָבן, אין יוני, 1928, באַשלאָסן אָפּצושאַפן וואָך־אַרבעט און איינפירן שטיק־אַרבעט אין די שניידער־שעפער, האָבן זיי גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס וועט ניט אָנקומען אַזוי לייכט איינצורעדן די אַרבעטער, אַז שטיק־אַרבעט איז בעסער ווי וואָך־אַרבעט. האָבן זיי גענומען דעם געלן „פאָרווערטס“ צו הילף. און צוזאַמען האָט מען גענומען טשאַדען די מוחות פון די אַרבעטער. מען האָט זיי דערציילט, אַז שטיק־אַרבעט וועט מען בלויז איינפירן אין די גרויסע אינסייד שעפער, אָבער אין די שעפער פון די קאָנטראַקטאָרס וועט בלייבן וואָך־אַרבעט.

דער „שכל“ דערפון איז געווען, אַז אַזוי ווי עס וועט דעמאָלט קאָסטן טייערער צו פּראָדוצירן קליידער אין די שעפער פון די קאָנטראַקטאָרס — ווייל מ׳וועט דאָך דאָרט אַרבעטן פון וואָך! — וועלן די פאַבריקאַנטן אויפהערן איינגאַנצן צו שיקן די אַרבעט צו קאָנטראַקטאָרס און בעסער אויסאַרבעטן די קליידער אין זייערע אייגענע פאַבריקן, וואו מען וועט אַרבעטן פון שטיק. אַזוי אַרום וועלן די אַרבעטער אין די „אינסייד שעפער“ האָבן מער אַרבעט...

דער „פאָרווערטס“ האָט, ווי זיין שטייגער איז, געהאָלפן די ביוראָקראַטן דורכפירן זייערע פּלענער. ער האָט אָט דעם פאַררעטערישן פּלאַן באַטיטלט אַלס אַ גאַראַנטיע, אַז די שניידער וועלן מאַכן אַן אָנשטענדיקן לעבן. ער האָט געשריען, אַז דער „פּלאַן“ איז „ווייט־גייענדיק און גרויס גענוג צו היילן דעם קראַנקן צושטאַנד פון טרייד“.

---

* געשריבן אין די לעצטע טעג פון יאַנואַר 1929, ווען א. בעקערמאַן איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן זיין אַמט.

מיר האָבן דעמאָלט אויפֿגעוויזן, אַז דאָס איז אַ שווינדל, און מיר האָבן פֿאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס וועט ניט פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די שניידער, נאָר פֿאַרערגערן. מיר האָבן אויפֿגעוויזן, אַז עס וועט אוממעגלאַך זיין אָנצוהאַלטן וואָך־אַרבעט ביי די קאָנטראַקטאָרס, ווען מען וועט איינפֿירן שטיק־אַרבעט אין די אינסייד שעפּער. און יעדער איינער האָט עס פֿאַרשטאַנען, — שוין פֿון דעם אַליין, וואָס די קאָנטראַקטאָרס אַסס'ן האָט אפילו ניט פּראָטעסטירט וואָס אין זייערע שעפּער וועט מוזן בלייבן וואָך־אַרבעט, בעת אין די אינסייד־שעפּער פֿירט מען איין שטיק־אַרבעט! דערפֿון אַליין האָט מען געקענט זען דעם שווינדל, וואָס די קליקע מיט'ן „פֿאָרווערטס" קלייבן זיך צו באַגיין. וואָרום אויב מען וואָלט טאַקע באמת געהאַט בדעה אָנצוהאַלטן וואָך־אַרבעט ביי די קאָנטראַקטאָרס, וואָלטן זיי דען געשוויגן? זיינען דען די קאָנטראַקטאָרס אַזעלכע אידעאַליסטן אַז זיי זיינען גרייט צו לאָזן איינפֿירן אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן מאַכן אוממעגלאַך פֿאַר זיי צו עקזיסטירן, אַבי דאָס איז נאָר אין די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער?

הילמאַנ'ס געהיימער אַגרימענט ווערט אויפֿגעדעקט

נאָר עס איז לאַנג ניט אויסגעקומען צו חקירה'ן זיך. באַלד נאָכדעם, ווי מען האָט איינגעפֿירט שטיק־אַרבעט אין די אינסייד שעפּער, האָט מען אויך איינגעפֿירט די זעלביקע סיסטעם אין די שעפּער פֿון די קאָנטראַקטאָרס. די געמיינסטע און שמוציקסטע מיטלען האָט מען אָנגעווענדט, כדי ארויפֿצוצווינגען אויף די שניידער שטיק־אַרבעט. די אַרבעטער האָבן אומעטום, אויף אַלע מיטינגען, וואו די פֿראַגע איז פֿאַרהאַנדלט געוואָרן, געגעבן די ביוראָקראַטן אַ „הייסן" ברוך הבא, אויסגעפּייפֿט זיי, ניט געוואָלט הערן פֿון זיי. אומעטום, אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען, האָבן די אַרבעטער געשטימט קעגן שטיק־אַרבעט, אָבער — מען האָט די אַרבעטער ניט געהערט. דער „פֿאָרווערטס" האָט געשריבן, אַז מען נעמט אויף די פֿירער מיט אָוואַציעס און אַז די מיטגלידער האָבן איינשטימיק אָנגענומען שטיק־אַרבעט...

און וואָס זעען מיר איצט?

איצט איז די לאַגע טרויעריק. די אומצופֿרידנקייט פֿון די אַרבעטער האָט שוין אָנגענומען די פֿאָרמען פֿון אַן אָפֿענעם אויפֿשטאַנד.

די שניידער שרעקן זיך שוין מער ניט פאַר בעקערמאַנ'ען מיט זיינע גענגסטערס. זיי האָבן גענומען ריידן, זיי האָבן גענומען דערציילן זייער לאַגע, און האָבן גענומען פּראָטעסטירן. איצט קען שוין אפילו דער „פאָרווערטס" מער ניט בלאָפן וועגן די גוואַלדיקע „זיגן" פון די שניידער און האָט שוין גענומען שטאַמלען, אַז ס'איז גרויסע צרות. מיט האַלבע ווערטער, אין אַ בריוול, וואָס איז פאַרשטופּט געוואָרן אויף אַ ניט־אָנגעזעענעם אָרט, גיט דער „פאָרווערטס" אָנצוהערן, אַז הילמאַן האָט געמאַכט אַ געהיימען אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים, וואָס גיט זיי דאָס רעכט פון „הייער" און „פייער" (דינגען און אָפּזאָגן), דינגען ווען זיי ווילן און אַרויסוואַרפן ווען זיי ווילן.

דער „פאָרווערטס" זוכט אויך, ווי ווייט מעגלאַך, צו מאַכן אַ שווייג וועגן די רעזיגנאַציע פון גענאָסע בעקערמאַן.

גענאָסע בעקערמאַן, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן מיט עטלאַכע יאָר צוריק פאַר גענעראַל מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגאַמייטעד, איז געקומען אויסצוראָטן די לינקע — ניט בלויז אין דער אַמאַלגאַמייטעד, נאָר אין אַלע נאָדל־יוניאָנס. בעקערמאַן איז געווען דער מוסאָליני פון אַלע גענאָסן. אין אים איז געווען פאַרקערפּערט זייער כח. אויף אים האָבן זיי געלייגט אַלע האָפענונגען. זיי האָבן געדענקט, אַז ער, מיט זיינע גענגסטערמעטאָדן, וועט קענען דער'הרג'ענען די לינקע, אַז עס זאָל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבן. וועגן בעקערמאַנ'ס אויפטואונגען האָט דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס" געשריבן באַגייסטערנדיקע אַרטיקלען. מיט בעקערמאַנ'ען האָבן זיך געצאַצקעט אַלע גענאָסן.

וואָס די שניידער מוזן טאָן

צוזאַמען מיט'ן פאַשיסטישן רעזשים, וואָס בעקערמאַן האָט איינגעפירט אין דער אַמאַלגאַמייטעד, האָט זיך אויך, נאָך מער ווי פריער, פאַנאַנדערגעבליט די גרעפט סיסטעם. אונטער בעקערמאַנ'ס אַדמיניסטראַציע האָבן אַלע גרעפטערס אָפּגעלעבט. האָבן באַלעבאַטים געוואָלט שיקן אַרבעט אין סקעב־שעפער — האָבן זיי נאָר געדאַרפט געבן די נויטיקע סומע כאַבאַר און געקראָגן די דערלויבעניש עס צו טאָן. האָבן די קאָנטראַקטאָרס געוואָלט קריגן אַרבעט — האָבן זיי געמוזט

געבן כאַבאַר. האָט אַן אַרבעטער געוואָלט קריגן אַ דזשאַב — האָט ער געמוזט געבן כאַבאַר.

ווען די „פּרייהייט“ האָט, אין מיטן זומער, 1928, אויפגעדעקט די גרעפט־סיסטעם אין דער אַמאַלגאַמייטעד, האָט פּרעזידענט הילמאַן דערקלערט, אַז ער גייט מאַכן אַן אונטערזוכונג און וועט אַרויסוואַרפן אַלע שולדיקע. אָבער ווייטער ווי ביז אַ ביזנעס־אַגענט און אַ מענעדזשער פון די הויזן־מאַכער איז עס ניט דערגאַנגען. אויף די פּאָר האָט מען אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד און די אונטערזוכונג איז דערשטיקט געוואָרן.

גענאָסע בעקערמאַן האָט צעבראָכן די יוניאָן, געבראַכט די שניידער צו בעטל־ברויט. איצט איז ער געווען געצוואונגען צו רעזיגנירן. אָבער פאַר די שניידער איז אַלץ איינס, צי בעקערמאַן איז געווען מענעדזשער, אָדער אַן אַנדער „פאָרווערטס“־גענאָסע וועט עס זיין. ניט מיט בעקערמאַנ׳ען האָט זיך די קאָרופּציע, די גרעפט און די שענדלאַכע און שעדלאַכע פּאָליסי פון דער אַמאַלגאַמייטעד אָנגעהויבן און ניט מיט זיין אַוועקגיין וועלן די זאַכן אָפּגעשאַפט ווערן. די שניידער מוזן פּטור ווערן פון הילמאַניזם, פון דער גאַנצער קליקע; זיי מוזן אַליין ווערן די באַלעבאַטים פון זייער אייגענער יוניאָן. ערשט דאַן וועלן זיי קענען מאַכן פון דער אַמאַלגאַמייטעד אַן אמת׳ע קעמפנדיקע אַרבעטער־יוניאָן, וועלכע וועט זיי דינען ווי אַ געווער אין קאַמף קעגן די רויבערישע אַפּעטיטן פון די באַלעבאַטים.

די רעכטע געפעלט ניט דער פראָלעטאַריאַט

ווי אַזוי זאָל דער אַרבעטער קליגער ווערן? *

אַז די גענאָסן ווערט איבערדריסיק זייערע שטענדיקע אַטאַקעס אויף די קאָמוניסטן און זיי נויטיקן זיך אין עפּעס אַ נייער טעמע, נעמען זיי זיך צום פּראָלעטאַריאַט, שיטן מיט חכמות, ווערטלאַך און וויצן אויפן חשבון פון די ברידער־אַרבעטער.

אַזוי, למשל, שרייבט גענאָסע צביון אין „פאָרווערטס", דעם 19טן מערץ, 1928: **

„זיינען עס דאָך די אַרבעטער פון דער אינטערבאָראָ, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַריינגנאַרן אין אַ קאָמפּאַניע־יוניאָן, און זיי־נען עס דאָך די אַרבעטער פון דער אינטערבאָראָ, וואָס גרייטן צו סקעבס צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די אָפּגעזאָגטע מיט־גלידער פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן.

„און ווער זיינען די סקעבס גופא? אויך די סקעבס זיי־נען דאָך אַרבעטער!

„מיר זאָגן אים, אַז די גאַנצע מאַכט דאַרף באַלאַנגען צום אַרבעטער־קלאַס, אָבער אים קימערט עס ניט, אַז די גאַנצע מאַכט באַלאַנגט צו די קאַפּיטאַליסטן.

„מיר ריידן מיט אים וועגן זיין גליקלאַכער צוקונפט, וואָס ער דאַרף אויסקעמפן, און ער איז גרייט אַלע זיינע גליקן פון דער צוקונפט צו פאַרקויפן פאַר אַ טאָפּ לינזן פון היינט."

---

* „פרייהייט", 12־טן אַפּריל, 1928.

** אין דער צייט ווען די „אינטערבאָראָ" אין ניו יאָרק האָט, מיט דער הילף פון איר קאָמפּאַני־יוניאָן, באַקעמפט די יוניאָן פון דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר, די אַמאַלגאַמייטעד רעילוועי יוניאָן, און אָפּגעזאָגט יענע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָן דער לעצטער אָנגעשלאָסן.

און אין „פאָרווערטס“, דעם 28־טן מערץ שרייבט צביון אין פאַר־בינדונג מיט דער אַרבעטלאָזיקייט:

„און וואָס זאָגן די אַרבעטער? פּאַרלויפיק זעט עס זיך נאָך ניט, אַז זיי זיינען קליגער געוואָרן.

„עס דויערט משמעות אַ לאַנגע צייט ביז אַרבעטער ווערן קליגער.

„די צרה מיט קלוגשאַפט איז, וואָס יעדער איז צופרידן מיט דעם שכל, וואָס ער פאַרמאָגט. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז איינער זאָל זיך באַקלאָגן, אַז ער האָט צו־ווייניג שכל.

„...אָבער די ברידער אַרבעטער האָבן געדאַרפט זען אָביסל קליגער צו ווערן. וואָרים אויב די ברידער אַרבעטער וועלן בלייבן אַזוי נאַריש, ווי זיי זיינען איצט, וועלן זיי בלייבן זייער גאַנצן לעבן אויף צרות...“

הכלל, צביונ׳ען געפעלט ניט דער פּראָלעטאַריאַט. די אַרבעטער זיי־נען סקעבס, מיט דער הילף פון די אַרבעטער מאַכט מען קאָנטר־רעוואָלוציעס. די אַרבעטער פאַרקויפן זייערע אידעאַלן פאַר אַ טאָפּ לינזן. זיי זיינען שולדיק אין דעם, וואָס די אינטערבאָראָ האָט פאַר־ניכטעט די יוניאָן. אַזוי דרשנ׳ט אַ רעכטער גענאָסע.

נו, און וואָס איז מכח די פירער? זיי זיינען גאָרניט שולדיק? האָבן זיי זיך באַצויגן צו דעם סכסוך אין דער אינטערבאָראָ מיט דעם נויטיקן ערנסט? איז זייער פּאָליטיק געווען אַ ריכטיקע, אַז אויס־געהאַלטענע? האָבן זיי ניט פאַרראַטן די אַרבעטער?

אָבער וועגן דעם טאָר מען דאָך אין „פאָרווערטס“ ניט שרייבן. פאַר זידלען די אַרבעטער וועלן די באַלעבאַטים פון „פאָרווערטס“ אויף צביונ׳ען ניט האָבן קיין פאַראיבל. אָבער אָנרירן די יוניאָן־פירער — אַהאַ! דערפאַר קען מען הייסן אַרויספּעקלען זיך פון צענטן שטאָק... די יוניאָנס, דער אַרבעטער רינג, די אַמעריקען פעדערײשאַן, די געווערקשאַפטן, די „עס פּי“ — דאָס זיינען דאָך הייליקייטן, וועגן וועלכע מען מוז בלויז זינגען „הללויה“.

אַזעלכע מיינונגען וועגן די אַרבעטער, ווי צביונ׳ס, הערן מיר זייער אָפט פון מענטשן, וועלכע זיינען מיד געוואָרן קעמפנדיק. דאָס גילט זיי ווי אַ היתר צו האַנדלען, ווי עס דיקטירן זיי די איי־

גענע עגאאיסטישע אינטערעסן, און צו האבן אלעמען אין דער אדמה. אויב די ארבעטער האבן קיין שכל ניט, אויב זיי זיינען סקעבס און קאנטער־רעוואלוציאנערן, און מיט זייער הילף הערשן און באלעבא־טעווען א הייפל ביליאנערן, טא ווער איז מחויב אוועקצוגעבן דעם לעבן פאר זיי?...

אבער די מיינונג, אז יעדער באנוגנט זיך מיט וויפיל שכל ער האט, איז לחלוטין ניט ריכטיק. קיינער באנוגנט זיך ניט מיט שכל, פונקט, למשל, ווי קיינער באנוגנט זיך ניט מיט געזונט און שיינ־קייט. ווי געזונט איינער איז, וואלט ער געוואלט זיין געזינטער; און ווי שיין איינער איז, וואלט ער געוואלט זיין נאך שענער; און ווי קלוג איינער איז, וואלט ער געוואלט זיין נאך קליגער. ס׳איז אמת, אז אפילו דער גרעסטער נאר וועט זיך באליידיגן, ווען מען וועט אים רופן „נאר". ווערט דען ניט דער גרעסטער קריפל אן אנגע־צונדענער, ווען מען רופט אים אן „קריפל"? און אפילו איינער וואס האט ניט אפצועסן, וויל ניט, אז מען זאל עס פראקלאמירן, סיידן ער איז א פראפעסיאנעלער שנארער. איז דען דערפון נעדרונגען, אז דער קריפל וואלט ניט געוואלט געזונט ווערן, דער מיאוס׳ער — שיין ווערן, און דער קבצן — רייך ווערן?

אבער עס העלפט ניט דער ווילן!

די „גייסטיקע" שפייז, וואס דער ארבעטער קריגט...

די ארבעטער וואלטן אודאי געוואלט פאלגן צביונ׳ם קלוגע עצה און ווערן קליגער. יעדער ארבעטער איז מקנא א קלוגן און געביל־דעטן מענטשן, און וואלט אליין געוואלט זיין קלוג און געבילדעט. אבער פון דער העלער הויט ווערט מען ניט קלוג און געבילדעט. מען דארף דערצו האבן די מעגלאכקייטן. ארבעטער־קינדער ווערן געבארן פונקט אזוי קלוג, ווי די קינדער פון די באלעבאטים. אבער, ווען דעם ארבעטער׳ס קינד פאנגט אן ארבעטן צו 14 יאר, און ווען אזא קינד קריגט שפעטער א דזשאב, למשל, אויף דער סאבוויי און איז גע־צוואונגען צו ארבעטן פערצן און מער שעה א טאג, 7 טעג א וואך, איז ניט גוט. אפארבעטנדיק אזוי וואסערע צען־פופצן יאר, מוז דער מוח ביי אזא ארבעטער פארשלאפן ווערן!...

און דאָ קומען מיר צום עיקר פון דער זאַך.

וואו זאָל דער אַרבעטער קריגן די ריכטיקע גייסטיקע שפּייז? די זעלביקע קאַפּיטאַליסטן, וואָס פאַרקויפן שפּייז פאַרן מאָגן, פאַרקויפן אויך די „גייסטיקע שפּייז". ניין, זיי זיינען פילאַנטראָפּן. זיי גיבן „גייסטיקע שפּייז" אומזיסט! יעדע גרויסע קאָמפּאַניע באַזאָרגט דעם אַרבעטער מיט „ליטעראַטור" און זאָרגט זיך, אַז דער אַרבעטער זאָל קריגן אַזעלכע „גייסטיקע שפּייז", פון וועלכע די קאַפּיטאַליסטן זאָלן האָבן אַ נוצן.

די נאַטור האָט אונז באַזאָרגט מיט חושים צו דערקענען צי די מילך, למשל, איז ניט זויער, אָדער צי פון די פלייש „הערט" זיך ניט. ווען עס גרעלינגט דעם רעסטאָראַן־אייגנטימער אונז אַמאָל אָפּצונאַרן, דערמאָנט אונז גלייך דער מאָגן אָן דעם. אָבער איינער קען זיך אָנלייענען אַ גאַנצן לעבן מיט די שלעכטע „פאַרזויערטע" אַרטיקלען, און מיט די „שמעקעדיגע" נייעס פון דער געלער ציימונג, און גאָרניט פילן אַז מען נאַרט אים!

די קאַפּיטאַליסטן אַליין זיינען ניט פאַראינטערעסירט צו פאַרסמ'ען די אַרבעטער פיזיש. זיי דאַרפן דאָך, אַז די אַרבעטער זאָלן קענען פאַר זיי שקלאַפן. אָבער ווען עס קומט צום אַרבעטער'ס גייסט, זיינען די קאַפּיטאַליסטן פאַראינטערעסירט אים צו טויטן. וואָס דומער אַן אַרבעטער איז, וואָס ווייניקער אַן אַרבעטער איז גייסטיק אַנטוויקלט, אַלץ מער פּראָפיטן האָט דער באַלעבאָס פון אים.

קיין אַרבעטער איז ניט צופרידן מיט זיין לאַגע. יעדער איינער וואָלט געוואָלט לעבן בעסער און האָבן אַ מעגלאַכקייט בעסער צו דערציען זיינע קינדער און פאַרזאָרגן זיי מיט אַ בעסערער צוקונפט. אָבער ער ווייס ניט ווי אַזוי.

די היינטיקע געזעלשאַפט איז זייער קאָמפּליצירט. זי איז ניט אַזוי איינפאַך ווי אַמאָל, ווען עס זיינען געווען פּריצים און שקלאַפן. דאַן האָט דער שקלאַף געוואוסט, אַז ער איז אַ שקלאַף, און אַז ער אַרבעט פאַר'ן פּריץ.

דער שקלאַף האָט געוואוסט, אַז ער קען קיין פּריץ ניט ווערן. און דער פּריץ האָט ניט געזוכט עמיצן איינצורעדן, אַז ער, דער פּריץ, איז אַ שקלאַף, און אַז אַ שקלאַף האָט די זעלביקע רעכט און פּריווילעגיעס וואָס ער. איצט אָבער, זאָגט אַפילו טשאַרלז שוואָב, אַז ער

איז אַ שטאָל־אַרבעטער, און אַז אַן אַרבעטער דאַרף נאָר האָבן פֿייאיג־קייטן, וועט ער זיך אַרויפֿאַרבעטן פּונקט ווי ער.

אודאי איז עס נאַריש, אַ ליגן, אָבער פֿאַר די קאַפּיטאַליסטן לוינט זיך, אַז די אַרבעטער זאָלן גלויבן אין דעם ליגן, און זיי מאַכן שוין, אַז די אַרבעטער זאָלן גלויבן.

די קינדער קריגן אַ בורזשואַזע דערציאונג

טראַכט זיך נאָר אַריין אין די מיטלען, מיט וועלכע די קאַפּיטאַ־ליסטן באַנוצן זיך, כדי איינצופּלאַנצן אין די אַרבעטער אַ גלויבן אין דער גוטסקייט פֿון דער היינטיקער אָרדנונג. מיט אַלערליי מיטלען, מיט אַזוי פֿיל פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט מען געקענט אַפֿילו קלוגע און געבילדעטע מענטשן איינריידן די גרעסטע אידיאָטסווע׳ס, די גרעס־טע באָבע־מעשיות!...

אָט נעמט, צום ביישפּיל, די געשיכטע אַז די „הייליקע מרים" איז טראָגעדיק געוואָרן פֿון הייליקן גייסט און האָט געבוירן אַ זון, יעזוס. און די אַלע נסים וואָס יעזוס האָט באַוויזן. עס קען זיך אויס־דאַכטן, אַז אַ מענטש מיט אַ ביסל מאַרך אין קאָפּ, מוז לאַכן פֿון אַזאַ באָבע מעשה. דער נאַרישסטער און אומוויסנדסטער איד, וועט זיך נאָך האַלטן פֿאַר די זייטן פֿון אַזעלכע מעשיות. אָבער מיליאָנען קלוגע און געבילדעטע קריסטן איבער דער גאַנצער וועלט גלויבן אין אָט דער באָבע מעשה. און דער זעלביקער „קלוגער" איד — גלויבט ער דען ניט, אַז משה האָט געשפּאָלטן דעם ים, און אַז יהושע האָט אָפּגעשטעלט די זון, און נאָך אַזעלכע באָבע־מעשיות?... דער איד גלויבט אין זיין רעליגיע און אין אַלע אירע נאַרישקייטן, ווייל מען האָט עס אין אים נאָך אין זיין קינדהייט איינגעפּלאַנצט. דעם גלויבן, וואָס מען פּלאַנצט איין אין קינדער, איז שווער אַרויסצורייסן ווען זיי וואַקסן אויף.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן דעם קאָנטראָל איבער דער דערציאונג פֿון דעם אַרבעטער׳ס קינדער, און זיי פּלאַנצן אין זיי איין דעם גלויבן אין דער איצטיקער אָרדנונג. און דורך זייער פּרעסע, קירך, טעאַטער, מואָוויס און ראַדיאָס, זעצן זיי פֿאָר די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די גרוי־סע. דערפֿאַר איז עס לעבערלאַך צו באַשולדיקן די אַרבעטער פֿאַר־וואָס זיי גלויבן אין קאַפּיטאַליזם. זיי ווייסן ניט, אַז עס קאָן זיין אַן אַנדער אָרדנונג, ווי די איצטיקע. ניט סתם „קליגער" דאַרפֿן די אַרבע־טער ווערן, נאָר זיי דאַרפֿן ווערן קלאַסנבאַוואוסט. מען קאָן זיין „קלוג"

און דאָך ניט וויסן, ווי אַזוי די אַרבעטער ווערן עקספּלואַטירט און ווי צו קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג.

„מיר זאָגן די אַרבעטער, — שרייבט צביון — אַז די גאַנצע מאַכט דאַרף באַלאַנגען צום אַרבעטער־קלאַס און ריידן צו אים וועגן אַ גליק־לאַכער צוקונפט.“

ווער זיינען עס דער „מיר“? ווער רעדט צו די אַרבעטער פון אַזעלכע זאַכן? די גרעלע פּרעסע? דער „פאָרווערטס“? ס׳איז דאָך אומזין!

ווען אַ דאָקטאָר קומט צו אַ קראַנקן, לאַכט ער ניט פון זיין קראַנקהייט און גיט אים ניט קיין עצה, אַז ער דאַרף געזונט ווערן. ער ווערט געוואָר די אורזאַכן פון זיין קראַנקהייט און גיט אים אַ מעדיצין. אויב, למשל, דער דאָקטאָר געפינט אויס, אַז דער קראַנקער האָט זיך איבערגעגעסן מיט פאַרפוילטע פיש, אָדער אַנדערע שלעכטע עסנס, איז קודם כל הייסט ער אים אויסרייניקן דעם מאָגן און זאָגט אים אַז וואָס צו עסן.

ווייס דען ניט דער געגאַסע, אַז די מוחות ביי די אַרבעטער זיינען איבערגעפירט געוואָרן פון די גרעלע פּייפּערס? טאָ פאַרוואָס זאָגט ער ניט די אַרבעטער: הערט אויף לייענען די „פאָרווערטס“־שונד? אַנ־שטאָט צו רעדן מיט באַקציינער און דערציילן די אַרבעטער דעם אמת, פילאָזאָפירט צביון און מאַכט זיך לוסטיק.

נישט מיט געבן עצות די אַרבעטער, אַז זיי דאַרפן קליגער ווערן, וועלן זיי באמת קליגער ווערן. מען דאַרף זיי אויפקלערן, מען דאַרף זיי אָרגאַניזירן, מען דאַרף קעמפן פאַר זיי און מיט זיי קעגן אַלע קאַפּיטאַליסטישע אַגענטן און פאַררעטער.

אודאי זיינען די אַרבעטער קיין מלאָכים ניט. אודאי זיינען צווישן זיי פאַראַנען פּאַסקודנע און מיאוס׳ע ברואים. אָבער שולדיק אין דעם איז דער קאַפּיטאַליזם.

דעריבער קעמפן מיר אַפּצושאַפן דעם קאַפּיטאַליזם. אַן אַרבעטער־אָרדנונג וועט מאַכן פון דעם אַרבעטער אַ נייעם מענטשן, אַ נאָבע־לערן און אַ שענערן.

די פרעסע און די אַרבעטער

וואָס איז אַ ציַיטונג? *

אַמאָל, ווען איך בין געווען אַ יונגער אינגל, האָב איך געגלויבט אין דעם, וואָס די ציַיטונגען שרייבן. כ'האָב געגלויבט, אַז יעדע ציַי־טונג רעפּרעזענטירט און פאַרטיידיקט געוויסע פּרינציפּן, און אַז די, וועלכע שרייבן אין די ציַיטונגען, זיַינען העכסט־געבילדעטע, ערלאַ־כע און פּרינציפּיעלע מענטשן, וועלכע זיַינען קיין זאַך ניט אויסן, חוץ צו בילדן, לערנען און וויַיזן דעם פאָלק דעם ריכטיקן וועג. דער־פאַר האָב איך געהאַט צוטרוי און גלויבן אינם געדרוקטן וואָרט. ס'איז ניט געווען קיין אונטערשייד, צי דאָס איז אַ קאָנסערוואַטיווע ציַיטונג, אָדער אַ ליבעראַלע. ניַיס, האָב איך געטראַכט, זיַינען דאָך פאַקטן, און וועגן פאַקטן קאָן דאָך ניט זיַין קיין מיינונג־פאַרשיידנ־קייט!... מען קאָן פון די זעלביקע פאַקטן קומען צו פאַרשיידענע אויס־פירן, פאַרמירן פאַרשיידענע מיינונגען, אָבער לייקענען פאַקטן האָט דאָך קיין זין ניט.

אַז ציַיטונגען פעלשן ניַיס, פאַרדרייען אַזוי די ניַיס, אַז אפילו אמת'ע פּאַסירונגען גיבן זיי איבער אין אַזאַ פאָרמע, אַז די אמת'ן ווערן פאַרוואַנדלט אין ליגנס, און אַז זיי פאַבריצירן ניט געשטויגע־נע און ניט געפלויגענע מעשיות, און דערלאַנגען עס זייערע לעזער אַלס הייליקע אמת'ן, — דאָס האָב איך זיך אפילו ניט געקענט פאָר־שטעלן.

דערזען דעם העסלאַכן געשטאַלט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע האָב איך דורך אַזאַ צופאַל:

ס'איז געווען אין ציַיט פון די וואַלן. אַ סאַלונקיפּער'ס אַ זונדל איז נאָמינירט געוואָרן פאַר אַן אַלדערמאַן. כ'האָב געמיינט, אַז עמי־

---

* „פריַיהייט", אַפּריל 3, 1928, צום 6־טן יובּיליי פון דער ציַיטונג.

צער טרייבט דאָ שפּאַס. וואָרים געווען איז דאָס אַן אומוויסנדיקער קערל. דערצו פלעגט ער זיין מער שיכור ווי ניכטער. טאָ ווער וועט עס אים פאַרטרויען צו מאַכן געזעצן און פאַרוואַלטן מיט דער שטאָט?

ווען איך האָב געזען אַ מעלדונג וועגן אַ מיטינג, אויף וועלכן דער דאָזיקער אַלדערמאַן־קאַנדידאַט וועט אַרויסטרעטן און וועט דער־ציילן די בירגער וואָס ער האָט בדעה פאַר זיי אויפצוטאָן, אויב מען וועט אים דערוויילן, בין איך געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט צו הערן וואָס אַזאַ איינער קאָן זאָגן. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז אין דעם אָונט, ווען דער מיטינג האָט געזאָלט פאָרקומען, איז געגאַנגען אַ גוס־רעגן און קיין עולם איז ניט געקומען — ס'איז ניט געווען קיין מיטינג! ווי דערשטוינט בין איך אָבער געוואָרן אויף מאָרגן, ווען איך האָב דערזען, אַז די צייטונגען האָבן באַריכטעט, אַז ניט קוקנ־דיק אויפן שטורם־ווינט און דעם גוס־רעגן, איז דער האָל געווען אי־בערגעפּאַקט, און אונזער אַלדערמאַן־קאַנדידאַט איז אויפגענומען גע־וואָרן מיט באַגייסטערונג און אָוואַציעס פון גרויסן עולם. אונטער אַ בילד פון דעם קאַנדידאַט, וואָס איז געווען הונדערט מאָל שענער ווי אין דער ווירקלאַכקייט, האָבן זיי אָפּגעדרוקט אַן אמת־שיינע, קלוגע און לאָגישע רעדע, וועלכע דער קאַנדידאַט האָט כלומרשט גע־האַלטן, און האָבן דערציילט, אַז ער איז אַלע ווײַלע אונטערגעבראָכן געוואָרן פון רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן!

דאָס האָט מיר געעפנט די אויגן. איך האָב דערזען, ווער עס זיינען אונזערע געזעץ־מאַכער, ווער עס דערווײַלט זיי און וואָס פאַר אַ העסלאַכע ראָלע די געלט פּרעסע שפּילט דערביי.

זינט דעמאָלט האָב איך פיל געזען און געלערנט. איך האָב אַליין געהאַט צו זיינגען און צו זאָגן מיט די צייטונג־רעפּאָרטערס.

ווי אַזוי ניים ווערט פאַבריצירט

איצט ווייס איך, אַז יעדער קאַנדידאַט, יעדער פּאָליטישן, האָט אַ פּרעס־אַגענט, און אַז דער פּרעס־אַגענט שרייבט עס די רעדעס און צעשיקט זיי אין די רעדאַקציעס.

איצט ווייס איך, אַז די צייטונגען שרייבן אָפט, אַז דער און דער האָט גערעדט צו אַן עולם פון צוואַנציק טויזנט, ווען ס'איז אפילו קיין פינף טויזנט ניט געווען. אדער, פאַרקערט, אַז עס זיינען

געווען פינף טויזנט, ווען עס זיינען באמת געווען צוואנציק טויזנט... עס ווענדט זיך ווער עס רעדט און וואס מען רעדט. איז עס איינער, וועלכער פארטיידיקט די געלט־זעק, ווילן די צייטונגען מאכן דעם „דזשאב“. רעדט איינער אבער קעגן וואל סטריט, קעגן די געלט־זעק, מעג ער אנפילן מעדיסאן סקווער גארדן, ווילן זיי אדער איג־גאנצן עס פארשווייגן, אדער באריכטן ערגעץ אויף דער ניינצנטער זייט אין עטלאכע שורות, און דערציילן, אז דער זאל איז געווען ליידיק, און אז די רעדנער זיינען קאלט אויפגענומען געווארן, און מען וועט צעדרייען יעדע פראזע פון די רעדנער אזוי, אז זיי זאלן אויסקוקן ווי די גרעסטע אידיאטן.

כ׳האב פיל מאל ביי אונזערע גרויסע מיטינגען און דעמאנסטרא־ציעס, געכאפט א שמועס מיט די רעפארטערס.

— וואס זאגט איר צו דעם מיטינג?

— וואונדערבאר! זעלטן ווען מען זעט אזא באגייסטערונג און אזא גרויסן עולם!

— וויפיל, דענקט איר, זיינען דא פאראנען?

— א, ארום אכצן טויזנט!

נעמט מען אויף מארגן די צייטונגען, זעט מען ווי מען שרייבט: אנשטאט אכצן טויזנט — פינף טויזנט. איבערגעגעבן איז די נייס אן טעם, אן לעבן. פאררוקט אין א ווינקל.

אז איך טרעף איינעם פון די רעפארטערס, אנטשולדיקט ער זיך. ער האט אנגעשריבן, זאגט ער, א גוטן רעפארט. נאר דער נייס־רע־דאקטאר האט געענדערט... דער נייס־רעדאקטאר, כאטש ער איז ביים מיטינג ניט געווען, ווייס ער אבער וואס דער באלעבאס פון דער צײ־טונג פארלאנגט...

שרייבערס פון באלעבאטישע צייטונגען, קענען ניט שרייבן וואס זיי ווילן. זיי זיינען „הענט“ און מוזן נעמען ארדערס פון באלעבאס, וואס דער באלעבאס פארלאנגט, דאס מוזן זיי שרייבן. און ניט בלויז רעפארטערס, נאר אפילו שרייבער מיט נעמען און רעפוטאציעס זיינען „הענט“.

פונקט ווי א שטאל־ארבעטער, למשל, קען ניט זאגן דעם פרעזי־דענט פון שטאל־טראסט א דעה, וואס צו פראדוצירן, אזוי קען א שרייבער אין א צייטונג ניט זאגן דעם ארויסגעבער, דעם אייגנטימער,

וואָס און ווי צו שרייבן. ווען אַן ארבעטער, וועלכער גלויבט ניט אין מלחמה זאָל זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן אויף קאַנאָנען, אָדער קריג־שיפן, וועט מען אים, פאַרשטייט זיך, אַרויסוואַרפן. און ווען הויפסט וויל, אַז מען זאָל העלפן צו אַ מלחמה געגן מעקסיקאַ, מוזן זיינע פעדן־קנעכט שרייבן מלחמה־נייעס, מלחמה־עדיטאָריעלס און מלחמה־אַרטיק־לען — צי זיי גלויבן אין דעם, צי ניט. פונקט אַזוי ווי מען קען דינגען אַ מאַלער אָפּצומאָלן אַ געביידע, אין וואָס פאַר אַ קאָליר מען וויל, אַזוי וועט אַ רעפּאָרטער געבן די נייס דעם קאָליר וואָס דער באַלע־באָס וויל. אַ פרומער קאַטאָליק וועט אָפּמאָלן אַ שול, און אַ פרומער איד וועט אָפּמאָלן אַ קירך. דעם אַרבעטער איז קיין אונטערשייד ניט ביי וואָס ער אַרבעט. ער אַרבעט ניט פון פאַרגעניגן. ער איז געצוואונגען צו מאַכן אַ לעבן. דאָס זעלביקע איז מיט שרייבן.

די מייסטע שרייבער זיינען „הענט“

שרייבעריי, ספּעציעל צייטונג־שרייבעריי, איז אַ פאַך, פּונקט ווי מאַלעריי אָדער שניידעריי. פאַר געלט שרייבן „פּאָעטן“ עקס־לאַקס אַדווערטייזמענטס אין גראַמען, פּונקט ווי וועגן קולידזש׳עס פּראָס־פּעריטי. נאַטירלאַך זיינען אויך פאַראַן שרייבער וואָס זיינען פּרינ־ציפּיעלע מענטשן און אידעאַליסטן, אָבער פאַר זיי איז קיין פּלאַץ ניטאָ אין די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען. זיי ווערן אַרויסגעוואָרפן, פאַרפאָלגט און קענען קיין לעבן ניט מאַכן!

אויף אַרויסגעבן אַ צייטונג דאַרף מען האָבן מיליאָנען דאָלאַרן. פאַרשטייט זיך, אַז די אייגנטימער פון די צייטונגען זיינען מיליאָ־נערן, געשעפט־לייט. די צייטונג, פּונקט ווי יעדער געשעפט, איז אויסן צו מאַכן פּראָפיטן. די צייטונג־אַרויסגעבער, פּונקט ווי שטאָל־פאַב־ריקאַנטן, זיצן ניט מיט פאַרלייגטע הענט און באַנוגענען זיך ניט מיט׳ן נאַטירלאַכן פאַרלאַנג פאַר זייערע סחורות. זיי באַשאַפן אַ מאַרק דורך אַלערליי שווינדלערישע און פאַרברעכערישע מעטאָדן. מען שטעלט זיך ניט אָפּ אפילו קעגן אויפהעצן אַ מלחמה, אבי צו קענען פאַרקויפן קריג־שיפן און קאַנאָנען. דאָס זעלביקע טוען די צייטונגען. מען גיט אַרויס עקסטראַס, מיט שרייענדיקע „קעפּ“, און מען דער־ציילט אויסגעטראַכטע מעשיות. עס זיצן קאָרעספּאָנדענטן אין ניו

יארק און קלאפן טעלעגראמעס פון כינע, יאפאן און אינדיע. מען דארף געבן דעם עולם אינטערעסאנטע און פיקאנטע נייס, און טאמער איז ניטא אזעלכע נייס, טראכט מען עס אויס, און מען טראגט עס אונטער די לעזער! מיליאנען ארבעטער לעזן די צייטונגען און פילן אן זייערע קעפ מיט די אלע בלאפס, וועלכע זיי נעמען אן פאר אמת׳ן. די ארבעטער ווייסן ניט, אז די צייטונגען פארשוויגן די וויכטיקסטע פאסירונגען, און אז בעת זיי דערציילן שוין יא, דערציילן זיי ניט דעם אמת.

קענען דען די קאפיטאליסטישע צייטונגען דערציילן דעם אמת וועגן סטרייקס און ארבעטער־קאמפן? די באלעבאטים פון די צייטונגען זיינען אליין מיליאנערן, זייער אפט זיינען זיי, חוץ אייגנטימער פון צייטונגען, אויך גרויסע שערהאלדערס פון באנען, מינען און פאבריקן. חוץ דעם מאכן זיי דאך זייערע מיליאנען ניט פון די צוויי אדער דריי סענט, וואס די לעזער באצאלן פאר דער צייטונג, נאר פון די אדווערטייזמענטס. און די אדווערטייזמענטס גיבן די באנקירן, די אייזנבאן־קאמפאניעס, די טעלעפאן־קאמפאניעס, די אויטאמאביל־פאבריקאנטן און די דעפארטמענט־סטארס. פארשטייט זיך, אז די צייטונגען האלטן מיט די באלעבאטים, און מיספרעזענטירן, אדער, אין מייסטע פאלן, פארשוויגן זיי אינגאנצן דעם צד פון די ארבעטער!

די ארבעטער מוזן האבן זייער אייגענע פרעסע

די ארבעטער מוזן דעריבער האבן זייערע אייגענע צייטונגען. אז ארבעטער־צייטונגען קען די שטימע פון די ארבעטער ניט געהערט ווערן. די קאפיטאליסטישע צייטונגען זיינען די שטארקסטע און די געפערלאכסטע וואפן קעגן די ארבעטער. אן אן ארבעטער־פרעסע קען מען די ארבעטער ניט ארגאניזירן, ניט אינדוסטריעל און ניט פאליטיש.

אודאי איז עס זייער שווער ארויסצוגעבן ארבעטער־צייטונגען. עס איז שווער צוצוגעוואוינען די ארבעטער, וועלכע האבן זיך איינגעוואוינט צו לייענען די געלע פרעסע, זיי זאלן לייענען אן ארבעטער־צייטונג. אבער אן אן ארבעטער־פרעסע קאן מען דעם ארבעטער ניט אויפקלערן. אן א פרעסע קאן מען די ארבעטער ניט ארגאניזירן. אן

א פרעסע קאָן מען קיין קאַמף ניט פירן פאַר דער באפרייאונג פון די אַרבעטער.

עס מאַכט ניט אויס ווי טייער דאָס זאָל אפילו קאָסטן. וויפיל קרבנות עס זאָל אפילו אויסקומען צו ברייננגען, מוז מען שאַפן אַן אַרבעטער־פּרעסע. עס איז שווער, אַבער עס איז ניט אוממעגלאך.

דער בעסטער באַווייז איז די „פרייהייט".

אַנגעפאַנגען האָט מען אַרויסגעבן די „פרייהייט" מיט גאָר ווייניג געלט. עס האָבן אפילו אונזערע אייגענע פּראַקטיקער געקוועטשט מיט די פּלייצעס. משוגעים! אַן געלט ווילן זיי אַרויסגעבן אַ צייטונג! און ווען דער ערשטער נומער „פרייהייט" איז אַרויס, האָבן „פּראַקטישע מענטשן" פאַרזיכערט, אַז העכסטנס דריי מאָנאַטן וועט מען זי קאָנען אויסהאַלטן. און אַט זיינען שוין זעקס יאָר אַריבער, ווי די „פרייהייט" דערשיינט אַלע טאָג.

ווען די רעדאַקטאָרן און די שרייבער פון דער „פרייהייט" וואָלטן געווען „פּראַקטישע מענטשן", וואָלט די „פרייהייט" שוין לאַנג ניט געווען אויף דער וועלט. „פּראַקטישע מענטשן" וואָלטן ניט געוואָלט אַזוי ליידן, אַזוי מקריב זיין זיך פאַר פּרינציפּן און אידעאַלן.

איך געדענק, ווען די רעדאַקציע פון דער „פרייהייט" האָט זיך געפונען אין קאַנאַל סטריט, האָב איך געטראָפן די רעדאַקטאָרן און די מיטאַרבעטער ווי זיי האָבן געגעסן צו געזאַלצענע בייגל, אַנשטאָט אַראָפּגיין אין רעסטאָראַן עסן מיטאָג.

— איר זעט, ברודער היימאַן, — האָט צביון צו מיר געזאָגט (ער האָט דאַן געאַרבעט אין דער „פרייהייט") — מיר זיינען איצט אַזעלכע כשר'ע פּראָלעטאַריער ווי אייערע קלאָוקמאַכער־סטרייקער. מיר עסן אַ געזאַלצענעם בייגל פּונקט ווי זיי.

איז אַבער צביון אַ „פּראַקטישער מענטש" און זיין „פּראַקטישער שכל" האָט אים געזאָגט, אַז עס לוינט זיך פאַר אים ניט צו אָפּפערן זיך פאַרן פאָלק און אָפּקומען מיט אַ געזאַלצענעם בייגל, ווען מען קאָן, שרייבנדיק אין „פאָרווערטס", האָבן געבראָטענע הינער. די אַלע, וועלכע ווילן ניט אָפּקומען מיט געזאַלצענע בייגל, האָבן פאַרלאָזן די „פרייהייט". געבליבן זיינען די, וועלכע ווייסן וואָס עס מיינט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער; געבליבן זיינען די, וועלכע ווילן

ניט פארקויפן זייער גלויבן, וועלן ניט פארראטן זייערע פרינציפן צוליב א גוטן מאלצייט און א שיינעם מלבוש.

די „פרייהייט" מוז לעבן, — איז געווען זייער באשלוס, און אט, די „פרייהייט" לעבט!

כל זמן עס זיינען דא אזעלכע אידעאליסטן, אזעלכע ענטוזיאסטן, וועלכע קענען אזוי קעמפן פאר פרינציפן, מעגן מיר זיין זיכער, אז ניט בלויז וועט די „פרייהייט" לעבן, נאר עס וועט געשאפן ווערן א מעכטיקע ארבעטער־פרעסע, וואס וועט זיין דער שטארקסטער געווער אין קאמף פאר דער באפרייאונג פונ'ם ארבעטער־קלאס.



מעטיו וואל און די סאציאליסטן

וואל'ס פילפאכיקע „טעטיקייט“

אין די פאריקע קאפיטלען איז אונז אויסגעקומען צו דערמאנען מעטיו וואל'ן, און די טרויעריק בארימטע ראל וואס ער שפילט אין דער אמעריקאנישער ארבעטער באוועגונג. מיר מוזן זיך אבער מיט אים און זיינע טעטיקייטן באקענען גענויער, כדי צו באגרייפן דעם אמת'ן כאראקטער פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, ווען אזא איינער קען זיין איר פירער. דאס דארף אויך געטאן ווערן, כדי צו באקענען זיך מיט דער געפאלנקייט און צעפוילטקייט פון די סאציאליסטן, ווען זיי קענען זיך מיט אים פאראייניקן און מאכן אים פאר זייער ווארט־זאגער און קאמפס־פירער.

מעטיו וואל איז אן אויסשטודירטער אדוואקאט. ער פארנעמט זיך אבער ניט מיט זיין פראפעסיע. ער איז דער פרעזידענט פון דער יוניאן פון די פאטא־גראווירערס (פאטא־ענגרייווערס), אן ארגאניזאציע מיט א קליינער צאל מיטגלידער — ארום 9 טויזנט. אבער ניט געקוקט דערויף, וואס ער איז דער פירער פון א קליינער יוניאן, פארנעמט ער דעם אנגעזענסטן ארט אין דער פירערשאפט פון דער אמ. פעדעריישאן אוו לייבאר און האט דארט פארנומען זייער א וויכטיקן ארט אפילו ווען גאמפערס איז נאך געווען דער פרעזידענט.

עס איז געווען די אנגענומענע מיינונג, אז נאך גאמפערס'עס טויט וועט מעטיו וואל ווערן דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר. דער אלטער גאמפערס אליין האט געקוקט אויף אים ווי אויף זיין יורש־עצר. געווארן איז אבער וויליאם גרין דער פרעזידענט נאך גאמפערס'עס טויט, און ניט וואל. עס קען זיין, אז דאס איז צוליב דעם, וואס גרין איז געווען דער סעקרעטער פון די „יונייטעד מיין ווארקערס“, וועלכע איז צו יענער צייט געווען די גרעסטע און שטארקסטע יוניאן אין דער פעדעריישאן. און ס'איז

מעגלאך, אז די „טשיפס“ פון די פארשיידענע יוניאנס האבן געהאט אנדערע פאליטישע חשבונות אויף דערוויילן גרינ׳ען און ניט וואל׳ן. אבער דער נאמען, דער „טשין“, איז נאך ניט אלץ. אפיציעל איז גרין טאקע דער פרעזידענט, פאקטיש איז אבער דער גאנצער פירער — מעטיו וואל. ער איז דער ווארט־פירער און דער ווארט־זאגער. זיין ווארט איז פאר דער פעדעריישאן א געזעץ.

מעטיו וואל באנוגענט זיך אבער ניט מיט זיין טעטיקייט אין דער פעדעריישאן. ער איז פארבונדן מיט נאך א סך ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, וואו ער שפילט אן אנפירענדיקע ראל. מיר וועלן אויסרעכענען עטלאכע פון אזעלכע ארגאניזאציעס מיט וועלכע ער איז פארבונדן.

מעטיו וואל איז דער פרעזידענט פון דער סיוויק פעדעריישאן.

ער איז דער פרעזידענט פון דער אינטערנאציאנאלער נייעס אגענטור.

ער איז דער טשערמאן פון דער באארד און דירעקטארס פון דער ארבעטער בילדונג ביורא.

ער איז דער פרעזידענט פון דער יוניאן לייבאר לייף אינשורענס קאמפאניע.

ער איז דער פרעזידענט פון דער אינטערנאציאנאלער ספארטס־מענשיפ בראדערהוד.

די אויסגערעכנטע ארגאניזאציעס האבן דאך באדארפט פארנעמען מער ווי זיין גאנצע צייט. פונדעסטוועגן געפינט ער נאך צייט גענוג צו מישן זיך אין די יוניאנס פון די קלאוקמאכער, דרעסמאכער און פאריער און איז דער הויפט־אנפירער פון דער קליקע וועלכע פירט דעם קאמף קעגן אונז.

וואל טוט זיין ארבעט אויסגעצייכנט

ווי קאן עס איין מענש זיין דער אנפירער פון אזוי פיל קערפער־שאפטן? ווי קאן עס איינער זיין א פרעזידענט פון א יוניאן און גלייכצייטיק זיין א פרעזידענט פון אזא ארגאניזאציע, ווי די סיוויק פעדעריישאן, אן ארגאניזאציע פון פאבריקאנטן, באנקירן און די ערגסטע יוניאן־פיינטלאכע קאפיטאליסטן, אן ארגאניזאציע וואס ווערט געשטיצט פון אויל־טראסט און פון דעם שטאל־טראסט?

דער געוועזענער פירער פון די מיינערס, דזשאָן מיטשל, האָט זיך אמאָל אָנגעשלאָסן אן דער „סיוויק פעדעריישאָן" — האָט די יוניאָן אָנגענומען א באשלוס, אז ער מוז פון דאָרט רעזיגנירן, אויב ער וויל בלייבן מיט דער יוניאָן. און מיטשל האָט רעזיגנירט פון דער סיוויק פעדעריישאָן. פיל יוניאָנס האָבן אויף זייערע קאָנווענשאָנס אָנגענומען רעזאָלוציעס, וואו עס זאָגט זיך אז די „סיוויק פעדעריישאָן" איז א סטרייקברעכערשע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, און האָבן אויפגעפאָדערט די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אז זי זאָל פאַרווערן אירע פירער דאָרטן צו באַלאַנגען. טאָ ווי קומט עס וואָס מעטיו וואָל באַלאַנגט דאָרט און ווי קומט עס וואָס די באַנקירן, די פּרעזידענטן פון טראַסטן און אייזנבאַנען, וועלכע זיינען מיטגלידער אין דער סיוויק פעדעריישאָן, דערלאָזן דעם פּרעזידענט פון זייער סיוויק פעדעריישאָן צו זיין דער פירער פון דער אַמעריקאַנישער יוניאָן-באַוועגונג?

דער ענטפער איז קלאָר און פשוט: וואָל איז אן אַדוואָקאַט, און פּונקט ווי די אויל-מאַגנאַטן, די שטאָל-קעניגן, די באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן מכל המינים, האָבן געפונען פאַר נויטיק צו שיקן זייערע אַדוואָקאַטן אין קאָנגרעס, אין סענאַט און אין אַלע לאָקאַלע געזעצגעבנדע קערפּערשאַפטן, כדי זיי זאָלן שאַפן געזעצן, וואָס זאָלן שוצן די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן, אַזוי האָבן די קאַפּיטאַליסטן אריינגעשיקט זייער אַדוואָקאַט וואָל'ן אין דער פעדעריישאָן, כדי דאָרט צו אַרבעטן אין זייערע אינטערעסן.

און וואָל טוט זיין אַרבעט אויסגעצייכנט. ער האָט פאַרוואַנדלט די פעדעריישאָן אין אן אַגענטור פון די בעלי-בתים. אויף די קאָנווענשאָנס פון דער פעדעריישאָן קומען גענעראַלן, קאָמאַנדירן פון אַמעריקען לעגיאָן און האַלטן מאָרד-פּאַטריאָטישע רעדעס. קיינער פּראָטעסטירט ניט קעגן אַזעלכע רעדעס. די ראַדיקאַלן האָט מען פון דער פעדעריישאָן אַרויסגעוואָרפן, די ראַדיקאַלע יוניאָנס האָט מען צעבראָכן.

די א. פ. או ל. קאנווענשאן אין ניו ארלעאנס

די לעצטע קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן או לייבאר אין ניו ארלעאנס, אין נאוועמבער 1928, האט אין רעאקציע, מארד־פאטריאטיזם און פינצטערניש איבערגעשטיגן אפילו די ערגסטע באלעבאטישע אסאסיאיישאנס. דער אינצידענט מיט פראפעסאר דיואי און דער סיכסוד מיט ברוקוואוד קאלעדזש באשטעטיקן עס.

פראפעסאר דיואי, דער בארימטער אמעריקאנישער פילאזאף און אויטאריטעט איבער דערציאונג־פראגן, איז צוזאמען מיט א דעלע־גאציע פון דערציערישע אנשטאלטן געווען אין סאוועטן־פארבאנד, און האט ארויסגעזאגט א גוטע מיינונג וועגן דער סאוועטישער בילדונג סיסטעם.

דיואי איז אויך פארבונדן מיט אינסטיטוציעס פון ארבעטער־בילדונג דא אין לאנד און אלס אזעלכער האט ער צוגעשטעלט א באריכט וועגן ארבעטער־בילדינג צו דער קאנווענשאן פון דער אמע־ריקען פעדעריישאן או לייבאר. דיואי׳ס באריכט איז פון דער קאנ־ווענשאן איינשטימיק אנגענומען געווארן. מען האט אויך ניט גע־זשאלעוועט דיואי׳ן קיין לויב־געזאנגען: די קאנווענשאן האט אים דערקלערט פאר׳ן גרעסטן אויטאריטעט איבער בילדונג.

אויף צומארגנס האט זיך מעטיו וואל דערוואוסט אז פראפעסאר דיואי האט געשריבן אן ארטיקל אין „ניו רעפאבליק״, וואו ער האט געלויבט די סאוועטישע בילדונג־סיסטעם. האט וואל אויף דער קאנ־ווענשאן געמאכט א פארשלאג, אז מ׳זאל צוריקווייזן דיואי׳ס באריכט, וואס מען האט מיט א טאג פריער אנגענומען, און מען זאל אויך אויסמעקן זיין נאמען פון די פראטאקאלן פון דער פעדעריישאן.

און אזוי האט די קאנווענשאן באשלאסן.

די געשיכטע מיט ברוקוואוד קאלעדזש איז נאך „אינטערעסאנטער״ און אין א געוויסן זין עטוואס קאמיש אויך.

דער קאלעדזש, וואו עס ווערן געגעבן קורסן וועגן עקאנאמיק און ארבעטער באוועגונג, ווערט אנגעפירט פון א גרופע וואסערדיקע סאציאליסטן. די תורה וואס מען לערנט דארטן איז ניט מי יודע ווי ראדיקאל. פארקערט, אייניקע פון די וואס העלפן מעטיו וואל פירן דעם קאמף קעגן אונז, האבן שטודירט אין ברוקוואוד קאלעדזש. די

פירער פון דעם קאָלעדזש האָט אויך ניט געאַרט, וואָס אין זייערע רייען געפינען זיך סאָציאַליסטן, וואָס גייען מיט מעטיו וואָל.

נאָכמער, אויף דער זעלביקער קאָנווענשאָן אין ניו אָרלעאַנס, האָט איין דעלעגאַט, וואָס האָט דעם קאָלעדזש פאַרטיידיקט, אַרויס־געבראַכט דעם פאַקט, אַז דער קאָלעדזש האָט געהאָלפן מיט טויזנטער דאָלאַר דער קליקע פון דער אינטערנעשאָנאַל אין איר קאַמף קעגן דער דזשאָינט באָאַרד.

אָבער פאַר מעטיו וואָל איז אפילו די אינסטיטוציע צו ראַדיקאַל !... ברוקוואוד קאָלעדזש איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ קאָמוניסטישע אינסטיטוציע !...

וואָס איז ? מען האָט דאָרט איינמאָל געפייערט דעם ערשטן מאַי, און מען האָט די בילדער פון קאַרל מאַרקס, לענין, דעבס, און סעמיועל גאָמפּערס באַפּוצט מיט רויט...

פון רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט האָט טאַקע דער קאָלעדזש אָפּ־געטאָן גאַרניט קיין שיינע זאַך. עס איז אַ פאַרשוועכונג צו באַפּוצן דאָס בילד פון סעמיועל גאָמפּערס מיט רויט, פּונקט ווי די בילדער פון מאַרקס, לענין און דעבס ! באַוואוסטזיניקע אַרבעטער געדיינקען די ראָל פון גאָמפּערס׳ן, וועלכער איז אייגנטלאַך דער פאָטער פון דער פאַררעטערישער פילאָזאָפיע פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, און דער מענטש וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט מעטיו וואָל׳ן. גאָמפּערס אַליין איז דאָך געווען אַ וויים־פּרעזידענט פון דער רעאַק־ציאָנערער און מאָרד־פּאַטריאָטישער סיוויק פעדערײשאָן !

רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער קאָנען האָבן אַ טענה צו ברוקוואוד קאָלעדזש. אָבער וואָס פאַר אַ טענה האָט מעטיו וואָל ? מען האָט געפייערט דעם ערשטן מאַי, מען האָט פאַרשוועכט גאָמפּערס׳עס בילד מיט רויטן קאָליר ! אָט דערפאַר האָט מען דאָס דעם קאָלעדזש דער־קלערט מלחמה אַלס „קאָמוניסטישע“ אָרגאַניזאַציע...

די ראָל פון די סאָציאַליסטן

און וואָס האָבן געטאָן די סאָציאַליסטן ?

אויף דער קאָנווענשאָן אין ניו אָרלעאַנס זיינען געווען ב. שלע־זינגער, א. שיפּלאַקאָף און אַנדערע סאָציאַליסטן פון „פאָרווערטס“־חדר, מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, קאַנדידאַטן אויפ׳ן

צעטל פון דער ס. פּ. ניט נאָר האָבן זיי געשוויגן, נאָר ווען איין דעלעגאַט פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יו־ניאָן האָט גערעדט קעגן וואָל'ס פאָרשלאָג, האָט איינער פון שלעזינ־גער'ס דעלעגאַטן דערקלערט, אַז יענער רעדט ניט אין נאָמען פון דער אינטערנעשאָנאַל און אַז די דעלעגאַטן פון דער אינטערנעשאָנאַל זיינען פאַר דעם באַשלוס קעגן ברוקוואוד.

און וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערן?

ווי קענען זיי אַרויסטרעטן קעגן וואָל'ן, אַז זיי שטייען מיט אים צוזאַמען אין קאַמף קעגן דער רײנק און פייל און טוען נאָך ערגערע זאַכן, ווי ער טוט. ווי וואָלט די „פאָרווערטס" קליקע אויסגעקוקט אָן וואָל'ן? וואָל איז דאָך דער, וואָס האָט געמסרט די לינקע פירער פון דער פאַריערס יוניאָן, אַז זיי האָבן אָפּגעקויפט דעם ניו יאָרקער פּאָליס־דעפּאַרטמענט. וואָל איז דאָך געלאָפן צום דיסטריקט אַטאָרני, אין די געריכטן, און געאַרבעט מעשים, אַז מען זאָל די לינקע פירער פאַר־שיקן אין טורמע. וואָל האָט דאָך צוזאַמען מיט'ן „פאָרווערטס" גע־פירט די העצע קעגן די פאַריער, וואָס זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מינעאָלאַ, געהאָלפן אויסאַרבעטן די גאַנצע פאַרשווערונג קעגן זיי. צוויי לינקע אַרבעטער זיינען שוין אַ האַנק דער פאַרשווערונג פאַרשיקט געוואָרן אין געפענגניש אויף אַ טערמין פון צוויי און אַ האַלב ביז פינף יאָר, און נאָך זיבן פאַר־אַרבעטער, וועלכע זיינען צו־זאַמען מיט די צוויי פאַראורטיילט געוואָרן און האָבן געוואונען אַ נייעם פּראָצעס, שטייען אין געפאַר.* מעטיו וואָל און דער „פאָר־ווערטס" וועלן שוין מן הסתם זען, אַז זיי זאָלן זיך ניט אַרויסדרייען פון די הענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער גערעכטיקייט.

איצט האָט וואָל פאַראייניקט ביידע באַלעבאַטישע אַסאָסיאיישאָנס פון די פאַר־פאַבריקאַנטן און געמאַכט מיט זיי אַן אַגרימענט, אַז זיי זאָלן שטיצו דעם „פאָרווערטס" סקעב קלייזל. טאָ ווי קאָנען די סאָ־ציאַליסטן קריטיקירן וואָל'ן און די אַנדערע מאַכערס פון דער אַסאָ־סיאיישאַן?

אָבער אַזוי לאַנג ווי מעטיו וואָל האָט געטאָן זיין „אַרבעט" קעגן די יוניאָנס, האָט אים קיינער ניט געטשעפּעט. ווען ער האָט זיך

* זע פּאָרוואָרט, זייטן 42—45. מינעאָלאַ איז אַ שטעטל לעבן ניו יאָרק. (זע „די פאַרשווערונג אין מינעאָלאַ", אַרויסגעגעבן פון דער „דזשאָינט דעפענס קאָמיטע").

אַבער געקומען צו פּראָפעסאָר דיואי, האָט ער געקראָגן זיין אָפּשניט. דיואי אַליין, און אַנדערע ליבעראַלע שרייבער, האָבן גענומען אַרונטער־רייסן פון אים די מאַסקע. זיי האָבן געוויזן, וואָס די סיוויק פעדע־ריישאָן איז. זיי האָבן געוויזן, אַז וואָל פאַרטרעט די סיוויק פעדע־ריישאָן, און ניט די אַרבעטער. זיי האָבן אויסגערעכנט די רעאַקציאָ־נערע געזעצן, פאַר וועלכע די סיוויק פעדעריישאָן האָט פּראָפּאַגאַנדירט און אַז די סיוויק פעדעריישאָן האָט געאַרבעט קעגן דעם אַז דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל אָננעמען אַן „אַלד איידזש פּענשאָן געזעץ" (פּענסיע פאַר אַלטע לייט).

אגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט נאָך אין 1907 זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַזאַ געזעץ, אָבער מעטיו וואָל האָט דורך פאַרשידענע קונצען און מאַנעוורעס פאַרשטופּט דעם ענין, ביז מען האָט איצט אינגאַנצן אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם אין די קרייזן פון דער א. פ. אָוו. ל. אַנשטאָט אַ פּענסיע פאַר אַלטע לייט, האָט וואָל אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון „לייבאָר לאַיף אינשורענס", און האָט געגרינדעט אַזאַ מין קאָמפּאַני, פון וועלכער ער איז געוואָרן דער פּרעזידענט.

סאָציאַליסטישער היפּאָקריזם

ערשט ווען די בורזשואַזע שרייבער האָבן גענומען אויפדעקן וואָל'ס מיאוס'ע מעשים, האָבן די סאָציאַליסטן זיך מישב געווען, אַז מען דאַרף וואָל'ן קריטיקירן.

ווי טוען זיי עס?

אפשר האָבן זיי צעריסן דעם פאַרבאַנד מיט אים? ניין! זיי ריידן נאָך היינט מיט אים פון איין פּלאַטפאָרמע.

ווען די „סאָציאַליסטישע" געווערקשאַפטן האָבן אין סוף דע־צעמבער, 1928, געפייערט זייער 40 יאָריקן יובילייִ, איז מעטיו וואָל געווען דער פעסט־רעדנער אויף דעם יום טוב, צוזאַמען מיט'ן רעדאַק־טאָר פון „סאָציאַליסטישן" „פאָרווערטס". נאָר וואָס דען? דער „ניו לידער", אַ וועכנטלאַכע סאָציאַליסטישע בלאַט, וועלכע האָט קיין לעזער ניט, האָט פאַרעפנטלאַכט עטלאַכע אַרטיקלען קעגן וואָל'ן, כדי יוצא צו זיין פאַר'ן עולם. פון דער אַנדער זייט האָט מען דאָך מורא, אַז דער פּריץ זאָל, חלילה, ניט ווערן אין כעס און אויפהערן העלפן די גענאָסן אין זייער קאַמף קעגן די קאָמוניסטן און לינקע, איז אַרויס

שלעזינגער'ס ארגאן, די „גערעכטיגקייט" מיט אן אטאקע אויפ'ן „ניו לידער", פאר דרוקן די ארטיקלען קעגן וואל'ן. איין „סאציאליסטישע" צייטונג אטאקירט די צווייטע!

אט וואס עס זאגט זיך אין אן ארטיקל אין שלעזינגער'ס „גערעכטיגקייט" פון 25טן יאנואר, 1929:

„א זייער פארדריסלאכן איינדרוק האט ארויסגערופן אין אלע אויפריכטיקע ארבעטער־קרייזן די קאמוניסטישע בלעקמייל־מעטאדע מיט וועלכער עס האט זיך באנוצט דער „ניו לידער" קעגן מעטיו וואל.

„מען מוז זיך בלויז וואונדערן, פון וואנען עס האט זיך צו אן ארגאניזירטן פארטיי־סאציאליסט, וואס שטייט אויף א פאר־אנטווארטלאכן פאסטן, גענומען אזא גרויסע מאס אונערצויגנקייט און אומפאראנטווארטלאכקייט? אז דאס האט געקאנט פאסירן, איז בלויז א באווייז פון דער דעמאראליזאציע און דיסציפלינ־לאזיקייט, וואס עס הערשט אין דער סאציאליסטישער פארטיי".

אומדערצויגנקייט, אומפאראנטווארטלאכקייט, דעמאראליזאציע,— אודאי זיינען מיר מסכים, אז די עס פי איז דעמאראליזירט. שוין דאס אליין וואס אן ארגאן פון ב. שלעזינגער, א מיטגליד פון דער ס. פ. און אן עלעקטאר אויפן טיקעט פון דער פארטיי אין די לעצטע פרעזידענט־וואלן, קאן זיך דערלויבן אזוי צו שרייבן. ווען די עס פי וואלט ניט געווען צעפוילט ביז'ן ווארצל, וואלט זי דאך אירן א מיטגליד, וואס לאזט אזוי שרייבן וועגן איר, גערופן צו פאראנטווארטלאכקייט. און ניט נאר האט זי עס ניט געטאן, און וועט עס ניט טאן, נאר קיינער האט אפילו אין דער סאציאליסטישער פרעסע ניט געפונען פאר נויטיק צו פארטיידיקן דעם „ניו לידער" קעגן דער אטאקע מצד שלעזינגער'ס פען־קנעכט.

ס'איז איין קאמפאניע פאררעטער

אט דאס איז די פאררעטערישע פאליטיק פון די עס פי.

פון איין זייט וויל זי באווייזן די ארבעטער, אז זי איז קעגן וואל'ס געמיינע מעשים. גיט מען א וואונק דעם „ניו לידער", ער זאל ארויס מיט אן אטאקע. פון דער אנדער זייט האט מען דאך מורא צו פארלירן וואל'ס שטיצע, גייט א צווייטע „סאציאליסטישע"

צייטונג אַרויס און אַטאַקירט דעם „ניו לידער“ פאַר אַטאַקירן וואָל׳ן.

קען מען דאָך מיינען, אַז שלעזינגער׳ס אָרגאַן באַווייזט, אַז דאָס וואָס דער „ניו לידער“ האָט געשריבן וועגן וואָל׳ן, איז ניט ריכטיק? ניין. די מעשים פון מעטיו וואָל זיינען דאָך אַלעמען באַקאַנט. נאָר וואָס דען? ס׳איז שענדלאָך, — זאָגט די „גערעכטיקייט“, צו גריבלען זיך אין אַ מענשנ׳ס פּריוואַטן לעבן.

נו, ס׳איז אמת, אַז מעטיו וואָל׳ס פּריוואַטער לעבן איז אַזוי זויבער, ווי זיין געזעלשאַפטלאַכער לעבן. מען דערציילט וועגן אים געשיכטעס, מיט וועלכע אייב קאַהאַן וואָלט זיך פאַרכלינעט. אָבער דאָס איז אַן עסק טאַקע נאָר פאַר די קאַהאַנס. מיר פאַרנעמען זיך ניט מיט אַזעלכע ענינים. אָבער דער „ניו לידער“ האָט געשריבן, אַז מעטיו וואָל׳ס פרוי האַנדלט מיט „ריעל עסטייט“, און ער האָט אויסגענוצט זיין אַמט, כדי צו באַפרייען פון שטייערן די הייזער פון די קאָמפּאַניעס, מיט וועלכע זיין פרוי איז פאַרבונדן און אין וועלכע זי האָט אַן אינטערעס. אָט דאָס הייסט ביי שלעזינגער׳ן געגריבלט זיך אין פּריוואַטן לעבן!

אַזאַ האַנדלונג מצד אַ געזעלשאַפטלאַכן טוער ווערט באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעכן אפילו ביי טעמעני־האָלניקעס. אָבער פאַר די סאָציאַליסטן פון „פאָרווערטס“־חדר איז עס כשר.

און צוריק־געשמועסט, ווי קענען די „פאָרווערטס“־גענאָסן קריטיקירן וואָל׳ן? זיי אַליין זיינען ניט בעסער פון אים. די אָלרייטניקעס פון „פאָרווערטס“ זיינען איינגעטונקט אין גרעפּט און קאָרופּציע, לעבן ווי בורזשועזן. זיי זיינען קאַפּיטאַליסטן אין פולן זינען פון וואָרט. מעג זיי אַוודאי אָנשטיין דער שידוך מיט אַזעלכע קאָרופּטע פירער, ווי מעטיו וואָל.

סאַי די „פאָרווערטס“־גענאָסן און סאַי וואָל, נוצן אויס די אַרבעטער־באַוועגונג פאַר זייערע פּערזענלאַכע מאַטעריעלע אינטערעסן. זיי האָבן דער׳הרג׳עט דעם קאַמף־גייסט ביי די מאַסן, האָבן פאַרוואַנדלט די יוניאָנס אין סקעב־אַגענטורן פון די באַלעבאַטים. און די וואָס ווילן, אַז די יוניאָנס זאָלן זיין קעמפּענדיקע אָרגאַניזאַציעס, מוזן העלפן פאַרטרייבן די וואָלס און די „פאָרווערטס“־גענאָסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

בורזשואַזע קולטור און פּראָלעטאַרישע קולטור

קולידזש וועגן מוזיק

ביי אונז איז פיל גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן דעם ענין פּראָלעטאַרישע קולטור. די פראַגע איז אָבער אַזוי איינגעוויקלט געוואָרן אין מעטאַפיזישע בגדים, אַז פאַר אַ „נאַש־בראַט", אַ פשוט'ן פּראָלעטאַריער, איז אוממעגלאַך געוואָרן צוצורירן זיך צו דעם. איז אָבער געקומען קאַלווין קולידזש און האָט באַוויזן, אַז מען קען ריידן וועגן דעם, ווי וועגן יעדער וואָכעדיקער פראַגע.

דעם ערשטן פעברואַר, 1929, איז אין מאונטיין לעיק, פלאָרידע, געפייערט געוואָרן די דערעפענונג פון אַ מוזיק־„טעמפּל", און קולידזש איז ביי דער פייערונג געווען דער פעסט־רעדנער. האָט ער גערעדט וועגן מוזיק, קונסט, ליטעראַטור און קולטור. איז אויב דער שווייגנדיקער קולידזש, ביי וועמען אַ וואָרט איז מיט גאָלד גלייך, וועלכער רעדט איין מאָל אין אַ שמיטה, און וועמענס רעדעס עס זיינען אַלע מאָל געווען אַזעלכע פּראַזאַאישע, — וויפיל געלט מיר האָבן אין די ביינק; וויפיל מיר האָבן געליען אויסלענדישע רעגירונגען; וועגן אונזער געוואָלדיקער פּראָספּעריטי, א. אַז. וו. — אויב ער, הייסט עס, האָט אויך גענומען ריידן וועגן מוזיק, קונסט, ליטעראַטור און קולטור, איז שוין ניט אַזוי געפערלאַך. איבערהויפּט ווען קולידזש האָט פאַרזיכערט, אַז „אונזער קולטור איז ניט ווי די אַמאָליקע קולטורן, פון וועלכע עס האָבן גענאָסן אַ הייפל פון דעם פּריווילעגירטן קלאַס, נאָר אַז אונזער קולטור איז „ביי די פּיפּל, פאַר די פּיפּל און און די פּיפּל" (דורכ'ן פאָלק, פאַר'ן פאָלק און פונם פאָלק). און אויב „פּיפּל", מיינט מען דאָך אַפּנים אונז אויך.

די ניו יאָרקער „טיימס" פאַרכלינעט זיך אַזש פון באַגייסטערונג. זי האָט גאָרניט געוואוסט, — זאָגט זי, — אַז אונזער פּרעזידענט איז אַזאַ ליבהאָבער פון מוזיק, קונסט און ליטעראַטור, און איז אַזאַ

בקי אין אַזעלכע ענינים. וועלן מיר אָבער דאָ ברענגען עטלאָכע „געניאַלע" געדאַנקען פון קולידזש'ס רעדע און עס וועט לייכט זיין צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די „טיימס" און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען זיינען אַזוי באַגייסטערט.

„עס זיינען געווען צווישן אונז אַזעלכע, — האָט קולידזש געזאָגט, — וועלכע האָבן זיך געשראָקן, אַז אונזער לאַנד וועט אַרונטערפאַלן אונטער'ן קאָנטראָל פון די גרויסע געלט־מאַגנאַטן. זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז די רייכע וועלן רייכער און די אָרימע וועלן אָרימער. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז פּונקט דאָס פאַרקערטע איז נענטער צום אמת. אַזוי פיל פון אונזער פאָלק באַזיצן גרויסע פאַרמעגנס, אַז רייכקייט איז שוין געוואָרן אַ געוויינטלאַכע זאַך. עס איז אַ ספק, אויב עס איז ווען געווען אַ צייט, ווען רייכטימער האָבן געגעבן זייערע באַזיצער אַזוי ווייניק מאַכט, ווי איצט. קאַפּיטאַל קען מען לייכט קריגן. געלט שפּילט אַ קליינע ראָל ביים באַשטימען פּאָליטישע אַקציעס. מען דאַרף גאָרניט זיין רייך, כדי צו פירן גרויסע געשעפטן."

„דאָס באַזיצן גרויסע פאַרמעגנס, — האָט קולידזש ווייטער געזאָגט, — איז קיינמאָל ניט געווען גענוג אויף צוציען געזעלשאַפטלאַכע אויפמערקזאַמקייט פון פּערזאָנען מיט קולטור און בילדונג. די מיליאָנערן זיינען נאָר די פאַרוואַלטער פון די רייכטימער וואָס זיי באַזיצן. זיי פאַרנוצן זייערע פאַרמעגנס, כדי אויפצוהאַלטן קאָלעדזשעס, אוניווערזיטעטן און אַלערליי קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע בילדן און דערהויבן דעם גייסטיקן און קולטורעלן מצב פון פאָלק. און אַ דאַנק זייער וואוילטעטיקייט, קריגט דאָס פאָלק אַ מעגלאַכקייט צו געניסן פון די שענערע און בעסערע זאַכן אין לעבן."

אָט דאָס האָט קולידזש געזאָגט.

קונסט, ליטעראַטור, און — וואָל סטריט

וועט מען דאָך פרעגן: וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט קונסט און ליטעראַטור — דאָס הייסט, מיט דער טעמע, איבער וועלכער ער האָט געדאַרפט ריידן?

האָט עס טאַקע ניט. אָבער קולידזש קען ניט דורכלאָזן אַ געלעגנהייט צו פּראָפּאַגאַנדירן פאַר וואָל סטריט און פאַרטיידיקן די

איצטיקע אָרדענונג. און די פיינשמעקער פון דער „טיימס“ און פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע קריטיקירן אים ניט, זאָגן ניט, אַז ער האָט, חלילה, פאַרשוועכט דעם הייליקן מוזיק־טעמפּל מיט זיין וואָכעדיקער רעדע. אדרבה, זיי קאָנען זיך גאָרניט אָפּלויבן פון קולידזש'ס ווערטער.

פון זייער שטאַנדפּונקט זיינען זיי גערעכט. איז דען דאָ אַ וויכ־טיגערע און הייליקערע זאַך, ווי דינען וואָל סטריט? די הייליקע קונסט, די ליטעראַטור — אויך זיי דינען וואָל סטריט. דערפאַר זיי־נען די קולידזשעס אַזוי באַגייסטערט פאַר אונזער קונסט און ליטע־ראַטור. וואָלט קולידזש און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע געווען באַ־גייסטערט פאַר אַ ליטעראַטור און אַ קונסט, וועלכע וואָלטן אויפ־גערעקט און געוויזן דעם קעגנזאַץ פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט?

יעדערער פון אונז ווייסט דאָך, אַז קולידזש'ס רייד זיינען ניט אמת. עס איז ניט אמת, אַז אונזערע פאָלקס־מאַסן גענייסן פון די קולטורעלע רייכטימער פון אונזער לאַנד. עס איז ניט אמת, אַז אונ־זער לאַנד ווערט ניט קאָנטראָלירט פון די ביליאָנערן, אַז זיי באַזיצן ניט די פּאָליטישע מאַכט. עס איז ניט אמת, אַז דער אונטערשיד צווישן אָרים און רייך פאַרשווינדט, און אַז מען דאַרף קיין געלט ניט האָבן צו פירן גרויסע געשעפטן. און עס איז אודאי ניט אמת, אַז די רייכע גיבן אוועק זייערע פאַרמעגנס אויף אינסטיטוציעס, וועלכע דינען די אינטערעסן פון די מאַסן. זיי גיבן בלויז אַ קליינעם, נישטיקן פּראָצענט פון די אָנגערויבטע פאַרמעגנס אויף צדקה און אויף קולטור־אינסטיטוציעס. דערפאַר קריגן זיי די דעה און זעען, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציעס זאָלן דינען די קאַפּיטאַליסטישע אינ־טערעסן.

אַ ליטעראַטור און אַ קונסט, וועלכע וואָלטן אַרויסגעבראַכט דעם אָפּגרונט צווישן אָרים און רייך, וואָס וואָלט דערציילט ווי אַזוי די רייכע לעבן און ווי אַזוי די אָרימע לעבן, וואָס וואָלט באַוויזן ווי צעפוילט אונזערע פּאָליטישנס זיינען, וואָס וואָלט אויפגעדעקט ווי אַזוי די אַרבעטער ווערן עקספּלואַטירט און אונטערדריקט, וואָס וואָלט אויפגעדעקט די אויסגעלאַסנקייט און די דעגענעראַציע פון די מיליאָ־נערישע פּאַראַזיטן, און וואָלט גערופן, געוועקט און באַגייסטערט די מאַסן צו קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג, — פאַר אַזאַ קונסט, פאַר

אַזאַ ליטעראַטור, וואָלט קולידזש און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע ניט געוועןן באַגייסטערט! פאַר דעם וואָלטן אונזערע מיליאָנערן־מעצענאַטן קיין געלט נישט געגעבן. די פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער וואָלטן אויסגעלאַכט אַזאַ ליטעראַטור און אַזאַ קונסט. זיי וואָלטן דערקלערט, אַז דאָס איז גאָר קיין קיין ליטעראַטור און קיין קונסט ניט, נאָר קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די רעגירונג מוז אונטערדריקן.

מכח „ריינע קונסט“ און „פּראָפּאַגאַנדע“

אודאי וואָלט עס געווען פּראָפּאַגאַנדע, — פּראָפּאַגאַנדע פאַר'ן אַר־בעטער קלאַס. אָבער די איצטיקע ליטעראַטור און קונסט איז אויך פּראָפּאַגאַנדע — פאַר'ן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און פאַר זייער הער־שאַפט. פּראָפּאַגאַנדע פון מענשן אָן טאַלאַנט איז ניט קיין ליטעראַ־טור, איז ניט קיין קונסט; אָבער פּראָפּאַגאַנדע פון טאַלאַנטפולע מענשן, פון קינסטלער, איז קונסט, איז ליטעראַטור.

זאָגן אָבער די ש. ניגערס, די ח. זשיטלאָווסקיס און צוזאַמען מיט זיי אַלע בורזשואזע קריטיקער, אַז קינסטלער פאַרנעמען זיך ניט מיט פּראָפּאַגאַנדע. קונסט איז ניט טענדענציעז. דער קינסטלער איז ניט קיין פּריידיקער פון אידייען. ביים קינסטלער איז די אידייע ניט דער עיקר, נאָר דער אינהאַלט, די פאָרמע, די שיינקייט. ניט דאָס וואָס איינער זאָגט איז קונסט, נאָר וויי ער זאָגט עס.

איז טאַקע אמת, אַז עס זיינען פאַראַן אויך אַזעלכע „נייטראַלע“, „אידייענלאָזע“ קינסטלער, — אָבער דעם אַרבעטער ברייגנען זיי קיין נוצן ניט. די ווערק פון אַזעלכע קינסטלער זיינען צאַצקעס פאַר זאַטע— צו אַמוזירן זיי. ניט דאָס דאַרף דער אַרבעטער, ניט דאָס איז דעם אַרבעטער'ס קונסט.

צי קען אַ קונסט־ווערק זיין פּראָפּאַגאַנדע? — געוויס. וואָס איז געווען איבסענ'ס „נאָראַ“ — ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער בור־זשואזער פאַמיליע? און זיינע „גייסטער“ און זיין „פאָלקס־פיינט“, וואָס זיינען די ווערק געווען, אויב ניט פּראָפּאַגאַנדע?

ווען די דראַמעס זיינען צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן, האָט די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע זיי פאַרדאַמט אַלס ניט־אַנשטענ־דיק, פאַלש און ליגנעריש. מיט וואָס פאַר אַ מאָס זיינען די קריטי־

קער צוגעטראָטן צו די דערמאָנטע דראַמעס? האָט זיי אויפגערעגט איבסענ'ס סטיל, זיין פאָרם? ניין. די קאַפּיטאַליסטן און זייערע פּראָפעסיאָנעלע קונסט-קריטיקער זוכן אין אַ ווערק קודם כל, צי דאָס פּאַרטיידיקט זייער באַליבטע אָרדענונג. פאָרמע, שיינקייט און די אַלע אַנדערע קלאַפּערגעצייג, מיט וועלכע אונזערע קינסטלער לשם קונסט צאַצקען זיך, איז פון קלענערער באַדייטונג.

ניט לאַנג צוריק האָט מען אין אַ טעאַטער אין באָסטאָן אויפגעפירט סינקלער לואיס'עס „עלמער גענטרי". איז לעבן טעאַטער געשטאַנען אַ „סקוואָד" פּאָליציי-לייט, דעטעקטיוום און אַ כאַפּטע גלחים און ביזנעס-לייט, וועלכע האָבן טעראָריזירט די וואָס האָבן געוואָלט זעען די פּיעסע. אַפּטאָן סינקלער'ס בוך „באָסטאָן" איז פון דער פּאָליציי פאַרווערט געוואָרן. „גאָד און לייטנינג", אַ דראַמע וואו עס דערציילט זיך וועגן דעם „פריים אַפּ" אויף סאַקאָ און וואַנזעטי, האָט מען געצוואונגען אַרונטערצונעמען פון דער סצענע. די אַלע ווערק זיינען טריף, ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען ניט קיין קונסט-ווערק. זיי שטעלן אָבער אַרויס די הערשער אין זייער אמת'ן געשטאַלט — טויג עס ניט, איז עס פּראָפּאַגאַנדע.

ווי מען פלאַנצט איין די באַגריפן וועגן קונסט

„אַפּטאָן סינקלער'ס ביכער זיינען ניט קיין ליטעראַטור, — האָט מיר ניט לאַנג צוריק געזאָגט אַן אַמעריקאַנער סטודענט. — ס'איז פּראָפּאַגאַנדע". פון וואַנעט קומט צום סטודענט דער באַגריף? דאָס האָבן אים אַזוי געלערנט די פּראָפעסאָרן, וועלכע פעלשן באַוואוסטזיניק היסטאָריע, נוצן אויס די וויסנשאַפט אויפצוהאַלטן די איצטיקע אָרדענונג. די פּראָפעסאָרן, וועלכע שרייבן און האַלטן לעקציעס און פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם טראַסט פון „פּאַבליק יוטיליטיס", ווי ס'איז ניט לאַנג צוריק אויפגעוויזן געוואָרן,* — זיי לערנען די סטו־

---

* דער טראָסט פון עפנטלאַכע געברויך-זאַכן (פּאַבליק יוטיליטיס) האָט אין זיינע הענט דעם קאָנטראָל איבער עלעקטריע, גאַז, וואַסער-קראַפט. עס איז אויפגעוויזן געוואָרן, אַז מלוכה-לייט, פּראָפעסאָרן, לערער, און שרייבער נעמען געלט ביים טראָסט, אַז אין די שולן פון געוויסע שטאַטן זאָל

דענטן, אַז קונסט און ליטעראַטור טאָר ניט זיין טענדעציעז און מוז זיין פריי פון פּראָפּאַגאַנדע!...

עס איז נאַטירלאַך, אַז די וועלכע לייקענען, אַז די געזעלשאַפט איז צעטיילט אויף קלאַסן, זאָלן אויך לייקענען דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון קונסט, ליטעראַטור און קולטור; אומפאַרשטענדלאַך איז אָבער, וואָס אויך אַ סך אַזוי־גערופענע סאָציאַליסטן, וועלכע אָנערקענען כלומרשט די קלאַסן־צעטיילונג פון דער איצטיקער אָרדענונג, האַלטן אויך, אַז ס'איז ניטאָ קיין בורזשואַזע קולטור, אָדער פּראָלעטאַרישע קולטור, און גלויבן אויך, אַז אמת'ע ליטעראַטור טאָר ניט זיין פּראָפּאַגאַנדיסטיש.

פאַראַן צוויי ערליי קולטורן

לאָמיר פריער קלאָר ווערן, וואָס באַדייט דאָס וואָרט „קולטור“.

קולטור איז — אַלץ וואָס דער מענטש שאַפט. ווען מענטשן האַקן בוימער פון וואַלד, מאַכן דערפון ברעטער, בויען פון דעם הייזער — שאַפן זיי קולטור. די אַלע פּראָדוקטן, וואָס דער מענטש פּראָדוצירט, כדי צו באַפרידיקן זיינע פיזישע באַדערפענישן, איז מ א ט ע ר י ע ל ע קולטור. מאַלעריי, מוזיק, קונסט און ליטעראַטור, וועלכע ווערן געשאַפן צו באַפרידיקן דעם מענטשנ'ס גייסטיקע באַדערפענישן, שפּייז פאַר זיין נשמה, — איז ג י י ס ט י ק ע קולטור.

אַז עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן מאַטעריעלע קולטור, איז קלאָר. די ראָלס־ראָיס אויטאָמאָבילן, די פּאַלאַצן, די קאָסטבאַרע קליידער, ווערן ספּעציעל געשאַפן פאַר די קאַפּיטאַליסטן און ווערן געמאַכט לויט זייער פאַרלאַנג און געשמאַק. די אַרבעטער, וועלכע שאַפן די פּראָדוקטן, ברענגען ניט אַרויס ז י י ע ר געשמאַק, נאָר דעם געשמאַק פון די רייכע, פאַר וועמען די זאַכן ווערן געשאַפן. די קאַפּיטאַליסטן דיקטירן אויך וואָס פאַר אַ הייזער מען זאָל בויען פאַר די

מען איינפירן — און מען האָט איינגעפירט — די לערן־ביכער וואָס דער טראַסט האָט געוואָלט. אַלץ מיט'ן צוועק איינצופלאַנצן ביים עולם דעם גלויבן, אַז עלעקטריע, גאַז און וואַסער־קראַפט דאַרף ניט נאַציאָנאַליזירט ווערן, דאָס מוז געהערן צו די קאַפּיטאַליסטן.

ארבעטער, וואס פאר א קליידער מען זאל פאר זיי נייען, א. א. וו. אמת, זיי טוען עס ניט אויף א דירעקטן אופן. זיי טוען עס אומ־דירעקט. די פארדינסטן פון די ארבעטער באשטימען שויו, וועלכע פראדוקטן עס זאלן געשאפן ווערן פאר זיי, און די פארדינסטן ווערן, ווי באוואוסט, באשטימט פון די קאפיטאליסטן.

זעען מיר, אז עס זיינען דא צוויי מאטעריעלע קולטורן. א קול־טור פאר די רייכע און א קולטור פאר די ארימע.

איצט לאמיר זעען, ווי עס ווערט געשאפן גייסטיקע קולטור — צי אויך דא ווערן די קינסטלער ניט דיקטירט פון די קאפיטאליסטן צו שאפן אזא קולטור, וואס זאל זיי, די קאפיטאליסטן, באפרידיקן און זאל פארטיידיקן זייערע קאפיטאליסטישע אינטערעסן.

מאטעריעלע קולטור ווערט געשאפן אין פאבריקן, וועלכע געהערן צו די קאפיטאליסטן און די ארבעטער מוזן קאפירן דעם מאדעל וואס דער באלעבאס גיט, צי דאס געפעלט זיי, אדער ניט. גייסטיקע קולטור ווערט אויך געשאפן אין אינסטיטוציעס, וועלכע געהערן צו די קא־פיטאליסטן, און די קינסטלער מוזן שאפן לויט דעם מאדעל, וואס די אייגנטימער פון די אינסטיטוציעס שטעלן צו.

א פראפעסאר פון געשיכטע מוז מיט די סטודענטן לערנען פון א טעקסט־בוך, וואס מען גיט אים — ווען ער ווייס אפילו, אז די פאקטן פון דעם טעקסט־בוך זיינען געפארבט, געפעלשט. ער האט אפט מורא פריוואט עמיצן וועגן דעם צו דערציילן. טאמער וועלן די מיליאנערישע באלעבאטים פון דעם קאלעדזש זיך דערוויסן, וועט ער פארלירן די שטעלע. דאס זעלביקע איז בנוגע פאליטישער עקאנאמיע און סאציאלאגיע. א פראפעסאר וואס וואגט ארויסצוזאגן א מיינונג, וועלכע איז ניט אין איינקלאנג מיט די אינטערעסן פון די מיליאנערן, וועלכע האלטן אוים די קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, ווערט ארויסגעווארפן.

פאראנען איינצעלנע אידעאליסטן, ביי וועמען דער אמת שטייט העכער, ווי זייער אייגענע מאטעריעלע אינטערעסן און האלטן זיך ניט אפ פון ארויסזאגן זייערע מיינונגען און זיי זיינען מקריב זייע־רע שטעלעס. אבער זיי זיינען א יוצא מן הכלל, אויסנאמען.

די בורזשואזיע האט אלע מיטלען צו פאר׳סמ׳ען די מוחות

האבן מיר א וויכטיקן צווייג פון גייסטיקער קולטור, די שולן און די אוניווערזיטעטן, וואס טראגט אן אויסגעשפראכענעם בורזשואזן כאראקטער. איצט קומט די פרעסע — די צייטונגען און זשורנאלן, און די טעאטערס, די מואווים, די אפערעס, די ראדיאס, אלע קולטור־אינסטיטוציעס ווערן קאנטראלירט פון די קאפיטאליסטן. די קולטור וואס זיי שאפן איז בורזשואזע קולטור. ניטא קיין „פרייער ווילן פון די איינצעלנע קינסטלער“, צו שאפן, ווי זייער געוויסן דיקטירט. זיי מוזן זיך אונטערווארפן די פארלאנגען פון די אייגנטימער פון דער פרעסע, טעאטערס און מואווים. די שרייבער אין די קאפיטאליסטישע צייטונגען זיינען ניט פריי צו שרייבן וואס זיי ווילן. וויל הוירסט באשאפן א מארד־פאטריאטישע שטימונג, גיט ער אן ארדער זיינע פען־שקלאפן און זיי טוען שוין די ארבעט. מעג איינער זיין א פאציפיסט — מוז ער שרייבן מלחמה־ארטיקלען און מלחמה־לייט־ארטיקלען. דאס איז זיין פרנסה, זאגט ער. און די קארטוניסטן מאכן מארד־פאטריאטישע קארטונס. דאס איז זייער פרנסה, זאגן זיי.

דערמאנט זיך, ווי די רעגירונגען האבן אין צייט פון וועלט־קריג אויסגענוצט די שרייבער, די מאלער און די וויסנשאפט־לייט צו פארשמוצן און פארלוימדן דעם שונא. מען האט געשריבן, אז די דייטשן שניידן אפ גלידער ביי פרויען און קינדער, אז זיי מאכן פון טויטע קערפערס זייף, און נאך אזעלכע ווילדע אומגעלומפערטע ליגנס, וועלכע מען האט באשטעטיקט מיט געפעלשטע בילדער. די שרייבער, די מאלער, די קארטוניסטן האבן געוואוסט, אז דאס איז די שמוציקסטע און געמיינסטע פראפאגאנדע, אבער זיי האבן עס געטאן. און זיי טוען איצטער אלץ צוצוגרייטן דעם עולם פאר א נייעם וועלט־קריג. אין 1914 זיינען די דייטשן פארגעשטעלט געווארן ווי בארבארן; באלד וועלן עס זיין די ענגלענדער, אדער אנדערע, קעגן וועמען וואל סטריט וועט דערקלערן א מלחמה.

ווען אזא בארימטער אדוואקאט, ווי יוז, פארטיידיקט אין געריכט דעם פארלאנג פון דעם אינטערבארא־טראסט פאר העכערע פאר־געלט, ווען ער האלט א מייסטערהאפטע רעדע און באווייזט, אז ס׳איז גאר אין די אינטערעסן פון פאלק צו צאלן מער, — שמייכלען

אלע. מען ווייסט, אז יוז גלויבט אליין ניט אין דעם. ער רעדט אזוי, ווייל ער קריגט באצאלט. אבער ווען א קינסטלער זעצט זיך מאלן א בילד, צי שרייבן א דראמע, אדער א ראמאן — ווייל מען אונז איינרעדן, אז ער טוט עס בלויז אויס ליבע צו דער קונסט!...

נארישקייטן! קינסטלער פארמאגן די זעלביקע נייגונגען, וואס אזעלכע ווי יוז האבן, — ווער מער און ווער ווייניקער. און אויב זיי ווילן, אז מען זאל זייערע ווערק דרוקן, זייערע בילדער קויפן, מוזן זיי זוכן צו געפעלן דעם הערשנדיקן קלאס, וועלכער קען זיי דערהויבן ביז'ן הימל, אדער ארונטערשליידערן אין אפגרונט.

פאראנען צוויי וועגן. איינער איז — קאמף קעגן דער הערשענדיקער מיינונג, גיין אויף נייע וועגן, קעמפן פאר'ן אמת און, אויב נויטיק, זיך מקריב זיין דערפאר. דער צווייטער וועג איז — גיין איז אויסגעטראטענע וועגן, פארטיידיקן דעם הערשענדיקן קלאס. וויפיל קינסטלער ווילן עס בעסער אויסקלייבן צו הונגערן, ליידן דחקות און נוים, אבי צו בלייבן געטריי זייערע אידעאלן, ווען זיי קענען. פארקויפנדיק זייער טאלאנט דעם הערשענדיקן קלאס, רייך ווערן?

ווי מארק טווין האט זיך געבויגן פאר קאפיטאל

געוויס זיינען דא אזעלכע, וואס האבן זיך אומשטערבלאך געמאכט אין דער וועלט פון קונסט און ליטעראטור, און מען האט זיי פאר קיין געלט ניט געקענט קויפן. מען קען אבער אויך אויסרעכענען א היבש ביסל נעמען פון פאליטיקער, דאקטוירים, אדוואקאטן און ארבעטער־פירער א. א. וו., וועלכע מען האט אויך פאר קיין מיליאנען ניט געקענט קויפן. דעריבער הייסט עס, אז אלע אדוואקאטן, פאליטישנס, דאקטוירים און ארבעטער־פירער זיינען זיך מקריב פאר דער מענשהייט און אז זיי דינען ניט די אינטערעסן פון דעם הערשענדיקן קלאס.

א סך קינסטלער דינען די אינטערעסן פון דעם הערשענדיקן קלאס א ו מ ב א וו א ו ס ט ז י נ י ק. זיי האבן א בורזשואזע אידעאלאגיע. זיי גלויבן באמת, אז אונזער געזעלשאפטלאכע ארדענונג איז די בעסטע. א סך אבער טוען עס באוואוסטזיניק, צוליב געלט און אייגענעם נוצן.

אין זיין בוך „מאַמאָנאַרט“ דערציילט אַפּטאָן סינקלער וועגן מאַרק טוויין, אַז זיינע ווערק זיינען פּשוט צענזורירט געוואָרן פון זיין פרוי, וועלכע איז געווען רעאַקציאָנער און אומוויסנד. זי איז געקומען פון אַ רייכער פאַמיליע, האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ ליטעראַטור עס קען אויסנעמען ביי דעם פּאַראַזיטישן קלאַס, האָט זי ניט דורכגעלאָזן קיין איין וואָרט, קיין איין אויסדרוק, וואָס איז איר ניט געפעלן געווען. מאַרק טוויין אַליין, אָבער, האָט געהאַט ראַדיקאַלע נייגונגען. ער האָט געזען די אומגערעכטיקייט, וואָס די קאַפּיטאַליסטן באַגייען, און ער האָט געוואָלט וועגן דעם שרייבן. אָבער זיין פרוי האָט ניט געלאָזן. ער איז געווען אַ פריידענקער און — איז געגאַנגען אַלע זונטיק אין קירך. אַזוי האָט זיין פרוי געפאָדערט. טוויין איז געווען דער ליבלינג פון דער בורזשואַזיע און האָט געמאַכט אַ פאַרמעגנס פון זיינע ביכער. האָט ער געציטערט מיט אַ וואָרט אַפילו צו באַליידיקן די רייכע פּוסט־און־פּאַסניקעס, וועלכע האָבן געקוואָלן פון זיינע הומאָריסטישע ווערק.

ווי ווייט דער וועלט־באַרימטער מאַרק טוויין האָט זיך פּשוט פאַרקויפט דער בורזשואַזיע, קען מען זען פון דעם גאָרקי־אינצידענט.

מאַרק טוויין איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן, אין 1906, געהאָלפן אַראָפּברענגען מאַקסים גאָרקי'ן קיין אַמעריקע. די געלע צייטונגען האָבן גענומען שרייבן, אַז די פרוי, מיט וועלכער גאָרקי איז אָנגעקומען, איז ניט זיינע קיין געזעצלאַכע פרוי. מען האָט גאָרקי'ן אין מיטן דער נאַכט אַרויסגעטריבן פון האָטעל. די געלע באַלעבאַטישע צייטונגען האָבן ניט אויפגעהערט זייער שענדלאַכע אַטאַקעס אויף גאָרקי'ן. מאַרק טוויין האָט זיך באַהאַלטן און האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט.

כאָטש טוויין איז געווען באַרימט, האָט געמאַכט אַ פאַרמעגנס פון זיינע ביכער, האָט ער זיך אָבער באַקלאָגט, אַז ער איז ניט גליקלאַך, און אַז ער ליידט זייער פיל דערפון, וואָס ער שרייבט ניט דאָס וואָס ער וויל.

אָ'הענרי און זיין מעשה וועגן דזשיימס וואַלענשטיין

אָדער לאָמיר נעמען אַ צווייטן אַמעריקאַנעם ליטעראַט, אָ'הענרי, וועמענס דערציילונגען עם זיינען אויסערגעוויינלאַך פּאָפּולער. אויך ער האָט געמאַכט פּיל געלט פון זיין שרייבן. אָ'הענרי'ס אמת'ער נאָמען איז געווען ביל פּאָרטער. מען האָט אים פאַרשיקט אין טורמע פאַר אַ גנבה, וואָס אַן אַנדערער איז באַגאַנגען אין דער באַנק, וואו ער איז געווען אַ קלוירק. זיצנדיק אין טורמע, האָט ער גענומען שרייבן אונטערן פּסעוודאָנים „אָ'הענרי". איינע פון זיינע דערציילונגען, „דזשיימס וואַלענטיין", איז דראַמאַטיזירט געוואָרן און האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אויף דער בינע אין אַמעריקע, ענגלאַנד, און אַנדערע לענדער. מאַטעריאַל פאַר דער דערציילונג האָט אָ'הענרי גענומען פון דער פאָלגענדיקער פּאַסירונג:

מיט אים צוזאַמען איז געזעסן אין טורמע דזשים וואַלענטיין, דער העלד פון זיין דערציילונג. נאָך אַלס אַ יונגער אינגל, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט און האָט געהונגערט, האָט דזשים גע־גנב'עט בולקעלאַך, וואָס זיינען ווערט געווען ניט מער ווי צען סענט. פאַר דעם פאַרברעכן האָט מען אים פאַרשיקט אין טורמע. דאָרט, צווישן גנבים און רויבער, איז ער געוואָרן אַן אמת'ער גנב. אַרויס־גייענדיק אויף דער פריי, האָט ער זיך פאַרנומען מיט באַרויבן בענק. ער איז געווען אַן עקספּערט אין זיין פאַך. ער האָט געקענט די גרעסטע און שטאַרקסטע קאַסע עפענען מיט די הוילע הענט. ווען מען האָט אים געכאַפּט, האָט מען אים פאַר'משפט צו לעבנסלייגלאַכע געפענגעניש.

אין דער שטאָט אָהאַיאָ האָבן אַ גרופּע פינאַנסירן — אַזעלכע וואָס זיצן ניט אין טורמע — באַ'גנב'עט אַ באַנק אויף מיליאָנען און זיינען פאַרשוואונדן. אין דעם „וואָלט" פון באַנק זיינען געווען איינגעשלאָסן ווערטפולע פּאַפּירן. אויפרייסן דעם „וואָלט" מיט די־נאַמיט האָט מען ניט געקענט, ווייל די פּאַפּירן וואָלטן פאַרניכטעט געוואָרן. האָט זיך דער גאָווערנאָר געווענדעט צו דעם אַרעסטאַנט, אַז ער זאָל עפענען דעם „וואָלט". ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים דערפאַר באַגנאַדיקן. האָט דער אַרעסטאַנט דעם „וואָלט" געעפנט, אָבער דער גאָווערנאָר האָט זיין צוזאָג ניט געהאַלטן. ער

האָט אים צוריקגעשיקט אין טורמע, וואו ער איז אין אַ קורצער צייט נאָכדעם געשטאָרבן פון שווינדזוכט. באַלד נאָכדעם איז זיין מוטער אויך געשטאָרבן.

איז דאָס אַ גוטע טעמע פאַר אַ דערציילונג, און ביי אַזאַ גרויסן טאַלאַנט ווי א׳הענרי וואָלט זיכער ארויסגעקומען אַ ליטעראַריש פּערל און דאָס וואָלט אגב געווען אַן אמת׳ע, ניט קיין אויסגעטראַכטע פּאַסירונג.

האָט אָבער א׳הענרי פאַרדרייט די גאַנצע געשיכטע. אין זיין „דזשים וואַלענטיין" דערציילט ער, אַז אַ קינד איז איינגעשלאָסן געוואָרן דורך אַ צופאַל אין אַ „וואָלט", אַ פאַרברעכער עפנט דעם „וואָלט" און רעטעט דאָס קינד. אַ דעטעקטיוו, וועלכער זוכט אים שוין לאַנג, כאַפּט אים. ווען ער דערוויסט זיך אָבער, אַז יענער האָט געראַטעוועט דאָס קינד, באַפרייט ער אים. וואַלענטיין ווערט אַן ער־לאַכער מענש און פירט זיך ארום מיט׳ן קינד, און אַלץ איז גוט און פיין.

צוליב וואָס האָט א׳הענרי ניט דערציילט די מעשה, ווי זי האָט אין אמת׳ן פאַסירט? האָט ער עס געטאָן אין די אינטערעסן פון קונסט? ניין. ער האָט ניט געוואָלט דערציילן די אמת׳ע פּאַסירונג, ווייל דאָס וואָלט ניט געפעלן געוואָרן די קאַפּיטאַליסטן. דאָס וואָלט באַוויזן, ווער אונזערע הערשער זיינען. האָט ער דערציילט אַ מעשה מיט אַ קינד און האָט געוויזן, אַז אונזערע געזעץ־היטער זיינען שיינע לייט. אַ פאַרברעכער האָט געראַטעוועט אַ קינד — באַפרייט מען אים דערפאַר.

איז אַזאַ דערציילונג אפשר ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע? אודאי פּראָפּאַגאַנדע — ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער קאַפּיטאַליסטי־שער אָרדענונג.

קען דער אַרבעטער שאַפן אייגענע קולטור־ווערטן?

אודאי זיינען פאַראַנען אַ סך קונסט־ווערק, וועלכע לאָזן זיך ניט קלאַסיפיצירן. אָבער דאָס באַווייזט ניט, אַז ס׳איז בכלל ניטאָ קיין בורזשואַזע קונסט און פּראָלעטאַרישע קונסט. פונקט ווי דער פאַקט, אַז עס זיינען פאַראַנען פּערזאָנען, וועלכע מען קען ניט באַטראַכטן,

ניט, אז עס איז ניטאָ קיין אַרבעטער־קלאַס און קיין קאַפּיטאַליסטישע קלאַס.

אויף ווי ווייט די, וואָס לייקענען דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון קולטור, אָדער לייקענען, אַז עס איז דאָ, אָדער אַז ס'קען זיין אַזאַ זאַך, ווי פּראָלעטאַרישע קולטור, פאַרפּלאָנטערן זיך אין אַלערליי באַגריפן, קען אויך דינען אַז אָפּהאַנדלונג פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, וועגן דעם ענין.*

דר. ח. זשיטלאָווסקי גיט טאַקע צו דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון קולטור. ער זאָגט, אַז „יעדער קלאַס פון דער געזעלשאַפט האָט געשאַפן קולטור". ער זאָגט אויך, אַז „אין די וויכטיקסטע צווייגן אירע קען מען מיט'ן פינגער אָנטייטלען וואָס שטאַמט פון וועמען". די אַמאָליקע אַרבעטער — זאָגט זשיטלאָווסקי — האָבן געשאַפן קולטור; די אַמאָליקע שקלאַפן אויך. אָבער ניט דער היינטיקער אַרבעטער, דער פּראָלעטאַריאַט. פאַרוואָס? ווייל די אַמאָליקע אַרבעטער, זאָגט ער, זיינען געווען בעלי־מלאכות, זיי האָבן געמאַכט אַ שטיק אַרבעט. אַ שוסטער, צום ביישפּיל, האָט געמאַכט שיך, אַ שניידער — קליידער, אַ זייגערמאַכער — זייגערס, א. אַז. וו. האָבן זיי באַדאַרפט אַרבעטן ניט בלויז מיט די הענט, נאָר אויך באַנוצן שכל. איצטער איז אָבער די אַרבעט צעטיילט. דער היינטיקער אַרבעטער פון פאַבריק איז אַ שרייפל פון דער מאַשין. ער דאַרף ניט באַנוצן דעם שכל. זיין אַרבעט איז „פון דעם זעלביקן מין, ווי די מוסקולן־באַוועגונג פון אַן אייזל". ווערט דעריבער ביים אַרבעטער, וואָס אַרבעט אונטער די איצטיקע אומשטענדן, טעמפּ זיין גייסט און ליידיק זיין נשמה. ער איז געוואָרן, זאָגט זשיטלאָווסקי, אויס אַרבעטער און „האָט דאָ אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם הויכן ראַנג „מ ע נ ט ש" און איז געוואָרן אַ מעכאַנישער שרייפל פון אַ מאַשין". ס'איז אומזין צו זאָגן, אַז אַזאַ קלאַס איז פעיאיק צו שאַפן קולטור. די גאַנצע מעשה וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור שטאַמט פון די רוסישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן עס אויסגעזויגן פון פינגער.

נו, מען דאַרף זיך ניט באַליידיקן פאַר דער ראָל, וואָס זשיטלאָווסקי טיילט דאָ איין דעם אַרבעטער. ס'איז נאַרישקייטן און ניט מער.

* „טאָג", 16־טן דעצעמבער, 1928.

ווען אַן אַמאַליקער פּויער האָט גענומען ברעטער, געמאַכט דער־פון אַ הילצערנע שיף, איז עס, לויט זשיטלאָווסקי'ס מיינונג, געווען קולטור. אָבער אַז היינטיקע אַרבעטער בויען אַ „מאָוריטאַניאַ", אַ „לויתן", שווימענדיקע פּאַלאַצן, איז עס ניט קולטור. פאַרוואָס? ווייל דער אַמאַליקער פּויער האָט געמאַכט די גאַנצע שיף, און איצט מאַכט יעדערער אַ טייל פון דער שיף. דאָס, וואָס אין דער קאָלעקטיווער אַרבעט פון די וואָס מאַכן אַ היינטיקע שיף איז דאָ מער שאַפונג־קראַפט ווי אין דער אַרבעט פון יענעם פּויער, וואָס האָט געמאַכט אַ הילצערן שיפל, שפּילט אַפּנים ביי זשיטלאָווסקי'ן קיין ראָל ניט.

די גאַנצע אינדוסטריע איז אַ פּראָדוקט פון קאָלעקטיוון שאַפן. און ניט נאָר די אינדוסטריע, נאָר אַפילו ריינע גייסטיקע קולטור־ווערטן ווערן געשאַפן קאָלעקטיוו.

לאָמיר, אַלס אַ ביישפּיל, נעמען מוזיק. מישא עלמאַן שפּילט אַליין אַ קאָמפּאָזיציע — איז עס אודאי קולטור. פאַראַנען אָבער סימפאָנישע אָרקעסטערס, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך שפּילער. דער פייקלער פון אַזאַ אָרקעסטער קען ניט אויסשפּילן טשייקאָווסקי'ס „פּאַטעטיק", פּונקט, למשל, ווי אַן אַרבל־מאַכער קען ניט מאַכן אַליין אַ גאַנצן ראָק. אָבער דער פייקלער מיט די איבע־ריקע שפּילער קענען שפּילן. נו, איז דען אַ סימפאָנישער אָרקעסטער ניט קיין קולטור־זאַך? איז דער מיטגליד פון אַזאַ אָרקעסטער ניט אַ שאַפער פון קולטור? וואָרים דאָס, וואָס איז ריכטיק בנוגע דעם פייקלער, איז דאָך ריכטיק בנוגע כמעט אַלע מיטגלידער פון דעם אָרקעסטער.

מערקט אייך: דער קליין־בירגער, דער „באַביט", וואָס שאַפט גאָרניט, וואָס לעזט בלויז אין דער „טיימס", אָדער אין אַן אַנדער צייטונג, די פּרייזן פון סטאָקס און באָנדס, — ער איז אַפּנים דער קולטור־שאַפער...

דער אַרבעטער איז אָבער פּסול. ער האָט גאָר פאַרלאָרן זיין הויכן ראַנג „מענטש", ווייל ער פּראָדוצירט די שענסטע און וואונדערלאַכ־סטע, און אויך די נוציקסטע, זאַכן.

ס׳איז אמת, אז די ארבעטער פון אמאל, ווען זיי האבן געדארפט מאכן א גאנצע שטיק ארבעט, האבן זיי געדארפט מער דענקען, באנוצן מער שכל, ווי דער הייגטיקער ארבעטער. אבער דאס באדייט אין קיין פאל ניט, אז די היינטיקע ארבעטער זיינען אפילו ניט אזוי אינטעליגענט, ווי די אמאליקע שקלאפן. אויב די היינטיקע ארבעטער דארפן ניט באנוצן קיין שכל צו זייער ארבעט, האבן זיי אבער מער פרייע צייט, קענען זיי לעזן און אנטוויקלען זיך, בעת די אמאליקע ארבעטער האבן געארבעט טאג און נאכט און האבן ניט געקענט לעזן, און האבן פון קיין אנדער זאך, ווי וועגן זייער ארבעט, ניט געוואוסט.

עס איז אויך ניט ריכטיק, אז ארבעטער האבן בלויז געשאפן עטלאכע פאבריק־לידלאך, ווי זשיטלאווסקי זאגט. איז דען גארקי ניט געווען קיין ארבעטער? און דזשעק לאנדאן?

אבער צו וואס אויסרעכענען די וועלט־בארימטע ליטעראטן, וועלכע זיינען געווען ארבעטער, אז ווען מיר ריידן וועגן פראלעטארישע קולטור, מיינען מיר ניט אזוי קולטור וואס ווערט געשאפן פון פראלעטאריער, נאר מיר מיינען קולטור — פאר פראלעטאריער. א קולטור וואס זאל אויפדעקן די שעדלאכקייט פון דער איצטיקער ארדנונג, וואס זאל מאכן דעם ארבעטער קלאסן־באוואוסט און זאל אים העלפן אין זיין באפרייאונגס־קאמף.

ווען עס זאל אמת זיין וואס די זשיטלאווסקיס זאגן, אז דער ארבעטער האט פארלארן דעם ראנג מענטש, און קען אפילו ניט שאפן וואס א שקלאף האט געשאפן, וואלט גאר מאדנע געקלונגען די פראזע פון קארל מארקס: „די באפרייאונג פון די ארבעטער איז די זאך פון די ארבעטער אליין“. ווי איז דאס מעגלאך, אז מענטשן מיט אזוי ווייניק אינטעליגענץ און שאפונג־פיאיקייטן זאלן זיך אליין באפרייען?

אבער די גאנצע טעאריע, וואס באליידיקט און דערנידעריקט דעם ארבעטער־קלאס, איז אויסגעבויט אויף זאמד. דער ארבעטער־קלאס פארמאגט אין זיך די גרעסטע שאפנדיקע כוחות, פארמאגט

אין זיך גרויסע גייסטיקע קוואַלן, און טאַקע דערפאַר וועט ער זיין אימשטאַנד זיך אַליין צו באַפרייען.

די וואָס גלויבן אין דער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס, די וואָס גלויבן אין דער ענדערונג פון אונזער געזעלשאַפט, אין דעם אַנקומען פון אַ גערעכטע סיסטעם, וואו אַרבעט וועט זיין אַ יחוס און וואו אַרבעט וועט הערשן, גלויבן אויך אין דער פייאיקייט פון אַרבעטער־קלאַס צו שאַפן קולטור־ווערטן און אויפהאַלטן זיי.



קען קומען צו אַ מלחמה צווישן אַמעריקע אין ענגלאַנד?

„ניט מעגלאַך", האָבן די „קלוגע" געזאָגט

ווען מיר קוקן זיך צו צו דער שפּיל פון די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, באַמערקן מיר אַ ווידערהאַלונג פון דער טייוועלשער שפּיל, וועלכע האָט מיט זיך געבראַכט דעם וועלט־קריג.

די סאָציאַליסטן האָבן זיך כסדר אויסגעלאַכט פון די וואָרנונגען וועגן מלחמה־געפאַר. גאָר ניט לאַנג צוריק האָט דער געלער „פאָרווערטס" דערקלערט אין אַ לייט־אַרטיקל, אַז די געפאַר פון אַ נייער וועלט־מלחמה האָבן בלויז די קאָמוניסטן אויסגעטראַכט. די פעלקער, האָט דער „פאָרווערטס" געזאָגט, זיינען נאָך מיד פון׳ם לעצטן קריג און זיי ווילן שלום.

קומט אויס אַז דעם לעצטן קריג האָבן די פעלקער יאָ געוואָלט, און איצט, אַז זיי ווילן שלום, איז ניט מעגלאַך קיין מלחמה.

אָבער די פּאַסירונגען פון די לעצטע מאָנאַטן האָבן אפילו די סאָציאַליסטן געצוואונגען צו אָנערקענען, אַז די געפאַר פון קריג איז זייער גרויס. אָבער די גענאָסן גלויבן ניט, אַז דער גאַנג פון די קאַפּיטאַליסטן פאַר מערק מוז פירן צו קריג. אַזוי, צום ביישפּיל, שרייבט גענאָסע ראַמזיי מאַקדאָנאַלד, דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד, אין דער „ניישאָן" פון 16־טן יאַנואַר, 1929, אַז די שטאַטסמענער פון ענגלאַנד און אַמעריקע דאַרפן זיך צוזאַמענקומען אויף אַ קאָנפערענץ און מאַכן אַ סוף צו די נאַרישע גערייי־דעריי פון אַ מעגלאַכן קריג צווישן די צוויי לענדער.

די שטאַטסמענער דאַרפן זיך צוזאַמענקומען... פונקט ווי ביז איצט איז גאָרניט געווען קיין צוזאַמענקונפט, מען האָט נאָך וויניק קאָנפערירט! וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז דער רעזולטאַט פון די אַלע קאָנפערענצן, מיט די שלום־אָפּמאַכן, זיינען — מער קריג־שיפן און גרעסערע אַרמייען.

אונזערע שטאַטסמענער ווילן אונז איינריידן, אַז אַ מלחמה צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע איז ניט דענקבאַר, אַבסאָלוט אוממעגלאַך. ביידע לענדער האָבן איין געמיינשאַפטלאַכע שפּראַך — ענגליש. ביידע זיינען ציוויליזירטע מדינות, ביידע האָבן אונטערגעשריבן דעם קעלאָג־אָפּמאַך, — טאָ ווי קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז זיי וועלן אָנהויבן אַ פאַרניכטענדיקן קריג?

דערמאָנען מיר זיך אָבער, אַז ענלאַכע פאַרזיכערונגען האָבן אונז געגעבן די שטאַטסמענער פאַר דעם וועלט־קריג.

די טענות פון אַמאָליקע ענגלישע סאָציאַליסטן

ווען דער ענגלישער סאָציאַליסט ראָבערט בלאַטשפאָרד האָט, עטלאַכע יאָר פאַר׳ן וועלט־קריג, פאַרעפענטלאַכט אַ סעריע אַרטיקלען אין דער לאָנדאָנער „דיילי מייל“, וואו ער האָט אויפגעוויזן, אַז דייטשלאַנד גרייט זיך צו מלחמה מיט ענגלאַנד, האָט מען אים אויסגעלאַכט. בלאַטשפאָרד האָט אַרגומענטירט, אַז דער פלאָט, וואָס דייטשלאַנד בויט, איז נאָר גוט פאַר אַ שלאַכט אויפ׳ן נאָרדישן ים (דער ים צווישן ענגלאַנד און דייטשלאַנד). ער האָט אָנגעוויזן, אַז קעגן די שכנ׳ישע לענדער, ווי פראַנקרייך, רוסלאַנד, דאַרף דייטשלאַנד קיין פלאָט ניט; ער האָט אָנגעוויזן, אַז דייטשלאַנד האָט גענומען קאָנקורירן מיט ענגלאַנד אויפ׳ן וועלט־מאַרק, און די קאָנקורענץ צווישן די צוויי לענדער פאַר מערק וועט פירן צו מלחמה. אין זעלביקן זין האָט אויך געשריבן דער פירער פון די ענגלישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, הענרי מייערס היינדמאַן. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן, אַלס אַ מיטל צו פאַרזיכערן דעם פרידן, אַז ענגלאַנד זאָל בויען אַזאַ פלאָט, וואָס זאָל זיין פינף מאָל די גרויס ווי דייטשלאַנד׳ס פלאָט. דעמאָלט וועט דייטשלאַנד מורא האָבן צו פאַרפירן אַ מלחמה. די ענגלישע שטאַטסלייט, די טשורטשילס, די באַלפורס און די טשעמבערליינס, האָבן אויסגעלאַכט בלאַטשפאָרד׳ן און היינדמאַנ׳ען. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז ס׳איז אַן אומזין צו דענקען, אַז ס׳איז מעגלאַך אַ מלחמה צווישן די צוויי פריינטלאַכע, ציוויליזירטע און קולטורעלע לענדער, ווי ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אָבער קריג־שיפן האָבן זיי פונדעסטוועגן געהאָלפן בויען. און די סאָציאַליסטן בלאַטשפאָרד און היינדמאַן האָבן

ניט פארשטאנען, אז וואס מער קריג־שיפן מען וועט בויען, אלץ גיכער וועט דער קריג קומען.

ווייל ס'איז דאך א פשוט'ער שכל. אויב די ענגלישע שטאטס־מענער, ווען זיי זעען, אז דייטשלאנד בויט א גרויסן פלאט, קומען צום אויספיר, אז דאס בויט מען די קריג־שיפן, כדי צו אטאקירן ענגלאנד, טא צו וואס זאלן זייווארטן ביז דייטשלאנד וועט דעם פלאט אויסבויען? פארוואס זאלן זיי בעסער ניט פארפירן א קריג, בשעת זייער פלאט איז שטארקער, און צעשמעטערן דייטשלאנד נאך איידער זי האט געהאט צייט איר פלאט צו מאכן אזוי שטארק, אז ער זאל זיך קענען פארמעסטן מיט ענגלאנד?

און אזוי איז עס טאקע געווען.

אמאל איז אויך געווען אזא „פרידנס"־פראפאגאנדע

פאר 1914 האבן מיר אויך געהאט „פרידנס"־טריבונאלן. איצט איז עס זשענעווע, קעלאג'ס אפמאך, און דעמאלט איז עס געווען דער האאגער טריבונאל. עס האבן אויך דעמאלט ניט געפעלט קיין פא־ציפיסטישע פארטייען און קיין פראפעסיאנעלע פאציפיסטן. אבער, אז די מלחמה האט אויסגעבראכן, האט מען אלץ פארגעסן. די פרויען, וואס האבן געזונגען: „אי דיד נאט רעיז מאי באי טו בי א סאל־דזשיער" (איך האב ניט אויפגעהאדעוועט מיין קינד ער זאל זיין א סאלדאט), האבן געשיקט זייערע „באים" צו קוילן און געקוילעט צו ווערן, און האבן געזונגען אנדערע לידער.

דאס זעלביקע איז איצט. אלע רייד, אלע פארזיכערונגען פון אונ־זערע שטאטסמענער, זייערע שלום־אפמאכן, האבן קיין ווערט און קיין ממשות ניט. אדרבה, טאקע די שלום־ריידערייען און שלום־פארזיכע־רונגען באווייזן אונז, ווי גרויס עס איז די געפאר פון א נייעם קריג.

די הערשער ווייסן, אז דאס פאלק וויל קיין קריג ניט. זיי ווייסן, אז דאס פאלק האט קיינמאל קיין קריג ניט געוואלט. און פארוואס זאל מען דאס וועלן? די ארבעטער גייען די ערשטע אין פייער. די רייכע און זייערע זינדלאך, מיט ווייניק אויסנאמען, דרייען זיך אויס פון צו גיין אין שלאכטפעלד. זיי ווייזן ארויס זייער פאטריאטיזם זיצנדיק אין דער היים, אין די קאנצעלאריעס, אדער הינטערן שלאכט־פעלד. די ארבעטער קריגן די קוילן און יענע קריגן די מעדאלן...

און ווייל די הערשער ווייסן, אַז דאָס פאָלק איז קעגן קריג, זוכן זיי דעם פאָלק צו באַרואיקן, פאַרזיכערן זיי, אַז ס'איז ניטאָ קיין קריגס-געפאַר.

איז פּרעזידענט ווילסאָן, אין 1916, ניט געווען אַ קאַנדידאַט אויף דער פּלאַטפאָרמע, אַז „ער האָט אונז אויסגעהיט פון קריג", און אויב מען וועט אים ווידער דערוויילן, וועט ער אָנהאַלטן דעם פרידן? אָבער אַזוי גיך ווי ער איז דערוויילט געוואָרן, האָט ער אונז אַריינגעשלעפּט אין דער בלוטיקער שחיטה. אַזוי „פּלוצלונג", אַזוי „אומגעריכט"!

איצט זעען מיר די זעלביקע סימנים. מען נעמט אָן דעם קלאַנג אָפּמאַך, מען פאַרוויגט דעם פאָלק, מען פאַרשלעפּערט אים מיט פרידנס-רייד, בעת מען בויט קריג-שיפן און מען רעאָרגאַניזירט די אַרמיי. דאָס פאָלק דרעמלט, ווייס ניט וואָס פאַר אַ שחיטה מען גרייט צו. ווען דאָס פאָלק וועט זיך אויפכאַפּן, וועט שוין די מלחמה-מאַשין זיין אין פולן שוואונג.

פאַר 1914 זיינען די דייטשן געווען די באַרבאַרן, די הונען, וועלכע ווילן פאַרניכטן אונזערע היילקע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, און שפּעטער וועלן עס זיין די ענגלענדער. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע-מאַשין וועט שוין באַאַרבעטן די מוחות פון דעם עולם.

אונזערע באַציאונגען צו דייטשלאַנד פאַר דער מלחמה

ס'איז אַן אומזין, וואָס מען גיט אונז אָן אין נדן, אַז ענגלאַנד און אַמעריקע פאַרמאָגן אַ געמיינשאַפטלאַכע שפּראַך, און נאָך אַזעלכע גליקן, וועלכע מאַכן אַ קריג צווישן די צוויי לענדער אוממעגלאַך. מלחמות ווערן ניט פאַראורזאַכט צוליב דעם, וואָס איין פאָלק איז ציוויליזירטער, קולטורעלער פאַר אַ צווייטן, אָדער דערפאַר וואָס די פעלקער האָבן זיך פיינט. היינט לאַכן אַלע פון דער פּראָפּאַגאַנדע אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה. היינט ווייס שוין דער גרעסטער נאַר, אַז צאַר ניקאָלאַי (און אפילו זיין שותף ווילסאָן!) האָבן ניט געפירט די מלחמה, כדי „צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע". קיינער גלויבט אויך ניט די מעשות וואָס מען האָט דערציילט וועגן די דייטשן.

אגב, האט מען דאך אין די אלע באַרבאַרייען באשולדיקט די דייטשן שוין נאכדעם ווי דער קריג איז אויסגעבראכן, טא ווי אזוי האבן די באשולדיקונגען געקענט זיין די אורזאך פון קריג? איידער מיר זיינען אריין אין קריג קעגן דייטשלאנד, האט מען בא אונז געהאלטן די דייטשן פאר א העכסט ציוויליזירט און קולטורעל פאלק. מען האט נאך ווייניקער געגלויבט אין דער מעגלאכקייט פון א מלחמה צווישן די צוויי לענדער, ווי מען גלויבט היינט אין א מלחמה צווישן ענגלאנד און אמעריקע.

מיר דערמאנען זיך, ווי די פאליטיקער האבן באוויזן מיט אלע ראיות, ווי אוממעגלאך ס'איז א מלחמה צווישן די צוויי לענדער. אין אמעריקע, האבן זיי געזאגט, זיינען פאראן מיליאנען דייטשן, און אויך מיליאנען איירישע, וועלכע האסן ענגלאנד. די היגע דייטשן, און די איירישע, וועלכע שפילן אזא גרויסע ראלע אין דעם היגן געזעלשאפטלאכן און פאליטישן לעבן, וועלן ניט דערלאזן צו קיין קריג מיט דייטשלאנד. אבער ווען דער קריג איז געקומען, זיינען אי די דייטשן און אי די איירישע, מיט ווייניק אויסנאמען, געווען פונקט אזעלכע מלחמה־פאטריאטן ווי די אמעריקאנער.

און פונקט ווי די פראפאגאנדע־מאשין האט מיט יארן צוריק געקענט פאר'סמ'ען די מוחות קעגן דייטשלאנד, אזוי וועט זי אין דער נאנטער צוקונפט קענען פאר'סמ'ען די מוחות קעגן ענגלאנד, אויב מען וועט באדארפן.

אדרבה! קעגן ענגלאנד וועט עס זיין נאך לייכטער צו טאן!

מען וועט דערמאנען, ווי אזוי ענגלאנד האט געוואלט האלטן אמעריקע אין שקלאפעריי, דעם באפרייאונגס־קריג וואס אמעריקע איז אויסגעקומען צו פירן; מען וועט אנווייזן, ווי ענגלאנד האט אונטערדריקט אירלאנד, עגיפטן און אינדיע; מען וועט דערציילן, אז ענגלאנד וויל ווידער פארכאפן אמעריקע און מאכן זי פאר אירע א קאלאניע, ווי קאנאדע. מאלע וואס די צייטונגען וועלן אויס־טראכטן! אויפווייזן אז דאס איז ליגן און שווינדל, וועט מען דאך ניט לאזן — קעגן מלחמה וועט מען דאך ניט לאזן ריידן. און פאר מלחמה וועלן אלע שרייבן און ריידן!

די פראפאגאנדע־מאשין װעט טאן די ארבעט

אפילו די לײדיס, װעלכע פארן איצט אין װאשינגטאן אױס־טענה׳ן זיך מיט די גװזעצמאכער, אז מען דארף ניט בױען קײן נײע קריג־שיפן, און אױך די „גענגאסן", װעלן העלפן אין דער הײליקער קריג־פראפאגאנדע. די הערשער װעלן דאך ניט פרעגן, צי מען דארף דערקלערן קריג. זײ װעלן דאך די פראגע צו קײן רעפערענדום ניט איבערגעבן. אין א שײנעם פרימאגן װעלן מיר אױפשטײן און לעזן גרױסע „קעפ" אין אלע צײטונגען, אז א שיף מיט אונזערע „באים" איז געזונקען געװארן פון שונא; אז אזױפיל זײנען דער׳הרג׳עט און דערטרונקען געװארן; אז מיר האבן דעם סיכסוך ניט אנגעהױבן; אז דאס זײנען יענע, װעלכע זײנען װי באנדיטן, װי מענטשן־פרעסער, באפאלן אונזער מיליטער, װעלכע האט קײן פליג אױפ׳ן װאנט ניט אנגערירט. און מען װעט דערצײלן דעם עולם אלערלײ שױדערלאכע זאכן װעגן „שונא".

טא װאס פאר א מענטשן װאלטן מיר געװען, װאס פאר א פאלק װאלטן מיר געװען, װען מיר זאלן ניט פארטײדיקן די לעבנס פון אונזערע באים און „די ערע פון אונזערע מאמעס און שװעסטער"? און װער װעט עס זאגן, אז מען דארף ניט אײנצאמען א פאלק, װאס באגײט אזעלכע מערדערײען און געװאלד־אקטן? די לײדיס, װעלכע זײנען איצט פאציפיסטן, װעלן װערן מלחמה־פראפאגאנדיסטן, װעלן קושן די באים, װאס װעלן אנטאן א יוניפארם און נעמען א ביקס אין האנט. זײ װעלן פארקױפן „ליבערטי־באנדס" און װעלן זיך אנ־שליסן אן „רױטן קרײץ".

דער, װאס אנערקענט די קאפיטאליסטישע ארדענונג, װעט אױך אנערקענען די קאפיטאליסטישע מלחמות. קאפיטאליזם מוז פירן צו מלחמות. די קאפיטאליסטן שטעלן זיך ניט אפ, צוליב זײערע פראפיטן, אומצוברײנגען, אין „פרידלאכע" צײטן, מיליאנען ארבע־טער פון אײגענעם פאלק, — װעלן זײ אודאי ניט אפשטעלן זיך אױסצומארדן מיליאנען ארבעטער פון א צװײטן פאלק (און דאס איז דאך א פאטריאטישע מצוה אױך), און די אורזאכן פאר מלחמה זײנען קלאר.

די אמעריקאנער ארבעטער פראדוצירן מער וויפיל זיי פארברויכן. די קאפיטאליסטן נויטיקן זיך אין מערק פאר דעם „סורפלוס” (איבערפלוס) פראדוקטן. אמעריקע'ס גרעסטער קאנקורענט אויפ'ן וועלט־מארק איז ענגלאנד. די ענגלישע בורזשואזיע קען אבער ניט דערלאזן, אז מען זאל בארויבן אירע מערק. וועט עס קומען צו א מלחמה.

די ארבעטער, וועלכע האבן פראדוצירט די רייכטימער און וואלטן עס אליין געקענט פארברויכן — זיי נויטיקן זיך אין דעם זייער שטארק — וועלן גיין אוועקגעבן זייערע לעבנס, כדי צו קעמפן פאר מערק, זיי וועלן זיך גיין הרג'ענען, אז זייערע באלעבאטים זאלן קריגן מערק פאר די ברויט וועלכע זיי אליין וואלטן געקענט עסן; מערק פאר די קליידער, וועלכע זיי אליין וואלטן געקענט טראגן. צו אזא אומזין פירט דער קאפיטאליזם.

און ניט מיט פריידיקן שלום קען מען פארמיידן מלחמה. דער איינציקער וועג צו פארמיידן מלחמה איז — אפשאפן קאפיטאליזם. דער ארבעטער זאל אליין ווערן דער באלעבאס פון דעם וואס ער פראדוצירט. דערפאר דארף ער קעמפן, מלחמה האלטן. אט דאס וועט באמת זיין א מלחמה אפצושאפן מלחמות.



ענגלישע ווערטער
און אַמעריקאַניזמען

ענגלישע ווערטער, און נעמען, וואָס ווערן באַנוצט אין דעם בוך *

אַדווערטיי׳זמענט — רעקלאַמע (אַדווערטייזינג איידזשענט — רעקלאַמען־אַגענט).

אינטערנע׳שאָנאַל — אונטער דעם וואָרט ווערט אין דעם בוך פאַרשטאַנען די „אינטערנעשאָנאַל לייִדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" (אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־קליידער אַרבעטער פאַראיין). דער פאַראיין פון קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער און אַנדערע פרויען־קליידער אַרבעטער. ווען עס רעדט זיך וועגן קאַמף צווישן דער אינטערנעשאַנאַל און דזשאָינט באָאַרד, ווערט אונטער „אינטערנעשאָנאַל" פאַרשטאַנען — די הויפּט־באַאַמטע פון פאַראיין, די גענעראַל־עקזעקוטיווע. (די פאַראיינען באַנוצן דאָס וואָרט „אינטערנאַציאָנאַל" ווייל זייער טעטיקייט שליסט אויך איין קאַנאַדע).

אײ׳נסאַיד — אינעווייניק. אינסאַיד מאַנופעקטשורערס — פאַבריקאַנטן, וואָס אַרבעטן אויס זייערע אַרטיקלען ביי זיך אין פאַבריק, גיבן עס ניט אַרויס צו קאָנטראַקטאָרס.

אַגרי׳מענט — אָפּמאַך.

אינדזשאַ׳נקשאָן — אַ געריכטלאַכער פאַרבאָט. ווערט שטאַרק באַנוצט קעגן סטרייקס.

אַוי׳טסאַיד (פון וואָרט אַאוטסאַיד) דרויסן, קעגנזאַץ פון אינסאַיד (זע).

אַמע׳נדמענט — פאַרבעסערונג, ענדערונג, צוגאָב (צו אַ קאָנסטיטוציע, פאַרשלאַג, א. א.).

אַמאַ׳לגאַמייטעד — אונטער דעם וואָרט ווערט פאַרשטאַנען די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אַמעריקא" (פאַרבאַנד פון קליידער־אַרבעטער פון אַמעריקע), דער מענער־שניידער פאַראיין. (ניט אָנגעשלאָסן אָן דער אַמעריקאַן פעדערייש אָוו לייבאָר).

אָ׳לדערמאַן (עלטער־מאַן) — אַ מיטגליד פון שטאָט־ראַט (באָארד אָוו אָלדערמען).

אינווע׳סטמענט — אַריינלייגונג (געלט) אין אַ געשעפט, אונטערנעמונג, (אינוועסטן — אַריינלייגן אין געשעפט).

איי־דאַבליו־דאָבליו (א. וו. וו.) — אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָרלד (אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער וועלט), אַ סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

אַסאָסיאיי׳שאָן — געזעלשאַפט (פון פאַבריקאַנטן).

אי׳נטערבאָראָ (אינטערבאָראָ רעפּיד טרענזיד קאָמפּאַני — צווישן־באָראָ שנעל־קאָמוניקאַציע קאָמפּאַניע) — די קאָמפּאַניע וואָס באַטרייבט די אונטער־ערד באַן און די הויך־באַן אין ניו יאָרק. (באָראָ — אַ טייל פון שטאָט).

אָ׳רגאַנייזער — אָרגאַניזאַטאָר.

אַמע׳ריקען פעדעריי׳שאָן אָוו ליי׳באָר (אַמעריקאַנישע פעדעראַציע פון אַרבעט) — פאַרבאַנד פון דער גרעסטער צאָל פאַראיינען אין לאַנד.

---

* ווערטער וואָס האָבן אַ פאַרשיידנאַרטיקן טייטש, ווערן אויסגעטייטשט נאָר אין דעם זין, ווי זיי ווערן אין דעם בוך באַנוצט.

אָפן שאַפ — אָפענער שאַפ, ניט קיין יוניאָן־שאַפ.

אָפן־שאַפערס — די וואָס קעמפן קעגן די יוניאָנס און פאַר אַן אָפענעם שאַפ.

אַרביטריי׳שאָן — אַרביטראַזש, אַן אויסגלייך דורך אַ בוררים־געריכט.

אינשו׳רענס — פאַרזיכערונג (קעגן אַרבעטלאָזיקייט, פייער, א. א.).

אַפידיי׳וויט — געשוואָרענע דער־קלערונג, פאַפיר אויסגעמאַכט ביי אַ נאָטאַריוס.

אַפאַ׳רטמענט — דירה. די „אַמאַל־גאַמייטעד“ אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעבויט עטלאַכע הונדערט דירות, פון וועלכע עס קענען גע־ניסן אַזעלכע וואָס צאָלן איין 500 דאָלאַר פער צימער.

אָפיס — קאָנטאָר, אַמט.

אַסע׳מבלי — (זע „לעדזשיסלייַ־טשור“) אַסעמבלי־לייט — מיט־גלידער פון דער אַסעמבלי, דעפו־טאַטן.

אָפ׳עריטאָר — אַרבעטער אויף דער ניי־מאַשין.

אייד׳זשענט — אַגענט.

א. ל. ג. וו. י. — (זע „אינטערנע־שאָנאַל“).

„אייניגקייט“ — אָרגאַן פון דער דזשאָינט באָארד פון קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן, און דזשאָינט באָארד פאָריערס יוניאָן, דערשי־נען, אונטער דער רעדאַקציע פון ס. נאָוויק, פון 25־טן מערץ, 1927, ביז׳ן 18־טן סעפטעמבער אַלס וואָכנבלאַט, און ביז מאַי 1928 דערשינען אומרעגולער.

באָ׳סעווען — הערשעוועז (באָס — באַלעבאָס, הערשער).

באָנדס — ווערט־פאַפירן.

בראָ׳דערהוד אָוו לאָקאָמאָ׳טיוו אינדזשי׳נירס — „ברידערשאַפט פון לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסטן“ אַן אייזנבאַן־פאַראיין, ניט פאַרבונדן מיט דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר.

בעקערמאַן, א. — געוועזן הויפט פון ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער אַמאַלגאַמייטעד (זע), איינער פון דער הויפט־פירער אין קאַמף קעגן די לינקע.

באָט׳נהאָל — קנאָפ־לאָך.

באָ׳ארד אָוו אַרביטריי׳שאָן — אַר־ביטראַזש (בוררים) ראַט.

ביזי — פאַרנומען.

באָנדל — אַ פעקל (אויף שאַפ־לשון — קריגן אַ באָנדל, קריגן אַ פעקל קליידער־סחורה צום אַרבעטן).

באָארד — ראַט. „דזשאָינט באָארד“ — פאַראייניקטער ראַט, צענטראַלע קערפערשאַפט פון אַלע לאָקאַלן (אָפטיילן) פון אַ געוויסן פאַראיין אין איין שטאָט. די אינטערנע־שאָנאַל (זע) האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן דער דזשאָינט באָארד אין ניו יאָרק, וועלכע איז געפירט געוואָרן פון די לינקע.

ביזנעס־אַגענט — געשעפט־פירער פון פאַראיין, פונקציאָנער.

בי׳לדינג־טריידס — בוי־פאַכן.

בעדזש — דער אַמט־צייכן (וואָס אַ פאָליציאַנט אָדער אַ דעטעקטיוו טראָגט).

ביל — 1. געזעץ־פראָיעקט; 2. רע־כענונג א. אַ. (ביל אָוו רייטס — ענגלישער געזעץ פון 1689 וועגן פערזענלאַכע פרייהייט און רעכט).

באָי׳עם (פון וואָרט באָים — אינג־לאַך, בחורים) — חברה־לייט, לעפל־לייט, אייגענע חברה.

בעיסטינג — סטריגעווען, נייען מיט גרויסע שטעך. (בעיסטער — דער וואָס סטריגעוועט).

באָנק — פוסטע פראַזן, אַן אויסגע־בלאָזענע איי.

בלעקדזשעק — אַ פלעקל, באַדעקט מיט לעדער און אָנגעלאָדאָוועט מיט בליי ביים שפיץ.

בערי, דזשאָרדזש ל. — פרעזידענט פון די דרוק־אַרבעטער (ניט די זעצער).

גאַרמענט — קליידּ, מלבוש.

גענעראַל־עקזעקוטיווע — הויפּט־ראַט (פון פאַראיין).

גרענד דזשורי — אָנקלאָג־געריכט פון געשוואָרענע, וואָס באַשטימט צי עס איז דאָ אַ חשד, אַז אַ פאַר־ברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן.

גרעפט — כאַבאַר, געלט־שווינדל.

גראָסערי קלוירקס — שפּייז־קראָם אָנגעשטעלטע.

גרייטער — גרויס (גרייטער ניו יאָרק — גרויס ניו יאָרק).

גרין, וויליאַם — פּרעזידענט פון דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר.

גאָמפּערס, סעמיועל — לאַנגיאָרי־קער פּרעזידענט פון דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר, געשטאָרבן אין נאָ־וועמבער, 1924.

גאָרילעס (פון וואָרט גאָרילעס — מאַלפּעס) — שלעגער, אונטער־וועלט־לייט.

גאָווערנאָרס קאָמישאָן — זע פאָר־וואָרט, זייט 23.

„גערעכטיגקייט“ — אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל.

גענג׳סטערס — חברה־לייט (פון דער אונטערוועלט), שלעגער, מע־סער־העלדן.

גאָוו׳ערנאָר — הויפּט פון אַן איינ־צעלנעם שטאַט, גובערנאַטאָר.

דאָמיני׳רן — באַהערשן.

„דזשאָסטיס“ — (גערעכטיגקייט) — אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל אויף ענגליש.

דרעי׳פּערס — דראַפּירער, דער וואָס נעמט אַרום די צוגעשניטענע סחורה אַרום דעם מאַנעקען־מאָדעל.

דזשע׳נעראַל אָרגאַניזיי׳שאָן קאָ־מי׳טע — גענעראַל־אָרגאַניזיר־קאָמיטע.

דרעס — פרויען־קלייד (אַ גאַנצע קלייד, פון די אַקסלען ביז אַראָפּ).

דיוס — מיטגליד־אָפּצאָל.

דיסטריקט אַטוירני — פּראָקוראָר (פון אַ לאָקאַלער געגנט, שטאָט).

דראַיווס (פון וואָרט דראַייוו — טרייבן) — קאַמפּאַניעס. אָרגאַ־ניזיישאָן־דראַייוו — אָרגאַניזיר־קאַמפּאַניע.

דזשייל — פּאָליציי־טורמע.

דזשאָינט באָארד — זע „באָארד“.

דזשאַב — שטעלע, אַרבעט־פּלאַץ. (מאַכן אַ דזשאַב — אָפּטאָן אַ שטיקל שמוציקע אַרבעט, אויס־פאָלגן אַן אָרדער).

דזשאַב־האָלדער — באַאַמטער, וואָס קלאַמערט זיך אָן זיין שטעלע.

דזשאַבער — קליידער־פּראָדוצירער, וועמענס פאַבריקאַטן עס ווערן אויסגעאַרבעט דורך קאָנטראַקטאָרס (זע) און אַנד.

דעפּאַר׳טמענט־סטאָרס — אוני־ווערסאַל־מאַגאַזינען.

„דעילי וואָירקער“ — „טעגלאַכער אַרבעטער“, צענטראַל־אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנישער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי.

דזשאָוק — אַ וויץ.

דזשאָו׳קער — אַ באַהאַלטענער פּונקט אין אַ געזעץ, אָדער קאָנטראַקט, וואָס מאַכט צוניש׳ט דעם גאַנצן ענין.

דיסקרימיני׳רן — מאַכן אויסנאַמען, פאַרפאָלגן.

האָטשעסאָן, וויליאַם — פּרעזידענט פון דער קאַרפּענטערס (סטאָליער) יוניאָן.

הילמאַן, סידני — פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד (זע).

האָל — זאַל.

וויי׳דזשעס — שכירות.

וועסט־ווירדזשי׳ניאַ — אַ שטאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, באַ־רימט מיט די בלוטיקע קאַמפן וואָס די דאָרטיקע קוילן־גרעבער האָבן געפירט.

וואָל, מעטיו — וויצע־פּרעזידענט פון דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר, איינער פון אירע הויפּט־טעאָרע־טיקער און איינער פון די גרעסטע רעאַקציאָנערן אין אַמעריקע. (ער איז אויך פאָרזיצער פון דער רע־אַקציאָנער־פּאַטריאָטישער אָרגאַני־זאַציע, די סיוויק פעדערײשאָן).

וואָל סטריט (וואַנט גאַס) — די גאַס וואו עס געפינען זיך גרויסע ניו יאָרקער בענק. אונטער „וואָל־סטריט“ ווערט פאַרשטאַנען: די בירזשע און די גאַנצע באַנק און ספּעקולאַציע געגנט, וואו די גאַס געפינט זיך; די הערשאַפט פון די באַנקירן.

וואָלט — שטאָלענע קאַמער פאַר ווערט־זאַכן.

וואוטן — שטימען (וואוטער — ווײלער).

ווייסט׳מאַכער — בלוזע־מאַכער.

זיגמאַן, מאָריס — פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל פון פעב. 1923 ביז הערבסט 1928. פריער געווען מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד און וויצע־פּרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאָנאַל.

„טאָג“ — טעגלאַכע אידישע צייטונג אין ניו יאָרק, דערשיינט זינט 1914.

ט. י. ע. ל. — טרייד יוניאָן עדוקיי־שאָנאַל ליג (פאַך־פאַראיין אויפ־קלערונג ליגע), פּראָפּאַגאַנדירט פאַר ריינק און פייל קאַמף־יוני־אָנס, פאַר אָרגאַניזירן די אומאָר־גאַניזירטע.

טשיף — הויפּט. „טשיפס“ (איראָ־ניש) מאַכערס, רעדל־פירער.

טשע׳רמאַן — פאָרזיצער (מערצאָל — טשערלייט). שאַפּ־טשערמאַן — פאָרשטייער פון די אַרבעטער פון פאַבריק, גיט אַכטונג אויף יוניאָן־באַדינגונגען.

טראָבל — אַ סיכסוך, אומאַנגענעמ־לאַכקייט, עגמת־נפש. (טראָבל־מאַכער — אַזוינע וואָס זוכן אָנ־צומאַכן צרות, טומלער, יאַבעדני־קעס).

טרע׳זשורי — קאַסע.

טרע׳זשורער — קאַסיר.

טע׳מעני־האָל — אַ פּאָליטישע חברה אין ניו יאָרק, וואָס קאָנט־ראָלירט די שטאָט רעגירונג. באַ־רימט דורך אירע מעטאָדן פון כאַבאַר, גניבות און וואָל־שווינד־לערייען.

טרעיד — אַ פאַך. טרעיד־יוניאָנס — פּראָפ.־פאַראײנען.

טוטפּיק — צאָן־שטעכער.

טשיף אָוו פּאָלים — הויפּט פון דער פּאָליציי, פּאָליציימייסטער, פּערפעקט.

יורי׳סדיקציע — דאָס רעכט פון אַ געוויסן פאַראיין אויף אַ געוויסן פאַך. יוריסדיקציע־קאַמף — אַ סיכסוך, וואָס יוניאָן־פירער פירן איבער אַ געוויסן פאַך (יעדער פון די פירער האַלט אַז דער פאַך דאַרף זיין אָנגעשלאָסן אָן זיין פאַר־איין).

יוניי׳טעד מאַין וואָירקערס אָוו אַמעריקא — פאַראייניקטע קוילן־גרעבער פון אַמעריקע. (געווען דער גרעסטער פאַראיין אין דער אַמ. פעדערײשאָן אָוו לייבאָר).

יוניי׳טעד סטייטס — די פאַראיי־ניקטע שטאַטן. (יו. ס. דעפּאַרט־מענט אָוו לייבאָר — אַרבעט־מי־ניסטעריום. יו. ס. קאַמערס דע־פּאַרטמענט — האַנדל־מיניסטע־ריום).

יו׳ניאָן — פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין.

יוניאָן לייבאָר לאַיף אינשורענס קאָ. — פּראָפ. אַרבעטער לעבנס־פאַזיכערונג קאָמפּאַניע.

לעדזשי׳טימיט — געזעצלאַך (לע־דזשיטימייט מאַנופעקטשורערס —

„געזעצלאַכע“ פאַבריקאַנטן, אַר־בעטן אויס זייער פּראָדוקציע אין זייערע אייגענע פאַבריקן, האָבן אַ געוויסן אָנזען אין פאַך, א. א.).

לעי׳באָר־דעי — אַרבעט־טאָג, אַן אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער יום־טוב.

לעדזשיסלעי׳טשור — געזעצגעבנ־דיקע קערפּערשאַפט פון שטאַט, לאַנד־טאָג.

לאָקאַל — אָפּטייל (פון פאַראיין).

ליס — קאָנטראַקט (אויף אַ דירה).

לאָ ענד אָרדער — געזעץ און אָר־דענונג.

לאָ׳יער — אַדוואָקאַט.

לו׳דלאָו — אַ שטעטל אין שטאַט קאָלאָראַדאָ, לעבן וועלכן עס איז אין 1914 פאָרגעקומען אַ שחיטה אויף סטרייקנדיקע קוילן־גרעבער און זייערע פאַמיליעס.

ליואיס, דזשאָן ל. — פּרעזידענט פון דער יונייטעד מײַן וואָיר־קערס אָוו אַמעריקא.

ליב׳ערטי־באָנדס — „פרייהייט־ווערט־פּאַפּירן“. (די פאָלקס הלוואה אין אַמעריקע בשעת דער מלחמה).

מאַר׳קעט — מאַרק (אַרבעטער־בירזשע).

מע׳נעדזשער — פאַרוואַלטער, גע־שעפט־פירער.

מאַנופע׳קטשורער — פאַבריקאַנט.

מולטי — פילפאַך.

מאָ׳רטגעדזש — היפּאָטעקע, אומ־באַוועגלאַכער אייגנטום אַלס משכון פאַר אַ הלוואה.

מאָרטגעדזשי׳ר — דער מלוה, וואָס ליַיט געלט אויף אומבאַוועגלאַכן אייגנטום.

מאַי׳נער — קוילן־גרעבער.

מינימום־סקייל — מינימום סקאַלע פון שכירות.

מעקגריידי, עדוואַרד פ. — ספּע־ציעלער אָרגאַנייזער פון דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר, וועלכער האָט זינט אָנהויב 1927 געפירט דעם קאַמף קעגן די פאָריער און איז געשטאַנען בראש פון דער רעכטער פאָריערס יוניאָן, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אַלס קאָנקורענץ צו דער געזעצלאַכער (לינקער) פאָריערס יוניאָן אין ניו יאָרק.

מו׳אווים — באַוועגלאַכע בילדער, קינאָמאַטאָגראַפן.

מעדי׳סאָן סקווער גאַרדן — דער גרעסטער זאַל אין ניו יאָרק, נעמט אַריין איבער 20 טויזנט מענטשן.

נאָמינ׳ירן — אָנרופן די נעמען (אַרויפשטעלן קאַנדידאַטן אויף דער ליסטע).

„נאַיטס אָוו לייבאָר“ — ריטער פון אַרבעט, אַ פאַרבאַנד פון פּראָ־פעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, האָט עקזיסטירט אין אַמעריקע פון 1881 ביז אַרום 1898.

נע׳שאָנאַל מאַנופע׳קטשורערס אַסאָסיאיי׳שאָן — נאַציאָנאַלע (אַל־אַמעריקאַנישע) פאַבריקאַנטן געזעלשאַפט, אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז פיינטלאַך צו יוניאָנס.

נע׳שאָנאַל — נאַציאָנאַל, פון גאַנצן לאַנד.

ניו ענגלאַנד — אַ גרופּע צפון־מזרח שטאַטן (מעין, ניו העמפּשאַיר, ווערמאָנט, מאַסאַטשוסעטס, רהאָוד איילאַנד, קאָנעטיקוט).

נאָו פּאָ׳ליטיקס אין דהי יו׳ניאָן— קיין פּאָליטיק אין דער יוניאָן (דער „ריינער“ טרעיד־יוניאָניס־טישער פּרינציפּ כלומרשט צו האַלטן די יוניאָנס פריי פון פּאָ־ליטישע פּאַרטייען).

סוספּענדי׳רן — ציַיטווייליק אָפּ־שטעלן, באַזייטיקן (פון אַמט אָדער פון מיטגלידערשאַפט).

סעט — קאָמפּלעקט, אַ גאַנצער שאַפּ אַרבעטער פון אַלע סאָרטן.

סעמפּל — מוסטער.

סוט — קאָסטיום.

סקוירט — קלייד (האַלבע, וואָס ווערט געטראָגן מיט אַ בלוזע).

ספרינג־סי׳זאָן — פרילינג־סעזאָן.

סקים — סכעמע, פּלאַן, אַ שפּיצל.

ספּיד־אָפּ — צואײַלן, צויאָגן.

סטאַ׳נדאַרד — מדרגה, שטופע. סטאַנדאַרד אָוו ליווינג — עקזיסטענץ־מדרגה (אין מאַטעריעלן זין).

סאַוט — דרום.

סטאַ׳נדאַרד אָוו פּראָדאַקשאָן — מאָס פון פּראָדוקציע. (אַ הויכער סטענדאַרד — אַ הויכער ציל פאַרן אַרבעטער).

סע׳טלעמענט — אָפּמאַך.

סע׳טלען — שליסן אַן אָפּמאַך, קומען צו אַן אויסגלייך.

סטאַק־יאַרדס — די הויפן פאַר „שטיקלאַך“ (אָקסן, בהמות א. אַ.), די שלאַכט־הייזער.

סטאַקס — ווערט־פּאַפּירן.

סיי׳לסמאַן — פאַרקויפער, פּריקאַזטשיק.

סאָ׳נדעי־סקול — זונטיק־שול (וואו מען לערנט רעליגיע).

סוועט׳טינג־סיסטעם — שוויץ־סיסטעם, (סוועט־שאַפּ — שוויץ־שאַפּ), שקלאַפישע באַדינגונגען.

סעקיו׳ריטי — גאַראַנטיע (געלט, אָדער ווערט־פּאַפּירן).

סאָ׳בוויי — אונטער־ערד באַן.

סקעב — סטרייק־ברעכער.

סלעק — די צייט ווען עס איז ניטאָ קיין אַרבעט.

סקולס — שולן, פאָלק־שולן.

סאַלון־קיפּער — שענקער.

עקזעקוטיוו קאַו׳נסיל — עקזעקוטיוו־ראַט.

עפי׳שענסי — טיכטיקייט, די סיסטעם פון ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט, אַרויסקריגן וואָס מער פּראָדוקציע.

עדיטאָ׳ריעל — לייט־אַרטיקל.

עקס־לאַקס — דער נאָמען פון שאָקאָלאַדקעס, וואָס דינען ווי אַן אָפּפיר־מיטל.

פּאַטראָל־וואָגן — פּאָליציי־וואָגן.

פּאַסייק — אַ שטעטל ניט ווייט פון ניו יאָרק, באַרימט געוואָרן דורך די בלוטיקע פאַרפאָלגונגען פון די וועבער־סטרייקער אין 1926.

פּאָליטישן — פּאָליטיקאַנט.

„פרייהייט“ — טעגלאַכע אידישע קאָמוניסטישע צייטונג אין ניו יאָרק, דערשיינט זינט אַפּריל 1922.

„פאָרווערטס“ — טעגלאַכע אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג אין ניו יאָרק, דערשיינט זינט אַפּריל 1897.

פאָר — פוטער, פאָר־אינדוסטריע — פוטערוואַרג־אינדוסטריע.

פאָר׳יער — פוטערוואַרג־אַרבעטער.

פּרע׳פערענס — בילכערקייט.

פי׳נישן — פאַרענדיקן, פינישערס — די וואָס ענדיקן אַרויס דאָס שטיקל אַרבעט מיט דער האַנט, שניידער.

פּי׳קעט — סטרייקער, וואָס גיט אַכטונג קעגן סטרייק־ברעכער.

פּע׳טיקאָוט — אונטער־קלייד.

פּעיק (פּייק) — שווינדל (פּעיקער — שווינדלער).

פייער־עסקייפּ (עסקעיפּ — ראַטעווען זיך) — די באַלקאָנען מיט אייזערנע לייטערס צו ראַטעווען זיך פון פייער.

פּראָספּע׳ריטי — שפע, וואוילשטאַנד, כל טוב.

פּראָטע׳קשאָן — שוץ.

פּאָ׳ליטיקס — פּאָליטיק, פּאָליטיקאַנטסטווע, קליינלאַכע פּאָליטיק.

פּראָדאָ׳קשאָן — פּראָדוקציע, אַרבעט.

פלי׳טערס און העמסטי׳טשערס — (פליטער — פאַלדן־מאַכער ; העמסטיטשער — זוים־נייער).

פּע׳קינג — פּאַקונג (פליויש־אינדוסטריע, שלאַכט־הייזער).

פּע׳ני — אַ סענט (אין ענגלאַנד — צוויי סענט).

פאָ׳רמאַן — מייסטער, אויפזעער איבער די אַרבעטער. (מערצאָל — פאָרלייט).

פאַ׳ריינער — פרעמדער, אויסלענדער.

פולער, אַלוואַן ט. — געוועזן דער גאָווערנאָר פון שטאַט מאַסאַטשוסעטס בשעת סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען הינגעריכטעט געוואָרן.

פריים־אַפּ — אַ בילבול, מיט פאַלשע עדות, פאַלשע דאָקומענטן א. אַ.

פּעי׳דע — געהאַלט, געצאָלט. (אַ פאַרגרייזטער אויסדרוק פון די ווערטער „פּעי דעי“ — צאָל־טאָג).

פּאָ׳ליסי — ליניע פון האַנדלונג, טאַקטיק, פּאָליטיק.

פריינ, היו — אָרגאַנייזער פון דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר אין ניו יאָרק.

פּיי׳פּערס — צייטונגען (באַנוצט אין אידיש אוראָניש), פּאַפּירן.

קאָרו׳פּציע — צעפּוילטקייט (כאַבאַר, גניבה, שווינדל, מאָראַלישע צעפּוילטקייט).

קאָרפּאָריי׳שאָן־שעפּער — וואַרשטאַטן, וואָס ווערן אָרגאַניזירט פון אַ צאָל אַרבעטער בשותפות, נעסטן פון סקעבעריי („קאָרפּאָריישאָניקעס“ — די אייגנטימער).

קאָנטראַ׳קטאָרס — אייגנטימער פון קלענערע שעפּער, וואָס אַרבעטן ניט דירעקט פאַרן מאַרק, נאָר פאַר דזשאַבערס, אָדער גרויסע פאַבריקאַנטן, ביי וועמען זיי קריגן אָפּט אויך די רוי־שטאָף און די געלט צו באַטרייבן דעם שאַפּ. די אַרבעט־באַדינגונגען זיינען אַלס כלל ערגער אין אַזעלכע שעפּער.

קאָנווע׳נשאָן — צוזאַמענפאָר.

קרעפּט — צעך. קרעפּט־יוניאָנס — יוניאָנס לויט ספּעציעלע פאַכן (למשל, מענער־קליידער פאַראיין, פרויען־קליידער פאַראיין, פּוטער־

וואַרג פאַראיין, ווי אויך לויט די באַזונדערע טיילן פון די פאַכן — הויזן־פאַך, וועסטן־פאַך, ראָק־פאַך, בלוזקעס־פאַך, א. א. וו.) דער קעגנזאַץ פון קרעפּט־יוניאָניזם איז אינדוסטריעלער יוניאָניזם, די אַרבעטער פון דער גאַנצער באַטרעפנדיקער אינדוסטריע זאָלן געהערן צו איין צענטראַליזירטן פאַראיין.

קאָ׳מפּאַני־יו׳ניאָנס — כלומרשטע יוניאָנס, אָרגאַניזירט פון די באַלעבאַטים (קאָמפּאַניעס).

קימאָנאָ — הויז־ראָק (דאַמען).

קאָנגרעסמאַן — מיטגליד פון קאָנגרעס (פּאַרלאַמענט) אין וואַשינגטאָן.

קלאָ׳וקס — פרויען־מאַנטלען (פּאַדטערמין).

קלאָ׳וזד — פאַרמאַכט. קלאָוזד־שאַפּ — יוניאָן שאַפּ, געגנזאַץ פון אָפּן שאַפּ.

קאָ׳וט — מאַנטל.

קאָ׳טערס — צושניידער.

קאָ׳מישאָן — קאָמיסיע.

קאָרפּאָראַציע — אַ לעגאַלע פאָרם פאַר געוויסע קאַפּיטאַליסטישע פירמעס, גרויס־קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניעס.

קלאָב — 1. קלוב, 2. מאַסיווער פלעקל, וואָס אַ פּאָליציאַנט טראָגט מיט זיך.

קוואָדער — אַ פערטעלע (פון אַ דאָלאַר), 25 סענט.

קאַפּן און מילינערי — היטל און היט־פּוצער.

קלעי׳מען — פּרעטענדירן.

קלי׳נינג־סטאָרס — קראָמען וואו רייניקט און מען פרעסט קליידער.

קאָלאַ׳טעראַל — אַ וועט־זאַך, ווערט־פּאַפּיר, וואָס ווערט איינגעלייגט פאַר אַ הלואה.

קלען — חברה, געהיימע סעקטע.

קראָוקער, ריטשאַרד — פאַרשטאָרבענער פירער פון טעמעני האָל (זע). זיין רעזשים האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קאָרופּציע.

ריינק ענד פאַיל — די ריי און שורה (פון אַן אַרמיי), די מאַסע, די מיטגלידער. ריינק ענד פאַיל פירערשאַפט — אַ פירערשאַפט וואָס קומט פון די רייען.

רעדאָ׳קשאָן — פאַרקלענערונג (אין שכירות).

ראָקעפעלער — איינער פון די גרעסטע ביליאָנערן (מיליאַרדערן) אין אַמעריקע, הויפט־אייגנטימער פון סטאַנדאַרד אָיל טראָסט.

ראַ׳יאָט — גערודער, געשלעג צווישן גרויסן המון, אָנפאַל.

ריל עסטייט — אומבאַוועגלאַך פאַרמעגן.

ריקערט, טאָמאַס — פרעזידענט פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס (פאַראייניקטע קליידעראַרבעטער), אַ קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציע צו דער אַמאַלגאַמייטעד.

ראַטן־באַראָ־סיסטעם — פאַרפוילטע־באַראָ־סיסטעם (באַראָ — טייל פון שטאָט), פאַרטרעטערשאַפט איינגעטיילט אויף אַן אומגערעכטן שטייגער.

רעליף — הילף.

שוואַב, טשאַרלז — איינער פון די גרויסע מאַגנאַטן אין אַמעריקע, שותף אין שטאָל־טראָסט, א. אַ.

שערהאָלדער — אַקציאָנער.

שאַפּ — ווערקשטאַט, פאַבריק.

שאָו־רומס — שוי־צימערן פאַר נייע קליידער, נייע מאָדעס.

שלעזינגער, בנימין — פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל צווישן 1914 און 1923. אין 1928 ווידער־דערוויילט געוואָרן, ניט דורך אַ קאָנווענשאָן, נאָר דורך דער גענעראַל־עקזעקוטיווע.

שלאָסבערג, יוסף — גענעראַל־סעקרעטאַר־קאַסיר פון דער אַמאַלגאַמייטעד (זע).